STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11776

PROGRAM FUN DI ARBETER RING SHULN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה עלבערג

עסייען

וועגן זיין ליטעראַרישן שאַפֿן

צו יעטשען און שמחהן
מיט פֿריינדשאַפֿט
יהודה.

YEHUDA ELBERG

ESSAYS ON HIS WORKS

Selected with an Introduction by
Gershon Winer

published by the Rena Costa Chair in Yiddish
with the assistance of the Joseph A. Berman fund,
Bar-Ilan University

יהודה עלבערג

עסייען
וועגן זײַן ליטעראַרישן שאַפֿן

רעדאַקציע און אַרײַנפֿיר
גרשון ווײַנער

אַרויסגעגעבן דורך דער ייִדיש-קאַטעדרע א.נ. פֿון רינה קאַסטאַ
מיט דער הילף פֿון דעם יוסף בערמאַן ליטעראַטור-פֿאַנד
בר-אילן אוניווערסיטעט
ירושלים תש"ן

יהודה אלברג

מבחר מאמרים על יצירתו

ליקט וצירף מבוא

גרשון ויינר

יצא לאור ע״י הקתדרה ליידיש ע״ש רינה קוסטה
בסיוע קרן יוסף ברמן ז״ל
אוניברסיטת בר-אילן

הביא לדפוס: אפרים שדלצקי

רמת גן — תש״ן

Printed in Israel 1990

דפוס ״צור-אות״, ירושלים

אינהאַלט

זײַט

גרשון ווײַנער — הקדמה 7

דב סדן — לכבוד ר׳ יהודה עלבערג, צום באַקומען דעם פּרס ראש־הממשלה 13

מאָטיוון פון זשורי בײַם באַקומען דעם איציק מאַנגער־פּרייז פאַרן יאָר 1977 19

שמואל איזבאַן — דערציילער און ראָמאַניסט 21

יעקב י. מײַטלים — צו זײַן יובל השבעים 29

דוד וואָלפּע — דער מענטש און זײַנע ווערק 37

מרדכי שעכטער — בײַשטייער צו אונדזער לשון 44

י. ח. בילעצקי — אויף אַ צוזאַמענטרעף אין בר־אילן 50

א. שעדלעצקי — דאָס איז געווען צומאַרגנס... 54

אונטער קופּערנע הימלען

שמואל ניגער — פאַרברעכן און שטראָף 63

חיים גראַדע — די קללה פון דער תוכחה 70

יעקב באַטאַשאַנסקי — עלבערגס ערשט בוך 77

אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט

מ. ליטוויין — שאַפערישע אויסצײַטיקונג 87

יעקב זיפּער — אינעם טאָל פון גרויל 92

ש. שניאור — ראָמאַן פון אַ תקופה 100

צעוואָרפענע זאַנגען

יצחק יאַנאַסאָוויטש — נישט בלויז געטאָ־טעמאַטיק 113

יעקב י. מײַטלים — דער נעכטן און דער הײַנט 118

חיים שפּילבערג — דאָס נצחיותדיקע אין אַ טאָפּ 124

מעשיות — זײַט

יוסף פרידלענדער — אַמאָל איז געווען...	131
אליהו שולמאַן — אַלט־נײַע חסידישע מעשיות	133
דב נוי — אוניווערסאַלע און ייִדישע עלעמענטן אין "די פרינצעסין און דער פאַסטעך"	136

אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש

יצחק יאַנאַסאָוויטש — אַ ראָמאַן וועגן צוויי ברידער	171
בערל פרימער — אין כף הקלע	179

קלמן קאַליקעס אימפּעריע

שמעון קאַניץ — אַ טראַגישע געשטאַלט	185
יצחק יאַנאַסאָוויטש — אַ קלאַסישע פאַמיליע־סאַגע	190

אין לײמענע הײַזער

יצחק יאַנאַסאָוויטש — ראָמאַן וועגן ייִדישן לעבן פאַרן חורבן	203
חנן קיִעל — מגילת פוילן	210

צווישן מאָרגן און אָוונט

שמעון קאַניץ — בײַם אַנהייב פון אומקום	221
יוסף פרידלענדער — צווישן קידוש השם און קדושת החיים	227
אברהם שולמאַן — אין אַנבליק פון דער אַנקומענדיקער נאַכט־פינצטערניש	231

מוסף עברי

נעמי גוטקינד — חתן פרס ראש הממשלה לשנת תשמ"ה	237
אברהם ביק (שאולי) — במעלות האמנות והאמונה	241
יוסף פרידלנדר — השואה בדפוסו של רומאן	244
אָפּהאַנדלונגען וואָס זײַנען נישט אַרײַן אין דער זאַמלונג	247
ביאָגראַפישע פּרטים פון יהודה עלבערג	249
רשימה פון די ביז־איצט דערשינענע ביכער	250
די מחברים וואָס באַטייליקן זיך אין דער זאַמלונג	251

גרשון ווײַנער

הקדמה

דאָס איז דאָס ערשטע בוך פֿון אַ סעריע געקליבענע עסייען וועגן ייִדישע שרײַבער, אַרויסגעגעבן דורך דער רינה קאָסטאַ ייִדיש-קאַטעדרע בײַם בר-אילן אוניווערסיטעט. דער פּראָיעקט פֿון אַט די פּובליקאַציעס איז לויטן מוסטער פֿון די זאַמלונגען וועגן העברעאישע שרײַבער פֿון אַמאָל און הײַנט, וואָס דערשײַנען לעצטנס אין מדינת ישראל. זייער ציל איז צו העלפֿן פֿאָרשער און סטודענטן טיפֿער זיך צו באַקענען מיט די וויכטיקסטע שעפֿער פֿון דער ליטעראַטור אויפֿן סמך פֿון אָפּשאַצונגען און פֿאָרשונגען מצד ליטעראַטור-קריטיקער און אַקאַדעמיקער אין גאַנג פֿון די יאָרן.

אין יעדן בוך וועלן אַרײַנגעגעבן ווערן אויסגעקליבענע, שוין-פֿאַר-עפֿנטלעכטע אָפּהאַנדלונגען וואָס באַציִען זיך צו דער קינסטלערישער געשטאַלט פֿון שרײַבער בכלל אָדער צו דער אָדער יענער שאַפֿונג. היות ווי די עסייען דריקן אויס די סוביעקטיווע באַציאונג פֿונעם מחבר פֿון געגעבענעם מאמר, וועלן אַרײַנקומען אין דער זאַמלונג פֿון צײַט צו צײַט מיינונגען וואָס קאָנען אויך זײַן אין סתירה איינע צו דער אַנדערער. דער אויסקלײַב וועט זײַן אַ סעלעקטיווער, אָבער דאָך רעפּרעזענטאַטיוו. דעריבער דערשײַנען ניט מער ווי עטלעכע אָפּהאַנדלונגען פֿון איין קרי-טיקער — אָבער וועגן באַזונדערע אָפּשניטן פֿונעם מחברס שאַפֿן. דער ציל איז צו מאָלן אַ פֿולקאָם בילד ווי ווײַט מעגלעך, פֿונעם שרײַבערס פּאָזיציע און בײַשטייער צו אונדזער ליטעראַטור. די אויפֿגאַבע איז נישט דווקא "צו לויבן צעזאָרן" — ד.ה. ס'וועלן ניט אויסגעמיטן ווערן אויך קריטיש-נעגאַטיווע אַרויסזאָגונגען (ווי, למשל, משה אײַזענבודס אָפּ-האַנדלונג פֿאַרצייכנט אין דער ביבליאָגראַפֿיע), כּדי צו דערמעגלעכן דעם סטודענט און פֿאָרשער, פֿאַר וועמען די ביכער ווערן צוגעגרייט, אויפֿצו-נעמען די ווערק אין זייער אַלזײַטיקן אָפּקלאַנג.

יעדער באַנד וועט גלײַכצײַטיק אַרײַננעמען אויך עסייען וואָס זײַנען ספּעציעל געשריבן געוואָרן פֿאַר דער באַשטימטער זאַמלונג און דערשײַנען צום ערשטן מאָל אין דרוק, אַלע אין דער שפּראַך אין וועלכער זיי זײַנען לכתחילה דערשינען — אין ייִדיש אָדער העברעאיש. אין איצטיקן פֿאַל איז

עס די פּאַרש-אַרבעט פון דב נוי וועגן איינע פון די דערציילונגען אין בוך **מעשיות**, און די רעצענזיע פון מ. ליטווין.

דער אויסוואַל פון עלבערג ווי די טעמע פון אונדזער ערשטן באַנד אין דער פּלאַנירטער סעריע, איז מכמה וכמה טעמים, אַרײַנגערעכנט די סיבה, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער ייִדיש-קאַטעדרע ווי "שרײַבער אין רעזידענץ" אין פרילינג 1988, און איז אויפגעטראָטן מיט אַ צאָל לעקציעס אין די באַזונדערע קלאַסן און פאַר אַן עולם מחוץ דעם קאַמפּוס. דער עיקר-מאָטיוו איז באַזירט אויף די אידעאישע יסודות אויף וועלכע די קאַטעדרע איז מלכתחילה אויפגעשטעלט געוואָרן און וואָס ווערן אָנגעהאַלטן עד היום. דאָס איז דער פּרינציפּ פון לערנען ייִדיש מיט סטודענטן הײַנט ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך און אַנגייענדיקע ליטעראַטור, און ניט ווי אַן אָביעקט פון אַרכעאָלאָגישן אָדער פאָלקלאָריסטישן אינטערעס אין דעם אַמאָל. דאָס איז די אייגנאַרטיקייט פון אונדזער ייִדיש-אײַנשטעל און פּאַרמעסט אין בר-אילן אוניווערסיטעט. האָבן מיר דעריבער אויסגעקליבן אַ שרײַבער וואָס געפינט זיך אין סאַמע הויך פון זײַן ליטעראַרישן שאַפן און וואָס געהערט צו די חשובסטע בעלעטריסטן אין אונדזער ליטעראַטור. דערצו איז וויכטיק די הײַנטצײַטיקייט פון זײַן טעמאַטיק. דער שרײַבער, ווי אַ שריד און פּליט פון דער שואה, וואָס איז על פּי נס ניצול געוואָרן פון וואַרשעווער געטאָ, האָט באַוויזן צו געבן אַ ליטעראַריש-בעלעטריסטישן לבוש די תקופה פון ערב-חורבן, די חורבן-צײַט גופא און לאחר די חורבן-יאָרן. ער געהערט אויך צו די פּראָזאַאיקערס וואָס זײַנען רייף געוואָרן אין דער נאָכמלחמהדיקער עפּאָכע, כאָטש זײַנע ערשטע ליטעראַרישע ווערק זײַנען דערשינען נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן. זײַן דעביוט מיט אַ דערציילונג האָט ער געמאַכט אין 1932.

דער באַשלוס אַרויסצוגעבן די זאַמלונג איז אָנגענומען געוואָרן לכבוד דעם שרײַבערס 75יעריקן יובילײ. עס האָט אָבער געדויערט עטלעכע יאָר ביז מען האָט באַוויזן משלים-זײַן אַזוי, אַז עס דערשיינט ווי אַן אָנזאָג צו זײַן ווערן אַ בן-שמונים אין עטלעכע יאָר אַרום — עד מאה ועשרים!

די סטרוקטור פון דער זאַמלונג פאָלגט נאָך דעם ווײַטערדיקן דרך: צוערשט קומט אַן אַרײַנפיר-עסיי און אַלגעמיינע כוללדיקע אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם שרײַבערס שאַפן בכלל. דאַן צו צוויי-דרײַ אויסגעקליבענע עסייען און רעצענזיעס וועגן יעדן איינעם פון זײַנע ווערק, לויטן סדר ווי זיי זײַנען אַרויס אין דרוק. צום סוף ברענגען מיר די וויכטיקסטע ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע פּרטים. אויך נעמען מיר אַרײַן זכרונות וועגן

דעם מחברס געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט וואָס העלפֿן דערגאַנצן די גע-שטאַלט פֿונעם שרײַבער. פֿון ספּעציעלן און אפֿשר פּיקאַנטן אינטערעס איז מרדכי שעכטערס אַנאַליז פֿון עלבערגס לשון אין זײַן לעצטן ראָמאַן.

וואָס שײַך לשון איז וויכטיק דאָ אויפֿצוקלערן דעם ענין שפּראַך און אויסלייג געניצט אין די פּובליקאַציעס פֿון דער ייִדיש-קאַטעדרע. דער אויסלייג איז אין איינקלאַנג מיט דער איינציקער אויטאָריזירטער פֿולער **גראַמאַטיק פֿון דער ייִדישער כּלל-שפּראַך** פֿון יודל מאַרק (ניו-יאָרק 1978), אַרויסגעגעבן פֿון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור-קאָנגרעס. דאָס איז אויך כּידוע, דער אויסלייג פֿון **דער גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך**, **דער נייער לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור**, **דערציאונגס-ענציקלאָפּעדיע** און פֿון דאָס רוב ווערק פֿון די חשובֿסטע ייִדישע פּראָ-זאַאיקערס, דיכטערס, דראַמאַטורגן, עסייאיסטן און זשורנאַליסטן אין די לעצטע פֿופֿציק יאָר. אין דעם איז יהודה עלבערג אַן אויסנאַם, בעיקר אין זײַנע שפּעטערדיקע ווערק, וואָס זײַנען געשריבן אין דרך פֿון ייִוו״אָ-אויסלייג און לעקסיק. בײַם איבערשרײַבן פֿריערדיקע שאַפֿונגען האָט דער מחבר אַפֿילו זיך באַמיט צוצופּאַסן צו דער ייִוו״אָ-שיטה און געמאַכט די נייטיקע שינויים אינעם ווערטער-אוצר, כאָטש דער אָריגינעלער נוסח האָט אָפּגעהיט דאָס גערעדטע לשון פֿון פֿאָלק גופֿא. פֿאַרן ייִדיש-לייענער וואָס איז צוגעוואוינט צום אָנגענומענעם נוסח, איז אַזאַ חידוש אָפּטמאָל ניט גאָר לײַכט צו פֿאַרדײַען.

עלבערגס ווערק צייכענען זיך אויס מיט באַזונדערע אייגנשאַפֿטן. ערשטנס — זײַן טעמאַטיק. אין די פֿאַרשיידענע דערציילונגען און ראָמאַנען וויקלט ער פֿאַנאַנדער אויף אַ גאָר ברייטן לײַוונט, דאָס ייִדישע לעבן אין פּוילן פֿאַרן חורבן און דערגייט ביז מדינת ישׂראל און די פּליטים וואָס האָבן געזוכט אויפֿצושטעלן זייער נײַ לעבן אויך אין אַמעריקע. ער האָט אַליין דורכגעמאַכט די טראַגישע יאָרן פֿון ערבֿ חורבן און ביז נאָך דעם חורבן און האָט זיך באַטייליקט אויך אין דער רעטונג פֿון אַנדערע און ווידעראויפֿבוי פֿון ייִדישן לעבן, — אַ חלום וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ קאָשמאַר אין דער אַנטיסעמיטישער סבֿיבֿה אין פּוילן. ער האָט מצליח-געווען אָפּצושפּיגלען סײַ דאָס טראַגישע סײַ דאָס העראָאישע, די חיהשע דערנידעריקונג און אויך די איבערמענטשלעכע דערהייבונג. זײַנע שילדערונגען נעמען אַרום אַלע שיכטן — די אינטעליגענץ און די פֿאָלקס-מאַסן, די פֿרומע און די וועלטלעכע, די רײַכע און די אָרעמע — אַלע ווען עס איז באַשערט געווען צו האָבן דעם זעלבן גורל.

צווייטנס, ברענגט דער מחבר מיט זיך דאָס גרויסע עשירות פֿון לומדות און שורשדיקייט פֿון אוצרות טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט, צוזאַמען מיט

פּאַרוואָרצלדיקייט אין ייִדישע מנהגים, לשון און פֿאָלקלאָר, וואָס פֿאַר־וואַנדלען זײַנע שאַפֿונגען אין אַן אומגעהויער וויכטיקן מאַטעריאַל פֿאַרן אַקאַדעמיקער און פֿאָרשער פֿון ייִדישן שטייגער.

דריטנס איז ער דער כראָניקער פֿון דער תקופֿה, וואָס גיט צו עכטקייט און באַגלויביקייט צו דעם קינסטלערישן פֿאַרמעסט.

פֿערטנס — דער אידעאישער אַטריבוט איז אַרײַנגעפֿלאָכטן אינעם דערציילערישן תּוכן, דאָס אַרויסברענגען גרונט־פּראָבלעמען פֿון אונדזער קיום, אמונה־פּראָבלעמאַטיק אין ליכט פֿון טראַגישן גורל, דער געראַנגל פֿון יחיד מיט דער סבֿיבֿה אַרום, און די אינערלעכע סתּירותדיקע אימפּולסן. די העלדן זײַנע פֿאַלן אַראָפּ צו בירא עמיקתּא אָבער עס געלינגט זיי אויך אָפּט צו דערהייבן זיך צו איגרא רמא. דאָס איז מוסיף צו זײַנע ווערק אַ ייִדיש־תּוכדיקע דימענסיע.

בײַם באַהאַנדלען דעם אַספּעקט פֿון עלבערגס פּראָזע ווי אַ וואָגיקער באַשטאַנדטייל פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור, בעט זיך אַ פֿאַרגלייך מיט די חשובֿסטע העברעאישע פּראָזאַאיקער במשך פֿון די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר אין ישׂראל. אומאָפּהענגיק פֿון זייער קינסטלע־רישן ווערט, זײַנען די ראָמאַנען פֿון אַזעלכע שרײַבער ווי א. ב. יהושע, עמוס עוז און יעקבֿ שבתאי פֿאַררעכנט ווי רעפּרעזענטאַטיווע מוסטערן פֿון דער ישׂראל־ליטעראַטור. די לאַנדשאַפֿט זייערע איז די ישׂראל־געאָ־גראַפֿיע, און דער סוזשעט איז קאָנצענטרירט אויף דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט. די מאַטעריאַלן און די אידעען וואָס זיי קלײַבן אויס בײַם אויפֿשטעלן דעם קונסט־בנין, זײַנען אָבער אָן שום ספּעציפֿישן ייִדישן תּוכן. דער לייענער וועמען עס איז אומבאַקאַנט די ישׂראל־סבֿיבֿה און איז אינגאַנצן באַגרע־נעצט צום שרײַבערס פּערספּעקטיוו וואָלט זיך פֿאָרגעשטעלט ישׂראל הײַנט־צו־טאָג טאָטאַל אויסגעליידיקט פֿון אַלע ייִדישע שטריכן, שטרעבונגען, אידעאישן געראַנגל און דערווײַטערט פֿון היסטאָרישן דרך, אַקוראַט ווי אַלע ייִדן אין ישׂראל זײַנען בבחינת (מאַנגערס אויסדרוק) — ״שקאָצים וואָס רעדן העברעאיש״. די דאָזיקע אָנערקענטע און אויך אָפּלאָדירטע שרײַבער דורך זייערע איבערזעצונגען אין אַנדערע שפּראַכן, שאַפֿן ניט קיין פֿאַלש אָבער דאָך גאָר אַן איינזײַטיק בילד פֿון ישׂראל־לעבן, גענוי ווי די משׂכּילישע שרײַבערס אינעם 19טן יאָרהונדערט אין מזרח־אייראָפּע.

זאָל דאָס ניט מיינען אַז עלבערגס אַלזײַטיקייט איז אויפֿן חשבון פֿון קינסטלערישער געשטאַלטיקייט. זײַן דערציילערישער כּוח איז פֿאַרכאַפּנדיק. דווקא אויף די יסודות פֿון שטייגערישן ייִדישן לעבן אין טראַדיציאָנעלן נוסח ווי אויך אין די מאָדערנע וועלטלעכע ראַמען, קומט פֿאָר די קאָנ־פֿראָנטאַציע פֿון מענטשלעכקייט מיט ברוטאַלקייט, אידעאַליזם מיט תּאווה.

די דערציילונגען פֿאַרלירן נישט זייער צוציאונגס-קראַפֿט. אדרבא — עלבערג איז שפּאַנענדיק. ער פֿאַרכישופֿט מיט די דראַמאַטישע אַנטוויק-לונגען פֿונעם ספּור-המעשׂה, מיטן טעמפּאָ פֿון די דערשיינונגען, מיט דער אָנרעגונג פֿון די פּסיכאָלאָגישע קאָנפֿליקטן, און — פֿאַרשטייט זיך — מיט דער עראָטיק, וואָס שטייט ניט אָפּ פֿון די געוואָגסטע קאַפּיטלען אין דער וועלט-ליטעראַטור, ניט פֿאַרלירנדיק דערביי דעם ייִדישן קאָמפּאָנענט.

ס'פּאָדערט זיך אַ צוגאָב-וואָרט וועגן עלבערגס חסידישע **מעשׂיות**, וואָס זײַנען טיילווײַז דערשינען אין בוך-פֿאָרם און אַנדערע דערווײַל גע-דרוקט אין זשורנאַלן. וואָס קען מען נאָך צוגעבן צו דעם זשאַנער נאָך פּרצן, נאָך יהודה שטיינבערג, נאָך ז. י. אנכי, נאָך בערדיטשעווסקי און אַפֿילו נאָך בובערן? עלבערג האָט אָבער יאָ מוסיף-געווען. זײַנע סטיליזירטע חסידישע מעשׂיות זײַנען אַנדערש מיט זייער פּשטות. מיט זייער גרויסער עשירות פֿון נוסח, לשון און אַסאָציאַציעס, פֿאַרבלייבן זיי אָבער אור-ריין פֿון אידעאישע אָנווײַזונגען און רמזים. אָן פּרצעס אידעאַליזירונגען, אָן בובערס מיסטיציזם, אָן אנכיס סענטימענטאַליזם, זײַנען זיי בעיקר אַ המשך פֿון דער פֿאָלקס-לעגענדע וואָס האָט זיך אַפֿילו אומבאַוואוסטזיניק ניט פֿאַרמאָסטן אויף "העכערע" צילן, אויף דער סאָפֿיסטיקאַציע פֿון דעם אידעאַלן-זוכער און אינטעליגענט. זיי פֿאַרמאָגן אַן אייגענעם חן און אַן אייגענעם ווערט, אָן פּירושים.

אין סך-הכּל איז יהודה עלבערג ממשיך די טראַדיציע פֿון דער קלאַ-סישער ייִדישער ליטעראַטור, וועמענס קינסטלערישע בנינים זײַנען געבויט מיט מאַטעריאַלן פֿון ייִדישן גורל און נוסח אין גאַנג פֿון די דורות. זיי ווערן באַלויכטן און פֿאַרטיפֿט אין די קדושה-גבֿורה געשעענישן פֿון אונדזער דור, זיך אָפּשטעלנדיק אויף דעם ייִדישן יחיד אין זײַן געראַנגל ווי אַ מענטש אין אַן אוממענטשלעכער סבֿיבֿה, אַנטקעגן די סכּנות פֿון דרויסן און די אימפּולסן און דראַנגען פֿון אייגענעם איך. ס'איז די דראַמע פֿון דער שואה-תּקופֿה, פֿון בלײַבן לעבן און געפֿינען אַ זין אין לעבן. אין דער קאַליידיסקאָפּישער פּאַנאָראַמע פֿון קינסטלערישער שאַפֿונג בכלל, און ייִדישער ליטעראַטור בפּרט, האָט יהודה עלבערג ממשותדיק צוגעטראָגן אַ סך וואָס וועט פֿאַרבלײַבן, און וועט גובֿר זײַן די אָפּשוואַכנדיקע פּראָצעסן פֿון צײַט און זכּרון.

דב סדן

לכבוד ר׳ יהודה עלבערג

אַ וואָרט בײַם פּאַרטייל פון פּרס ראש הממשלה

א

אקדמות מילין, איידער איך נעם מיך עפּעס זאָגן, דערלויב איך מיר מתקן צו זײַן אַ לאַפּסוס, וואָס איז אַרײַן אין דער צײַטונג־כראָניק, אין די צײַטונג־מודעות, און פּאַראַדירט אויך אויפן פּאַרבעט־צעטל — דאָרט ווערט געמאָלדן, אַז מײַן ווייניקייט וועט, איצט און דאָ, נעמען אַ וואָרט אין נאָמען פון ייִדישע און העברעאישע שרײַבערס, אָבער באמת האָט קיין שום רעפּרעזענטאַטיווער, אָפיציאַלער און נישט־אָפיציאַלער רשות הרבים מיר אַזאַ אויפגאָב נישט אַרויפגעלייגט, און איך בין אויך נישט אומצופרידן דערפון ווײַל איך דאַנק גאָט, אויב איך קען און מעג רעדן בלויז אין מײַן אייגענעם נאָמען און בלויז אויף מײַן אייגענער אחריות. אַוודאי ווייס איך, אַז אויב אַזוי, לאָזט זיך, מיט פולן רעכט, פרעגן: מי שמך, משמע: ווער געוועדט דיר דאָס צו שפּילן די ראָל פון אַ כל־ולך, און זיך האַלטן באַרעכטיקט דערצו. האָב איך דאַרויף אָ, דוכט זיך, כמעט אַ לעגיטימען, און דאָס, אַפילו, אַ דרײַפאַכן פאַרענטפער.

ב

ערשטנס, בין איך גופא אַ שרײַבער, און אַ היימיש־צווייִשפּראַכיקער דערצו, און כאָטש דער עיקר פון מײַן שרײַבן האָט אַ שטיק חסרון, וואָס ער באַשטייט נישט אין עצם שאַפן די ליטעראַטור, וואָס מיינט בעיקר: פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע, נאָר אין רעדן, באַרעדן, אַרומרעדן וועגן איר און אַרום איר, אַזוי אַז איך בין ווײַט ניט אַ מלך, לא כל־שכן דער מלך, נאָר כ׳בין פאָרט זיינס אַ נושא־כלים, פאַרמאָג איך פאָרט אַ שטיקל מעלה — איך ווייס, אַז איך בין מחויב זײַן אויסגעבונדן אין הלכות־מלכים און זיך אויסקענען אויף זייער גאַנג און טראַכט, נוסח און מאָדע, און איך פלײַס מיך טאַקע לייטיש בודק צו זײַן, וואָס עס שטעקט דאַהינטער — זייערע רמ״ח און שס״ה, און אויב דאָס מזל שפּילט מיר צו, און דער שכל פאַר־

פאַרעפנטלעכט אין ״בײַ זיך״ נומער 28, כסלו־טבת תשמ״ו, דעצעמבער 1985.

פלאָנטערט זיך נישט, און זיי לאָזן מײַן אַפּשאַץ און איינשאַץ גיין ווי אַ מזמור, לאַשטשע איך זיך אַליין, אַזוי־צו־זאָגן: מי ידמה לי ומי ישווה לי, און דערוועג מיך צו פאַרענדיקן, לויטן נוסח: ומי יערוך לי.

ג

צווייטנס, האָט מען מיר דאַך, מיט אַ קאַרגע דרײַ יאָר צוריק, צעפּיעשטשעט, און מיך מזכה געווען מיט דעם כבוד פון אַ חתניה־דבי רישא־דמלכא, אָדער, ווי דער טיטל גייט: פּרס־ראש־הממשלה, אויף וויפל יענע פּײַער און איר פּײַערלעכקייט האָבן זיך געפּאַסט צו מײַן דעמלטיקן, ווײַט נישט־פּײַערלעכן וואַרט, וואָס האָט געהייסן: דרײַ קריזן (אַרײַן אין מײַן בוך: "אין און אַרום יידישוואַרג", תשמ"ה, ז"ז 208—215), אונדזערע קיום־קריזן, וואָס האָבן זיך, זײַט דעמאָלט, נאָך מער פאַרשאַרפט און פאַרשפּיצט, צו אַ כלל־קריזע פון עצם באַשטאַנד, ווי אַ ווערק־לעכקייט און ווי אַ מעגלעכקייט, פון אונדזער פאָלק, וואָס דער רוב זײַנער, משמע: רוב פאָלק, ווערט און אפילו זאָל, בלײַבן שטענדיק אין גלות, כאָטש עס איז קלאָר, אַז ער וועט נישט קענען זיך באַפרײַען פון זײַן אייגענער דעקאָלטעוויזאַציע און זײַן אייגענער אַטאָמיזאַציע, די צוויי שווידערלעכע פּראָצעסן וואָס פרעסן אונדז טאָג־טעגלעך. אַוודאי ווייס איך, אַז די שאַרפקייט פון מײַן דעפיניציע און די האַרבקייט פון איר טאָן נעמט זיך אויך פון דער סברה, אַז דאָס מויל מײַנס איז מחויב צו זײַן דער עבד פון מײַן געוויסן, און איז מער געוואָקסן צו זאָגן נישט דאָס וואָס דער עולם, אין זײַן לײַכט־גלויביקייט, וויל הערן, נאָר וואָס איך בין מחויב אים צו זאָגן, און אויב דער דרך און מינהג פון תרעומות און אומחן, וואָס טראָגן מיר אָקעגן ידידי וריעי, וואָס גלייבן אין כישוף פון אײַנרעדעכצער, אין כוח פון קאָלטע רפואות, וואַרפט אָפּ מײַן חשד און חשש, קען איך מיר און זיי גאָרנישט העלפן; והשם ירחם.

ד

דריטנס, טאַקע מחמת די צוויי טעמים, וואָס איך רעד נישט פון אַ האָפער־דיקער — תרתי משמע, — פּירמע, און רעד ווי אייגער, וואָס האָט אויך טועם געווען דעם טעם פון אַ מקבל פּרס־ראש־הממשלה, איז בהגיע תור, אַז עס איז געקומען די נאַטירלעכע ריי להאי ספרא וסייפא, ר' יהודה עלבערג, וואָס זײַן עיקר־עובדא איז נישט בלויז רעזאָנירן וועגן דער ליטעראַטור און אַרום איר, נאָר שאַפן זי גופא, ווי עס באַווײַזט דער היפשער לייסטער פון זײַנע ביכער — ראָמאַנען, נאָוועלן, נאָוועלעטן, סיפּורי־מעשיות, מאָנאָגראַפּיעס און אַלץ מיט עפּישן יכולת און רעאַ־ליסטישן באַנעם, מיט פּסיכאָלאָגישן אַרײַנדראַנג, און מיט שפּאַנענדיק־געגלידערטער קאָמפּאָזיציע, מיט לעגענדאַרן שוואונג און היסטאָרישער דאָקומענטאַציע — לאָזט זיך, בעצם באַנוגענען מיטן פּסק־דין פון די דיינים מומחים, ווי עס האָט אונדז

פירגעלייעגט זייער פּאַרזיצער, ר׳ יצחק **יאַנאַסאַוויטש,** און עס לאָזט זיך וואַרעם אַפּלאַדירן, מיט אַ קורץ וואָרט: בראַוואָ, אָדער מיט אַ קאָפּ לענגערס: בראַוויססימאָ; און אויב איך דערלויב מיר צוצושטעלן אַ צעטל קטן, איז עס כדי צו באַשטאַרקן דעם פּסק־דין, אויסבולטנדיק דרײַ אַרגומענטן, וואָס האָבן אַלע צו טאָן מיטן ספר היוחסין.

ה

ערשטנס, דער ייחוס־פּוילן — געזען נישט בלויז ווי אַ ישוב־ייִדן, וואָס איז געווען ביזן חורבן, און איז זײַטן חורבן און נאָך אים, נאָר בעיקר ווי אַ ישוב ייִדן, וואָס האָט זיך סײַ לענגערער, סײַ באַשטאַנדיקערער, ווײַל איבער זיבן הונדערט יאָר, דערהאַלטן, כאָטש לסוף לרוב נישט דערהאַלטן, ווי עס האָבן זיך געהאַלטן אַנדערע ישובים אונדזערע אין אייראָפּע און כמעט אויף גאָר דער וועלט, וואָס דערקלערט זיך מיט דער באַזונדערקייט פון גורל און פון געשיכטע, ווי זיי זײַנען פּירגעקומען אין צענטער פון פּוילן, וואָס האָט אויך געוואוסט פון רדיפה און נגישות, אָבער אָן גרויסע שחיטות און אָן גרויסע נדודים, ווי עס האָבן איבערגעלעבט די אַנדערע ישובים אין מערב און אויך אין מזרח און צפון פון אַט דעם צענטער, וואָס האָט דורות־לאַנג געלעבט אָן טאָטאַלע גירושים פריִער און אָן גרויסע פּאַגראָמען שפּעטער, און אַט די רעלאַטיוו אידילערע קאָנטינואַלקייט האָט געלייגט איר ממשותדיקן און איר פילאָזאָפישן חותם אויף איר לעבן און שטייגער, ווי עס לאָזט זיך אַרויסדרינגען פון אַ שפע באַדינגען און באַציִען, מצבים און סיטואַציעס, און אויב עס פאַלק־ווערטלדיק סומירן: אין איר תורה און אין איר סחורה און אין אירע געפוצטע שטיוועלעך, און נישט צולעצט אין דעם באַשטאַנדיקן פּאַרנעם און וואוקס פון איר לעבעדיק גערעדטן לשון, דעם פּוילישן ייִדיש. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פּאָדערט אָן אונטערשטרײַך, שוין מחמת סײַ שטילע, סײַ הויכע טאָנען פון אונטערשאָץ, וואָס זײַנען גאָר נאָענטע שכנים פון גרינגשאָץ, וואָס די פּוילישע ייִדנשאָפט האָט געהאָט אויסצושטיין פון אירע מזרחדיקע און אַפילו דרומדיקע שכנים, וואָס האָבן זי באַהאַנדלט ווי אַ יסודא־דנוקבא און זיך גופא צעפּאַנאַשעט. און דאָ פּאָדערט זיך אַ קאַרדינאַלער תיקון־טעות, בעיקר לגבי דעם לעצטן פּעריאָד פון פּוילן, וואָס האָט אין דעם געאָגראַפישן און עטנישן אויסשפּרייט, צווישן ביידע וועלט־מלחמות כביכול באַנײַט די מאָפּע פון ועד ארבע ארצות, אַזוי אַז אונדזער היימיש טאָפּל־לשון, דאָס מער גערעדטע און געשריבענע לשון־קודש און דאָס מער גערעדט ייִדיש, האָט זיך ווי פּאַרײַנגערט, בעיקר אין זײַנע וועלטלעכע, מאָדערנע סעקטאָרן, און די באַנײַטקייט האָט זיך אַפילו עמבלעמאַטיש מאַניפעסטירט אין די נעמען פון די שאַפערישע גרופּן, ווי אַ שטייגער: יונג־לאָדזש, יונג־ווילנע, יונג־זאַגלעמביע, יונג־וואָלין וכדומה, און אַ סטריקטע קאָנטראָל פון זייער ווער־טיקייט גרייכט ביז די לעצטע עדות, וואָס האָבן מיטגעלעבט פאַרן חורבן, מיטגעליטן

דעם עצם־חורבן, און לעבן נאָכן חורבן, און אין זייערע שאַפונגען לעבט און וועבט, אין אַ געשטייגערטער מדרגה פון עקטענסיע און אינטענסיע, די ירושה פון זייער דורותדיקן מהות און זייַנע אַנטפּלעקן. שוין הייַנט, אָבער נאָך מער מאָרגן און איבערמאָרגן, וועט זיך אויסקלאָרן די ראָל פון דער הייַפּל אָפּגעראַטעוועטע זינגער און זאָגער פון אונדזער אַלט־נייַעם פאָלק.

ו

צווייטנס, ייחוס אבות — ער, צו דעם דאָזיקן שליחות אָפּגעראַטעוועטער ר׳ יהודה **עלבערג**, פאַרמאָגט אַ היפּשן שלשלת־היוחסין, און נישט ווי אַ גענעאַלאָגישן פאַרפּוץ, נאָר ווי אַ לעבעדיקע ירושה, וואָס איז אַקטיוו אין אַקוט אין זיין כאַראַקטער, מענטאַליטעט, אויפטו. איך גופא האָב צומערשט געהערט די נעמען פון די צוויי געשוועסטערקינדער, ר׳ יהודה **עלבערג** און ר׳ משה אביגדור **שולוואַס**, ווי די אייניקלעך פון באַרימטן פלינצקער (= פלאָנסקער) און שפּעטער וואַרשעווער רב ר׳ צבי יחזקאל **מיכלאָן**, השם ינקום דמו, איינער פון די פיר רבנים — די איבעריקע דרייַ זייַנען געווען דער בערזשאַנער רב, ר׳ שלום מרדכי **שוואַדראָן**, דער סעראָצקער רב, ר׳ יוסף **לעווענשטיין**, דער דיקלער רב, ר׳ אברהם **איטינגאַ** — וואָס חוץ זייער גרויס לומדות, זייַנען זיי געווען באַרימט מיט זייער אומקאָנקורירלעכער באַהאַוונט־קייט אין די כללים און פּרטים, ביז פּרטי־פּרטים פון רבנישן, און בעיקר פון רביישן, סדר־היוחסין, זייַנע פאַרוואָרצלקייטן און פאַרפּלעכטענישן, און מען האָט זיי באַ־וואָרפן מיט קשיות, אויף וועלכע זיי האָבן, פאַרלאָזלעך און אויטאָריטאַטיוו, גע־ענטפערט, און עד היום קענען זיך אויך געניטע היסטאָריקערס, כראָניסטן, גענעאַלאָגן אָן די אָנווייזונגען פון דעם פירלינג נישט באַגיין. אָבער פון ר׳ יהודה׳ס זיידן צו זייַן טאַטן — ר׳ אברהם נתן **עלבערג**, השם ינקום דמו, וואָס איז געווען רב, אַמערשט אין אַ קליינע קהילה אין פּוילן בלאַשקי, דערנאָך אין גרעסערע קהילות זגיעזש, וואו זיין זון, אונדזער שרייַבער איז געבוירן געוואָרן, און לסוף אין סאָניק (וואָס געפינט זיך אין קרוין־פּוילן און נישט, ווי עס איז פאַרפּלאָנטערט אין לעקסיקאָן סאַנעק, אַרויסגערעדט סוניק, אין בעסקידישן גאַליציע), וואו ער איז אומגעקומען. ער, הרב ר׳ אברהם נתן האָט עס זייַן זון פאַרירשעט דעם גראַנדיעזן יִחוס־בריוו — מיר געפינען צווישן זייַנע זיידערס און עלטער־זיידעס דעם מהרש״א און מהרש״ל, דעם ט״ז און **בעל סדר־הדורות**, דעם רבין ר׳ העשל און ר׳ יחיאל מיכל פון נעמעריוו און ער, דאָס ווייַטע אייניקל, ר׳ יהודה, איז זייַ, בעצם, גאָר נאָענט, ווייַל ער איז, לגבי זיי מקיים דעם כלל פון יענעם פּאָעט: וואָס דו האָסט געאַרבט פון דייַנע עלטערן, דערוואַרב עס, כדי דו זאָלסט עס באַזיצן. ער, דאָס ווייַטע און פאַרט נאָענטע אייניקל, וואָס קען זיך אַליין אויס אין די דריבנע אותיות, קען, באַ וויליאָט, די זיידעס זייַנע און פונקט ווי מיר האָבן זיך נישט געוואונדערט מיט וויפל וויסנשאַפטלעכער געניקייט און קינסטלערישער פּינעזיע, ער האָט אויס־

געבויט זײַן נאָוועלע וועגן דעם רבין ר׳ **העשיל**, וועלן מיר זיך נישט וואונדערן, ווי ער וועט דיביידע מעלות אַקטיוויזירן אין זײַן פּאַרהאַפּטער נאָוועלע וועגן אַ שפּעטערן פּראָטאָפּלאַסט זײַנעם ר׳ יעקב עמדין, אין זײַנע שטורמישע מחלוקתן, און מיר קענען זיך שוער משער זײַן, וואו זײַן בקיאות ווי אַ פאָרשער, וואָס פאַרמאָגט אויך אַן אייגענעם רײַכן דאָקומענטאַרן אַרכיוו. קען און וועט אים דערפירן.

ז

דריטנס, דער יחוס עצמו, וואָס איז, פאַר און נאָך אַלעמען דער עיקר, און וואָס באַשטייט, אין זײַן אייגענעם אַנטשייד, וואָס דאַרף צו זײַן און איז אויך געוואָרן זײַן טו און אויפטו, וואָס זײַן יאָ דערקלערט זיך פון זײַן טאָפּעלעם ניין — ער איז נישט נאָכגעגאַנגען זײַן היתר־הוראה, וואָס וואָלט אים באַשטימט פאַרן עולם־התורה, און דאָס הלכה־למעשה, פּונקט ווי ער איז נישט נאָכגעגאַנגען זײַן טעקסטיל־דיפּלאָם, וואָס וואָלט אים אַבסאָרבירט פאַרן עולם־העשייה, און דאָס מעשה־להלכה, נאָר ער האָט זיך, ווי אַ צוואָנציק־יאָריקער בחור פאַרקנסט דער שרײַב־פען, מיט זײַן פּיאָנירשן אויפטו — דער דערציילונג ״בער לעפּ״, וואָס איז אפשר בשעתו נישט אַזוי שטאַרק באַמערקט געוואָרן.

י. י. טרונק אין זײַן אינסטרוקטיוון ביכל ״די ייִדישע פּראָזע אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות״, וואָס ער האָט אָנגעשריבן 1942 און פּובליקירט 1949, האָט די דערציילונג און איר מחבר נישט דערמאָנט, און זי האָט ערשט איר פאַרדינטן אויפמערק געקריגן, ווען אונדזער דערציילער האָט זי צוגעשטעלט צו זײַן בוך, וואָס ער האָט מחבר געווען אין געטאָ־וואַרשע (1941), ״אונטער קופּערנע הימלען״, און וואָס איז אַרויס צען יאָר שפּעטער (1951), און זײַט דעמאָלט דאַטירט זיך דער אָנהויב פון דער עלבערג־קריטיק וועגן דער ערנצטער, אַלץ מער וואָקסנדיקער, בעלעטריסטיק זײַנער, וואָס איז געטרײַ זײַן טעמאַטישער דרײַ־געלייזיקייט: 1) דעם גרויליקן נעכטן, בעיקר אין די ביכלעך ״אונטער קופּערנע הימלען״ און ״אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט״; 2) דעם סתירה־צעריסענעם אייערנעכטן, וואָס פון זײַנע פיר פּנימער (עס האַנדלט זיך דאָך אין אַ קאַטראַלאָגיע) שטאַרצט אַפּיר דאָס שוידערלעכע פּנים פון קלמן קאַליקעס אימפּעריע; די פּיל־סוזשעטיקע, קלענערע און גרעסערע נאָוועלן, וואָס פירן צו אַ ווײַטן און גאַר ווײַטסטן אייער־אייער־נעכטן, לעת עתה כמעט ביזן סאַמע אָנהויב פון דרוש פה־לין, משמע, דאָס נעכטיקע, אַ נאַכט־לעגער, וואָס האָט זיך לאַנג, זייער לאַנג, צו לאַנג געצויגן מיט אַ וויסטן חלום און אַן אכזריותדיקן פּתרון. וואָס שייך דעם פּראָבלעם, ווי אַזוי און ווי־אַרום דער דערציילער איז אין זײַנע גרעסערע און קלענערע ווערק, וואָס זייער סדר איז זיך נישט מתחייב, ווי עס איז זיך מתחייב אַ היסטאָריקער צו אַ סדר־הדורות, שטעלט זיך פאַרט צוזאַמען צו אַ סדר־הדורות, איז אַ כלל־פּראָבלעם פון אונדזער

ליטעראַטור און אירע פּראָמינענטע שרײַבערס — און איך האָב זיי שוין געפּרעגט און געפּרוווט ענטפּערן לגבי יוסף אָפּאַטאָשו (זע מײַן מאמר ״אחוזה גדולה״, אין מײַן בוך ״אבני מפתן״, באַנד 1, ז״ז 152—155, און זײַן ייִדיש־נוסח אין מײַן מאמר: ״אַ גאַנצע פּאָסעסיע״, אין מײַן בוך ״היימישע כתבים״, באַנד 1 ז״ז 189—193) וואו איך פּלייס מיך בודק צו זײַן וועגן און סטעזשקעס פון אונדזערע פּראָזאַיקערס צווישן שטייגער און געשיכטע. איך פּרוּוו דאָרט פאַרצייכענען גאַנג צו דער טאָפּל־מסכתא. אַוודאי האָט זיך, זייט דעמלט די טאָפּל־מסכתא פון אונדזער פּראָזע היפּש פאַרמערט, סײַ די נעמען סײַ די ענינים, זײַנען דערוויַיל אויסגעוואַקסן, און ממילא איז צו דעם לייסטער צוגעקומען אַ פאַרגלייך־פּאָרל ווי דער עלטערער י. באַשעווים־זינגער און דער ייִנגערער יהודה עלבערג און זייערע שטייגערישע און היסטאָרישע טעמאַטישע באַגעגענישן און דיאַלעקטישע ווידער־אַנאַנדיקייטן, און דער חילוק צווישן די צוויי שרײַבערס פאַרשאַרפט זיך אויך אַ חילוק צווישן צוויי וועלטן, און אַ סך צו קלערן און צו רעדן דערוועגן.

ח

זוכנדיק אַ צד־השווה צו די מגילות און מגילהכלעך, וואָס יהודה עלבערג האָט פאַר אונדז פונאַנדערגעוויקלט, געפינען מיר אים, דאַכט זיך, דאַרינען, וואָס אַ יעדע פון זיי, ווי איר כאַראַקטער זאָל נישט זײַן, איז געשריבן מיט כוח פון גאַנצן אלף־בית, ווי מיר האָבן עס פאַקטיש און סימבאָליש אין עטלעכע תנ״ך־קאַפּיטלען, וואָס וועגן זיי האָב איך געהערט ממורי ורבי הרב יהושע עוזר פּראָסט, אין נאָמען פון זײַן לערער דעם גרויסן אַריענטאַליסט, דוד צבי (היינריך) מילער, אַזוי צו זאָגן: אַוודאי שטעקט אַ טיפער זין דאַרינען, וואָס די פּרקים, וואָס זײַנען געבויט לויטן פולן אלף־בית און זײַן סדר, האָבן געהאַט אָדער געגלויבט צו האָבן, אַזעלכע מחברים ווי דוד המלך, וואָס דאָס פאָלק האָט אים מזכה־געווען צו זײַן דער קאַנדידאַט פון מלך המשיח און זײַן זון שלמה המלך, וואָס איז געשטעמפּלט ווי דער חכם מכל אדם, און נישט אומזיסט דעלעקטירן מיר זיך, טאָג־טעגלעך, מיט זאָגן אשרי, און יעדן פרײַטיק־צו־נאַכט און אין דער סדר־נאַכט מיט אשת חיל כי ימצא, אָבער אויב דער קונציקסטער באַנוץ מיט דער בוי־שיטה איז תמניא אפּי, איז דער העכסטער און טיפסטער באַנוץ מיטן אלף־בית אין די קינות, וואָס איר מחבר זאָל האָבן געווען, ירמיה הנביא, בעיקר דער דריטער פּרק, וואָס גייט אין אַ דרײַאיקן סדר און הויבט זיך אָן: אני הגבר ראה עוני בשבט עברתו, דען נישטאָ קיין העכערס און טיפערס פונעם זיווג צווישן דער געבראָכנקייט פון לייד און דער גאַנצקייט פון זאָג מיט אַלע כ״ב אותיות, סלה.

מאָטיוון פון דער זשורי פונעם מאַנגער-פּרייז, תשל״ז-1977

די זשורי פון איציק מאַנגער־פּרייז פאַר ליטעראַטור־שאַפונג אין ייִדיש האָט איינשטימיק באַשלאָסן צוטיילן דעם פּרייז פאַר דעם יאָר תשל״ז—1977 (נײַנטע פאַרטיילונג), וואָס איז באַשטימט פאַר אַ ייִדישן שאַפער אין חוץ־לאָרץ — דעם שרײַבער יהודה עלבערג.

די שרײַבערישע דערשיינונג יהודה עלבערג פאַלט זיך צונויף מיט דער טראַגיש־גורלדיקער תקופה פון דעם גרעסטן חורבן אין דער ייִדישער געשיכטע — די פאַרלענדונג פון דעם פּירנדיקן שטאַם, דאָס מזרח־אייראָפּעאישע ייִדנטום. ער אַליין, אַ זון פון אַ דורות־אײַנגעפונדעוועטער רבנישער משפּחה, האָט מיטגעמאַכט די חורבן־יאָרן, פאַרלוירן זײַן שטאַם און זיך געראַטעוועט בדרך נס, אויף צו קענען זײַן דער אויטענטישער איבערגעבער פון דעם וואָס זײַנע אויגן האָבן געזען און זײַן האַרץ האָט געפילט. צו דעם איז ער באַשענקט געוואָרן מיט דערציילערישן און מאַלערישן טאַלאַנט, וואָס דערמעגלעכט אים צו שילדערן די מענטשן און די סביבה נישט בלויז אויסערלעך, נאָר דורך דער פּריזמע פון זײַן נשמה, וואָס האָט פון די שווערע ליידן נישט פאַרלוירן איר צאַרטע דיכטערישע פילבאַרקייט.

עס איז נישט קיין שרײַבערישער טעמע־צופאַל, וואָס זײַן ראָמאַן ״אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט״ האָט ער באַזירט אויף צוויי ייִדישע קינדער. דאָס עלטערע ברידערל, יאָסעלע, וואָס מאַכט דעם אַנשטעל פון אַ קריסטלעך ייִנגל, באַהאַלט אויס אויפן בוידעם פון אַ שײַער, אין אַ דאָרף, זײַן קליין שוועסטערל, חנהלע, וואָס האָט אַ טיפּיש־ייִדיש פּנימל. ער דינט בײַ אַ פּויערים־משפּחה ווי אַ פּאַסטעך און זאָרגט פאַר דערהאַלטן בײַם לעבן זײַן שוועסטערל. ער זאָרגט נישט בלויז פאַר איר שפּייז צו דערהאַלטן דעם יונגן שוואַכן גוף, נאָר אין דער באַהעלטעניש, אַן דער האָפענונג אויף אַ מאָרגן, לערנט ער זי שרײַבן און לייענען.

דאָס אַוועקשטעלן אין צענטער פון דער דערציילונג ייִדישע קינדער אין אַ תקופה, ווען דער נאַצישער עמלק האָט זיך פאַרמאָסטן אָפּצומעקן פון דער ערד דעם ייִדישן געביין, און די סצענע ווי יאָסעלע מאַכט געוואַלדיקע אַנשטרענגונגען איבערצוליפערן צו זײַן שוועסטערל די צורה פון דעם ייִדישן אות — דעם אות וואָס באַגלייט דעם קיום האומה — איז פון די העכסטע עטישע שרײַבערישע ווערטן, דורך וועלכע דער מחבר דריקט זיך אויס.

יהודה עלבערג האָט מיט זײַן ראָמאַן אָפּגעפרעגט די מיינונג, אַז די טעמע פון חורבן קען נישט דינען פאַר אַ בעלעטריסטישער דערציילונג אין אונדזער צײַט,

ווייל כדי זיך קינסטלעריש צוצורירן צו דער טעמע דאַרף מען האָבן די פּערספּעקטיוו פון הונדערטער יאָרן. יהודה עלבערג, כאָטש ער איז געווען אין צענטער פון דעם חורבן, האָט די פּערספּעקטיוו געפונען דורך די עטישע מאַטיוון, דורך פּערזענלעכער דערהייבונג און דורך דערפילן דעם באַדייט פון קינדער פאַר דעם קיום פון אַ פאָלק. באַנוצנדיק זיך מיט אַ שפּראַך־מטבע פון קבלה קען מען זאָגן, אַז עלבערג האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליפּה פון חומר און פאַר זײַן שילדערונג באַפרייט די פונקען פון דער נשמה פון ייִדישע קינדער.

מיט דעם האָט זיך יהודה עלבערג נישט באַגנוגנט אין זײַן ראָמאַן „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט". דער המשך פון דער עפּאָפּייע פון דעם ייִדישן קינד איז דער דראַנג צו דערגרייכן די ברעגן פון ארץ־ישראל וואָס איז אין דעם פאַל אַנגעלאָדן מיט דער סימבאָליק פון די ייִדישע נסיונות און ליידן כדי צו דערגיין צו גאולה.

מיט זײַן ראָמאַן „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" האָט יהודה עלבערג געגעבן דער ייִדישער ליטעראַטור די ערשטע מאָנומענטאַלע שילדערונג פון דער אַפּאָקאַליפּטישער תקופה, וואָס האָט זיכער באַשטימט דעם ווײַטערדיקן גורל פון אונדזער פאָלק. ער האָט אין דעם ראָמאַן געבראַכט מאָטיוון פון עקידה, גבורה פון דער ייִדישער פרוי, איבערמענטשלעכע יסורים, אהבת ישראל און אהבת מענטש, אָבער אָן קיין צייכן פון קין און הבל אין דער אייגענער מחנה, אַוועקשטעלנדיק די מענטשן־חיה ווי דעם צווייטן עקסטרעם — אויסער דער מחנה פון מענטש.

אומדירעקט האָט יהודה עלבערג קינסטלעריש — און אפשר אומבאַוואוסטזיניק — געגעבן אַ תשובה צו יענע, וואָס נישט אַרײַנטוענדיק קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער אויף צו ראַטעווען וויפל נאָר מעגלעך ייִדישע נפשות פון דער גיהנום, האָבן זיי שפּעטער באַרואיקט זייער געוויסן מיט אויסטראַכטן ווילדע בילבולים אויף די ייִדן אין די געטאָס, אַז זיי זײַנען געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה, און אַז אין די געטאָס האָט געהערשט פּאַראַט מצד ייִדן. מיר דאַרפן נישט אָנקומען אַזש צו דער מיטאָלאָגיע כדי צו געפינען מוסטערן פאַר העלדישקייט אין די געטאָס. אין יהודה עלבערגס געטאָ־שילדערונגען, נישט בלויז אין דעם ראָמאַן, נאָר אויך אין שפּעטערדיקע דערציילונגען, קומען אונדז אַנטקעגן ייִדיש מענער, פרויען און קינדער מיט העלדישקייטן, וועלכע האָבן נישט קיין גלײַכן אין קיין שום ליטעראַטור בײַ קיין שום פאָלק. די העלדישקייט, ווי זי איז אַרויסגעבראַכט דורך יהודה עלבערג, איז אַ קאָמפּאָזיציע פון אַ מעכטיקן קאַמף פאַרן לעבן, אַן אויסדרוק פון דער העכסטער עטיק פאַרן לעבן מיט עלעמענטן פון קידוש השם און קידוש העם.

פאַר אַט דער הויך־עטישער און קינסטלערישער באַשרײַבונג פון דעם לעבן אין געטאָ, פאַר דעם העלדן־געזאַנג און העלדן־געוויין פון ייִדישע קינדער, פאַר רעהאַביליטירן די גרויסקייט פון דעם ייִד אין געטאָ, און פאַר זײַנע קינסטלערישע דערגרייכונגען אין זײַן פּראָזע, האָט די זשורי באַשלאָסן צוצוטיילן יהודה עלבערגן דעם מאַנגער־פּרייז פאַר דעם יאָר תשל״ז.

שמואל איזבאַן

דערציילער און ראָמאַניסט

אויב מע זאָל מעסטן דעם בײַטראָג פון יהודה עלבערג צו דער ייִדישער פּראָזע אין די פֿאַרגאַנגענע עטלעכע צענדליק יאָרן, געהער ער צו די סאַמע באַדײַטנדיקסטע פֿאַרשטייערס פון דעם דור בעלעטריסטן, וואָס האָבן זיך באַוויזן צווישןביידע וועלט־מלחמות.

פון זינט זײַן דעביוט ווי אַ דערציילער, מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, איז ער אָפּגעגאַנגען אַ היפּשן מהלך. זײַן פּען איז פּראָדוקטיוו אין כמות און אין איכות. שרײַבן איז בײַ אים אַ לעבנס־שליחות. ווי אַ שעפֿערישער שרײַבער, דעקט ער פֿאַרשיידענע פֿלאַכן. ער ניצט אַלערליי זשאַנערס. זײַן טעמאַטיק איז פֿאַרשיידן־מיניק, און אויך זײַן סטיל האָט עטלעכע נוסחאות, אָפּהענגיק פון דער סביבה און פון דעם טיפּאַזש, וואָס ער מאָלט אין זײַנע דערציילונגען און ראָמאַנען.

אין פֿאַרלויף פון אַריבער פופציק יאָר, האָט ער אײַנגעזאַמלט אַ שפע צײַטיקע ווערק, וואָס האָבן אַרײַנגעבראַכט אַן אָפּפרישונג אין דער ייִדישער פּראָזע, און זײַן צושטײַער צו דער דערציילקונסט איז פון אַ באַזונדערן ווערט.

ווען ס׳קומט אויפצובויען אַ דערציילונג, אַ ראָמאַן, איז עלבערג אַ בריה. בײַם אויספלעכטן אַ דיאַלאָג, ווײַזט ער אַרויס אײַנפאַלערישקייט און אָריגינעלע המצאות. די איבערראַשונגען פון זײַנע כאַראַקטערן זײַנען סײַ סובטיל, סײַ שאַרף־שפּיציק. קאָנפליקטן ווערן באַשריבן מיט אַ בהדרגהדיקן אויפשטײַג, ביז צו שפּאַנונג, וואָס דאָס אַליין איז אַ סימן־מובהק פון אַן עכטן דערציילער.

*

וואָס איז אַ מעשה? ווי אַזוי קען דער לייענער, דער געניסער פון ליטעראַטור, ווערן פֿאַראינטערעסירט צי פֿאַראינטריגירט אין דעם דערציילסטיל פון דעם שרײַבער?

פֿאַרשיידענע דעפֿיניציעס זײַנען געגעבן געוואָרן פֿאַר דעם ווערט און דער קוואַליטעט פון דערציילקונסט. איינער פון די ביאָגראַפֿן פון דעם ענגלישן שרײַבער

פֿאַרעפֿנטלעכט אין ״די גאָלדענע קייט״, נומ׳ 116־117, 1985.

דזשאָזעף קאָנראַד האָט אין זײַן אַפּשאַצונג געזאָגט: "וואָס איז אַן עכטער און גרויסער ראָמאַן? עס איז אַ מעשה פֿאַר די פּשוטע, אַ משל פֿאַר די קלוגע און אַ דירעקטע אַנטפּלעקונג פֿון דער רעאַליטעט".

אַזאַ השגה וועגן שליחות פֿון אַ שרײַבער איז אויך געווען בײַ אַ גרויסער צאָל ראָמאַניסטן אין פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. מיר דאַכט זיך אַז יהודה עלבערג איז אַ געטרײַער ממשיך פֿון דער דאָזיקער טראַדיציע. די דירעקטע אַנטפּלעקונג פֿון דער רויער, ברוטאַלער רעאַליטעט איז אויך די טרײַבקראַפֿט, וואָס האָט אים געשטויסן אַנצושרײַבן אַזעלכע ווערק ווי אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש און קלמן קאַליקעס אימפּעריע.

עלבערג איז אויך אַ מחדש אין דער נײַער יידישער פּראָזע. אין זײַנע דערציי־לונגען געפֿינען מיר אויסנעמלעכע פֿאַרשוינען, טיפּן וואָס איבעראַשן און רודערן אויף. זייערע טוונגען זײַנען אָפֿט נישט קיין הי־וועלטיקע און זייערע פּירונגען רופֿן אַרויס חידוש. דער שרײַבער ספּראַוועט זיך אָבער מיט זיי מיט דער זעלביקער געניטשאַפֿט ווי ער באַגייט זיך מיט זײַנע אַלט־היימישע, קאָנווענציאָנעלע פֿאַר־שוינען. ווי אַ באַווײַז קען, למשל, דינען איינע פֿון זײַנע סאַמע ערשטע דער־ציילונגען, "בער לעפּ".

סתירות, היפּוכים, ווידעראַנאַנדן, זײַנען גאָר בולט אין דער גאַלעריע כאַ־ראַקטערן, וואָס ער האָט אויסגעשטעלט אין זײַנע בעלעטריסטישע שריפֿטן. איטלעכע סביבה האָט איר אייגענעם שטייגער, יעדע שילדערונג האָט אירע פֿיגורן מיט סתירהדיקע האַנדלונגען. דערין שטעקט די פֿיל־מיניקייט פֿון די געשעענישן אין זײַנע דערציילונגען.

ס'איז אפֿשר נישט קיין צופֿאַל, וואָס דער שרײַבער האָט אַ נטיה צו ניצן סימבאָלישע נעמען (וואָס זײַנען ציטאַטן פֿון תנ"ך) פֿאַר זײַנע ראָמאַנען. לדוגמא: דער ראָמאַן **אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט**, אָדער די לענגערע נאָוועלע **אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש**, צי גאָר די זאַמלונג דערציילונגען **צעוואָרפֿענע זאַנגען**. אונטער אָט די נעמען געפֿינען זיך רעאַליסטישע בילדער פֿון דעם רויען, גרויליקן לעבן אין אונדזער צײַט. די נעמען זײַנען ווי אָרנאַמענטן, ווי דעקאָראַטיווע קאַרניזן איבער דעם בעלעטריסטישן בנין. אינעווייניק, אין סיפּור־המעשה, באַוועגן זיך מענטשן, וואָס רעפּרעזענטירן די הײַנטיקע אַכזריותדיקע רעאַליטעט.

*

אויף זײַן שטייגער, איז יהודה עלבערג אַ רעוואָלטירנדיקער שרײַבער, מיט אַן אייגענעם נוסח און אַן אייגענעם אַפּקלײַב פֿון טיפּאַזשן, וואָס זײַנען, ווען זיי זײַן איינזען, ראוי באַשריבן צו ווערן. דער אָנהייב איז געווען אַן אויסקלײַב פֿון מגושמדיקע פֿאַרשוינען און הינטערגעסל־העלדן. אין גאַנג פֿון דער צײַט איז דעם

שרײַבערס וועלט אויסגעבערייטערט געוואָרן. די מחיצות האָבן זיך פונאַנדערגערוקט, די סביבות זײַנען אויסגעשפּרייט געוואָרן, אָן צוימען, אָן גרענעצן.

ער האָט זיך גאָר גיך אַרויסגעזען מיט זײַנע פּלאַסטישע מאָלערײַען און פּסיכאָלאָגישע שילדערונגען. די וועלט פון נעכטן האָט דאָך אַזוי האַסטיק זיך געביטן. די טראַגיק, דער אַנקומענדיקער שטורעם, די ברוטאַלע געשעענישן האָבן וויברירט ווי אָן ערד־ציטערניש, מיט דעם ריטעם פון מענטשלעכן דופק, און דעם שרײַבערס לשון האָט געקראָגן אַנדערע טענער. דער לעבנס־באַנעם פון זײַנע העלדן איז דורכגעגאַנגען אַ שטוינענדיקע טראַנספאָרמאַציע.

ווי אַ סך אַנדערע אין זייערע וואַנדערונגען בעת דער חורבן־תקופה, איז אויך עלבערגן באַשערט געווען צו לויפן איבער די וועגן פון דער וועלט אין דער מוראַדיקער בהלה פון אונדזער יאָרהונדערט. ער איז געווען אַן עדות פון היטלערס גיהנום־פײַערן. אויף אַלע זײַנע נע־ונד־וועגן האָט ער מיטגעטראָגן אין זיך די געשטאַלטן און סיטואַציעס, וואָס דער מוח און דאָס האַרץ האָבן רעגיסטרירט, און זײַן פּען האָט מיט גלײַענדיקער שריפט שפּעטער פאַרשריבן.

אין די מערסטע ווערק זײַנע, פּירט דער שרײַבער אַרויס מענטשן מיט זייערע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען, מיט זייערע האָפענונגען, דערוואַרטונגען און אַנטוישונגען, מיט אַ סך טרויער און ווינציק פרייד. דאָס התעוררות, דאָס התלהבות, די פלאַמענדיקע פרייד מיטן חסד און די נסים פון בורא־עולם, קומען צום אויסדרוק אין זײַנע חסידישע מעשיות. זײַנע וואָכעדיקע כאַראַקטערן קומען פון אַלערליי פּאָלקסשיכטן און ער מאָלט איטלעכע געשטאַלט אין איר פּיזישער דרויסנדיקייט און אין איר פּסיכיק, איטלעכער כאַראַקטער מיט זײַן אויסטערלישער אויפפירונג, מיט זײַן ביזאַרער האַנדלונג, מיט זײַנע דאגות, קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן.

אין זײַן דערציילונג "בער לעפּ", איינע פון זײַנע שטאַרקע, בילדערישע מעשיות, פירט ער אַרויס זײַן הויפּטפּאַרשוין ווי אַ רויע קראַפט, הויל גשמיות. ער איז בלויז חומר, מיט אַ כזית נשמה. דער שרײַבער צייכנט אים מיט ברוטאַלע שטריכן: אַ בעל־עגלה, אַ גראָבער קאָפּ, מאַכטיקע פּלייצעס, שטאַרקע הענט, מיט אַ קאַרק פון אַ שלעפּפערד, אָבער זײַנע סוסים זײַנען נישט סתם לאַסט־חיות, נאָר אמתע לייבן. און ווי ס׳איז דער שטייגער בײַ אַ פּראָסטן בעל־עגלה, אַ בריה, האָט בער לעפּ אַ צאַרט ווײַב, אַן איידעלע נשמה. זי איז אונטערטעניק, אָבער דערבײַ אַ געשטראָפטע עקרה. בער לעפּ ווײַזט אָבער אַרויס לגבי איר די העכסטע מאָס איידלקייט.

צי ער האָט עס אַזוי פּלאַנירט, צי נישט — די מעשה "בער לעפּ", פון זײַנע שרײַבערישע אָנהייביאָרן, איז אַ סאָרט צוגרייטונג, אָדער רוי־מאַטעריאַל, צו דעם שפּעטערדיקן ראָמאַן קלמן קאַליקעס אימפּעריע.

*

אין זײַנע דערציילונגען איז אַרײַנגעפלאָכטן פאָלקלאָר, קאָלירפולע ווערטלעך, חנעוודיקע זאָגעכצער, וואָרטפּליטערלעך, פרומע ברכות און זאַפטיקע קללות. אויב די סיטואַציע פאָדערט — איז עלבערג דער בנעימותדיקער, געלאַסענער דערציילער, און אויב נייטיק — ווערט ער אַן אומגעדולדיקער, אימפּעטיקער שילדערער. דאָס איז קענטיק אין די הונדערטער זײַטן פון זײַנע קירצערע און לענגערע בעלעטריסטישע שאַפונגען.

ער געהערט צו יענע אומרואיקע קינסטלערס, וואָס זײַנען קיין מאָל נישט באַפרידיקט מיט דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט. ער פירט זיך לויט דעם אָנגענומענעם מינהג בײַם לייענען די תורה, ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל, אַזוי ווי ס׳ווערט געזאָגט: הפוך והפוך בה, פון בראשית ביזן תם־ונשלם. ער נעמט אַרויס געדרוקטע דערציילונגען צי נאָוועלן, אַרבעט זיי איבער און מאַכט אין זיי שינויים. דאָ איז ער מקצר און דאָרט גיט ער אַרײַן צוגאָבן. נישטאָ קיין ענדגילטיקער סיום בײַם קינסטלער. שינויים זײַנען אָנגענומען און אויסבעסערונגען זײַנען אַ בויטוועדיקייט. דער באַגער איז: נאָכאַנאַנדיקע באַנײַאונג. ער ווערט געטריבן פון דעם אומרו וואָס שטויסט דעם שעפערישן מענטש צו בײַטן, מחדש זײַן אויך יענע שאַפונגען וואָס זײַנען מיט יאָרן פריִער באַטראַכט געוואָרן ווי פאַרזיגלטע ווערק.

אין דעם בוך דערציילונגען אונטער קופּערנע הימלען האָט דער שרײַבער געסילוקט אַ הייליקן חוב דער חורבן־טעמאַטיק. ער האָט גוט געקענט די ערים־ואמהות בישראל, די רוסישע יִדנשטעטעט אויף פּוילנס ערד. ער האָט געקענט די עיר־הבירה וואַרשע און אירע טעכטערשטעט — פון פאַר און בעת דער מלחמה. ער האָט געקענט די עיר־הומיה אין די נאָרמאַלע ברוויזנדיקע טעג און ער האָט זיך געפונען צווישן די געטאָ־מויערן בעת דעם אויפשטאַנד און אומקום. דער קינסטלער און דער כראָניקער —ביידע זײַנען געווען עדות פון אונטערגאַנג, און אין זײַנע באַשרײַבונגען, אין דעם בציבורדיקן געוויין, הערן מיר הילכיק דאָס קול פונעם שרײַבער.

*

אַ דערגרייכונג אין זײַנע שאַפונגען זײַנען די חסידישע מעשיות. די דאָזיקע זאַמלונג איז אַן אָפּווײַך אָדער צוריקטריט פון זײַנע שטרענג רעאַליסטישע דערציילונגען. עפּעס נשמה־יתירההדיקס שוועבט איבער די סיפּורים, וואָס בלישטשען מיט דעם ליכט און דעם כישוף פון איידלשטיינער. איטלעכע מעשה האָט איר באַזונדערן חן, די לויטעריקייט און פלאַמענדיקן שײַן פון אַן אַצילותדיקער וועלט, וואו, אין אונדזער נאָסטאַלגיע, ווילן מיר פון דאָס נײַ באַוואונדערן די שיינקייט און פּאַטריאַרכאַלישקייט פון די אַמאָליקע גוטע־יִידן, צדיקים, רביים און בעלי־מופתים, וואָס האָבן געבראַכט ישועות און נחמות צו יִידן. די אילוזאָרישע נסים און מופתים זײַנען דאָס פײַער וואָס האַלט אויף די נשמה, ווען דער גוף ווערט חרוב.

דער שרײַבער שעפּט פולע זשמעניעס פון דעם אַמאָליקן רחבותדיקן ייִדישן לעבן אין פּוילן. ער זוכט אויס ווינקלען אין דעם קאָכיקן לעבן, וואָס זײַנען נישט אָפּט אַנטפּלעקט געוואָרן, אָדער פֿאַרזען געוואָרן דורך שרײַבערס אין פֿריִערדיקן דור. ער לייגט אַרײַן אין די מײַלער פון זײַנע העלדן אַ רוי לשון און לאָזט זיי אָפּטאָן מעשים־תעתועים.

די שפּראַך פון דעם בעל־עגלה איז נישט דאָס לשון פון דעם למדן, און דאָס רעדן פון אַ קצב איז אַנדערש ווי די בנעימותדיקע רייד פון דעם יוסטנעם בעל־הבית. דער באַדיונג זאָגט נישט קיין בענטשווערטער און דער נואף ציטירט נישט קיין פּסוקים פון תהילים, ווען ער ווערט געשטויסן פון יצר־הרע צו עבירות און גוואַלד־מעשים.

ער מאָלט עראָטישע סצענעס, הגם אין אַ געצוימטער פֿאָרעם. פֿאַר די סענסי־טיווע בעלי־טענה, וואָס פֿאָדערן צניעות און מער אָפּגעהיטנקייט אין שריפט, געפינט ער אַ היתר, ווען ער פֿאַררופט זיך אויף די בעלי־התלמוד און דעם לשון וואָס זיי געברויכן אין די הייליקע ספרים, בײַם אײַנשטעלן תקנות און דינים אין די באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי. ער קען ברענגען ציטאַטן פון דער גמרא. און ווי קען מען פֿאָדערן בײַ אַ וועלטלעכן שרײַבער מער צניעות ווי עס האָבן אַרויס־געוויזן די חכמי־ישראל און תלמידי־חכמים ?

דער ציל פון ליטעראַטור איז נישט צו פֿאַרוויגן דעם לייענער און פֿאַרזען די נעגאַטיווע אַספּעקטן. ליטעראַטור דאַרף אין תוך אויפרודערן, אַרויסרופן נײַגער און אומרו, פֿאַרטרײַבן די אַליין־צופרידנקייט און אַנרעגן ערנצטער זיך צו פֿאַרטראַכטן און גרונטיקער צו פֿאַרשטיין די מיסטעריע אין לעבן פון בשר־ודם.

דער ייִדישער בעלעטריסט אין אונדזער צײַט איז אָפּגעגאַנגען אַ ווײַטן מהלך, פון זינט דעם באַנײַטן אויפבלי פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט. ער איז אָוועק פון די יום־טובדיקע באַשרײַבונגען פון שטעטל, וואָס די קלאַסיקערס און זייערע נאָכגייערס האָבן אַזוי פֿײַערלעך פֿאַרהייליקט, און ער האָט אָנגעהויבן אויספּירלעך צו מאָלן די שטעטלדיקע וואָכעדיקייט.

*

אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור זײַנען די מערסטע אוניווערסאַלע ראָמאַנען, מיט קליינע אויסנעמען, וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן מיט הונדערט און צוויי הונדערט יאָר צוריק, געוועזן שטאַרק אָפּגעהיטן, וואָס שייך דרייסטע עראָטישע שילדערונגען. דער גרעסטער טייל ראָמאַנען זײַנען געווען אין קאָנסערוואַטיוון סטיל און על־פּי־רוב, אויף היסטאָרישע טעמעס. דער שרײַבער בײַ אַנדערע פֿעלקער האָט אָפּגעווײַכט פון דעם וואָכעדיקן לעבן. אין זײַן דראַנג צו געבן אַ פולקום ווערק, האָט ער צוריקגעקוקט אויף אַ דיסטאַנץ איידער ער האָט געפונען די רעם

און די טעמע פֿאַר זײַן ראָמאַן. ער האָט אויסגעמיטן צו באַשרײַבן דאָס לעבן פֿון די ברייטע פֿאָלקסשיכטן.

דער נאַטוראַליסטישער ראָמאַן איז געוואָרן פּאָפּולער אין פֿראַנקרײַך און אין ענגלאַנד ערשט אין נײַנצעטן יאָרהונדערט, צום אונטערשייד פֿון דער פּראָזע וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט צוויי הונדערט יאָר פֿריִער און געשילדערט די אַריסטאָ־קראַטיע, די העכערע שיכטן פֿון פֿאָלק, לויט די דעמאָלטיקע באַגריפֿן. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז עס זײַנען געקומען סטענדאַל און באַלזאַק מיט זייערע עקסטרעם־רעאַליסטישע ראָמאַנען. זייערע ווערק האָבן אויפֿגעדעקט צביעות און קאָרופּציע בײַ די פּריווילעגירטע קלאַסן, און זיי זײַנען אַן אַרויסרוף צו יענע שרײַבערס וואָס האָבן נישט געוואָלט זען דאָס וואָכעדיקע לעבן אַרום זיך.

*

עלבערגס ערגאָטיק איז אויפֿן שפּיץ מעסער, מער מיט רמזים, מער נישט־דערזאָגט, בלחש, אײַנגעהאַלטן, ייִדיש־באַשיידן, און דאָס איז אין שרײַענדיקן קאָנטראַסט צו די וואולגאַרע פּרעמדשפּראַכיקע סעקס־מעשׂיות, וואָס פֿאַרפֿלייצן הײַנט דעם ביכערמאַרק איבער דער וועלט.

ער האָט זיך באַוויזן ווי אַ פּולבלוטיקער בעלעטריסט גלײַך מיט זײַנע ערשטע קורצע דערציילונגען. זײַן רעאַליזם, וואָס האָט געחידושט, האָט גיך געוואונען אָנערקענונג. דער שרײַבער איז אויסגעוואַקסן ווען ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף ברייטערע לײַוונטן. נאָך דער ערשטער זאַמלונג דערציילונגען איז געקומען זײַן ראָמאַן אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט, וואָס איז אַ באַדײַטנדיקער אויפֿשטײַג, אַ קלעטערן העכער אויפֿן לייטער, צו ווײַטערדיקע קינסטלערישע פֿאַרמעסטן.

אָט דער ראָמאַן איז אַן אויסשעפּלעכער פֿראַגמענט פֿון דעם יסורים־וועג בעת דער חורבן־תּקופֿה: די לײַדן פֿון אַ פֿאָלק, דער געצוואונגענער מאַרש צום אומקום, די רעזיגנאַציע, און דער בטחון. די טראַגישע געשעענישן זײַנען אויפֿטרייסלענדיק, און דערבײַ איז דער ראָמאַן געשריבן געצוימט אין סטיל, מיט דער סיסטעמאַטישקייט און געלאַסנקייט, ווי עס זײַנען געשריבן פּראָזעווערק מיט דורות פֿריִער, אין טראַ־דיציאָנעלן קלאַסישן נוסח.

ווען ער וויל באַשרײַבן די אויפֿפֿירונג פֿון אַ ייִד אַ פּראָסטאַק, אַן אַרויפֿ־געאַרבעטער גביר, וואָס מוז אַרײַנקומען אין דער מחיצה פֿון יוסטנע, אײַנגעפֿונדע־וועטע נגידים — מאָלט ער אים "מיט די ביינער", אין די נייטיקע דימענסיעס. ער ווײַזט אים אין זײַן אומגעלומפּערטער האַלטונג, אין זײַן אַפּהענטיקער הכנעה, מיט זײַן שטאַמלענדיק לשון. און אַנטקעגן אים — ווי אַ קאָנטראַסט — מאָלט ער דעם אויסגעאיידלטן נגיד, דעם תּקיף, וואָס, אין זײַן גרויס גנאַדיקייט, קוקט ער אויף דעם פּראָסטן חי־וקיים פֿון אויבן אַראָפּ, סײַ מיט רחמנות, סײַ מיט ביטול.

אין זײַנע קאַלירפֿולע באַשרײַבונגען איז יהודה עלבערג אָפֿט אַן אַנטפּלעקער

פון ווינציק באַקאַנטע ווינקעלעך און פאַרהוילענע מקומות. ער טוט עס מיט דעם אייפער און ענטוזיאַזם פון אַן אַנטיקוואַר צי אַן אַרכעאָלאָג, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אין בויך פון דער ערד, כדי אויסצוגראָבן פאַרצײַטיקע שטיקער לעבן. אָט די נטיה קלערט אויף זײַן דראַנג אָפּצוזוכן אַלטע מקורות און שעפּן פון דאָרטן מאַטעריאַל פאַר זײַנע סטיליזירטע חסידישע מעשיות.

זײַן ביאָגראַפיע דערציילט, אַז ער איז פון טאָפּעלן יִחוס: זײַן טאַטע איז געווען רב אין סאַניק און אין בלאַשקי, און זײַן זיידע, דער מאַמעס פאָטער, אַ רב אין וואַרשע. אַ יִדישער שרײַבער מיט אַזאַ הינטערגרונט האָלט זייער טײַער זײַן יִיחוסדיקן שטאַם און קען נישט אויסמײַדן צו פאַראייביקן דאָס אַצילות אין דער סביבה פון זײַנע אָבות. אַז עלבערג איז אין דעם פּרט נישט קיין אויסנעם, באַווײַזן זײַן מי און פלײַס בײַם אויפבויען די מײַסטערהאַפטע חסידישע מעשיות.

דאָס פײַער, דאָס גליִענדיקע התלהבות וואָס פלאַקערט אין בלוט פון דעם שעפערישן שרײַבער, באַגלייט אים נאָך אַנאַנד אין זײַן גאַנג. ער אידעאַליזירט נישט די מענטשן וואָס לעבן אין זײַנע דערציילונגען, נישט געקוקט צי זיי זײַנען פּאָזיטיוו צי נעגאַטיוו כאַראַקטערן. ער מאָלט זיי אַזוי ווי דער יושב־במרומים האָט זיי באַשאַפן, אָבער ער באַלײַכט זיי מיט זײַן אייגענעם פּראָזשעקטאָר, מיט זײַנע אייגענע קאָלירן און מיר זעען זיי גאָר שאַרף, סײַ דרויסנדיק, סײַ אינעווייניק, אין זייער פּסיכיק.

*

עלבערג פאַרמאָגט דעם כוח צו האַלטן וואַך דאָס אויג און דאָס אויער פון דעם לייענער. ער סטימולירט און רודערט אויף דעם געניסער פון ליטעראַטור, און דאָס איז, אָן ספק, די שענסטע אָנערקענונג פאַר אַ גוטן דערציילער.

אין זײַן טעמאַטיק גייען אַרײַן אויך די צעטרייסלטע יִדישע היימען, די צעבראָכענע נגידישע הײַזער, וואָס זײַנען חרוב געוואָרן אין די פײַערן פון דער מלחמה. דער אַכזר, דער גורל, האָלט אַ בײַטש איבער די קעפּ פון די געיאָגטע און געפּלאָגטע, און זיי ווערן געשטויסן צום לעצטן קאַמף פאַרן נאַקעטן לעבן. פאַרטריבענע פון זייערע וואוינערטער, וואָגלען זיי אויף די אָפענע וועגן צו די גרענעצן, אונטער די ברענענדיקע הימלען, צו די שלאַכטפעלדער, אָדער זיי ווערן אײַנגעשלאָסן אין די געטאָס, וואו דער געשלאָגענער דאַרף אַרויסשטעלן אַ ווידער־שטאַנד און דער שוואַכער איז געצוואונגען זיך צו פאַרמעסטן מיט דעם אומדער־באַרעמדיקן שטאַרקן. די געשעענישן אַרום די דאָזיקע אָנמאַכטיקע מענטשן ווערן אַנטוויקלט ווערדליק אַלע לאָגישע קאָנסעקווענצן און דער געהעריקער טעכניק פון אַ גוט־געבויטער מעשה.

די ראָמאַנען און דערציילונגען שליסן אויך אײַן קינסטלעריש־ראַפינירטע כראָניק. מיר געפינען אַ רשימה מיט אויספירלעכע חורבן־פאַרצייכענונגען, געזען

אין רעטראָספּעקטיוו, אויף אַ צוריקקער פון עטלעכע צענדליק יאָרן. דאָס זייַנען שוידערבילדער פון יענע אימהדיקע טעג, ווען ס'האָט זיך באַוויזן די שריפט אויף דער וואַנט, אַז די צעטרייסלטע וועלט האַלט בייַם קראַכן, אַז אַלע מויערן וועלן אייַנפאַלן און עס וועט פאַרברענט ווערן דאָס הויז פון יעקב אויף פוילנס ערד.

מיר געדענקען אין דער איצטיקער בהלהדיקער צייַט, אַז דער ייִדישער קינסטלער טראָגט בעל־כּרחו נאַציאָנאַלע התחייַבותן, אַז ער איז נישט פרייַ פון דעם שליחות צו זייַן דער מקוגן און דער רעגיסטראַטאָר פון אונדזערע דברי־הימים.

יהודה עלבערג געהערט צו די אַחריותדיקע שרייַבערס אין אונדזער דור, וואָס האָבן אין אַ בעלעטריסטישער פאָרעם געהאָלפן פאַררעגיסטרירן די גרעסטע נאַציאָ־נאַלע קאַטאַסטראָפע פונעם ייִדישן פאָלק, זינט דעם אָנהייב פון זייַן געשיכטע.

די פאַרדינסטן זייַנע פאַר דער ייִדישער פּראָזע נעמען זיך קודם פון זייַן אַלזייַטיקייט. זייַן טעמאַטיק איז נישט באַגרענעצט געאָגראַפיש און נישט געצוימט אין צייַט. ער דעקט ברייטע שטחים פון דעם ייִדישן ערדקייַלעך. אַלטע לעבנס־שטייגערס ווערן אויפגעלעבט, און נייַע ווערן פאַרביק געמאָלן. די גאַלעריע כאַראַקטערן איז אַ לאַנגע, אַ פיל־מיניקע, און דער קינסטלער באַשרייַבט איטלעכן יחיד אין זייַן אייגן ליכט, אין זייַן אייגענער סביבה, מיט זייַן באַזונדערן אופן פון לעבן.

*

די עולם־הזהניקעס און די יראי־שמים, די עמי־הארצים און די לומדים, די אייִדעלע נגידים און די שמייַסעריונגען — אויך די צניעותדיקע, פרומע ייִדישע פרוי, די שרה בת־טובים, און איר היפוך, די טומלדיקע מאַרק־ייִדענע, די פּלוידערקע, די לשון־הרעניצע — פון זיי אַלע פורעמט ער אויס די געשטאַלטן פאַר זייַנע לעבעדיקע, געשמאַקע דערציילונגען און ראָמאַנען.

אין דער דאָזיקער רוישיקער סימפאָניע, אין די ברויזנדיקע קאַפּיטלעך ייִדיש לעבן אויף דעם גלאָבאַלן ייִדישן אויסשפּרייט, שטעקט זייַן ווערטיקער בייַטראָג. און אַזוי דאַרף מען אָפּשאַצן יהודה עלבערגס צושטייַער צו אונדזער ליטעראַטור.

יעקב י. מײַטליס

צו זײַן יובל־השבעים

זקני תלמידי חכמים כל מה שמזקינין חכמה ניתוספת בהם
(שבת קנ״ב, א)

אויף יהודה עלבערג, דעם פײַנעם און סובטילן דערציילער, איז מיר שוין אויסגעקומען זיך אָפּצושטעלן בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט, וואו איך האָב געפּרוווט מפרש צו זײַן פֿאַר זיך און פֿאַר דעם ציבור לייענערס די טעמאַטישע שילדערונגען און קוואַליקע געשטאַלטיקונג פֿון ייִדישן לעבן אין זײַן פֿאַרנעמיקער יצירה. ווייל מען אָבער מאַכן אַ מין כוללדיקן סך־הכל פֿון דעם מענטש און שרײַבער, לכבוד זײַן פֿאַרדינטן יובל, מוז מען שוין צו ביסלעך אַרײַנדרינגען אין זײַן לפֿני־ולפֿנים, אין זײַן פּנימיותדיקן געראַנגל און שאַפֿערישער געשפּאַנטקייט, אין דעם אופֿן ווי ער זעט און באַשרײַבט ליריש און אימפּרעסיוו ייִדיש לעבן אין דער אַלטער היים. און דער עיקר זײַנע אייגענע און כלל־פֿאָלקישע טראַומאַטישע איבערלעבענישן אין דער תקופֿה פֿון גרויל און אומקום פֿון דער מיזרח־אייראָפּעאישער ייִדישקייט.

גייט מען צו מיט אַ חבֿרישן יראת־הכּבֿוד צו דעם יובילאַר און זײַן שאַפֿן, מוז מען זיך ווי ווײַט ס'לאָזט זיך פֿאַרטראַכטן, בײַ גלײַך מיט אײַנזען און באַוואָ־רעניש, אין אונדזער איצטיקן קולטור־מצבֿ נאָכן מוראדיקן חורבן און אַרײַנבנעמען אין אונדזער דין־וחשבון די גײַסטיקע מערכה פֿון ייִדישן וואָרטזאָגער און בעל־יצירה אין דער ייִדישער ליטעראַטור בײַ הײַנטיקן טאָג.

ס'איז שוין געוואָרן אַ מין טרואיזם, אַז וואָס עס פֿעלט דעם ייִדישן שרײַבער איז קודם־כּל דער פּרוכטיקער און זאַפּטיקער קולטור־באָדן מיט זײַן וויטאַלן און ליטעראַטור־דאָרשטיקן כּלל, אַ וואַרעמע, היימישע סבֿיבֿה, וואו ס'איז אויסגעוואַקסן און זיך שפּעדיק אויסגעצײַטיקט דער דור פּראָזאַאיקערס און פּאָעטן פֿון נאָענטן אַמאָל. איז איבעריק צו זאָגן אַז יעדער איינער פֿון די פֿאַרבליבענע וואָרטקינסטלערס מוז נישט בלויז פֿאַרמאָגן מוזישע כּוחות און די גײַסטיקע כּלים זיי בילדעריש צו געשטאַלטיקן, נײַערט אַ צעוואָרעמטן און פּרוכטיקן באָדן מיט טיפֿע שרשים אין

פֿאַרעפֿנטלעכט אין ״די גאָלדענע קייט״, נומ׳ 108.

עבר, פון וואָס ער ציט רחבותדיק זײַן שאַפערישע יניקה און גענעראַטיווע פּאָטענצן. דאָס איז אַ באַקאַנטער און אָנגענומענער כלל פֿאַר יעדער תוכיקער יצירה פון יעדן פֿאָלק, אָן אַ יוצא־מן־הכלל. זינט אָבער ס׳איז פֿאַרחרובט געוואָרן די מיזרח־אייראָפּעאישע ייִדישקייט, איז דער ייִדישער שרײַבער געבליבן אָן אַן אייגענעם באָדן אונטער זײַנע פֿיס. ער איז געוואָרן אַ גײַסטיקער נע־ונדניק אין פרעמדע קולטורן, פילט זיך פאַריתומט אין אַ צערודערטער, צעריסענער וועלט, און זײַן פאַרלוירנקייט איז גרויס.

איז שוין דעם עבדכם הנאמן פון די שורות נישט איין מאָל אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען מיט די און אַנדערע פּראָבלעמען אין אונדזער ביסל קולטור־אייגנס, אָבער בשעת מיר ווילן אָנמערקן אַ שיינעם יובל פון אַ גוטן און באַטעמטן ייִדישן שרײַבער ווי יהודה עלבערג, טאָרן מיר בפירוש נישט צולאָזן צום האַרץ קיין איבעריקן אומעט און אַפּהענטיקייט, נײַערט אויך דערזען לעבן די האַרבע דינים, דעם ניצוץ פון גוטסקייט און ליכט. ווי האָט שוין דער גרויסער חכם פון תנ״ך אַ מאָל געזאָגט: קיין שימחה — אָן אַ טראָפּן אומעט; און דעם מוזן מיר מיט אַלע כוחות גובר זײַן.

לאָמיר אויך נישט פאַרגעסן, אַז נישט אַלץ אין אונדזער אַמאָליקייט איז געווען צעשײַנט און מזל־ברכהדיק, וואָס מיר באַזינגען אָפט נאָסטאַלגיש־פאַרבענקט מיט אַ דערהויבענעם, פאַרניגונטן מיזמור־שיר. פאַרטראַכט מען זיך אין ייִדישער גורלדיקייט, אַזוי דערזעט מען אַז די טעגלעכעווירקלעכקייט איז זעלטן געווען גלײַכפאַרמיק און שלמותדיק אין אַלע אַספּעקטן פון לעבן. נישט אַלץ גייט צו לויט אַ באַשטימטן פּראָגראַם אָדער אידעאַליסטיש־פאַרגרייטע טעאָריעס. אין דעם פּראָצעס פון לעבן קומען כסדר פאַר שינויים און טראַנספאָרמאַציעס, סײַ פון אינעווייניק און סײַ פון דרויסן. ס׳זײַנען על־פּי־רוב בעל־כרחודיקע פאַקטאָרן, וואָס מען קען נישט די אויפגעקומענע שוועריקייטן און זייער ווידעראַנאַנד פאַרמײַדן מיט אַקסיאָמאַטישע טעאָריעס און פאַרענטפערן מיט קלוגע פּראָיעקטן און סתם־ליבלעכע רפואות. ווייסן דווקא ייִדן מיט זייערע שווערע נסיונות און מאַטערנישן אַ סך וועגן דעם צו דערציילן. נישט אַנדערש איז דאָס אויך צוגע־גאַנגען אויף דער סלאַווישער ערד פון דורות.

פאַרט אָבער, און טאַקע נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע סכנות, שינאה און בזיונדיקע דעגראַדאַציעס, האָט אין דער מיזרח־אייראָפּעאישער ייִדישקייט כוח־גבֿראדיק געפּלייצט אַן אײַנגעשטעלטע, צעפלאַמטע אמונה מיט בטחון, אויפברויז און געראַנגל, באַגלייט פון אַ זעלטענעם קולטור־אויפגיי און קוואַליקער שאַפעריש־קייט. אויף זײַן באָדן האָט זיך דער ייִד געפילט ווי ווײַט מיגלעך אין דער היים, דורותדיק אײַנגעזעסן און באַוואָרנט פון אינעווייניק אין די ד׳ אמות פון גרויסן כלל־פאָלק. מיט זײַן דיסטינקטיווער אייגנדיקייט און נאַמנותדיקער געטרײַשאַפט צו דער ירושה פון עבר, איז ער נישט געווען אַליין און פאַרלאָזט אין זײַן גוייִשן

אַרום. אין אַן עת־צרה האָט אים דאָס כלל־פֿאָלק געשטאַרקט און אונטערגעטראָגן התעוררות און שטיץ. אויף אַזאַ אופֿן האָט אויך געבליט אַ פּנימיותדיק־רײַכע קולטור מיט ייִדיש־לשון פֿון רוב ייִדן, אַ ברייטע געזעלשאַפֿטלעכקייט מיט פּאַרטיי־פּאָליטישע באַוועגונגען וואָס האָבן מיט נאַציאָנאַלער ענערגיע און אימאַגינענטן תוך געוועקט און באַנײַט דעם אַקומולירטן, שאַפֿערישן פּאָטענציאַל אין ייִדישן לעבן. איבער שטעט און שטעטלעך האָט ספּאָנטאַן און אימפּולסיוו געשטראָמט, וויטאַל, דינאַמיש־פֿאָלקיש, אַ קולטור אין אַלע אירע קאָלירן און ניואַנסן. ס'איז נישט בלויז געווען אַ גרויע, האַמעטנעווירקלעכקייט, אַ וואָכעדיקייט פֿון נויט און דאגה, נײַערט אויך אַ שפּאַר ביסל שבת־יום־טובדיקייט, סובסטאַנץ און מהות, פֿון וואָס מיר ציִען נאָך הײַנט אַ שפּעדיקע יניקה. דאָס אַלץ איז געווען אין דעם צעליכטיקטן אַמאָל. בײַ הײַנטיקן טאָג שטייט אָבער דער ייִדישער בעל־יצירה, אַ פֿאַרקנסטער צום ייִדישן וואָרט, אָן אַן אָנשפּאַר און שטיץ, אויב שוין נישט אין מדינת־ישראל, און איז שאַפֿעריש נע־ונד. די סביבה מיט איר ברוזיקער, פּיל־מיניקער קולטור איז נישט זײַן ייִדישלעך־אייגענע, און צוליב תכלית און עפֿעקט אויסטוישן דאָס שפּראַכרענדל איז אים נישט צום האַרצן. שטייט ער דעריבער אַליין אין זײַן פֿאַרלוירנקייט פֿאַר דעם ליטעראַטור־עמוד, ווי אַ בעל־תּפֿילה אָן אַ מנין מתפּללים, און דאַוונט דערפֿאַר ביחידות.

*

אין דער מחיצה פֿון אַ ריי וואַגיקע און צעשײַנטע ייִדיש־שרײַבערס, געפֿינט זיך אויך אונדזער בעל־יובל, דער אָנגעזעענער און סובטילער דערציילער יהודה עלבערג. קומט מען זיך צונויף מיט אים, דערשפּירט מען באַלד זײַן פּערזענלעכקייט, מיט איר צעוואַרעמטקייט און לײַטזעליקייט. זײַן מענטשלעכע התקרבות, ליבשאַפֿט צו ייִדיש און דער דורותדיקער קולטור־ירושה — איז גרויס. אויסגעשטאַנען און קוואַליק אין זײַן יצירה איז עלבערג אויך אַ מוקיר־רבנן, מידות וואָס ער האָט אײַנגעזאַפּט שוין אין זײַנע יונגע יאָרן פֿון דעם אמונהדיק־צעפֿלאַמטן חסידות אין זײַן היים. אויך זײַן אופֿן רעדן, זײַנע פֿלינקע תנועות און דער לומדישער קנייטש אויף זײַן שטערן זאָגן עדות אויף זײַן מקורדיק־חסידישן שורש. ס'איז פּוילישע ייִדישקייט מיט איר פּשטות און פֿאָלקישקייט, תורה און וועלטלעכקייט, לומדות און חסידישער ברען, וואָס עלבערג האָט אַרומגעזוימט מיט אַ ליִרישן ציטער און אַ ראָמאַנטישן חן.

אָפּשטאַמענדיק פֿון אַ חסידיש הויז, איז עלבערג נישט בלויז אַ בן־בית אין חסידות מיט זײַן צעפֿײַערטער אמונה און הויכע השגות, נײַערט ווי אַ בר־אבהן איז ער אויך אַ בן־תורה מיט אַ חריפֿותדיק־בליציק תורה־ווערטל אויף זײַנע ליפּן, און דערצו מיט אַ בכבודיקן אייראָפּעאישן קולטור־באַגאַזש, וואָס באַשײַנט זײַן שאַפֿונג. ווי אַ גוטער קינסטלערישער בעל־יכולת קוקט ער אינטראָספּעקטיוו אַרײַן

אין אַלע פּאַזעס און ווינקלען פון ייִדישן לעבן און מאָלט עס בילדעריש־אינטים, מיט אַ סך קאָליר און געמיט. פּאַרשטייט זיך, אַז ווי אַ ניצול־געוואָרענער, ברענענ־דיקער שײַט פון דער מוראדיקער פאַלקס־שרפה, הויערט איבער זײַנע שילדערונגען אַ חשכותדיקער תהום, פון גרויל און אימת־המות־שטימונג. ס׳איז אַ קינסטלערישע דאָקומענטאַציע פון פּײַן און שיפלות, אַכזריותן און מעשים־תעתועים, וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן איבערן קאָפּ פון פאָלק ישראל פון די חייִשע נאַצי־מושלים. עס איז אַ מן־המיצר־אויסגעשריי פון אַ צעפּײַניקט האַרץ, וואָס שוידערט אין אַלע אברים.

צוזאַמען מיט די פּאַרקינהטע און פּאַטעטיש־אײַנגעצוימטע שילדערונגען פון די טראַומאַטישע איבערלעבענישן אין דעם פאָלקספּאַרגיי, איז פאַראַן אין עלבערגס יצירה אַן אַנדער בעלעטריסטישער זשאַנער, מיט וואָס ער, דער שרײַבער איז ממשיך אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און מיט גרויס יכולת ביזן הײַנטיקן טאָג: זײַנע רעאַליסטיש־בילדערישע נאָוועלן און דערציילונגען, וואָס זייער טעמאַטישער סוזשעט איז די שטראַליקע, רחבותדיקע ייִדישקייט אין פּוילן פון פאַר דער לעצטער מלחמה, אַ ייִדישע וועלט מיט איר אײַנגעטיפטער דימענסיע און סובסטאַנץ, דינאַמיש און גענעראַטיוו. שילדערט זי עלבערג מיט אַ באַהערשטן ציטער אין האַרץ, מיט איר קאָלאָריט און קוואַליקייט, שיינקייט און פאָלקישן שטייגער. אַוודאי האָט געהויערט איבער איר אַ שווערער אומעט און אַ פּחד, אומרו און דאגה פאַרן מאָרגן, וואָס האָט מסוכנדיק געשאָטנט אויף דעם פאַרכמורעטן ייִדישן הימל. אָבער לעת־עתה איז דער קיבוץ ייִדן געווען היימיש־אײַנגעפונדעוועט, גרויס און קאָמפּאַקט. ייִדן האָבן געלעבט ווי תמיד מיט גרויס אמונה, מיט אַן אײַנגעשטעלטן נאַציאָנאַלן כלל־באוואוסטזײַן, וואָס האָט נישט דערלאָזט קיין ספק אָדער ייִאוש אין זייער באוואָרנטן קיום. ס׳איז געווען אַ דורותדיק נאַציאָנאַל עקשנות, וואָס האָט געקעמפט אויף צו־להכעיס פון זייערע שונאים פאַר זייערע בירגערלעכע רעכט, צו לעבן ווי אַן עטנישער מיעוט, געטרײַ זייער עבר און אייגנדיקער שטייגערישקייט. האָט אויף אַזאַ אופן געשטראָמט דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער פּאָטענציאַל מיט מקור־דיקייט, תוך און איכות, אין אַ יונגן, שאַפעריש־אויפגעברויזטן דור, וואָס האָט געשפּאָרט כוח־גבֿראַדיק מיט באַנײַאונג און אויפגיי.

מאָלט אונדז יהודה עלבערג בילדעריש־קראַפטיק, לעבן ייִדישער אײַנגעזעסנ־קייט, די פּוילישע נאַטור און לאַנדשאַפט מיט איר קאָליר און טאָן, טײַכן און וועלדער, ליכט און שאָטן, שטעטלדיקע ייִדן, ערדישקייט און דאַאיקייט, פּראָסטאַקעס און האַרעפּאַשניקעס, פּולבלוטיקע בעל־כוחות און מגושמדיקע בעל־עגלות מיט זייער תמימות און האַרבער עברי. אין דער דערציילונג ״דער טאָפּ״, אַ שטייגער, האָבן מיר אויך אַ צאַרט־אידיליש בילד פון אַ זעלטענעם טיף ייִד, דעם פּשוטן און רעכטפאַרטיקן יאַנקל סאַדאָווניק, וואָס איז מחיהדיק־צופרידן אײַנגעליבט אין זײַן סאָד און פּראַצע, אַ שיין, אידיליש משפּחה־לעבן, וואָס האָט געהאַט אַ טראַגישן

סוף אינעם גרויליקן כלל־פּאַרגיי. ס׳איז אַ ליבלעך און שיין געזעמל פון וואוילע, גוטע און געטרײַע ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, מיט זייער ייִדישלעכער תמימות און בטחון. צוזאַמען מיט זיי שילדערט אונדז עלבערג מיט אַרײַנגעטאָנענער ליבשאַפט טיפן פון דער צניעותדיקער, כשרער ייִדישער פרוי, דעם ליכטיקן בן־תורה, דעם אָפּ־געהיטענעם, איידעלן חסידישן ייִד מיט זײַן התנהגות, יראים־ושלמים וואָס נויגן נישט אָפּ פון ייִדישן דרך ווי שווער ס׳זאָל נישט זײַן. ס׳איז אַ פיל־מיניקער און אַ פיל־געשטאַלטיקער קאַליידאָסקאָפּ פון אַ דורותדיק־קוואַליקער ייִדישקייט, מידות און מעשים־טובים, וויטאַליטעט און אמונה־גלי. אַזוי האָט אויסגעזען עלבערגס וועלט אין איר אַמאָליקן גלאַנץ, פּשטותדיק און דערהויבן אין איר שטראַליקער שאַפערישקייט. אַזוי האָט רחבותדיק געפּלייצט איבער די פּוילישע פּליינען אַ ייִדישע פאָלקישקייט מיט איר נאַציאָנאַלער ענערגיע און אַ צעוועקטן אויפגיי אין תחום פון תורה און וועלטלעכקייט, איידער ס׳איז געקומען די פּלוצעמדיקע שקיעה פון דעם גרויסן קיבוץ ייִדן אויפן פּוילישן באָדן און דער קול־יעקב איז פאַרשטומט געוואָרן אויף עולמות.

איז אפשר כלל קיין חידוש נישט, וואָס דער שרײַבער יהודה עלבערג, מיט זײַנע וואָרצלען אין עבר און אַרײַנגעטאָן אין דער רײַכער קולטור־ירושה פון דורות, האָט זיך איצט פאַרקערעוועט אין זײַן יצירה צו דער עכטער, פּאָעטיש־שײַנעוודיקער פאָלקסשאַפונג. ס׳איז ייִדישער פאָלקלאָר, די נאַראַטיווע מסורה, די מעשה און לעגענדע, וואָס האָבן שוין מיט זייערע פאַבולאַרע שטאָפן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין די קדמונדיקע צײַטן. אויך אין דער אַלטייִדישער ליטעראַטור, מיט איר פאָלקישן חן און דערציילערישן נוסח האָט די מעשה מיט איר שיינעם מוסר־השכל שפּעדיק געקוואַליקט, און אין עקסטאַטישן חסידות באַקומען אַן אײַנ־געטיפטע דימענסיע און דערהויבן געוואָרן צו אַ נײַער, פּנימיותדיקער מדרגה. האָט שוין דער בעל־שם־טוב גופא געלערנט, אַז אַפילו די פּשוטע מעשה קען פירן יעדן ייִד צו השגת־הבורא און יִיחוד מיט אים, כביכול. הײַנט ערשט זײַן אייניקל, ר׳ נחמן בראַצלאַווער, דער עקסטאַטישער בעל־סוד און וואונדערלעכער מעשה־דערציילער, האָט זײַנע פּאָעטיש־פאַנטאַסטישע מעשיות אַדורכגעגליט מיט אַ פײַער פון קדושה און הויכע השגות, פול מיט פאַרהוילענע רמזים און מיסטישער סודות־דיקייט. מיט אַ שיינער, פּלאַדיקער מעשה, האָט ר׳ נחמן געטײַטשט, איז דער מענטש ביכולת צו פאַרטרײַבן דאָס חשכות אין זײַן אַרום און דערזען דאָס גרויסע ליכט פון משיחן.

איז טאָקע כאַראַקטעריסטיש פאַר עלבערגן, וואָס ער גייט אין די פוסטריט פון אונדזערע ראשונים, וואָס האָבן מיט זייער קינסטלערישן חוש־הריח דערפילט דעם פאַרבאָרגענעם גלאַנץ פון דער אַקומולירטער פאָלקסשאַפונג, זיך אין איר פאַרטיפט אינטואיטיוו און געשעפּט אַ חיותדיקע אינספּיראַציע פאַר זייער יצירה.

איז אויך יהודה עלבערג, פאַרוואָרצלט אין דער ייִדישער טראַדיציע און דער

רײַכער קולטור פון דורות, איצט געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זײַן ניגלה און ניסתר אין דעם פֿאָלק־אײגנס, וואָס וויל אונדז עפּעס לאָזן הערן. ס'איז ייִדישער פֿאָלקלאָר אין אַלע זײַנע שאַטירונגען און מאָדולאַציעס, וואָס ער נעמט זיך איצט מיט חסידישן ברען און שרײַבערישער יכולת צו דערציילן. זײַן לעצט בוך מעשיות איז אַ גראַטעגער אָפּקלײַב פון אַ צאָל חסידישע מעשיות פון גוטע־ייִדן און גרויסע רביס, צעשמטע בעל־מופתים. ס'זײַנען קודם־כל נוסחדיק־ און אידיאָמאַטיש־איבערדערציילטע שיינע און פלאַדיקע מעשיות פון די ביידע באַ־וואוסטע צדיקים, דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק און זײַן ברודער, ר' זושע, וואָס מיט זייער גלות־אָפּריכטן, כדי צו געפינען אַ תיקון פאַר זייער דבקותדיק נפש, האָט אַ מאָל געקלונגען אין דער חסידישער וועלט. אַ סדרה פון פֿאָלקס־טימלעכע מעשיות פון צדיקס כוח פון תורה, כוח פון בטחון און אַ ברכה, און פון אַ גרויסער, ליכטיקער שימחה אין ר' ישראלטשע ריזשינערס הויף צו שימחת־תורה. אַלץ איז איבערדערציילט מיט ליטעראַרישער אָפּגעהיטנקייט אין אײַנ־געשטעלטן חסידישן נוסח, פון יראים־ושלמים.

אין דעם זעלביקן סטיל גייען אויך אַנדערע פֿאָלקישע מאָטיוון מיט הפלא־פלאַדיקע מעשיות, אַ שטייגער "אין אַ חתונה־נאַכט". דאָס איז אַן אויסטערלישע מעשה־שהיה פון אַ חתונה מיט אַן עולם ייִדן אָנגעפּאַרענע פון נאָענט און ווײַט, וואָס איז געקומען משמח זײַן חתן־כלה. איז אָבער אַ שטער, ס'איז נישט אַלץ גלאַטיק, ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. שעהען פאַרגייען, ס'איז שוין קרוב צו חצות און עולם־געסט זיצט און וואַרט אין גרויס געשפּאַנטקייט, אומרואיק און פאַרשטיינערט, פון חופה־און־קידושין האַלט עס נאָך גאָר ווײַט. דער צדיק, איינער פון די סאַמע חשובע מחותנים, זיצט אין זײַן חדר־מיוחד, פאַרטאָן מציל צו זײַן דעם חתנס טאַטן, דעם ניפטר, פון אַ קיטרוג און זײַן כף־הקלעדיקן גזר־דין. ציטערט אויף אים די הויט אין זײַן שווערן געראַנגל. דאָס חשכות און טומאה איז אײַן־לשער און ער מוז זיי מיט אַלע כוחות גובר זײַן. ער ווייסט, אַז ס'איז פאַראַן אַן עוולה און מען מוז זי מתקן זײַן. נעמט ער זיך מיט הילכיקע געשרייען און פאַרהוילענע השבעות צו ברענגען דעם מת טהור צו אַ דין־תורה. מיט שאַרפע דיבורים טענהט ער זיך אויס מיט דעם ניפטר, און זוכט אַ זכות כדי אים צו געבן אַ תיקון אויפן עולם־האמת. ערשט דערנאָך נעמט מען זיך פראַוועזן די חופה־און־קידושין־כדת־וכדין.

ווי אַ סך אַנדערע אײַנגעלייבטע און פאַרשפּרייטע מעשיות, האָבן מיר אויך דאָ צו טאָן מיט אַ מעשה־שהיה, מיט אַ שלל פון פֿאָלקיש־אײַנגעבאַקענע גלייבעכצן אין רוחות, מתים און אַ קיטרוג פון שטן גופא. ס'איז אַ וועלט פון שאַטנדיקע אימאַזשן און עולם־התוהודיקע געשטאַלטן, וואָס קענען נישט קומען צו רו, אַ וועלט פון הזיות און האַלוצינאַציעס, אירעאַל און יענוועלטיק, וואָס עלבערג מאָלט אונדז נוסחדיק־עכט אין אַ קינסטלערישער סטיליזאַציע. ווי יעדע ליבלעך־פרומע מעשה האָט אויך עלבערגס "אין אַ חתונה־נאַכט" אַ שיינעם מוסר־השכל מיט אַ באַקאַנטן

פֿאָלקלאָר־מאָטיוו. דאָ לאָזט אונדז דער חסידישער דערציילער הערן, אַז גראָד דער למדן און אַ שטענדיקער יושב בײַם רבין טאָר אויך נישט פֿאַרגעסן אין זײַן בני־בית, און איז מחויב צו זאָרגן פֿאַר זײַן ווײַב און קינדער. מיט תורה אַליין קומט מען שוין נישט אויס, דער עול־הבריות איז אויך וויכטיק. פֿון אַן ענלעכן זשאַנער איז אויך די מעשה "היגטער די הרי־חושך" מיט איר פּלאַדיקן גס פֿון הוסיאַטינער רבין, ר׳ מיכעלע. דידאַקטיש־פּאָעטיש דערציילט זײַנען אויך די מדרשדיקע און די סימבאָלישע דערציילונגען "פֿאַר קליין און גרויס", וואָס כּישופֿן מיט זייער פֿאָלקישן חן און אינטראָספּעקטיוון אָנווײַז.

פֿון אַ באַזונדערן זשאַנער זײַנען צוויי פֿון עלבערגס לעצטע דערציילונגען: "אַ פּסולער קרבן" און "דער כּוח פֿון תּהילים", וואָס זאָגן עדות נישט בלויז אויף דעם גוטן שרײַבער, נאָר אויך אויף דעם תּוכיקן מעשה־דערציילער. זײַנען די דערציילונגען נישט בלויז פֿון אַ ליטעראַרישער וואָג, נײַערט אויך פֿון אַ פֿאָלקלאָריסטישן באַטײַט. און אפֿשר, ווילט זיך זאָגן, קומט די בכורה דעם סיפּור־המעשה "אַ פּסולער קרבן" מיט זײַן שלל פֿאָלקלאָר־עלעמענטן, וואָס זײַנען פֿון אַ באַזונדערן אינטערעס פֿאַרן פֿאָרשער. לעבן דעם פֿאָלקיש־באַטעמטן סיפּור־המעשה, מיט זײַנע פֿאַרגלייבטע אמונות, פּאָפּולאַרע מאָטיוון און אַ געשמאַקן זאַפֿטיקן לשון פֿון דער־ציילער, קייטלט ער אײַן אין זײַן נוסחדיקער מעשה־פּלא אַ שפּאָר ביסל פֿאָלק־מעדיציניש אינפֿאָרמאַציעס, וואָס זײַנען אַ געווינס פֿאַר דעם פֿאָלקלאָריסט. ס׳זײַנען אַ ריי היימישע רפֿואות און סגולות, אַ שטייגער עסענץ־שמירעכצן און פֿאַרברײַעכצן מיט געלן לוביען, בלויע פּיאַלן און ווערעמקרויט. פֿאַרלאָזט זיך אָבער אַ צערטלעך־פֿאַרזאָרגטע מאַמע נישט אויף פּראָסטע רפֿואות פֿאַר איר מסוכנדיק־פֿאַרקראַנקט זונעלע. ווער ווייסט, עס קען אַ מאָל זײַן אַ בייז־אויג אָדער סתּם אַ נישט־גוטס, פֿון וואָס גאָט זאָל שומר און מציל זײַן. שיקט מען צו דעם גוטן־ייִד, דעם הייליקן רבי, נאָך אַ באַוואָרנטער קמיע. זאָגט נאָך די פֿרומע, גאָטפֿאַרכטיקע מאַמע תּחנונימדיק אַ שיין־נוסחדיק אָפּשפּרעכעניש, וואָס זאָל האָבן די אויסגעבעטענע פּעולה. ס׳איז אַ פֿאָלקיש אָפּשפּרעכעניש, וואָס עלבערג גיט אונדז איבער אין זײַן מסורה און נוסח, וואָס רעדט אויסגעווייינטע, קלאָרע דיבורים. בעט די פֿאַרצרהטע מאַמע רחמימדיק פֿאַר דעם חולה, אַז עס זאָלן זיך אָפּטאָן פֿון אים אַלע נישט־גוטע כּוחות אין דער וועלט, מזיקים און שדים, און גאָט ברוך־הוא, דער רופֿא־חולים זאָל מיט זײַן חסד צושיקן אַ רפֿואה שלמה דעם קינד. דער אײַנגעשטעלטער פּיזמון פֿון דעם אָפּשפּרעכעניש איז גרײַלעך וויכטיק פֿאַר דעם עטנאָגראַף און פֿאָלקלאָריסט.

זײַנען, על־כּן, די אַנדערע פּיל־מיניקע פּאָפּולאַרע שטאָפֿן וואָס עלבערג טראָגט אונדז אונטער, חנעוודיק דערציילט און מסוגלדיק סטיליזירט, אַן אמתער געווינס, נישט בלויז פֿון אַ תּוכיק־ליטעראַרישן, נײַערט אויך פֿון אַ פֿאָלקלאָריסטיש־קאָמפּאַראַטיוון קוקווינקל. אַוודאי וועט דער סיסטעמאַטישער פֿאָלקלאָר־פֿאָרשער

וועלן וויסן גענויערע פּרטים, ווער דער מעשה־דערציילער איז, פֿון וואַנען און וואו ער האָט די מעשה געהערט, כדי צו קענען וויסנשאַפֿטלעך אַנאַליזירן דעם שטאָף און מיט זײַן קאָמפּאַראַטיוון שליסל קאָנטראַסטירן מיט אַ ריי אַנדערע וואַריאַנטן און ווערסיעס, נוסחאות און מאָטיוון אין דעם אַלגעמיינעם פֿאָלקלאָר אין דער קולטורוועלט. דאָס איז די שיטה און דער כלל־גדול פֿון אַ גרונטיקער פֿאָרשונג. איז אָבער דער פֿאָרמאַל־וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָלקלאָר נישט דער ענין פֿון אַ צעוואָרעמטן דיכטערישן בעל־חלומות. די עצם־נקודה פֿון זײַן פּאָעטישן צוגאַנג איז דער שטאָף גופא, די באַחנטע, פֿאָלקיש־האַרציקע און נוסחדיקע דערציילונג. זײַנע כלים זײַנען פֿון אַן אַנדער מין. מיט זײַן קינסטלערישן חוש־הריח דערגייט ער צו איר סאַמע מקור אין וואָס ער איז דיכטעריש־צעפּלאָמט אַרײַנגעטאָן. פֿון דאַנען שעפּט ער מיט וויזיע און דמיון אַ סטימול און אימפּולס, וואָס ער גע־שטאַלטיקט און פֿורעמט אויס לויט זײַן יחידיש־אייגנדיקן באַנעם און אויסקוק.

דערפֿאַר איז פֿאַר אונדז נישט קיין גרויסע נפֿקא־מינא פֿון וואַנען עלבערג האָט גענומען זײַן שיין דערציילטן מעשה־מאַטעריאַל, צי פֿון די אַלט־פֿאַרגעלטע ספֿרימלעך, אָדער סתם פּאָפּולערע פֿאָלקסביכלעך, צי זיי פֿליסן גאָר פֿון זײַן ליכטיקן און שאַפֿערישן כוח־הדמיון און זײַן מקורדיק געמיט. דאָס איז די ליצענץ פֿון אַ געבענטשן דיכטער־דערציילער, וואָס מיר קענען בפּירוש נישט אָפּפֿרעגן. אין אונדזער באַטראַכטונג ווילן מיר דערגיין צו זײַן קינסטלערישער נקודה, דערזען זײַן ליטעראַריש יכולת אין זײַנע געמאָסטענע און גוטע שילדערונגען, און אין דעם פּרט זײַנע תוכיקע און וואויל־געפֿורעמטע איבערדערציילטע חסידישע און פֿאָלקישע מעשיות, וואָס ער האָט זיי געגעבן מיט לשון און נוסח אַ סובלימען מיין און אַ געטרײַען תוכן.

ווי דאָס זאָל נישט זײַן, מיט זײַנע סיפּורי־מעשיות פֿון אַ מאָל, האָט עלבערג אַרײַנגעטראָגן אַ בכבודיקן ליטעראַרישן נדן פֿון דער פֿאָלקס־ירושהדיקייט, וואָס וועט בלײַבן אַ וואָגיקער יש אין דער ייִדישער ליטעראַטור. פֿון זײַנע ערשטע אָנהייבן ביז איצט טראָגן זײַנע ווערק דעם בולטן חותם פֿון דער פּאַרשניטענער ייִדישקייט אין פּוילן מיט איר צעשײַנטן גלאַנץ און מקורקייט, אויפֿברויז און פֿיל־מיניקע קולטור, וואָס איר זכות איז עלבערגן בײַגעשטאַנען אויף זײַן לאַנגן באַרג־אַרויף־וועג פֿון זײַן וואָגיקער און פּרוכטיקער יצירה. זײַן יובל איז אונדזער אַלעמענס שימחה, אַ דערהויבענער יום־טוב פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור בײַ הײַנטיקן טאָג.

לאָנדאָן, שבט תשמ"ב.

דוד וואָלפּע

דער מענטש און זײַנע ווערק

א

יהודה עלבערג איז אין ווייניקער ווי אַ דעקאַדע — 1974־1983 — אַנגעוואַקסן מיט אַ שפע פון יצירה. ער איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן ניט בלויז אין דער ברייט פון דער טעמאַטיק, גײַערט ובעיקר אין דער טיף — אין וואָרצלדיקן דערטאַפּן און דערפילן די גרונטיקע פסיכאָלאָגישע און פּראָבלעמאַטישע עלעמענטן פון ייִד און מענטש, זייערע זוכענישן און בלאָנדזשעניש. מיר האָבן דאָ אויסגעלאָזט פון חשבון זײַן ערשט בוך, **אונטער קופּערנע הימלען**, וואָס איז אַרויס אין 1951, און די קריטיק האָט אים אויפגענומען מיט אַ סך ליבע, ניט נאָר ווי אַ נײַ־געקומענעם שרײַבער, נאָר ווי אַ נײַ־אַנטפּלעקטן גרויסן טאַלאַנט. און אָפּגערופן האָבן זיך די חשובסטע קריטיקער פון דער אַלטער שול, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט געשאַפן (נ. ב. מינקאָוו; ש. ניגער; י. ראַפּאָפּאָרט; יעקב שאַצקי א״אַ) און גאָר ניט ווייניק פון די נײַע. אַז מ׳לייענט הײַנט די אַלע העכסט פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען פון יענע 50ער יאָרן, דעם קרעדיט און די פּאָרויסזאָגן וואָס מ׳האָט דעם פריש־געבאַקענעם שרײַבער אונטערגעטראָגן, פילט מען ערשט די תשוקה זיך צו באַקענען מיט זײַנע ווערק.

אויף דעם ערשטן בוך וואָס איז געקומען נאָך דעם, האָט דער מחבר געלאָזט וואַרטן גאַנצע 13 יאָר, אָבער גלײַך דערויף האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ מזל־ברכה פון פּרוכטיקע נײַע שאַפונגען פון יהודה עלבערג. זיי זײַנען דער בעסטער עדות, ווי ווײַט צוטרעפיק און ערלעך די ערשטע, צו מאָל ספּאָנטאַנע קריטעריעס זײַנען געווען. אָבער ער איז אַרויף אויפן וועג פון גרויסע ליטעראַרישע פּאַרמעסטן, ניט ווײַל אַ קריטישע פּען האָט עס אים אָנגעצייכנט, נאָר ווײַל אין זײַנע אָדערן האָט געשטראָמט שעפעריש בלוט. די אַ געבענטשטע קרעאַטיווע אימפּולסן האָבן אין די לעצטע צען יאָר באַרײַכערט אונדזער ליטעראַטור מיט די ווערק פון יהודה עלבערג (מ׳דאַרף נאָך צוגעבן דעם ראָמאַן, **קלמן קאַליקעס אימפּעריע**, 471 זז׳, וואָס איז אַרויס אין 1983).

צו ערשט האָט יהודה עלבערג געמוזט אַרויסברעכן פון זיך דעם בלינדן שטורעם און אַרויסזיפּן די טרערן און דעם קאָשמאַריקן פּײַן, וואָס ער האָט אַבסאָרבירט במשך די געטאָ־יאָרן. דאָס צו קענען טאָן האָט ער געמוזט רעס־

טאָוורירן דעם ייִדישן נעכטן, די גוטע און אויך שלעכטע, די שיינע און אויך מיאוסע ייִדישע וועלטן. די אַ וועלטן האָט ער מיט קינסטלערישער קראַפט צוריק אויפגעשטעלט אין זײַנע דערציילונגען און ראָמאַנען, אָנגעפילט מיט ייִדישער לופט, מיט העלדן און פּערסאָנאַזשן, מיט האַנדלונגען און פּאַרקומענישן. אַלץ איז אינטערעסאַנט, דינאַמיש אָנגעגאָסן מיט וויטאַלע זאַפטן פון ייִדישן לעבן פון איידער קאַטאַקליזם, בעת דעם פינצטערן געטאָ־פּעריאָד, ביז צום הײַנטיקן טאָג.

פון די ברייטע ליטעראַרישע לײַוונטן שײַנט אַרויס דאָס אָריגינעל־שאַפערישע פּנים פון יהודה עלבערג, צי ער מאָלט פּערזענלעכע דערפאַרונגען, ביאָגראַפישע פּרקים, צי פאַנטאַזיע. אומעטום ליכטיקט דער פענאָמען פון אַ שאַפעריש־פּראָדוקטיוון טאַלאַנט, וואָס האָט זיך אײַנגעמאַשטשעט בכבודיק און שטיל בײַ זײַן אייגענעם ליטעראַרישן שטענדער. פון זײַן סאַמע אויפטריט אויף דער ייִדיש־ליטעראַרישער בינע — 1951 — האָט ער צעאַקערט ברייטע פעלדער פון דער פּראָזע־קונסט — ראָמאַן, דערציילונג, מעשה, רעפּאָרטאַזש א״א. זײַנע ווערק, ווי דערמאַנט, האָבן באַהאַנדלט גוט־באַקאַנטע קריטיקער און שרײַבער, קומט אויף דער ספק אַז אפשר איז איבעריק נאָך אַן אָפּשאַץ, ווײַל נאָך אַלעמען קומט דאָך יעדע קריטעריע צום זעלבן אמת, אויב אָפילו ער ווערט איבערגעחזרט.

ב

וויל איך דאָ, און כ׳פיל אַ שטאַרקן חשק אַרויסצורופן דעם עכאָ, וואָס יהודה עלבערג, דער מענטש און זײַנע ווערק, האָט אין מיר אַרויסגערופן. צו ערשט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר דעם מענטש, נאָך איידער כ׳האָב געלייענט אַ שורה פון זײַנע שאַפונגען. און דער צוזאַמענטרעף מיטן יוצר, נאָך פאַרן באַקענען זיך מיט זײַן יצירה, האָט אין מײַן האַרצן איבערגעלאָזן אַ ליכטרעפלעקס פון זײַן פּערזענלעכקייט, וואָס זײַנע פונקען וועלן ניט אַזוי גיך פאַרגיין.

פּאַסירט האָט עס אויסטערליש, כמעט ווי אין אַ מעשה — איז מעשה שהיה: אין אַ פרײַטיק פאַר מיטאָג, אין אַ גאָלד־זוניקן יאָהאַנעסבורגער טאָג, האָט זיך אַרײַנגעשטעלט צו מיר אין ביוראָטיר (כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען, חוץ רעדאַקטאָר פון דרום־אַפריקע, אויך גענעראַל־סעקרעטאַר פון ד״אַ ייִדישע קולטור־פעדעראַציע) אַ מאַן, מיט אַ ליכטיק פּנים און צעשמייכלטע אויגן. ס׳האָט געשטראַלט פון אים אַזאַ אָפענע גוטמוטיקייט, אַז ס׳האָט מיך אַ הייב געטאָן פון שטול, הינטערן שרײַבטיש, און כ׳בין אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

— שלום־עליכם, — האָט ער געטאָן אַ פאַר טריט אין צימער אַרײַן, — אָנגעקומען בין איך דאָ מיטוואָך, פון ראַדעסיע, אָבער ביז הײַנט ניט געהאַט אַ רגע צײַט זיך אַרויפצוכאַפּן צו אײַך. משפחה... מײַן נאָמען איז יהודה עלבערג. איר האָט מסתמא ערגעץ באַמערקט אַזאַ נאָמען, — האָט ער באַשיידן צוגעגעבן.

— אַוודאי, אומעטום באַמערקט מען דעם נאָמען. אַרום אײַער בוך, אונטער

קופּערנע הימלען, האָט זיך דאָך אַזוי פיל געררודערט. כ׳האָב געלייענט אַרטיקלען וועגן בוך, אָבער דאָס בוך קיין מאָל ניט געזען...

ער האָט שוין פון ערגעץ געוואוסט ווער איך בין. אָבער גראָד יענעם טאָג בין איך געווען אין אַ דעפּרימירטער שטימונג, האָט ער עס אַ פּנים תיכף דערפילט און אָנגעשלאָגן אַ וואַרעמען טאָן. ס׳האָט זיך געפילט אַ הברישע נאָענטשאַפט, און כ׳בין געווען פאַסצינירט ווי אין אַ קורצער ווײַלע איז דער מענטש געווען ביכולת אויפצובויען אַ פרײַנדלעך צוטרויליכע אַטמאָספער. דערוואוסט זיך, אַז ער בלײַבט בלויז ביז איבער שבת, מאַנטיק פרי פליט ער קיין ישראל, האָב איך אים געבעטן זײַן מײַן אורח, אויף שבת. ער האָט צוגעשטימט, נאָר ער דאַרף די צײַט פאַרטיילן, ווײַל ער איז געקומען צו אַ קוזינע וואָס ער האָט אַ סך יאָרן ניט געזען, לסוף האָט ער מסכים געווען צו מײַן בקשה: ברענגען אַ גרוס, בצורת רעפעראַט, צו די עטלעכע היגע שרײַבערס און עקזעקוטיוו פון קולטור־פאַרבאַנד, און דער איינציקער פרײַער אָוונט איז הײַנט.

כ׳האָב זיך תיכף צוגעזעצט צום טעלעפאָן און זיך צוזאַמענגעקלונגען מיט אַ דרײַ־פיר מנינים ייִדן. צוזאַמענגעקליבן האָט זיך אַ גאָר היפשער עולם, וואָס האָט דעם צוזאַמענקום פאַרוואַנדלט אין אַ גײַסטיקן עונג־שבת. יהודה עלבערג האָט מיט פאַרטיפטע רייד געגעבן אַן עקסקורסיע אין עולם המחשבה, פאַרבראַקט מיט וויסן און תורה. ער האָט גערעדט וועגן ייִדישקייט, פעלן פון חינוך און טראַדיציע, וועגן אַסימילאַציע, אָפּגעפרעמדקייט, געמישטע חתונות. ער האָט אין קרוב א פאָר שעה אַנגערירט דעם גאַנצן קנויל פּראָבלעמען, וואָס האָבן באַ־שעפטיקט אַ ייִדישן שעפערישן מענטשן און ייִדישע קולטור־טוערס אין יענע טעג.

דאָס איז געווען אַ גײַסטיק ייִדישע עקספּאָזע מיט נאַציאָנאַלע אונטערטענער, מיט אַנאַלאָגיעס פון דער אַלטער היסטאָריע און פון דער חורבן־עפּאָכע. איך געדענק די אײַנגעהאַלטענע שטילע רייד, כמעט דרשהדיק, אָבער מיט פּרעציז פאָרמו־לירטע געדאַנקען.

אויף מאָרגן, ווען יהודה איז געווען אונדזער גאַסט, האָבן מיר געהאַט גענוג צײַט צו שמועסן, אים ווידער הערן, ביחידות, מער אינטים. פון יענעם צוזאַמענ־טרעף, אין מיטן מײַ 1970, האָב איך ניט געקענט פאַרגעסן דעם מ ע נ ט ש יהודה עלבערג, איידער נאָך כ׳האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט זײַן שאַפן. און אַז כ׳האָב עטלעכע יאָר שפּעטער זיך נענטער ב אַ ק ע נ ט אויך מיטן שרײַבער, איז פאַר מיר נתגלה געוואָרן אַן אינטעגראַלע פּערזענלעכקייט פון מענטש־און־שרײַבער. איך האָב אין דער אַחדות געזען די אוניקאַלע מזיגה, דעם סינטעטישן צוזאַמענשמעלץ פון הומאַניזם און שאַפערישקייט. לפי־דעתי שטעלט מיט זיך יהודה עלבערג פאַר אַ מין גאָלדענע מאַרקע, וואָס פון ביידע זײַטן מטבע קוקט אונדז אַנטקעגן דאָס איין און זעלבע פּערפעקציאָנירטע פּנים פון דעם מאַן, וואָס אויך זײַנע ווערק זײַנען דערפירט צו שלמות.

ג

אַ שלמותדיק ווערק איז אַזאַ, אין וועלכן דער שאַפער קען זיך אַריינלעבן ניט נאָר אין די אַנטוויקלונגען און האַנדלונגען, נייערט ער פאַרמאָגט אויך די סגולה זיך אַריינצוועבן מיט נשמה־פעדעם, מיט זיין פסיכישן מהות אין די גע־שטאַלטן פון זיינע העלדן, ווערן אַ טרעגער פון זייער אימאַזש. אַזאַ מין הינטער־קוליסן־אידענטיפיקאַציע דערשפּירן מיר, ווען מיר קומען אין באַריר מיט דער גאַלעריע פאַרשוינען פון עלבערגס דערציילונגען און ראָמאַנען — ער רעדט פון זייערע ליפּן און פילט מיט זייערע הערצער. דאָס הייסט, אַז זיי לעבן ניט אויסער אים, נאָר זיינען לעבעדיקע אינדיווידן אין אים, אפשר ריכטיקער — מיט אים. מיט אים — ווייל זיי זיינען עס די מיטשפּילערס זיינע, וואָס ער פירט זיי אַרויף אויף דער אַרענע פון לעבן און רעזשיסירט "זיי". ניט אומזיסט האָט מען אינסצענירט און אויפגעפירט, מיט דערפאָלג, זיינע אַ דערציילונג, אויף דער יידישער בינע, ווייל זיינע העלדן זיינען אַקטיוו, וויטאַליסטיש, אָטעמען דאָס לעבן פון קונסט, פון בינע, וואָס אויך דער מחבר שפּילט אויף איר.

די אַ מיליע פונעם עלבערג־אַנסאַמבל און אויך זייער נאַטור, וואַקסט אַרויס, גייסטיק און פיזיש, פון אַ באָדן וואָס פון אים זויגן זיי זייער חיות. ס'איז דאָס חיות מיט וועלכן ער אַליין איז אָנגעזאַפּט. די מיינסטע העלדן האָט ער אויס־געשניצט פון אייגן בלוט און פלייש. לאָמיר אַ קוק טאָן אויף זיינע צוויי ערשטע ביכער, בלויז זייער פּנים זאָגט עדות אויף דעם קשר מיט יידיש־גייסטיקע ווערטן און מיט פאָלקישער מסורה. שוין מיט זייערע סימבאָלישע טיטלען, טראָגן אונדז די ביכער צו דאָס שליחות פון מחבר און די אידעאיש־נאַציאָנאַלע ערכים, וואָס זיינען אויסגעדריקט אין זייער תוך: **אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט**, איז גענומען פון אַ פסוק אין משלי: "און דו וועסט זיין ווי איינער וואָס ליגט אין מיטן ים / ווי איינער וואָס ליגט אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט". די קאָלירקע קינסטלערישע הילע רעפלעקטירט אין איר צייכענונג דעם אַ געדאַנק. אין דער צווייטער פאַרביקער הילע, גאָלדיקן אונטער דעם אַזשוריק־וואָלקנדיקן הימל **צעוואָרפענע זאַנגען** (טיטל פון בוך), אַ סטראָפע פון אַ פּיוט פון ר' יהודה הלוי.

דעם ראָמאַן, **אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט**, האָט יהודה עלבערג דערפירט ביז צום קלימאַקס, וואָס קומט אין דראַמאַטישן קורצן עפּילאָג. דאָ ווערט אויסגעקלאָרט די קאָנצעפּציע פון יידישן אומקום און אויפקום, פון חורבן און גאולה, פון וואַרשע און ישראל. די בריחה־שיף פירט די שארית־הפליטה־יידן, וואָס זיינען אַדורך אַלע שבעה מדורי גיהנום, צו זייער ניי־אויסגעחלומטער היימלאַנד: ישראל. ווידער ווערט פאַרחתמעט מיט בלוט דער בונד אויף דער שוועל פון לאַנד, ווען אין דער זעלבער צייט ווערט, ווי אַ סימבאָל, געבוירן אַ קינד: "זיין צע־שליסענער גוף (איז) געלעגן אונטער אַ צעשאָסענעם מאַסט, און אין אַ צעלעכערטער קאַיוטע אין בויך פון דער שיף איז צו איר געבוירן געוואָרן אַ נייער זון". דער

נסימדיקער גאַנג פון יידישן פאָלק, וואָס וואַקסט ווידער אַרויס פון אַש. דאָ ווערט דער גורל פון ייִנגל יאָסל סאַמע יידישע רעאַליסטיק, ווײַל זײַן גײַסט שוועבט איבערן מאַסט פון אַ שיף, וואָס רודערט צום פאָלקס גאולה, די שורות זײַנען אײַנגעקריצט ווי ציטעריקער שריפט אין פײַערדיקע פאַרמעטן.

ס׳איז די מגילה וואָס וויקלט זיך אויס מיט דראַמאַטיש־פאַרכטיקן סוף, און בליצט אַרײַן מיט ליכטער פון אָנהייב. דאָס געפלעכט פון האַנדלונגען פילט אויס די קינסטלערישע גאַנצקייט פון דעם ווערק. לייענענדיק ווייל מען פילן די גלייבהאַפטיקייט פון די געשעענישן. ווי זיי וואָלטן זײַן אויטענטיש. אָבער סײַ ווי האָט יהודה עלבערג פאַראַנקערט אין דער פיקציע דעם לויטערן קינסטלע־רישן אמת.

אין זײַן אַרײַנפיר צום ראָמאַן שרײַבט אליעזר וויזל — און זײַן אויטאָ־ריטאַטיווע מיינונג איז חשוב —: ״אַז אַ דאַנק דעם מחבר יהודה עלבערג האָט דאָס וואָרשעווער געטאָ ענדלעך געפונען זײַן ראָמאַניסט״. און לאָמיר דערבײַ ניט פאַרגעסן, אַז די הסכמה קומט נאָך די גרויסוואָגיקע און גרויסמאַסיקע נאָוועלעס פון לעאָן יוריס. מיר ווילן דאָ אַוודאי ניט ציִען קיין אַנאַלאָגישן פאַראַלעל צווישן די צוויי נעמען, אָבער יהודה עלבערג האָט מיט אַלע זײַנע יידיש־גײַסטיקע פילונגען און קרעאַטיווע אימפּולסן אַריבערגעשפּאַנט דעם בויגן פון יידישן גורל איבערן געטאָ ביז צו דעם שפּיץ פון מאַסט, וואָס האָט זײַן ראָמאַן געגעבן דעם פאַרנעם פון אַן עפּאָפּעע פון דער צײַט. עס ברענגט אַרויס דעם סטיל, כאַראַקטער, דעם קאָלאָריט און פּאַטאָס פון דער קאַטאַקליסטישער תקופה. יהודה עלבערגס וואַרשע־ווער געטאָ איז אויסגעבעט מיטן אייגענעם ווייטיק און אויסגעגלעט מיט רחמנות־דיקע קינסטלערישע פינגער. ס׳איז אַ ווערק וואָס איז געשריבן על־פּי דער יידישער קלאַסישער פאָרמל: באַשטימונג, גורל, יסורים, מיצוות און מעשים. און דער מחבר האָט אין אויג צוויי אימפּעראַטיוון: דעם עטישן חובות־הלבבות און די קינסטלע־רישע דימענסיע.

ד

פון בוך דערציילונגען, **צעוואָרפענע זאַנגען**, ווילן מיר נעמען די טיטל־דערציילונג, די צווייט־קלענסטע, און די גרעסטע: **אַ מענטש איז נאַר אַ מענטש**, וואָס איז אויך אַרויס אין בוך־פאָרעם, פאַרגרעסערט, און מיט נאָך הויפּט־כאַראַקטערן, יענטאַ, און די עלטערן פון די צוויי ברידער.

יהודה עלבערג האָט אַ וואונדערלעכן אַבסאָרביר־אַפּאַראַט, אין האַרץ־און־אויג, וואָס כאַפּט אויף מיט איין מאָל אַלע גאַמעס פון דער לעבעדיקער וועלט: מענטשן, נאַטור, קאָלירן, שטימונגען. ער זעט זיי, פילט זיי, און פילטרירט דורך דורכן נאַראַטיוו פון זײַנע דערציילונגען זייערע דינסטע ניואַנסן. ער קאָנסטרואירט בלויז דעם מאָדעל, וואָס איז צוגעשניטן נאָך זײַן האַרץ און אויג, און דערפאַר

זײַנען די דערציילונגען אמתדיק, וואָרצלדיק, ווײַל זיי האָבן די מאָס פון עכטקייט. דאָס איז די מאָס פאַר זייערע אַקציעס, רעפלעקסן, שטרעבונגען, וואָס בלײַבן אין מענטשלעכן גבול.

די האַנדלונג וואַקסט אָן, פאַרפּלאָנטערט זיך און קניפּט צוזאַמען די געשעענישן. דער פּסיכאָלאָגישער פאָקוס איז כסדר אָנגעשטעלט אויף די העלדן. אויך סעקס־סצענעס, אין היפּנאָטיזירנדיקן מאָדוס, אָבער ניט צו שאַרף, טוען פון צײַט צו צײַט אַ ברען די חושים. פאַראַן דער פאַרווײַלערישער עלעמענט, וואָס טראָגט אונטער פאַרציעס הנאה דעם לייענער, און מ׳קאָן געניסן אַ יהודה עלבערג־דערציילונג מיט אַפּעטיט. דאָס אַלץ איז חצוניות, דער בגד, — אינהאַלט, סטיל וכדומה, — די פּנימיות, די נשמה פון אַ דערציילונג, איז שוין אין גאַר אַן אַנדער דימענסיע. אין **צעוואָרפענע זאַנגען**, וואָס טראָגט דעם באַשיידענעם אונטערקעפּל "רעפּאָרטאַזש", דערהערן מיר דעם אויטענטישן איך־קול פון מחבר, וואָס עפּנט אויף אַ פּאָר בלעטלעך אין לוח פון די ערשטע שארית־הפּליטה־יאָרן. דער רעפּאָרטאַזש רעדט מיטן קול פון דער צײַט, און ס׳קומען אויף פּלאַסטיש די מענטש־זאַנגען אויפן אָפּגעקאָסעטן פעלד פון ייִדישן לעבן. כ׳געדענק אַליין יענע צײַט און איך זאָג עדות, אַז ס׳איז טרײַ, און פײַן ליטעראַריש רעקאָרדירט. אפשר צוליב מאַכן עס אויטענטיש האָט דער מחבר עס אָנגערופן רעפּאָרטאַזש. ס׳איז אַן אומעטיקע מעשה פון נאָכחורבן, מיט אַ סך רירנדיקע עפּיזאָדן, וואו אַ גוי־פאַרשטעלטער ייִד וויל ניט ווערן צוריק אַ ייִד, אָבער די אַטאַוויסטישע וואָרצלען זײַנען גובר זײַן רצון און ברענגען אים נאָך ווײַטער — ביז קידוש־העם. דער מוסר־השכל: די ייִדישע ירושה־אָנגעהעריקייט איז אַפילו דער חורבן ניט בכוח געווען הרוב צו מאַכן.

ה

אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש גליטשט זיך אַוועק פון דער חורבן־טעמאַטיק און גייט אַריבער צו אַמעריקע און ישראל, הגם די כאַראַקטערן געהערן צו דער היימישער סביבה. דאָס איז אַ ראָמאַן פון אַן אַסימילירטן מיטליאַריקן ייִד, וואָס געפינט זיך אין אַ כסדרדיקער פּאַסיע. דער גאַנצער ראָמאַן איז ווי אַ לאַנגע סעריע פון פּסיכאָאַנאַליטישע סעאַנסן, וואָס דער העלד פּירט אויס איבער זיך, ווי זײַן אייגענער פּסיכיאַטער. זײַנע אַלע דערמאָנונגען, חלומות, פּלאָנטערנישן מיט זיך און מיט משפּחה, אָפּגעשלאָסנקייט, ליבע־קאָמפּלעקסן, געקויפטע ליבע, קינאה און שינאה, ייִדישע קאָמפּלעקסן און אַנדערע פון דעם מין, איז דער אַקס אויף וועלכן ס׳דרייט זיך דער סיפּור־המעשה. און מ׳דאַרף צוגעבן, אַז עס איז אינטע־רעסאַנט, פאַרוויקלט, מיט קלוגער אײַנפּאַלערישקייט און במילא שפּאַנענדיק. צו מאָל איז עס אַפילו, ווי די שרײַבערישע מליצה גייט, אָטעם־פאַרכאַפּנדיק, בפרט ווען ס׳קומען אַרײַן אַזעלכע פילם־קאָמפּאָנענטן, ווי שפּיאָנאַזש, ליגן, פאַרראַט. דאָס איז אַ גרויסע טעמע, וואו ס׳איז נייטיק חוץ טאַלאַנט אויך היפּשע דאָזעס פון

וויסן און פֿאַנטאַזיע. די קאָנסטרוקציע איז ניט ווייניק קאָמפּליצירט, אָבער יהודה עלבערג זעט אויס, איז אַ מאדים אויך אין דעם כּמו קרימינאַל־ראָמאַן זשאַנער און ער ספּראַוועט זיך מיט אַלע פּראָבלעמען.

אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, איז דער שטאָפּל אויף וועלכן דער דאָזיקער מענטש שטייט. גייט ער איין שטאָפּל אַרויף, צי איינעם אַראָפּ, צי גאָר אַ שריט אַן אַ זײַט, „געפּינט" ער אַליין אין זיך אַזאַ שטויסקראַפֿט, וואָס ברענגט אים צו זײַן פּריִערדיקער מדרגה. ער לעבט אין יחידות, פֿאַר זיך און וויל אַזוי בלײַבן, הגם ער קלאָגט אויף דעם. זײַנע אַלע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן, זײַנע אַלע אײַנגערעדטע און אמתע קרענק, היט ער נאָר ווי מאַראַלישע נאַרמעס אויף צו פּרוּוון זיך און די געזעלשאַפֿט. דאָס זײַנען אַלע קרומע מאָסן פֿון קאָמפּלעקסן. פֿון דעם קומט זײַן זעלבסטמיטלײַד, זײַן נעגאַטיוויזם, זײַן פּטרן כּוחות און צײַט אויף אַלע הין־און־הער־ספּעקולאַציעס, וואָס ער פּירט. אָבער ער קען זיך ניט אַרויסרײַסן פֿון פֿאַרשאָלטענעם קרײַז. ער איז ניט קיין שוואַכלינג, די צרה איז וואָס ער פֿאַרמאָגט אַ נשמה. ער ראַנגלט זיך אויך מיט זײַן ייִדישקייט־ירושה, אָבער ער בלײַבט נאָר אַ מענטש...

מיר האָבן דאָ געגעבן אַ ברייטערן אַנאַליז פֿון הויפּטהעלד, וואָס טראָגט אויס די לאַסט פֿון גאַנצן ראָמאַן. לפֿי־דעתי איז דער ראָמאַן אַ קינסטלעריש רעאַליסטישער דערגרייך פֿון דער הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק. יהודה עלבערג זוכט ניט צו לייזן די סודותדיקע פּסיכאָלאָגישע ראַנגלענישן פֿון זײַן העלד. ער לאָזט אים גיין זײַן וועג, וואָס איז אויך דער נײַער שאַפֿערישער וועג פֿאַרן מחבר. מיט דעם ווערק האָט יהודה עלבערג אָנגעצייכנט אַ נײַעם שטריך אין זײַן קינסטלערישער פֿיזיאָנאָמיע. די אַלע ווערק, ביז הײַנט, עפֿענען פֿאַר אים אַ טויער צום ברייטן וועג פֿון גרויסער ליטעראַטור.

1983

מרדכי שעכטער

זײַן בײַשטײער צו אונדזער לשון

1. אויסלייג

סאַראַן עוואָלוציע, טאַראַן איכותדיקע עליה האָט זיך פֿאַרלאָפֿן פֿון די פֿריאיקע ווערק זײַנע ביז די שפּעטערדיקע! למשל: אין אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט (1974) זײַנען אַדווערבן טאַקע נאָך אויסגעלייגט אין איינעם („איינדערהיים", „איינגאַנצן", „איינ־מיטן", „פֿאַרטאָג" א״אַ) בהסכם מיטן גאַנג פֿון דער דײַטשער און רוסישער אָרטאָ־גראַפֿיע. אין אַלע שפּעטערדיקע ווערק (קלמן קאַליקעס אימפּעריע, אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, מעשיות, אין ליימענע הײַזער א״אַ) זײַנען אָבער די אַדווערבן שוין אויסגעלייגט בהסכם מיט די תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג (דעם „ייִוואָ־אויסלייג"), וואָס זיי שפּיגלען דאָך אין דעם פּרט אָפּ אַ טויזנט־יאָריקע טראַדיציע, וואָס זי איז אָנהייב 20סטן י״ה איבערגעריסן געוואָרן אויף דרײַ צענדליק יאָר, ביז די תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג האָבן רעסטאַווירט די דורותדיקע שרײַב־מסורה: אַדווערביעלע פֿאַרבינדונגען — באַזונדער.

אַזוי אויך בנוגע די דיאַקריטישע סימנים. פּשוט: ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע און במילא ייִדיש לשון איז בײַ עלבערגן נישט קיין הפקר — אויב די תּקנות הייסן ניצן אַ, אָ, כּ, וּ, ײַ אאַז״וו, ניצט ער זיי, בלי־קונץ ובלי־דריי, אַן טענות און אַן מענות, און אויב סע פֿעלט די רפֿה איבער דער פֿא אָדער בית, איז עס נישט ווײַל דער בעל־מחבר וויל נישט. שולדיק איז דער פֿאַרלאַג. טייל ווערק, אַ שטייגער, צעוואָרפֿענע זאַנגען (מאָנטרעאָל, 1976), זײַנען אין פּרט פֿון דיאַקריטלעך („נקו־דות") אָן אַ פּגם: אויך בֿ, פֿ און שׂ זײַנען דאָרטן דאָ, שוין אָפּגערעדט פֿון די אַנדערע (וּ, ײַ וכּו'). אין פּרט פֿון שטעלן די נייטיקע דיאַקריטלעך איז ייִדיש אין צעוואָרפֿענע זאַנגען אַ קולטורשפּראַך — נישט ערגער פֿון פֿראַנצייזיש, וואו קיין בעל־מחבר צי פֿאַרלאַג וואָלט זיך נישט דערוועגט אַרײַנצוגיין אין דרוק אָן די פֿראַנצייזישע דיאַקריטלעך: ê, è, é, ç א״אַ, און קיין פּוילישער בעל־מחבר צי פֿאַרלאַג — אָן ą, ę, ć, ż א״אַ.

אויך אַזוינע צײַטונגדיקע היפּערקאָרעקטקייטן ווי „אויוועלע", „בוימל" (דימי־

דערשינען אין „אויפֿן שוועל" — יאַנואַר־מערץ 1988.

נוטיוו פון בוים) פון די פּריאיקע ווערק זײַנען אין די שפּעטערדיקע אווּעקגעקומען, פֿאַרביטן געוואָרן אויף אײַוועלע, ביימל. אונדזער בעל־יובל ווייסט וואויל, אַז לעבן הייסט וואַקסן, הייסט כסדר לערנען, אַז קאַטשערגינסקיס "יונג איז יעדער ווער ס'וויל נאָר", וואָלט געווען מער קרוב־לאמת פֿאַראַפֿראַזירטערהייט: יונג איז יעדער, ווער סע לערנט זיך.

דײַטשמעריזמען. אויך דאָ איז ניכר אַ ממשותדיקער פּראָגרעס. אין זײַן אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט קומט עלבערג נאָך אָן צו די דײַטשמערישע "געפֿאַר" (למשל: ז' 26), "לויערן" (ז' 26); אין די שפּעטערדיקע ווערק — די אמת ייִדישע סכנה, לאָקערן. דער ווערטער־אוצר אין די נײַסטע ווערק זײַנע באַנוגנט זיך מיט דער־גרייכלעך, מוטיקן, אָפּמוטיקן, דערוועגן זיך, שאַלטעווען און געוועלטיקן, קומען מיט אַ וויזיט, קעמערל, אַנזאָרגעוודיק, צײַטיק, און קומט זייער גוט אויס אָן "דערגרייכבאַר", "(ד)ערמוטיקן", "אַנטמוטיקן", "וואַגען", "הערשן", "באַזוכן", "צעל(ע)", "זאַרגלאָז", "רײַף".

און אַט האָט אין 1938 אַ לייענער, אינעם וואַרשעווער זשורנאַל ייִדיש פֿאַר אַלע (פּובליקאַציע פֿונעם ייִוואָ, רעדאַקטירט פֿון נח פּרילוצקי), פּירגעלייגט מע זאָל דעם פֿאַלאַניזם "עלעקטראָווניע" פֿאַרבײַטן אויף אַן אייגענער, ייִדישער שאַפֿונג: עלעקטרײַ — אַ רינגל אין דער קייט בעקערײַ, גאַרבערײַ, שערערײַ — און נאָך און נאָך, אַ פּלאַץ וואו עפּעס ווערט געטון, פּראָדוצירט. אוריאל ווײַנרײַך האָט דעם טערמין עלעקטרײַ רעקאָמענדירט אין זײַן ווערטערבוך און יהודה עלבערג האָט עס אינקאָרפּאָרירט אין זײַן ווערטער־אוצר און אַ סך מאָל געניצט אין קלמן קאַליקעס אימפּעריע. אַגב האָבן מיר אַזאַן אייגענע, ייִדישע נײַ־פֿורעמונג אויף ־ערײַ, דהײַנו פּולווערײַ (טײַטש 'פּולווער־פֿאַבריק'), געפֿונען בײַ משה שולשטיין: "מאָרגן קען מען מיך שיקן אין אַ פּולווערײַ, וואָס איז דער צילפּונקט פֿון שונאס אָוויאַציע").

2. דער שפּראַכיקער בעל־מחדש

עלבערג קוויקט זיך מיטן עשירות פֿון מאַמע־לשון. ער טייעט אָן אי פֿונעם בקבלה איבערגענומענעם שפּראַכוואַרג, אי פֿונעם נײַוואַרג, וואָס אָדער ער לערנט עס אָפּ פֿון אַנדערע — די גאָלדענע קייט פֿון שפּראַך־שאַפֿערישקייט — אָדער ער שאַפֿט עס אַליין. אַז ער נעמט עפּעס איבער, איז עס אָבער נישט בעל־כרחו, ווײַל די סטיכיע פֿון דער שפּראַך־אַנטוויקלונג נייט אים דערצו (אַט ווי יעקב רײַך, בשעתו, האָט "אונטער פּראָטעסט" אויפֿגעהערט צו ניצן "דיזע"). נײַן, עלבערג, אַז ער איז מחדש זײַן לשון, איז מיט חשק, מיט פֿרייד, מיט אַלע רמח אברים.

נישטאָ בײַ עלבערגן די נעאָלאָגאָפֿאָביע וואָס בײַ טייל אַנדערע ליטעראַטן, דערעיקרשט זשורנאַליסטן אָדער שרײַבערס מיט אַ זשורנאַליסטישן סטיל. צי סע זײַנען זײַנע אייגענע נײַ־פֿורעמונגען, צי איבערגענומענע פֿון אַנדערע, אַזוי צי אַזוי

שטויסן מיר זיך כסדר אָן בײַ אים אין אַזױנע גראַטענע צונױפֿהעפֿטן װי אַקופּיר־מאַכט, קאַפּיטוליר־דאָקומענט, פֿילטריר־סטאַציע, פּאַרטײדיק־פּאָזיציעס, באַשולדיק־באַנק, שיץ־אינסטינקט און נאָך און נאָך (דערעיקרשט אין צװישן מאָרגן און אָונט).

י. עלבערג קװענקלט זיך נישט צו ניצן סובסטאַנטיװן שטאַם־דעריװאַטן: דער פּאַרװער, דער איבעראַש, דער פּאַרבינד („דער פּאַרבינד מיט „װאַרשע"), דער לונגען־אָנצינד א"אַ. צװישן די שפּראַכיקע בײַשפּונגען, װאָס קערן זײַן עלבערגס, איז אױך דער װערב פּאַמעלעכן, אַ קריק־פֿורעמונג פֿון פּאַרפּאַמעלעכן.

אַזױ בײַ נעאָלאָגיזמען, אַזױ בײַ אַרכאַאיזמען. נעמט אַזאַ אַלט װאָרט װי אורטל (יאָ, אורטל, נישט דאָס דײַטשמערישע „אורטײל"). אורטל קומט קאַפּױער נאָך העט װען: אין מגילת־װינצ, פֿון זיבעצעטן יאָרהונדערט. אין אונדזערע טעג האָט אוריאל װײַנרײַך אין זײַן װערטערבוך עס געפּרוװט באַנײַען, אין אײנעם מיט אַ פּאַריִדישונג פֿון „פּאַראורטײל" און „פּאַראורטײלן", דהײַנו פּאַראורטל און פּאַר־אורטלען. די מײנסטע שרײַבערס האָבן אוריאל װײַנרײַכס רעקאָמענדאַציע לעת־עתה נישט דערזען (אָדער נישט געװאָלט אָננעמען?), אָבער י. עלבערג און הירש אַשעראָװיטש, װי אױך ס'ײַנגערע דור שרײַבערס, האָבן יאָ דערזען אוריאל װײַנרײַכס רעקאָמענדאַציע און זײ ניצן אורטל, פּאַראורטל (prejudice), פּאַראורטלען (פּאַר־מישפּטן). כאָטש היסטאָריש זײַנען אָט די װערטער באַנײַטע אַרכאַאיזמען, זײַנען זײ אָבער אין דער בחינה פֿון נעאָלאָגיזמען.

3. דער באַהאַרצטער זוכער פֿונעם לשונדיקן עכטקײט

י. עלבערג גריבלט זיך אין אַלטע ספּרימלעך און פּרוּװט זיך דערמאָנען, װי אַזױ האָבן לאַנגסטיקע ייִדן גערעדט און געשריבן מאַמע־לשון. און ער האָט אַ גוט אױער פֿאַרן ייִדיש שבעל־פּה.

דער װאָס שרײַבט די שורות קװעלט אָן פֿון עלבערגס אומעטימאָלאָגישן שרײַב־אופֿן פֿון די ייִדישע נעמען: שיִע (= יהושע), קיװע (= עקיבא), װורום (= אַברהם; די פֿאָרמע איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מערב־פּױלן און אין דרוק איז זי שכיח נאָר בײַ עלבערגן). בכלל האָט ר' ייִדל נישט מורא צו איגנאָרירן דעם עטימאָלאָגישן פּרינציפּ פֿון דער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע כדי צו דערכאַפּן אַ ספּעציפֿישקײט, אַן אײגנקײט פֿון מאַמע־לשון. קומט אים דערפֿאַר אױך אַ יישר־כּוח.

אַװדאי און אַװדאי מוז אַ פֿילאָלאָג אַ ספּעציפֿיסט און שפּראַכפֿאָלקיסט אָנטײען פֿון עלבערגס ניצן די אמתע ייִדישע ערטער־נעמען: אונגערן (מיט עין), לעמבעריק, דװאָרט (מיט אַ קמץ; אױף פּױליש: „װאַרטאַ"), לװױטש, סאַנדער (= אַלעקסאַנ־

דער, ״דער סאַנדערער רבי״), **לעוועריטעוו** (אויף גויִיש: ״לובאַרטאָוו״), **יוזעפּעוו, באַסאַראַביע** א״אַ.

עלבערג האָט נישט קיין ״מורא״ צו ניצן די בכתב זעלטענערע ווערטער. ער גייט אַוועק פֿון די וואַריאַנטן, וואָס זיי זײַנען נענטער צו די רויוואַרגשפּראַכן, ד״ה די לשונות וואָס פֿון זייער שפּראַכיקן רויוואַרג האָט זיך אויסגעפֿורעמט מאַמע־לשון (דײַטשיש, פּויליש, לשון־קודש אאַז״וו). ער קערט זיך צו די פֿאָרמעס, וואָס זיי זײַנען אַ רעזולטאַט פֿון אַן אינעווייניקסטן אַנטוויקל־פּראָצעס אין דער יִידישער שפּראַך גופֿא. ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, זײַנען, למשל, **פֿינף** און **פֿינפֿט** זיכער קאָרעקט יִידיש, אָבער פּאָרט זײַנען **פֿינעף** (מיט אַן ע) און **פֿיפֿט** (אָן דעם נ) מער כאַראַקטעריסטיש יִידיש אין פֿאַרגלײַך מיט דײַטשיש, איז טאַקע עלבערג פֿון **פֿינף** (אין **צעוואָרפֿענע זאַנגען**, ז׳ 74 א״אַ) אַריבער אויף **פֿינעף** — אויסגעהאַלטן, צענדליקער מאָל **פֿינעף**. אַזוי איז ער אויך פֿון **פֿינפֿט** אַריבער אויף **פֿיפֿט**, פֿון **עלף** צו **עלעף**, פֿון **צוועלף** צו **צוועלעף**, פֿון **מילך** צו **מילעך**. בײַם שייכדיקן צאָלוואָרט האָט ער פֿון תּמיד אָן זיך נוהג געווען **צוואָנציק** (מיט אַ קמץ). אין זײַן **צווישן מאָרגן און אָוונט** קומט **צוואָנציק** קאָפּויער צענדליקער מאָל. אין די אַלע וואַריאַנטן־פֿאָרלעך איז דאָס ערשטע (**עלף, צוועלף, צוואַנציק** — מיט אַ פּתח, **מילך**) דאָס אומספּעציפֿישע, דאָס נענטערע צו דער רויוואַרגשפּראַך, ווי דאָס צווייטע (**עלעף, צוועלעף, צוואָנציק** — מיט אָ קמץ, **מילעך**).

צי ס׳האָט מכריע געווען דער פּרינציפּ פֿון מכּל מלמדי השׂכּלתּי, צי ס׳איז אַ רעזולטאַט דערפֿון וואָס אין משך פֿון די יאָרן האָט זיך בײַ עלבערגן דאָס שפּראַכגעהער פֿאַרשאַרפֿט, דער שפּראַך־חוש פֿאַראיידלט, צי בײדע זאַכן מיט אַ מאָל; ווי סע זאָל נישט זײַן: אין די פֿריִאיקע ווערק ניצט ער נאָך די פֿאָרמע ״אַכצנטער״, ״נײַנצנטער״, וואָס זיי געוועלטיקן עד־היום אין אונדזער לשון־שבכתב, כאָטש זיי האָבן נישט קיין אַחיזה אינעם לשון שבעל פּה, נישט אין צפֿון (ליטע) נישט אין דרום. אָבער אין די שפּעטערדיקע ווערק איז עלבערג אַריבער צו **אַכצעטער, נײַנצעטער** אד״גל, בהסכּם מיט דער סטיכיִע פֿונעם גערעדטן יִידיש.

דאָס צאַצקען זיך מיט סאַמעראָדנע יִידישע פֿאָרמעס איז נישט חל נאָר אויף די גערמאַניש־שטאַמיקע. אויך אינעם שפּראַכוואָרג וואָס סע וואַקסט פֿון לשון־קודש דאַרף אונדז דאָס עכט מאַמע־לשונדיקע זײַן טײַער. **בּכּלל** דאַרף בײַ אונדז זײַן בילעכער ווי **בּכלל**, ניצט עס טאַקע אונדזער בעל־יובל אין די אַלע ווערק, וואָס זיי האָבן זיך געדרוקט מיט די דיאַקריטלעך. פֿון שול ׳בית־הכּנסת׳ איז ער אין די נײַסטע 3־4 ביכער זײַנע אַריבער צו שיל, אָבער דאָ איז עס נישט אַזוי צוליבן ספּעציפֿיסטישן פּרינציפּ פֿון קולטיווירן דאָס אַנדערשקייט פֿון יִידיש, ווי איבערן דיפֿערענציר־פּרינציפּ, ד״ה צו קענען מבחין זײַן צווישן ׳בית־הכּנסת׳ (שיל) און בית־הספֿר (שול). שול פֿאַר בײדע איז דאָך גורם פֿון איין זײַט האָמאָנימישע פּלאָנטערס, פֿון דער אַנדערער זײַט — דײַטשמערישע פֿאָרמעס (״שוהל״, ״שולע״),

אָדער אַנגליציזמען (״סקול״), וגם האַלב קאָמישע צונויפהעפטן (״דאַונשול״, ״לערנשול״ א״אַ). איז טאַקע אַ גלײַכע זאַך צו מאַכן אַ חילוק צווישן שול (בית־הספר) און שיל (בית־הכנסת).

אַ שרײַבער מיט אַ שפּראַכיקן חוש־השמיעה ווייסט, אַז אין ערגעץ אין ייִדישלאַנד — נישט אין וואָלין, נישט אין ליטע און נישט אין פּוילן צי גאַליציע — זאָגט מען נישט **מען** פאַרן ווערב (בלויז נאָכן ווערב). כמעט אַלע שרײַבערס מיט אַן אויער פאַר לשון שרײַבן **מע**. און עלבערג איז נישט קיין אויסנעם: **מע האָט, מע דאַרף, מע דערקענט** וכדומה. זײַן אויער פאַרן לשון פון זײַן סביבה בונטעוועט זיך קעגן עטימאָלאָגישן איבערוויסיקייט. במילא שרײַבט ער די **נעוואָרעט** און נישט ״די וואָרהייט״ (אויב עמעץ ווייסט נישט: די **נעוואָרעט** איז דער פּויליש־ייִדישער סינאָנים פון דער **אמת**). ס׳וואָר, די **נעוואָרעט** קומט בײַ עלבערגן פיר נאָר אין דיאַלאָג, אָבער זאָל כאָטש זײַן אין דיאַלאָג, אויב נישט אינעם בעל־מחברס רייד ממש.

און אָט ניצט ער דאָס פּויליש־ייִדישע **פּאָדלעגע** (אַקצענטירט אויפן ערשטן טראַף), בשעת אַנגענומען איז **פּאָדלאָגע** (אַקצענטירט אויפן צווייטן טראַף). אַגב, דאָס סאַמעראָדנע פּויליש־ייִדישע איז **פּאָדלעקע** — מיט אַ קוף, אָבער דאָס וואָלט שוין אפשר געווען צו אומגעוויינטלעך פאַרן לייענער, צו אַן אומגעריכט שרײַבבילד.

אונדזער בעל־יובל איז נישט קיין בעל־פּחדן אויך בנוגע דער פּשוט־פאָלקישער פאָרמע **אַכטיק** געבן, וואָס כאָטש זי קומט פיר בײַ שלום־עליכם, איציק מאַנגער און משה קנאַפּהייס, איז זי אָבער פונדעסטוועגן אַ יקר־המציאותל, לכל־הפּחות אינעם שרײַב־לשון, וואו דאָס דײַטשישע Achtung גיט אַכטיק, הויערט איבער דער אַנטוויקלונג פון מאַמע־לשון. (אינעם גערעדטן ייִדיש, לכל־הפּחות אין דרום־ייִדיש, איז **אַכטיק געבן** זייער פאַרשפּרייט).

י. עלבערג איז אָבער נישט דײַקע אַ לאָקאַל־פּאַטריאָט, אַ בלינדער רעגיאָנאַלער לאָיאַליסט. אָט גילט אין פּוילן דער קאָנווערב **פּויער־** און אין דער אוקראַאינע **פּיר־** (ליטע האָט עס נאָר אין איין וואָרט: **פּירהויז**, אַרויסגערעדט /פּירעס/). **פּירברענגען**, **פּירזאָגן** און אַ סך אַנדערע ווערבן און סובסטאַנטיוון אויף **פּיר־** געפינט מען בײַ: מענדעלע מוכר־ספרים, שלום־עליכם, ביאַליק, שטיינבאַרג, משה־לייב האַלפּערן א״אַ. די שפּראַך־נאָרמירונג אונדזערע — פון שיִע־מרדכי ליפשיץ ביז אוריאל ווײַנרײַך — האָט פאַר דער קולטורשפּראַך רעקאָמענדירט **פּיר־**. איז טאַקע אַ נחת צו זען ווי עלבערג נעמט אָן באהבה, ניין: בענטוזיאַזם אָט די רעקאָמענדאַציע. אין זײַנע ווערק טרעפן מיר: **פּירלייגן, דער פּירלייג, פּירקומען, פּירלייענען, פּירשטאַט, פּירפּאַסטן**.

יאַ, שפּראַך־קסענאָפאָבן האָבן מורא פאַר נײַע ווערטער, אָדער ווערטער (צי גראַמאַטישע פאָרמעס), וואָס בײַ זיך אין דער היים האָבן זיי זיי נישט געהערט און דער הויפּט וואָס אין בלאַטצײַטונג האָבן זיי זיי נישט געזען. עלבערג איז פון

אַן אַנדער טייג געקנאָטן. אין אונדזער שפּראַך־אַרעמער און ־אומאויטענטישער פּרעסע האָט ער טאַקע דאָס וואָרט פּירלייג נישט געזען און אין דער היים האָט ער עס אויך נישט געהערט, אָבער ער איז פֿונדעסטוועגן גרייט איבערצונעמען דעם פּרעפֿיקס פּיר־, ער נעמט עס, הייסט עס, אָן, כאָטש אין זײַן היימישן לשון, אינעם פּוילישן ייִדיש (פּונקט ווי אינעם ליטווישן) איז עס נישט בנימצא.

פֿונעם ליטווישן ייִדיש, ווידער, האָט ער: **פֿאַזע**, **זאַלבע**..., **פֿונאַנדער**... א״אַ. ער שעפּט זיי טאַקע נישט דירעקט פֿונעם צפֿונדיקן דיאַלעקט, נאָר גיכער פֿון דער ליטעראַטור, אָבער אַ פֿאַקט איז עס: עלבערג איז איבערדיאַלעקטיש, איבער־רעגיאָנאַל.

און אַז ס׳איז שוין געקומען צו רייד דאָס אָפּנקייט צו כלערליי ייִדישן, איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז עלבערג ניצט פֿאַר elevator אי **ווינדע**, פֿונעם פּוילישן ייִדיש, אי **ליפֿט**, פֿונעם וואָלינער און ליטווישן.

אַ כאַראַקטעריסטישער פֿאַל פֿון האָבן אַן אויער פֿאַרן גערעדטן ייִדיש איז, אַ שטייגער, דער באַניץ פֿון צוז (דער וואַריאַנט פֿון דער פּרעפּאָזיציע צו פֿאַר געוויסע ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ וואָקאַל). ווי ס׳איז שוין אויסגעקומען אָנצוווײַזן, איז צוז בכתב געווען זייער פֿאַרשפּרייט אין נײַנצעטן יאָרהונדערט (גאָטלאָבער, גאָלדפֿאַדען, לינעצקי, ליפּשיץ, לעפֿין־סאַטאַנעווער, ספּעקטאָר, עטינ־גער, פּערל, פּרץ, ראַבניצקי, ראָזענפֿעלד, שלום־עליכם), אָבער זעלטענער אין 20סטן י״ה (ב. אַליצקי, ל. אַליצקי, גרשם באַדער, באַטאַשאַנסקי, ביאַליק, אורי־צבי גרינבערג, עוזר וואַרשאַווסקי, ווײַסנבערג א״אַ). נאָך זעלטענער איז צוז געוואָרן נאָכן חורבן, ווען דאָס גערעדטע ייִדיש איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און ייִדישע שרײַבערס האָבן אויפֿגעהערט צו לעבן אין אַ געדיכטער ייִדיש־סביבה. הײַנטיקע צײַטן דאַרף מען שוין פֿאַרמאָגן שפּראַכיקן קוראַזש, סטיליסטיש באַהאַרצטקייט זיך נוהג צו זײַן צוז.

י. ח. בילעצקי

אויף אַ צוזאַמענטרעף אין בר-אילן-אוניווערסיטעט

קונסט איז אַ מים-חיימדיקער קוואַל. קונסט ווייסט פון טרויער און פרייד, פון נצחון און מפּלה, פון האָפענונג און יאוש. קונסט ווייסט פון ווייטיק, שאַנד און שרעק, אָבער אויך פון געהויבנקייט און קדושה.

קונסט אין אונדזערע פינצטערע יאָרן קאָן דעם צווילינג: „אַ שחיטה מיט אַ פרילינג". „דער גאָרטן האָט געבליט, די זון האָט געלויכטן און דער שוחט האָט געשאָכטן". נאָר דער קינסטלער, נוסח יהודה עלבערג, שטייט איבער די קני פון בלוט און שרײַבט די עפּאָפּייע פון צער און אומקום, אָבער אויך פון דעם קינד וואָס ווערט געבוירן אויף דער שיף, און איז דער שפּראָץ פון אַ נײַעם טאָג, פון המשך.

יהודה עלבערגס יצירה דערמאָנט מיר אין לייוויקס ליד: „אומקום". דאָס ליד דערציילט: „איך זינג אין אומקום, טאַטע, / כ'בין אין דיר געראָטן און היט אָפּ דײַנע תנועות, / ווי מ'היט אָפּ געבאָטן, תנועות און גורל פון ראַסע, / ווי אַ פערד געשפּאַנט אונטער דוהעס, / שלעפּ איך די אייביקע משא".

יהודה עלבערג איז עס אַזוי: אַ פּראַזאַאיקער זינגט אין אומקום, און שלעפּט די אייביקע משא פון ייִד, מיט אַלע תנועות פון זײַן טאַטן.

די חורבן-ליטעראַטור איז אַ הייליקע ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור פון מאַרטירער, אַ גײַסטיק הייליקטום... נאָך דעם ווען די פליגל פון טויט האָבן אויפגעהערט קלאַפּן האָט דער שרײַבער גענומען זײַן פען און געוואָרן צוריק שעפעריש: לייב ראָכמאַן, ישעיהו שפּיגל, יהודה עלבערג, נחמן ראַפּ, יחיאל גראַנאַטשטיין, שטריגלער א.אַ.

יהודה עלבערגס „אונטער קופּערנע הימלען" איז אָנגעפּראָפּט מיט ייִדישע לײַדן, מיט דײַטשישער אכזריות, מיט געראַנגל פון קדושה קעגן טומאה. יהודה עלבערג פירט אונדז אַראָפּ אויף די אָפּגרונטן פון דער ייִדישער נשמה אונטער שטעכלדראָטן, אונטער די בײַטשיקע קנאַלן פון דײַטשישן טעראָר און דײַטשישן

דערשינען אין „ישראל-שטימע", 21.6.88.

פעלקער־מאָרד. און איר זעט אַ קינסטלער וואָס איז אַליין געווען אַ קרבן פון דײַטש און דאָך וויפל דערהויבנקייט און קדושה אין דער ייִדישער נשמה, וועלכע טראָגט די אייביקע משא, וואָס איר נאָמען: ייִדישקייט.

אונטער קופּערנע הימלען איז אַקופּאַציע־לעבן פון ייִד.

עמערסאָן האָט געשריבן, אַז די וועלט האָט נאָר אַ קיום, כדי צו דערציען דעם מענטש. ווי אַרדנט זיך אײַן אַ ייִדישער היסטאָריקער, אַ ייִדישער כראָניקער, אַ ייִדישער שרײַבער נוסח יהודה עלבערג, נוסח ישעיהו שפּיגל, נוסח שטריגלער מיט אַט דער דעפיניציע? דער גוטער עסייאיסט דאַרף האָבן אחריות, דאַרף קאָנען אונטערשיידן פון ליטעראַרישע ווערק, וועלכע האָבן מײַסטערהאַפט געצייכנט די טראַגישע תקופה און צווישן די עדות ספרים און כראָניקעס.

יהודה עלבערג איז אַ קינסטלער וואָס פאַרמאָגט אַלע קינסטלערישע כלים אויף צו דאָקומענטירן די תקופה ווי אַ קינסטלער. וואָס לאָזט איבער בלעטער, ניט נאָר פאַרן יום־יום, נאָר פאַרן ייִדישן געשיכטלעכן נצח.

"אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" איז אַ ווערק וואָס איז פאַרבונדן מיט ווײ און טרויער פון חורבן פון מזרח־אייראָפּעאישן ייִדנטום. אָבער אויפן שפּיץ פון מאַסט זײַנען ייִדן אויסגעשטאַנען נסיונות, נסיונות פון געוויסן, פון קעגנזײַטיקער הילף, פון גבורה. אין "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" איז דאָ אכזריותדיקע רעאַליטעט פלוס ייִדישער, טיפער הומאַניזם. דאָס איז אַ קינסטלערישע גבית־עדות פון ייִדן, וואָס האָבן זיך געלאָזט אויף שטורעמדיקע ימען אָנקומען אַ היים, קיין ישראל, כדי דאָ זאָל געבוירן ווערן דאָס קינד, ווי יהודה עלבערג באַשרײַבט:

"עס איז געשען אין יענע טעג, אַז דער ייִד הערצקע האָט געקענט זײַן ווײַב גאָלדע און זי איז טראַגנדיק געוואָרן. ביידע — האַלעוועשקעס, גראַטעוועט פון פײַער האָט גאָלדע געגאַרט ברענגען איר קינד אויף דער וועלט אין אַ נייער היים. אַ היים, וואו מען וועט איר קינד ניט באַגלייטן מיט שנאה־בליקן, וואו דער שכן וועט עס ניט פאַרשעמען, נישט פאַרראַטן, וואו דער טויט וועט נישט לויערן פון יעדן פינצטערן ווינקל".

לעאָ פינקעלשטיין, אַ ליטעראַטור־קריטיקער צווישן צוויי וועלט־מלחמות האָט אָנגעשריבן אַ בוך מיטן נאָמען "פדיון השם", און מיט דעם נאָמען רופט ער אָן די חורבן־תקופה, די מבול־תקופה, אָבער אָנשטאָט דעם קץ כל בשר איז דאָרט דערגאַנגען צו קץ כל ישראל, און ווען דער בלוט־מבול האָט זיך אײַנגעשטילט און די תיבה האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון די טרעבלינקע־תחומים, ברענגט אונדז די גוטע ייִדישע ליטעראַטור איר איילבירטבלאַט און צוזאַמען מיטן איילבירט־בלאַט — פאַרפײַניקטע ייִדישע נשמות, געהייליקטע אין ווײ, נסיון און יסורים.

יהודה עלבערגס קינסטלערישע שילדערונגען פון וואַרשעווער געטאָ, פון די ליקווידאַציעס, פון אומשלאַג־פּלאַץ, פון קינדער־שמוגל, פון געראַנגל פאַר אַ פּיצל לעבן, פון ייִדישן גורל, פון דער בלוטיקער מערכה, וועט פאַרבלײַבן אין

דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אַ מחבר פון קונסט־שילדערונגען פון אַ גרויסן ווערט. די שטים פון בלוט וואָס שרײַט אַרויס פון דער ערד, שרײַט אַרויס מיט אַ קערנדיקן ייִדיש פון יהודה עלבערגס יצירה.

דער באַגריף "ייִדישער קינסטלער" נאָך דער מלחמה, האָט געמוזט אָננעמען אַנדערע כללים. ווײַל די "העלדן" האָבן זיך געביטן. טאַפּעלע טטוריטו פון שלום עליכמען האָט אָפּגעטראָטן זײַן אָרט דעם ייִנגל וואָס פּאַרקויפט שוועבעלעך לעם די שטעכל־דראָטן. טוביהס טענות זײַנען אָפּגעטראָטן און געגעבן פּלאַץ פאַר ראַקאָ־ווערס צוואה; אויך פרצעס העלדן וואָס חלומען וועגן אַ שטיקל ברויט, אָבער ניט אונטער שטעכל־דראָטן האָבן פאַרלאָזט דעם פּלאַץ פאַר יהודה עלבערגס און חוה ראָזענפאַרבס חלום וועגן אַ לעבל ברויט אין דער וויטרינע. אַנדערע העלדן. אַנדערע חלומות. יהודה עלבערג געהערט צו די, וואָס האָבן געגעבן קונסט־ווערק פון חורבן.

די חורבן־ליטעראַטור האָט דרײַ סטאַדיעס: ערב חורבן, בעתן חורבן און פון בעתן חורבן צו אַלע גיהינום־פלאַמען.

אין יהודה עלבערגס ווערק האָבן מיר אַלע דרײַ שטאַפּלען. מיר האָבן ייִדיש לעבן פאַרן חורבן. נישט טראָפּנווייז טרינקען מיר פון דעם ברונעם, נאָר מיט פולע עמערס; מיר האָבן דעם ווייאיקן ציטער און פלאַטער פון דער חורבן־צײַט און מיר האָבן דעם גיהינום צוזאַמען מיט די הללויהס צום ייִד אין געטאָ, מיט דעם הללויה צו ליכט און גײַסט: מיר פילן דעם גלויבן פון מעשׂי־בראשית, ווען דער בורא־עולם האָט פאַרענדיקט זײַן יצירה, געגרונטפעסטיקט די ערד און אויסגעשפּרייט איבער איר דעם הימל, אַזוי באַלד האָט זיך דער רוח אלוהים אַ לאָז געטאָן שוועבן איבער די וואַסערן; אַזוי גלייבט אויך יהודה עלבערג אין זײַן יצירה, אַז נאָכן חורבן וועט דער רוח אלוהים פאַרטרײַבן מעפיסטאָן פון זײַנע טומאהדיקע פּאָזיציעס. אין זײַן יצירה הערן מיר מענטשלעכע קולות, וועלכע רײַסן זיך דורך פון די שטעכל־דראָטן.

אין די "צעוואָרפענע זאַנגען" לעם די פינף געטאָ־דערציילונגען, לעם דער געטאָ־טעמע, קומט דער פּראָזאַאיקער צו שילדערן כלערליי סיטואַציעס אין מענטש־לעכן זײַן און ייִדישן קיום. אומגעריכטע געשעענישן וועלכע דערגרונטעווען זיך צום ממשותדיקן טעם פון פּראָזאַאיקער קונסט.

יהודה עלבערג איז אַ פּראָזאַאיקער, וואָס עטעמט אַרײַן אין זיך פונדאַסנײַ די זויבערע קדושה און געהויבנקייט פון ייִד און דערפאַר — די חסידישע דער־ציילונגען זײַנע, וועלכע האָבן אין זיך אַ גלויביקן געטלעכן סדר. זיי פאַרמאָגן זייער אייגענעם ריטעם פון דער וואונדערלעכער חסידישער באַוועגונג. ער טובלט זיך אין פשט און אין רמז, און אין נס. און דוכטן דוכט זיך מיר, אַז יהודה עלבערג גלייבט ממש אין קפיצת הדרך פון לייב שרהס, אין די וואונדער־מעשׂיות פון בראַצלעוועער; דער חסידישער ניגון איז אָנגעטרונקען מיט גלויבן, מיט אמונה.

"יעדער פּאַסטעך, זאָגט דער בראַצלעוועער, האָט זיך זײַן ניגון, לויט די גראָזן

און לויט דעם אָרט וואו ער געפינט זיך. יעדעס גרעזל האָט זיך זײַן געזאַנג און פון גראָזן־געזאַנגען ווערט געשאַפן דאָס פּאַסטעך־ליד, צוליב וועלכן די גראָזן וואַקסן בעסער, העכער. ארץ־ישראל האָט זיך איר אייגן געזאַנג״.

איך בין חושד יהודה עלבערגן אַז זײַן באַזוך אין ישראל האָט אַ כוונה, און איז בבחינת ״קחו לכם מזמרת הארץ״ און עס וועט אָודאי געבוירן ווערן אַ נײַער ראָמאַן. און אין זײַן נײַעם ראָמאַן זאָל ער ניט פאַרגעסן, אַז די יִידיש־קאַטעדרע אין בר־אילן איז בבחינת רבי נחמן בראַסלעווער, וואָס האָט געוואָלט פאַרבינדן, פאַראייניקן און פאַרקניפּן אַלע ברעקלעך און מאַכן פון זיי אַ פולע גאַנצקייט, און זאָגן יִידן לגבי יִידיש: ״דו האָסט אַ באַדן, אַ היים, אַ דאַך איבערן קאָפּ, און די נשמות דאזלין ערטילאין דאַרף מען מתקן זײַן, מחזיר למוטב זײַן, דורך נגינת יִידיש״.

א. שעדלעצקי

געווען איז דאָס צומאָרגנס...

— — — ״ער איז אַרומגעגאַנגען אין לובלין אויפן יאַרמאַרק צווישן די נרדפים, די גרושים און די עגונות מיט די אַלמנות און יתומים. ער האָט געהערט די ייִדישע קרעכצן, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן יאַרמאַרק, און האָט זיך אַרײַנגעטראַכט אין דעם ענין. ער האָט געוואָלט פאַרשטיין דעם טעם פון די צרות — — — איז ער אַמאָל געגאַנגען אין אַן ענגער גאַס אין לובלין, דאָרט וואו עס זײַנען די קראָמען. אַזוי האָט ער געזען עס שטייט אַ זקן מיט אַ ליידיק געוועלב און רופט אַרײַן קונים אין געוועלב אַרײַן. אַזוי האָט ער זיך זייער פאַרוואונדערט, ווײַל דאָס געוועלב איז געווען לעער און עס איז גאָרנישט געווען צו פאַרקויפן. איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין געוועלב אַרײַן און געפרעגט דעם זקן:

— וואָס פאַרקויפט איר דאָ? אײַער געוועלב איז דאָך לעער און ליידיק און עס איז גאָר קיין סחורות נישטאָ.

האָט דער זקן געענטפערט אַזוי:

— איך פאַרקויף בטחון.

האָט ער אָנגעקוקט דעם אַלטן, איז ער אים פאַרגעקומען באַקאַנט, ווי ער וואָלט אים אַמאָל שוין געזען״ — — —

אָט דאָס דאָזיקע פינאַל־בילד פון היסטאָרישן ראָמאַן וועגן די גזירות ת״ח ות״ט פון שלום אַש ״קידוש השם״, איז געשטאַנען פאַר אונדזערע אויגן ווען מיר — מײַן חבר דער שרײַבער לייב ראָכמאַן און איך — זײַנען אין די ערשטע טעג אויגוסט 1944 אָנגעקומען קיין לובלין פון אונדזער באַהעלטעניש אין וועלכן מיר האָבן זיך כמעט צוויי יאָר צײַט אויסבאַהאַלטן פאַר די דײַטשן. די מלחמה איז נאָך געווען אין סאַמע מיטן ברען, אָבער יעדן טאָג זײַנען נײַע שטחים באַפרײַט געוואָרן פון שונאס הענט — אַזוי אין מזרח אַזוי אין מערב. כאָטש דער פראָנט אין מזרח האָט זיך דעמאָלט געפונען בלויז 12 קילאָמעטער מערב־זײַט פון לובלין, איז די דאָזיקע אַלטע שטאָט אין פוילן געווען שוין דעמאָלט דער צענטער פאַר די

דערשינען אין ״בײַ זיך״, — 32־33, אדר ב׳ תשמ״ט — מערץ 1989.

ניצול־געוואָרענע. דאָ איז אַ פּאָר וואָכן פֿריער (סוף יולי) געגרינדעט געוואָרן די צײַטווײַליקע פּוילישע רעגירונג און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַרזאַמלען די אַנטרינענע פֿון די בונקערס און באַהעלטענישן, די ניצול־געוואָרענע פֿון די טויט־לאַגערס, די פּאַרטיזאַנער פֿון די וועלדער... זיי אַלע האָבן זיך דעמאָלט קאָנ־צענטרירט אין עטלעכע פּונקטן — אינעם הויף פֿון שלימאַקס מיל, אינעם הויז פֿון רויטן קרייץ אויף ווישינסקי־גאַס 1 און 3 און אין נישט פֿאַרענדיקטן פּרץ־הויז אויף טשוואַרטעק־גאַס. אינעם נאָרוואָס געגרינדעטן ייִדישן קאָמיטעט אויף ריבנע־גאַס בײַם מאַרק, זײַנען שוין אַלע ווענט פֿאַרקלעפּט געווען מיט ליסטעס פֿון די רעגיסטרירטע ייִדן — כדי באַקאַנט צו מאַכן אַ נאָענטן, אַ קרוב, אַ באַקאַנטן, וועגן דעם וועד עס לעבט און וועמען מען זוכט...

לובלין בײַם סוף פֿון צווייטן וועלטקריג און שואה האָט אונדז דערמאָנט דעמאָלט אינעם לובלין פֿון אַשס „קידוש השם", ווען נאָך די שחיטות ת״ח ות״ט זײַנען אַהין צוזאַמענגעקומען די רעשטלעך נרדפים. מיר זײַנען געגאַנגען פֿון איין פּונקט צום צווייטן, וואו עס האָבן זיך געפֿונען די לעבנגעבליבענע רעשטלעך, געזוכט אַן אָרט און אַ היימיש ייִדיש פּנים. געגנוי ווי שלמהלע אין „קידוש השם", ווען ער איז געקומען קיין לובלין נאָך דעם ווי די טערקישע ייִדן האָבן אים אויסגעלייזט פֿונעם שקלאַפֿן־לאַגער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבן מיר געזוכט און געווישטערט איבער די גאַסן און געסלעך — אָבער אָן אַ טאָלק. מיר האָבן נישט אָנגעטראָפֿן אויפֿן מיסטישן הייליקל שנײַדערל, וואָס האָט אין אַ ליידיק געוועלב אָן שום סחורות פֿאַרקויפֿט בטחון, אַ סחורה וואָס יעדער ניצול־געוואָרענער האָט דעמאָלט אַזוי שטאַרק באַדאַרפֿט האָבן ווי דאָס לעבן אַליין...

יאָ, דאָס הייליקע שנײַדערל פֿון קידוש־השם האָבן מיר אין יענע טעג נ י ש ט געפֿינען אין לובלין. אין אונדזערע זוכענישן האָבן מיר אָבער זיך י אָ אָנגעטראָפֿן אויף — יהודה עלבערג. ער האָט אמת נישט געהאַנדלט מיט בטחון נאָר — האָט געטיילט ברויט פֿאַר הונגעריקע מצד דעם ייִדישן קאָמיטעט... כאָטש ער איז — געגנוי ווי מיר — געהאַט נאָרוואָס אָנגעקומען אַהין פֿון זײַן באַהעלטעניש לעבן וואַרשע (דאַכט זיך אָטוואָצק) האָט ער שוין געהאַט באַוויזן אַביסל צו קומען צו זיך. מיט זײַן „גוטן" אויסזען און תמיד שמייכלענדיקן ליבן געזיכט איז ער אויך מסוגל געווען אָנצושטעקן מיט בטחון אַנדערע, וואָס האָבן נאָרוואָס געשטעלט די ערשטע טריט זייערע נאָך דער באַפֿרײַאונג.

גאָר גיך האָבן מיר זיך באַפֿרײַנדעט. געוווינט אויך אין זײַן דירה — די ערשטע ייִדישע וואוינונג וואָס מיר האָבן דעמאָלט געזען אין לובלין נאָכן פֿאַרטרײַבן פֿון דאָרט די דײַטשן. מיט זײַן הילף און מיט דער הילף פֿון די טורקאָווס (יאַנאַס און דיאַנאַ בלומענפֿעלד), וואָס זײַנען אויך דעמאָלט אָנגעקומען קיין לובלין און זיך באַפֿרײַנדעט, האָבן מיר אינעם זעלבן הויז אויך באַקומען אַ דירה. מיר זײַנען מיט עלבערגן געוואָרן שכנים. אַ באַזונדער ליבשאַפֿט און חברשאַפֿט האָט זיך

אַנטוויקלט גאָר גיך צווישן עלבערגן און לייב ראַכמאַנען —ביידע מיט ענלעכע כאַראַקטערן, חסידישן פײַער און וואַרעם־ייִדישע הערצער, און דער עיקר — מיט ייִדישן בטחון, אומבאַגרענעצטן אָפּטימיזם און — פּלענער, איניציאַטיוו, און גרייטקייט זיי צו פאַרווירקלעכן מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט, התלהבות און מסירת נפש.

אַ שותפות צווישן די צוויי איז געשאַפן געוואָרן פון זייער ערשטער באַגעגעניש אָן, און ווען לייב ראַכמאַן איז אַוועקגעפאַלן אַ קראַנקער איז די גאַנצע פּראַקטישע אַרבעט געבליבן אויף יהודה עלבערגן, וואָס איז באַלד געוואָרן דער רוח־החיים פון דער גאַנצער גרופּע ייִדישע פּען־ און קולטור־מענטשן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן גרופּירן אין לובלין. שוין אין נאָוועמבער 1944 האָט אָנגעהויבן זײַן עקזיסטענץ דער ייִדישער ליטעראַטן, זשורנאַליסטן און אַרטיסטן־פאַראיין (אַזוי האָט מען אים גערופן בעת זײַן גרינדונג). פאַרזיצער פונעם דאָזיקן פאַראיין איז געוואָרן יאַנאַס טורקאָוו און די אַנדערע מיטגלידער זײַנען דעמאָלט געווען יהושע שלייען, ג. יאַשונסקי, מיכאל האַפמאַן, ד״ר י. קערמיש, נחמן בלומענטאַל און נאָך; יהודה עלבערג איז געווען סעקרעטאַר פונעם פאַראיין און אַלץ געטאָן דאָס זאָל נישט זײַן קיין טויטע אינסטיטוציע, ווי פיל אַנדערע גרופּעס אין יענער צײַט.

עלבערג האָט קודם־כל אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט ד״ר עמיל זאָמערשטיין, דעם באַקאַנטן פאַרמלחמהדיקן עסקן און סיים־דעפּוטאַט, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער מיטגליד אינעם צײַטווײַליקן פּוילישן רעגירונגס־קאַבינעט, און זײַן צימער אינעם מיניסטעריום — צימער 52 — איז געווען אַן אַרט פאַר עליה לרגל פאַר יעדן געראַטעוועטן ייִד וואָס איז געקומען קיין לובלין. מיט זאָמערשטיינס הילף איז עלבערג אויך געוואָרן אַ יוצא־ונכנס אין די דעמאָלט־אָנפירנדיקע רעגירונגס־קרײַזן. קודם־כל האָט ער משפּיע געווען אויפן ערשטן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער מאַטושעווסקי ער זאָל שטיצן דעם נאָרוואָס־געגרינדעטן שרײַבער־פאַראיין (אפילו אַביסל שרײַב־געצײַג איז דעמאָלט אוממעגלעך געווען צו באַקומען מחוץ דעם דאָזיקן מלוכה־אַמט...).

די ערשטע זאַך איז געווען די גרינדונג פון אַ ייִדישער פּרעסע־אַגענטור (ייִפּ״אַ), וואָס האָט אָנגעהויבן סטאַביל יעדע צוויי טעג אַרויסצולאָזן ביולעטינען אין ייִדיש און פּויליש מיט ידיעות וועגן ייִדן אין פּוילן און אין דער גאַרער וועלט, וואָס זײַנען דורך אונדז געזאַמלט און פאַרשפּרייט געוואָרן בעיקר אין די פּונקטן אין וועלכע עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די ניצול געוואָרענע. קיין ייִדישע שרײַב־מאַשין האָבן מיר נאָך דעמאָלט נישט געהאַט, האָבן מיר געשריבן די עטלעכע צענטליק עקזעמפּלאַרן מיט דער האַנט דורך קאַלקע־פּאַפּיר. יעדעס מאָל, ווען די ביולעטינען זײַנען אַרויסגעהאַנגען געוואָרן אין די פּונקטן, איז פאַר די ייִדן געווען אַ געשעעניש. גאַנצע גרופּעס פלעגן זיך זאַמלען פאַר די טאָוולען און מיט פאַר־

כאַפּטן אָטעם לייענען די ידיעות איינמאָל און נאָכאַמאָל, שלינגען יעדע ידיעה וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען פון לאַנד גופא און פון אויסלאַנד, ווי למשל ידיעות פון ארץ־ישראל. נאָר יחידי־סגולה האָבן געהאַט דאָס גליק צו באַקומען אַן אייגענעם עקזעמפּליאַר פונעם דאָזיקן פּרעסע־ביולעטין.

אַ "רעוואָלוציע" איין אָט דער אַרבעט איז באַלד פאַרגעקומען טאַקע אַדאַנק עלבערגן, וואָס האָט נאָך זייַנס אַ באַזוך אין ביאַליסטאָק געבראַכט מיט זיך אַ שווערע יידישע שרייַב־מאַשין אויף וועלכער מיר האָבן געקענט אַרויסלאָזן גוט־קאָפּירטע לייענבאַרע קאָפּיעס פון אונדזער פּרעסע־ביולעטין. מיר האָבן מיט יעדן טאָג געמוזט אַלץ מער פאַרגרעסערן זייער פאַרשפּרייַט צוליבן פאַרויסרוקן זיך פונעם פראָנט און באַפרייאונג פון נייַע שטעט און לאַנד־טיילן אין וועלכע עס זייַנען אויך אויפגעקומען יידישע קאָמיטעטן פון די ניצול־געוואָרענע, וואָס האָבן געלעכצט נאָך אַ ידיעה וועגן יידן אין אַנדערע ערטער.

אין דער זעלבער צייַט האָבן זיך אין לובלין אָנגעהויבן די ראַדיאָ־אוידיציעס אין יידיש פאַר אויסלאַנד, וואָס האָבן געבראַכט די ערשטע גרוסן פאַר דער יידישער וועלט פונעם חרוב־געוואָרענעם יידישן פּוילן. אָנגעפירט מיט די אוידיציעס האָבן יאַנאָס טורקאָוו מיט זייַן פרוי די שוישפּילערין דיאַנאַ בלומענפעלד. אויך דאָס איז נישט געווען קיין לייַכטע זאַך. די גרעסטע קעגנערשאַפט איז געקומען מצד יידן דווקא, וואָס האָבן געלעבט מיט פּוילישע נעמען און געוואָלט זיך אַסימילירן מיטן נייַעם קאָמוניסטישן רעזשים. פון זיי האָט טורקאָוו געהאַט אויסצושטיין נישט ווייניק צרות פאַר זייַנע אוידיציעס און זייער אינהאַלט, בייַם דערציילן דעם אמת וועגן חורבן פון יידישן פּוילן און וועגן די נייע אַנטיסעמיטישע אויסברוכן . . .

עלבערג האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיט אונדזער "קליינער" אַרבעט אין לובלין. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פיל גרעסערע פּלענער. בלויז יחידי סגולה האָבן וועגן זיי געוואוסט. אַזוי, למשל, האָט ער זיך געוווּנדט צו זאַמערשטיינען מיט אַ פּלאַן אַראָפּלאָזן אים מיט אַ פאַראַשוט הינטער לאָדזש כדי ער זאָל — ווי אַ לאָדזשער — זיך אַרייַנבאַקומען צו די יידן דאָרט און זיי וואָרענען נישט צו לאָזן זיך אַרויספירן קיין אוישוויץ — וואו עס דערוואַרט זיי אומקום. אין אויגוסט 1944 איז קייַן לובלין דערגאַנגען אַ שטרענג־פאַרטרויליכע ידיעה אַז אין לאָדזשער געטאָ לעבן נאָך אַכציק טויזנט יידן, און — לויט דער דערפאַרונג אין גענעראַל־גובערנאַמענט איז געווען קלאָר אַז אינעם לעצטן מאָמענט וועלן די דייַטשן זיי אויסראָטן ווי זיי האָבן דאָס געטאָן מיט אַלע אַנדערע יידן. כאָטש עלבערג האָט גוט געוואוסט אַז אין ברען פון די קאַמפן, מיט זיך קיינער נישט צו ראַטעווען אַביסל יידן, איז ער אָבער נישט אָפּגעשטאַנען פון זייַן פּלאַן אַזוי, אַז עס איז גאַנץ מעגלעך אַז זאַמערשטיין האָט אים לסוף געבראַכט פאַר די געהעריקע מאַכט־אָרגאַנען, כאָטש ער אַליין האָט דאָס נישט געהאַלטן פאַר רעאַל. פון דעם פּלאַן איז טאַקע גאָרנישט נישט געוואָרן, אָבער דערווייַל האָט מען אָנגעהויבן "בודק"־זייַן

עלבערגס באַגלייבטקייט, און באַלד ווי די רויטע אַרמיי איז אַריבער די ווײַסל, האָט עלבערג זיך אַרויסגעלאָזט הינטער זיי אַלס מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט פון דער ייִדישער פּרעסע־אַגענטור (ייִפּ״אַ), כּדי צו זאַמלען אינפאָרמאַציע וועגן די דײַטשע פאַרברעכנס. די לעגיטימאַציע איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי און דורך זיי אויך מצד דעם סאָוויעטישן געהיים־דינסט...

אַזוי אַרום איז עלבערג אין יענע טעג דערשינען אין נײַע ״בגדים״ — מיט אַ מיליטעריש היטל, רעוואָלווער, מיליטערישן פּאַסיק און מיט אַן אָפיצירן־לאַמפּאַס איבערן אַקסל.

ער האָט דאָס גוט אויסגענוצט צו העלפן ייִדן, צו אינטערווענירן לטובת די באַפרײַטע שארית־הפּליטהניקעס וואָס זײַנען אַרויס פון די לאַגערס נאַקעט און באָרוועס, הונגעריק און דאַרשטיק. זיי האָבן זיך באַזונדערס אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אין באַפרײַטן לאָדזש — אַ שטאָט וואָס איז פון די מלחמה־קאַמפן אַרויס כּמעט נישט צעשטערט. די דײַטשן זײַנען געהאַט אַנטלאָפן מיט זייער מיליטער. דאָ זײַנען געשטאַנען גאַנצע גאַסן מיט הײַזער לײדיק. עלבערג איז אַוועק צום צײַטווײַליקן פּוילישן בירגערמייסטער. דאָס ״פּאַפּירל״ אין זײַן האַנט האָט געהאָלפן. דאָס איז פאַר יענעם גוי געווען דאָס ערשטע פּאַפּירל פון דער נײַער רעגירונג וואָס איז נאָך געזעסן אין לובלין. און נישט בלויז דירות. דער שטאָטראָט האָט געמוזט די ייִדן אויך אָנהייבן באַזאָרגן מיט ברויט וואָס די שטאָט האָט אָנגעהויבן צעטיילן אויף די דײַטשע ברויט־קאַרטן. קיין נײַע זײַנען נאָך נישט געווען, און די ייִדן האָבן דאָך קיין ברויט־קאַרטן בײַ די דײַטשן נישט געהאַט...

בײַ דעם אַלעם האָט עלבערג אויך נישט פאַרגעסן די אויפגאַבע וואָס ער האָט פאַר זיך געשטעלט די ערשטע טעג אין לובלין: צו באַנײַען דאָס געדרוקטע ייִדישע וואָרט — דאָס הייסט אַרויסגעבן אַ ייִדישע צײַטונג. ווי נאָר עס האָט זיך באַפרײַט אַ שטאָט, און ער איז אַהין אָנגעקומען, האָט ער גלײַך אָנגעהויבן דאָרט זוכן שפּורן פון ייִדישע דרוקערײַען. אין לאָדזש איז דאָס געשען.

סוף יאַנואַר 1945 האָט צו אונדז דערגרייכט אַ ידיעה קיין לובלין אַז אין לאָדזש, וואו עס זײַנען לעבנגעבליבן נאָך דער באַפרײַאונג 800 ייִדן, איז אויך איבערגעבליבן די דרוקערײַ אין געטאָ. יהודה עלבערג איז גלײַך אַרויסגעפאָרן אַהין. גרינג איז דאָס נישט געווען. דער פראָנט איז נאָך געווען האַרט בײַ דער שטאָט לאָדזש און פאָרן אַהין איז געווען אײַנגעשטעלט אין אַ סכנה און פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, מיט ספּעציעלע שײַנען און באַשטעטיקונגען פון די מיליטערישע פראָנט־אָרגאַנען. דאָס אַלץ איז אָבער נישט געווען קיין מניעה בײַ עלבערגן. ער איז אָנגעקומען תּמיד אויפן אָרט, און עס האָט לאַנג נישט געדויערט און אַ פּוילישער אָפיציר האָט אונדז געבראַכט דעם ערשטן בריוו זײַנעם פון לאָדזש.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן מיר שנעל אויפגעריסן די קאָפּערטע און אָנגעהויבן נערוועז צו לייענען די עטלעכע שורות פונעם בריוו, וואָס איז אָפּנים

אויף שנעל געשריבן געוואָרן. דער ראַפּאָרט איז געווען אַ קורצער, אַ "מיליטערי־שער", צו וואָס מיר זײַנען יענע צײַטן געוואוינט געווען. געשטאַנען איז דעם בריוו איז נישט מער נישט ווייניקער: "קומט צו פֿאָרן, אַ ייִדישע דרוקערײַ וועט דאָ זײַן!"

אַ טאָג־צוויי נאָכן דערהאַלטן דעם בריוו האָבן מיר זיך אינעם קאַלטן יאַנואַר אַרויסגעלאָזט קיין לאָדזש — איך און ראַכמאַן, און באַלד נאָך אונדז אונדזער ווילנער דרוקער פּישעלע העלערשטיין, וועלכן מיר האָבן שוין געהאַלטן גרייט אין לובלין אַ שיינע פּאָר וואָכן. אין לאָדזש האָבן מיר שוין געהאַט עלבערגן וואָס האָט באַצײַטנס אויך צוגעגרייט אַ גרויסע דירה פֿאַר דער רעדאַקציע און פֿאַר אַלע מיטאַרבעטער און דרוקער.

אין ערשטן מאָמענט האָבן מיר זיך אַנטוישט. אַנשטאָט אַ פּאַרטיקע דרוקערײַ, ווי מיר האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט, האָבן מיר אָנגעטראָפֿן אויף אַ חורבה. אַנשטאָט ייִדישע שריפֿט האָבן מיר געטראָפֿן אַ באַרג שמעלץ, אַ זכר פֿון אַ ייִדישער דרוקערײַ — אַ קופּע צעשאָטענע אָן סדר אותיות און בלײַ אויסגעמישט מיט שטיקער אײַזן, מיסט און דערצו פֿאַרפֿרוירן אין איין מאַסע . . .

איבער די פּוסטע אויסגעליידיקטע חרובע געסלעך פֿונעם געטאָ האָבן מיר זיך געלאָזט אויף דער בזשעזשינער גאַס נומער 20 — דאָרט וואו עס איז געווען די געטאָ־דרוקערײַ. דער פֿראָסט האָט געביסן אין דער נאָז, אין די שפּיץ־פֿינגער וואָס האָבן געזוכט און גענישטערט אין די קופּעס מעטאַלענע אותיותלעך, וואָס די דײַטשן האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט אויף שמעלץ אוועקצושיקן קיין לײַפּציק און האָבן פּשוט שוין נישט באַוויזן. מיר האָבן דאָס אַלץ אַריבערגעפֿירט פֿון די געטאָ־חורבות אין שטאָט אַרײַן, אויף נאַרוטאָוויטש־גאַס 32, וואָס עלבערג האָט צוגעגרייט פֿאַר דער רעדאַקציע. די זעצערס האָבן זיך גלײַך גענומען צו דער אַרבעט, אָבער ערשט פּריליגג איז געקומען פּישעלע אָפּצוגעבן דעם דין־וחשבון פֿון דער אָפּגעטוענער אַרבעט מיט נאָך צוויי זעצערס. דאָס פּנים שוין פֿונעם גראָען ווילנער זעצער, וואָס איז די גאַנצע צײַט געווען פֿאַרצויגן מיט אַ הײַטל פֿון זאָרג און ערנסטקייט און וועלכער האָט כּסדר, נאָך אין לובלין, געצויגן מיט די אַקסלען, אַז ער האָט נאָך אַלץ נישט קיין שריפֿט, און האָט אָנגעוואָרפֿן אויף אונדז אַ פּחד מיט זײַן צעטל וואָס ער דאַרף נאָך אַלץ האָבן, בכדי די צײַטונג זאָל קענען דערשײַנען; אָט דאָס פּנים האָבן מיר ענדלעך באַמערקט, איז אַנדערש דאָסמאָל ווי תּמיד. אויף זײַן פּנים האָט זיך איצטער דאָס ערשטע מאָל באַוויזן אַ סודותפֿולער שמייכל. באַלד איז קלאָר געוואָרן וואָס דער שמייכל באַדײַט, אַז דאָס באַדײַט, אַז יאָ! אַז עס איז שוין עפּעס פֿאַראַן און מען וועט זיך ווי עס איז אָן עצה־געבן.

פֿון דעם באַרג שמעלץ איז אָפּגעזוכט געוואָרן קוים אויף איין צײַטונגס־זײַט שריפֿט, האַנט־זאַץ. האָט מען אויסגעזעצט די ערשטע זײַט פֿון דער צײַטונג, אַוועקגעפֿירט דעם עמוד אין דער פּוילישער דרוקערײַ, געמאַכט פֿון דער זײַט אַ מאַטריץ,

צוריק געברענגט צו אונדז אין דרוקערייַעלע דעם עמוד, פונאַנדערגעוואָרפן די אותיות צוריק אין די קאַסטנס, ווידער זיך אַוועקגעשטעלט זעצן — אַ שורה נאָך אַ שורה, און ווידער איז פאַרטיק געוואָרן אַ זייַט. אין אַכט טעג איז פאַרטיק געוואָרן די ערשטע צייַטונג, דער ערשטער נומער פון ״דאָס נייַע לעבן״.

דאָס איז געווען דעם 10טן אַפּריל 1945, און דער צווייטער נומער איז דערשינען דעם 19טן אַפּריל, צום צווייטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

יהודה עלבערג איז געווען ביז זייַן פאַרלאָזן פּוילן דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע, וואָס ער האָט געשאַפן אַ יש מאין. דאָס איז געווען זייַן חלק אין אויפלעבן דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן...

עלבערג איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דער ערשטער דעלעגאַציע וואָס איז אַרויסגעפאָרן באַלד נאָך דער מלחמה קיין לאָנדאָן. פון דאָרט האָט ער אויך מיטגעבראַכט די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן זייַן קראַנקער חבר, דער שרייַבער לייב ראָכמאַן, זאָל קאָנען אַרויספאָרן אויף קוראַציע אין דער שווייץ. וואָרעם נאָך מער ווי ליבשאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור און יידישן געדרוקטן וואָרט, איז בייַ עלבערגן געווען די ליבשאַפט צום קאָלעגע שרייַבער — נאָך אַ כאַראַקטער־שטריך זייַנער ביזן הייַנטיקן טאָג ווי אַ קאָלעגע און חבר.

צום ספר עלבערג אין וועלכן מיר שאַצן אָפּ זייַן רייַכע ליטעראַרישע שאַפונג, אָנהייבנדיק פון פאַר דער מלחמה ביז זייַנע לעצטע ראָמאַנען וועגן פּוילישע יידן אַמאָל און וועגן זייער אומקום און קאַמף, האַלט איך פאַר נויטיק צו דערמאָנען דאָס דאָזיקע כמעט פאַרגעסענע קאַפּיטל פון זייַן בייַשטייער פאַר דער אויפלעבונג פונעם יידישן וואָרט אין פּוילן נאָך דער מלחמה — ביזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַוועק מיט דער אויסוואַנדערונג פון יידישע שרייַבער קיין פּאַריז, און פון דאָרט איבער דער גרויסער ברייטער וועלט...

אונטער פרעמדע הימלען

דערציילונגען

אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
מיט דער מיטהילף פון דעם דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד אין ניו־יאָרק
בוענאָס־איירעס, 1951

ש. ניגער

„פאַרברעכן און שטראָף"

יהודה עלבערג איז פון דעם דור יונגע דערציילערס, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער פּויליש־ייִדישער ליטעראַטור פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג. ביי אונדז דאָ איז עלבערג באַקאַנט געוואָרן ערשט נאָכן קריג — און נאָכן חורבן. אין „ייִדישע שריפטן", דעם ליטעראַרישן זאַמל־בוך, וואָס דער באַנייטער פאַראיין פון ייִדישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין פּוילן האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1946, אין לאָדזש, האָב איך צום ערשטן מאָל געלייענט יהודה עלבערגס דערציילונג, אָדער, ריכטיקער, אַ קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש מיטן נאָמען „אַ מעת לעת אין מיין הויף" — איינע פון די פינף זאַכן, וואָס זיינען איצט אַרויס אין בוך־פאָרעם מיטן נאָמען „אונטער קופּערנע הימלען".

„אַ מעת־לעת אין מיין הויף", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין פעברואַר, 1942, אין וואַרשעווער געטאָ, באַווייזט קלאָר, אַז אַ פרישער און אַן אייגנאַרטיקער טאַלאַנט האָט זיך, גאָט זיי דאַנק, געראַטעוועט און איז אויפגעהיט געוואָרן פאַר דער אַזוי פאַריתומטער ייִדישער ליטעראַטור. „אַ מעת לעת אין מיין הויף" ווירקט, פריער ווי אַלץ, מיט דער אַנגעלאָדנקייט פונעם אינהאַלט, אָבער נישט געקוקט אויף זיין געדיכטקייט, איז ער לויטער און דורכזיכטיק.

אויף קנאַפּע צוויי צענדליק זייטלעך, אין אַ קורצער סעריע בילדלעך, שמועסן און סצענעס, וואָס קומען פאָר אין איין הויף פון וואַרשעווער געטאָ, אין משך פון איין שוידערלעך־לאַנגען מעת־לעת, האָט דער יונגער דערציילער אויפגעוויקלט און באַלויכטן פאַר אונדז אַ מיקראָפילם פון גזירת היטלער. מיר זעען דאָס פאַר־מעלעכדיקע אויסשטאַרבן און אויסגעהרגעט ווערן פון פּוילישע ייִדן, גרויס און קליין, און זייער טראַגיש קלאַמערן זיך אָן לעבן — אויפן ראַנד פון תהום. מיר זעען זייער איבערמענטשלעך־עקשנותדיקע ניט־אונטערגעבן זיך. מיר זעען דעם מוט פון נאַטירלעכער פאַרצווייפלונג, וואָס איין טייל האָט אַרויסגעוויזן און דעם מוט פון איבערנאַטירלעכן גלויבן, וואָס אַן אַנדער טייל, אַ קלענערער, האָט געוועקט ביים עולם. עס ווערט קלאָר פאַר אונדז די געפאַלנקייט פון איינע און פאַרקערט,

---

דערשינען אין „דער טאָג", ניו־יאָרק, 30.12.51.

בײַ אַנדערע — דאָס ניט זײַן בײַ זיך אַראָפּגעפּאַלן, דאָס מסירת־נפשדיקע אײַנ־האַלטן די אײגענע ווערדע, דאָס הײליקע היטן די רעשטלעך פון דער דור־דורות־דיקער שבת־יום־טובדיקייט. מיר הערן דעם געוויין פון קינדער און מאַמעס, און עס דערגײט צו אונדז ר׳ שלמהלע גערערס אײביקער און אײביק־טרויעריקער גמרא־ניגון. עס פאַרקלינגען אונדזערע אויערן די הונגער־לידלעך פון די הויף־זינגערס, דער נײַער,אומשטײנס געזאָגט, פאָלקלאָר פון געטאָ... אַלץ איז פאַראַן אין דער קורצער דערצײלונג און אַלץ איז אַזוי פאַנטאַסטיש־אמתריק...

אַ גרויסן — קינסטלערישן און מענטשלעכן — כח האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן, כדי אויסצומאָלן — אין 1942! — אָט די מיניאַטור פון דעם געטאָ־בילד מיט זײַנע אַלע פינצטערע שאָטנס, די שאָטנס פון טויט, און מיט זײַן גאַנצן, פאַר־באָרגנסטן, ליעבענסליכט.

״אַ מעת־לעת אין מײַן הויף״ וועט, גלויב איך, בלײַבן אין דער ליטעראַטור — און נישט נאָר אין דער געטאָ־און חורבן־ליטעראַטור.

אויך אין דער זאַמלונג ״אונטער קופּערנע הימלען״ טײלט זיך אָט די קונסט־כראָניק אויס מיט דעם שפע פון איר טרויעריקן שטאָף און דער קאָנדענסירטקייט פון איר סטיל. אָבער אַחוץ איר אײגענעם, קינסטלערישן, כראָניקאַלישן און עטיש־פּסיכאָלאָגישן ווערט, איז זי וויכטיק נאָך אויך דערמיט, וואָס מיר געפינען אין איר אַ שליסל צו דעם יונגען שרײַבערס לײט־מאָטיוו.

דאָס איז, ווי מיר דוכט, דער מאָטיוו פון דעם מענטשנס, און דערהויפּט טאָקע דעם ייִדישן מענטשנס, ראַנגלען זיך מיט זיך אַלײן — און זיך אַלײן גובר זײַן. אַ הויך־עטישער און טיף־ייִדישער מאָטיוו.

די פינף דערצײלונגען פון ״אונטער קופּערנע הימלען״ — פיר געטאָ־דער־צײלונגען און אײנע — פון דעם פּויליש־ייִדישן לעבן פאַר גזירת־היטלער, — זײַנען פינף נײַע וואַריאַנטן פון דעם אַלטן און אײביקן ניגון: ״איזהו גיבור? — הכובש את יצרו״ — ווער איז דער אמתער העלד? דער, וואָס דערהויבט זיך איבער זײַנע רויע אינסטינקטן...

עפּעס פון אָט דעם מין העלד איז שוין דאָ אין דעם הויפּט־פּאַרשוין פון עלבערגס ערשטער דערצײלונג (אין בוך איז זי די לעצטע), — אין בער־לעפּ. אין פלוג איז ער די פאַרקערפּערונג פון טעמפּן מוח. אַ פערד־יונג, אַ בעל־עגלה, וואָס איז אַן עם הארץ גמור. קײן צוויי צײלן קאָן ער נישט. ער איז נישט תופס, ווען מען זאָגט אים, אַז צווישן ״אַנדערטהאַלבן זלאָטעס״ און ״אַ זלאָטע מיט פופציק״ איז קײן שום אונטערשײד ניטאָ. אַזאַ גראָבער נפש וואָלט, אײגנטלעך, געדאַרפט חתונה האָבן מיט אײנער פון די שטעטעלדיקע מוידן פון זײַן גראַד — און אַראָפּ פון מאַרק. לאָזט ער זיך דווקא פאַרשדכענען מיט חנהן, אַ דרדקי־מלמדס אַ טאָכטער, וואָס איז אַלײן געווען אַ שטיק רביצין. וואָס איז? זי איז אַן ״אײדל קינד״, זי האָלט אין אײן זאָגן תחינות, בעת ער קען קײן שײטל עברי נישט. אַ

לאַנגע צײַט איז בײַ זיי אַ שלום־בית, כאָטש זי איז אַ קנאַפּע שיינהייט, דערצו נאָך אַן עקרה, און ער חלשט אַזוי פאַר אַ קינד. ער ווערט געשטעלט פאַר אַלערליי נסיונות און ווערט טאַקע אויך געשטרויכלט; דאָך בלײַבט חנה זײַן אשת חיל, — און אַלץ נאָר דערפאַר, וואָס ער קוקט אַרויף צו איר "איידלקייט". זי קאָמפּענסירט אים פאַר זײַן אייגענער פאַרגרעבטקייט. איי־וואָס, עס פעלט אַ קינד אין הויז? באַנוגנט ער זיך, סוף כּל סוף, מיט שיוועקן, דעם שײנעם לאַשעקל, וואָס ווערט געבוירן בײַ אים אין שטאַל, און אַז עס טרעפט אַן אומגליק, און שיוועק ווערט דערטרונקען, באַוויינט אים בער־לעפּ, ווי ווען ער זאָל האָבן געווען זײַן אייגן קינד, און אַז דער בעל תפילה ענדיקט זאָגן עלינו אין שול, פּלאַצט בער־לעפּ אַרויס מיט אַ כליפּ און זאָגט קדיש נאָך דער שטומער באַשעפעניש... "בער־לעפּ" איז, אייגנטלעך, אַ הומאָרעסקע — און אייניקע עפּיזאָדן אין איר האָבן טאַקע אַ לײַכטן (און בײַ אַ. י. מ. ווײַסענבערג וואָלטן זיי געהאַט אפשר נאָך אַ לייכטערן און מער לאַכעדיקן) טאָן. יהודה עלבערג, ווי יעדער יונגער שרײַבער, דערוועגט זיך נאָך נישט צו לאָזן פרײַ זײַן פען — און זײַן הומאָר. אָבער נישט נאָר דערפאַר איז דער גאַנג פון דער דערציילונג און די רײַכע אידיאָמאַטישקייט פון איר אויסגעצייכנטן יידיש נישט געגוג שפּילעוודיק. עס איז דאָ, גלויב איך, נאָך אַן אורזאַך. און דאָס איז דער פאַקט, וואָס יהודה עלבערג נעמט און מוז נעמען ערנסט זײַן לייטמאָטיוו — דעם מענטשנס וועלן זײַן מער ווי ער איז, — אין אונדזער פאַל, דעם פאַרגרעבטן בערלס זוכן עפּעס, וואָס איז דער היפּוך פון אים אַליין, — זײַן האָבן געבענקט נאָך אַזא "איידל קינד", ווי עס איז געווען חנה, און נאָך דער צאַרטקייט פון אַ קינד בכלל. בער־לעפּס חלשן צו קומען אין באַרירונג מיט עפּעס, וואָס איז ניט־בער־לעפּ, מיט עפּעס, וואָס איז איידעלער און פײַנער, ווי ער אַליין איז, לאָזט ניט יהודה עלבערגן קוקן אויף אים כּסדר מיט שמייכלדיקע אויגן און פון דער זײַט אָדער גאָר פון אויבן אַראָפּ, מעג ער זײַן ווי גראָטעסקנהאַפטיק. ער מוז אונדז געבן צו פילן זײַן אינטערעס — און אַפילו זײַן סימפּאַטיע — צו אים.

נאָך טיפער איז זײַן אינטערעס און זײַן ליבשאַפט צו פעלאַן ("פאַרלוירן די מאַמע") און יורעקן (פון דער דערציילונג, וואָס טראָגט זײַן נאָמען). זײַער גראַנגל מיט זיך אַליין איז ניט אין ערך שווערער און געפערלעכער, ווי בער־לעפּס. ער וויל זיך נישט באַנוגענען מיט דער רואיקייט פון זײַנע לעבנס־אינסטינקטן. פעלאַ און דערהויפּט יורעק ראַנגלט זיך מיט זיי — און איז זיי גובר. פעלאַ פאַלט אַרײַן צו געסטאַפּאָ־לײַט אין די הענט, זיי זײַנען חושד, אַז זי איז אַ יידישקע. זיי נוצן די ברוטאַלסטע און די ראַפינירטסטע מיטלען אַרויסצוקריגן פון איר דעם אמת. זיי גלויבן נישט, אַז סטאַניסלאַוואַ מאַריאַ, וואָס איר בילד מיטן צלם אויפן האַלדז געפינט זיך צווישן אירע זאַכן, איז טאַקע איר מוטער, און כּדי אַז זיי זאָלן איר גלויבן, מאַטערט זי זיך אַזוי איינצולעבן זיך מיט געדאַנק, אַז דאָס בילד פון דער פרוי מיטן צלם איז באמת טאַקע די פאָטאָגראַפיע פון איר מאַמען, אַז זי קאָן זיך

שוין בשום אופן נישט דערמאָנען, וואָס פאַר אַ געזיכט איר אמתע מאַמע, רחל גרינבוים, האָט געהאַט. אין איר אינעוווייניקסטן געראַנגל מיט זיך אַליין האָט זי, נעבעך, פאַרלוירן איר מאַמע, און אַט די טראַגעדיע אירע מאַכט טיפער די יסורים, וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטיין איינרעדנדיק די רשעים, אַז זי איז אַ קינד פון דער פוילישער פרוי, וואָס זיי זעען אויף דער פאָטאָגראַפיע.

יורעק, דאָס יידישע בחורל, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פאָליאַק, פאַרלירט שיר נישט זיין אייגן לעבן, מאַטערנדיק זיך אויסצובאַהאַלטן — און דערנאָך כאַטש מקבר צו זיין — זיין שוועסטערל, וואָס ער האָט פאַרשטעקט אויפן בוידעם ביים פויער, וואו ער האָט געאַרבעט, ווי אַ פאַסטוך.

אין ביידע דערציילונגען זעען מיר, ווי די יידן, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן די רשעים, און זיך געראַנגלט פאַרן לעבן, האָבן זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין אפשר נאָך מער, ווי מיט דעם שונא, וואָס האָט געלויערט אויף זיי.

אין יהודה עלבערגן גופא, ווען דער שטאָף פון זיינע דערציילונגען איז דאָס לעבן און דער טויט אין געטאָ, — קומט פאַר אַן אינעוווייניקסטער קאַמף. דער קינסטלער דערציילט און דער פסיכאָלאָג אין אים ראַנגלט זיך — און קומט־ביי — דעם כראָניקער.

ערגעץ איז עס נישט אַזוי בולט, ווי אין "837", דער ערשטער, לענגסטער, אינהאַלטסרייכסטער, טיפסטער און שאַרפסטער פון אַלע זיינע דערציילונגען. זי פאַרנעמט שיר ניט דריי פערטל פונעם גאַנצן בוך, און איר הויפט־העלד ד"ר ליבענשטיין, אַן אַסימילירטער ייד, וואָס ווי אַן "אַריער" אויף יענער זייט געטאָ הייסט ער פעלטשוק, פירט אַ מלחמה מיט זיך אַליין, אָדער, ריכטיקער, מיט דער מורא, וואָס פילט אָן זיין גאַנצן וועזן זינט ער האָט אָנגעהויבן זיך אויסצובאַהאַלטן פון די נאַציס. — ביז דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ איבער זיין לעבנס־דראַמע צום לעצטן מאָל.

די דראַמע פון ד"ר ליבענשטיינס לעבן איז די דראַמע פון צוויי מוראס, וואָס שטויסן זיך צונויף אין זיין נשמה — פון דער מורא פאַרן דרויסנדיקן שונא, די געסטאַפּאָ־אַגענטן, וואָס האָבן אים אַריינגעכאַפּט און פאַרפּלאָנטערט אין זייער נעץ, און דער מורא פאַרן "אינעווייניקסטן שונא" — זיין געוויסן, וועלכער ווערט, וואָס ווייטער, אַלץ אומרואיקער און אַלץ וואָכזאַמער.

ד"ר ליבענשטיינס שרעקן זיך פאַרן טויט פירט דערצו, אַז ער ווערט גע־צוואונגען צוצוזאָגן דער געסטאַפּאָ צו ווערן אירער אַן אַגענט (אונטערן נומער 837). זיין מורא האָבן פאַר זיך אַליין, ד.ה. פאַר זיין געוויסן, לאָזט אים אָבער נישט בלייבן אין דער פאַלשער און געפערלעכער לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך. דער סוף איז, אַז נאָך לאַנגע מאַטערנישן און פּלאָנטערנישן ווערט ער אַ פּאַרטיזאַן אין די פוילישע וועלדער. דאָרט באַקענט ער זיך און ווערט זייער נאָענט מיט באַשען, אַ פּאַרטיזאַנקע, וואָס וועלנדיק אויפהיטן איר ריינקייט, מוז זי אויך

מלחמה האַלטן מיט זיך אַליין און מיט דער נאָענטער סביבה, נישט נאָר מיט די נאַציס. און ווען זיי קומען צוריק קיין וואַרשע נאָך דער מלחמה, זײַנען זיי גרייט צו אָנהייבן לעבן אַ נאָרמאַלן לעבן, אָבער ד"ר ליבענשטיינען איז עס ניט באַשערט. מענטשן פֿון דער אונטערערדישער באַוועגונג דערקענען אין אים דעם געוועזענעם געסטאַפּאָ־אַגענט, — און זײַן אייגענע מלחמה — זײַן מלחמה מיט דער מורא פֿאַרן טויט, פֿון איין זײַט, און מיט דער מורא פֿאַר זײַן געוויסן, פֿון דער אַנדער זײַט, — ברעכט ווידער אויס. זי ענדיקט זיך ערשט דאַן, ווען, נאָכדעם ווי ער לעבט אָפּ אַ לאַנגע צײַט, ווי אַ נזיר און אַ בעל־תּשובֿה, אין אַ בית מדרש, הערט ער אויף זיך צו שרעקן פֿאַרן טויט, — דאַן באַשטראָפֿט ער זיך אַליין: ער הענגט זיך אויף...

דאָס, וואָס איך האָב דאָ איבערגעגעבן, איז אַ שאָטן פֿון אַ שאָטן פֿון דעם סיפּור המעשה וועגן ד"ר ליבענשטיין, נישט נאָר פֿון דעם דערציילערס טיפֿן און ברייטן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז. די עצם פֿאַבולע, די "סטאָרי", איז אַזוי רײַך אין פּאַסירונגען און פּערזאָנען, איז גלײַכצײַטיק אַזוי איינפֿאַך און אַזוי פֿאַרוויקלט, אַזוי מעלאָדראַמאַטיש און אַזוי דראַמאַטיש, אַזוי פּלאָנטערדיק און דאָך אַזוי נאַטירלעך, אַזוי פֿאַנטאַסטיש און דאָך אַזוי גלויבלעך, אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט צײַט־און אָרט־אומשטענדן (די צײַט־און אָרט תּנאָים פֿון גזירת־היטלער און פֿון דעם קאַמף קעגן נאַציזם אין פּוילן) און דאָך אַזוי אוניווערסאַל־מענטשלעך, — אַז די עצם־דערציילונג, אָן קיין שום עטישער און פּסיכאָלאָגישער פֿאַרטיפֿונג, וואָלט אונדז פֿאַרכאַפּט ביז גאָר. מיר וואָלטן זיך געוואונדערט, ווי אויף אַזאַ בערך קורצן שטח קאָן אַזוי פֿיל פֿאָרקומען, אויך ווי קונציק די אַלע רינגען פֿון דער געשיכטע קייטלען זיך איינע מיט די אַנדערע, ווי גאַנץ און איינהייטלעך די סטרוקטור פֿון דער זאַך איז, כאָטש זי באַשטייט פֿון אַזוי פֿיל פֿאַרשיידענע טיילן. מיר וואָלטן געטראַכט: אין די אַלע דערציילונגען פֿונעם בוך, דערהויפּט אין "בער־לעפּ" איז דאָ אַזאַ בריהשאַפֿט אין דעם איבערגעבן פּרטים, און מיט אַמאָל — אַזאַ מײַסטערשאַפֿט פֿון קאָנדענסירן און מקצר זײַן. מיר וואָלטן אַזוי געטראַכט, ווען די ערשטע דערציילונג פֿון "אונטער קופּערנע הימלען" וואָלט געווען נישט מער ווי אַ שטיק כראָניק. אָבער זי איז דאָך נישט אין ערך מער, ווי דאָס.

זי גיט אונדז אַ טיף מענטשלעכע, קלאָר און קלוג מאָטיווירטע און ביז צו די טיפֿסטע טיפֿענישן באַלויכטענע דראַמע. די דראַמע פֿון ד"ר ליבענשטיינס טראַגישן ראַנגלען זיך מיט זײַן פֿאַלן, זײַן זינקען און די דראַמע פֿון זײַן — נישט וויניקער טראַגישן — קעמפֿן פֿאַר זײַן אויפֿהויבן זיך. די טראַגעדיע פֿון זײַן פֿאַרברעכן און זײַן שטראָף.

פֿון אויבנאויף איז עס אַ געזעלשאַפֿטלעכע אָדער אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלע טראַגעדיע: ד"ר ליבענשטיין איז אַן אַסימילירטער, ד.ה. אַן אויסגעוואַרצלטער ייִד, פֿול מיט פֿאַראַכטונג צו דער ייִדישער סביבה, שיר ניט אַליין אַן אַנטיסעמיט: איז

ביי אים אין אָנהייב רעכט געווען צו ווערן אַ מסור און אַרויסגעבן זײַנע אייגענע ברידער, אַבי זיך אַליין צו ראַטעווען. שפּעטער, דערהויפּט אונטער דער ווירקונג פון דער זעלטענער יידישער פרוי באַשע, וואָס איז באמת אַ העראָאישער כאַראַקטער און דערצו נאָך טיף פאַרוואָרצלט אין איר פאָלקס־פּסיכישער און עטישער ירושה, — ווערט ער פול מיט בענקשאַפט נאָך גלויבן און מיט גרויס דרך־ארץ פאַר זײַן אייגענער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג, און פון אַ מענטשן, וואָס דאָס לעבן איז פאַר אים נאָר אינסטינקט, ווערט ער אַ מענטש, וועלכער דערשפּירט, וואָס הייסט די ווערדע פון לעבן, און מוטיקייט פאַרנעמט אין אים ביסלעכווײַז דעם אָרט פון שרעק, צוגעבונדנקייט און דאָס געפיל פון אחריות פאַרבייט אָפּגעריסנקייט און הפקרות...

דאָס איז אין קורצן די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע איבערקערעניש, וואָס קומט פאָר אין דעם העלד פון דער דערציילונג. אָבער נישט אין ערך טיפער זײַנען די אינעווייניגסטע, אינדיווידועל־עטישע, מעטאַמאָרפאָזעס, וואָס מיר זעען אין ליבענשטיינען. אויך יהודה עלבערגס אַנאַליז פון אָט די אַלע ענדערונגען איז טיפער אַ סך, צום באַדויערן, האָב איך נישט קיין אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף זיי. איך וויל נאָר זאָגן, אַז אַזוי ווי מרדכי שטריגלער, באַנוגנט זיך נישט עלבערג מיט דערציילן אונדז, וואָס עס איז פאַרגעקומען מיט היטלערס קרבנות. ער רירט אָן די טיף־דימענסיע (און אויך די הויך־דימענסיע) פון זייערע טראַגישע איבערלעבונגען. ער ווײַזט אונדז דאָס ליכט, וואָס לײַכט אין די טונקלקייטן, אין וועלכע שטריגלער האָט אַזוי דרייסט אַרײַנגעקוקט.

יהודה עלבערגן איז דערווײַל נאָך נישט געלונגען לעבעדיק צו מאַכן די כאַראַקטערן פון דער טראַגעדיע. ער פאַרטיפט זיך אָבער — און העלפט אונדז זיך פאַרטיפן — אין דער טראַגעדיע פון די כאַראַקטערן. באַשע, כאָטש זי איז נישט קיין צענטראַלע פיגור אין דער דערציילונג, איז לעבנספולער, ווי ד״ר ליבענשטיין, די הויפּט־פיגור. דאָס איז דערפאַר, וואָס זי איז גאַנץ און ניט אַזוי פול מיט סתירות און אינעווייניקסטע קאָנפליקטן, ווי דער ליבעראַלער דאָקטאָר, וואָס איז געוואָרן פריער אַ געסטאַפּאָ־אַגענט און דערנאָך שיר ניט אַ הייליקער. זײַן פאָרטרעט איז ניט אַזוי לײַכט אויסצומאָלן. בפרט נאָך, אַז דעם יונגען דערציילערס כח ליגט דערווײַל טאָקע נישט אין שאַפן פול־אינדיווידועלע מענטשלעכע כאַראַקטערן, נאָר אין אַרויסברענגען דעם מענטשנס אָפענע און פאַרבאָרגענע כאַראַקטער־שטריכן, — און נישט דוקא אײַנפאַכע, נאָר אויך אַזוינע קאָמפּליצירטע און סתירותדיקע מענטשלעכע אײַגנשאַפטן, ווי די, וואָס ער האָט אַזוי בולט געמאַכט אין דעם פאַרברעכן און דער שטראָף אָדער, ריכטיקער, זעלבסטבאַשטראָפונג, פון ד״ר ליבענשטיין.

אַ שטאַרק לויב־וואָרט קומט עלבערגן אויך פאַר זײַן יידיש, וואָס אַז מען דאַרף, איז עס באַרײדעוודיק, פריש און פאַרט אידיאָמאַטיש, ווי, אַ שטייגער, אין

"בער־לעפּ" און ווען עס איז נויטיק, ווערט עס פּינקטלעך און שטאַרק פאַרקירצט.

יהודה עלבערג ווייסט וואָס ער טוט הן בנוגע צום לשון, הן אין שייכות צום אויפבוי פון אַ זאַך. ער איז צווישן די יונגע, נישט לאַנג אַהער געקומענע, פּויליש־ייִדישע דערציילערס, איינער פון די באַוואוסטזיניקסטע, קולטורעלסטע און צוזאָגנ־דיקסטע טאַלאַנטן.

אָפּרופן פון ה. לייוויק און יוסף אָפּאַטאָשו

"...האָב איבערגעלייענט און שטאַרק באַווירקט געוואָרן, מע ווערט ממש אויפגע־רודערט. כאָטש די פּיין פאַר זיך אַליין איז די אונדז אַלעמען באַוואוסטע פּיין, אָבער דער אופן ווי אַזוי איר דערציילט וועגן איר איז אַן אייגנאַרטיקע, אַ טיף־קינסטלערישע" — אייער ה. לייוויק, 28טער יוני 1951.

"...אַדאַנק פאַר אייער בוך "אונטער קופּערנע הימלען". נעכטן אין אָוונט איבער־געלייענט די לענגסטע דערציילונג — "אַכט הונדערט זיבן און דרײַסיק". געלייענט מיט פאַרכאַפּונג, מיט איין אָטעם, גאָר אַ גוטע דערציילונג"... — יוסף אָפּאַטאָשו, 25 יוני 1951.

חיים גראַדע

די קללה פון דער תוכחה

דער נאָמען "אונטער קופּערנע הימלען" דאַרף אונדז דערמאָנען די קללה פון דער תוכחה, וואָס יהודה עלבערג ברענגט טאַקע ווי אַ מאָטאָ צו זײַן בוך, "והיו שמיך על ראשך נחושת", דער הימל אויף דײַן קאָפּ וועט זיין פון קופּער, עס וועט קיין רעגן ניט גיין. עלבערג נוצט עס אין סימבאָלישן זין, אַז די ייִדן אין די לאַגערן און אין די געטאָס זײַנען געווען פאַרלאָזט פון מענטשן און אויך דער הימל איז געווען פאַר זיי פאַרשלאָסן.

די גרעסטע דערציילונג אין בוך, לויט די צאָל זײַטן, איז די נאָוועלע "837". יהודה עלבערג האָט זיך אונטערגענומען צו באַווײַזן די גײַסטיקע געשיכטע פון אַ געפאַלענעם ייִדן. ווי אַזוי אַ ייִדישער דאָקטאָר, איגנאַצי ליבענשטיין, ווערט דורך דער געשטאַפּאָ דערפירט צו דער פאַרדאָרבנקייט, ער זאָל אויסגעבן באַהאַלטענע ייִדן, כדי זיך אַליין דורך דעם צו ראַטעווען פון טויט. וואָלט דער דאָקטאָר, וואָס קריגט בײַ דער געשטאַפּאָ דעם נומער פון שפּיאָן 837, געווען אַ לומפּ, וועלכער האָט ניט קיינע איבערלעבונגען בײַם טאָן זײַנע נידערטרעכטיקע מעשים, וואָלט דער שרײַבער עלבערג ניט געהאַט קיין מער קאָמפּליצירטערע אויפגאַבע בײַם שילדערן דעם פאַררעטער, ווי בײַם באַשרײַבן די רציחות פון אַן אַנדער געשטאַפּאָ־אַגענט, אַ דײַטש אָדער אַ פּאָליאַק. אָבער עלבערג האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַלויכטן די נשמה פון אַ מענטשן, וואָס האָט, אמת, קיינמאָל זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין גרויסע מעשים, נאָר איז אויך ניט געווען קיין פאַרדאָרבענער מענטש. פאַרוואָס און ווי אַזוי האָט זיך דער דאָקטאָר איגנאַצי ליבענשטיין דערקייקלט צו אַזאַ אָפּגרונט, ער זאָל ווערן אַ מסור און אויסגעבן אַ פרוי, וואָס געהערט צו דער געהיימער ייִדישער רעטונגס־אָרגאַניזאַציע; אַן אומבאַקאַנטע פרוי, וואָס טרעפט אים און גיט אים יעדן חודש שטיצע; און ער האָלט שוין אויך בײַם אַרויסגעבן זײַן טעכטערל וואָס באַהאַלט זיך אויס בײַ ניט־ייִדן... ווי אַזוי דערגייט אַ מענטש צו אַזאַ ירידה? מען מוז זאָגן, אַז מען דאַרף האָבן אַ סך אַמביציע און גרויזאַמען שרײַבערישן נײַגער — אַזוי מוז מען עס אָנרופן — צו נעמען זיך צו אַזאַ טעמע:

דערשינען אין "אידישער קעמפער", 3.8.51.

אַנטפּלעקן די פּאַרפּינצטערטע נשמה פון אַ נאַציאָנאַלן בוגד. עלבערג האָט עס געטאָן. לאָמיר זען ווי אַזוי ער האָט זיך געספּראָוועט מיט אָט דער ריזיקאַלישער קינסטלערישער אויפגאַבע.

דורך אַ סך איינצלהייטן פון צוזאַמענפירן דעם דאָקטאָר ליבענשטיין מיט די ראַפינירטע דייטשישע תליינים, ווייזט אונדז דער מחבר ווי אַזוי דער דאָקטאָר ברעכט צוזאַמען. די סיבה איז פּחדנות, שרעק פאַרן טויט און נאָך מער — פאַר פּייניקונגען. מיט נאַטוראַליסטישער קראַפט באַשרייבט עלבערג ביז שטוינונג, ביז שוידער, דאָס קאַרטשעניש און צאַפּלעניש פון אַ געטראַטעטעם מענטשלעכן גוף. יעדעס מאָל ווען דער נומער 837 באַשליסט מער ניט צו דינען דער געשטאַפּאָ, דערפילט ער אין זיין מאַרך־שיידל אַ לאָך די גרויס פון אַ קויל, ווי ער וואָלט שוין געווען דורכגעשאָסן. ווען מען ברעכט אים די פינגער, שפּירט ער ווי דער ווייטאָג ברענגט אים אויס די אויגן. די גרוויליקסטע סצענע איז ווען דער דייטש מאַטערט דעם ייִדישן געשטאַפּאָ־אַגענט, ער זאָל אויסזאָגן ווער עס איז די ייִדישע פּרוי, וואָס העלפט אים. דער געפּייניקטער פילט, אַז זיין מויל איז צו קליין פאַר דעם יסורים־געשריי, וואָס רייסט זיך פון זיינע אינגעווייד. דער דייטש טרעט אים מיט זיינע שטיוול אין דעם סאַמע שפּירעוודיקסטן אָרט. ליבענשטיין האַלט אויס. אָבער צום צווייטן מאָל, ווען דער דאָקטאָר וואָס ליגט אויף דער ערד דערזעט ווי דער שטיוול רוקט זיך צו אים פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אַלץ נעענטער, וואַקסט און ווערט אַלץ גרעסער און אָט לאָזט זיך דער שטיוול מיט די שאַרפע נעגל נאָכאַמאָל אַרונטער אין יענעם אָרט, דערפילט דער קרבן ווי זיין מח פּלאַצט פון אַ געשריי. זיין געשריי, ניט פון ווייטאָג, נאָר פון שרעק, איבערצייגט דעם דייטש אַז דער ייִד האָט זיך איינגעבראָכן. דער רוצח כאַפּט אַרויס אַ בלייפעדער און פּאַפּיר צו פאַר־שרייבן דעם נאָמען פון דער פרוי. און אָט די זיכערקייט פון דייטש אַז זיין קרבן וועט איצט אויסזאָגן, נעמט ביים דאָקטאָר אַוועק זיין לעצט ביסל עקשנות.

איך האָב בכיוון איבערגעגעבן די סצענע פון פיזישער פּייניקונג צו אונטער־שטרייכן, אַז עלבערגס כח ליגט אין שילדערן נאַטוראַליסטיש דעם חומר און די וויברירונגען פון געשפּאַנטע קראַנקע נערוון. אָבער ער גריבלט זיך אויך אין דער נשמה פון דעם געפאַלענעם און געפינט אויס, אַז ניט ווייניק שולדיק אין ליבענ־שטיינס ירידה איז דער פאַקט, וואָס ליבענשטיין איז אַן אַסימילירטער דאָקטאָר, וועלכער האָט שטענדיק געקוקט אויף די וואַרשעווער "קאַפּאָטעס" ווי אויף ווערים, זיך געזוכט פון זיי צו דערווייטערן, און זיין אַמאָליקע שנאה צו זיינע שטאַם־ברידער דערלאָזט אים שפּעטער זיי איבערצוגעבן צום טויט פאַרן פרייז פון זיין לעבן.

נאָך עטלעכע ניט געלונגענע פּרוּוון צו אַנטלויפן, דערקלייבט זיך דער מאַן, וואָס טראָגט דעם נומער "837", אין וואַלד צווישן פּאַרטיזאַנער, וואו ער ווערט צוריק אַ דאָקטאָר. דאָרט פאַרבינדט זיך אַ ראָמאַן צווישן אים און אַ העלדיש מיידל,

וואָס איז צניעותדיק־ריין און כדי זיך צו באַשיצן אין דער אויסגעלאַסענער און ברוטאַלער סביבה פון די וואַלד־מענטשן, וואָס לעבן מיטן טאָג, באַנוצט דאָס מיידל באַשע גראָבע רייד און באַנעמט זיך ווי אַלע אַנדערע רוי און האַרט. אָבער, אין דאָקטאָר, וועמענס פּאַרגאַנגענהייט זי ווייסט ניט, זעט זי אַן איידעלן אינטעליגענטן מענטשן און פאַרליבט זיך אין אים.

דער דאָזיקער טייל פון דער נאָוועלע איז אין פאַרגלייַך מיטן אָנפאַנג אַ שטאַרקער אַראָפּפאַל. עלבערג קען ניט דאָס פּאַרטיזאַנער־לעבן, ניט זייער פּסיכאָלאָגיע און ניט זייער שטייגער. די העלדן זייַנען ניט פּערזענלעך, מיר זעען ניט זייער פּרצוף־פּנים, מיר הערן בלויז זייערע נעמען. דער מחבר באַשרייַבט צוויי מאָל שלאַכטן צווישן פּאַרטיזאַנער און דייטשן, ער לאָזט זיך אַרייַן אין פּרטים וועגן די פּאָזיציעס, אָבער די "סטראַטעגיע" איז זייער אַן אומקלאָרע. אַלץ לויפט מיט אַזאַ האַסטיקייט ווי אַן אָפּגעדרייטע פילם־לענטע, דערצו נאָך אַ סאָוועטישער פילם, ווייַל אַלע דייַטשן ווערן אויסגעראָטן ביז איינעם... עלבערג, וואָס גיט אַנדערשוואו אָפּ זייַטן צו באַשרייַבן די רעאַקציע פון קערפּער אויפן ווייטאָג פון אַ נאָדל־שטאָך, לאָזט אין וואַלד פאַלן מענטשן ווי די פליגן, אָן איין כאַראַקטעריסטישן שטריך ניט ביַי זייער לעבן און ניט ביַי זייער טויט. אַ סאָוועטישער פּאַרטיזאַן וואָלאָדקע דערהרגעט אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן וואָס פּאַרטיידיקט באַשעס צניעות. ביַי אַן אַנדער געלעגנהייט ווייל דער וואָלאָדקע אויס נקמה, וואָס באַשע האָט זיך אים ניט אָפּגעגעבן, אויך זי אומברענגען, אָבער זי כיטרעוועט אים אַריבער און דער וואָלאָדקע ווערט דערשאָסן. דאָס אַלץ איז באַשריבן מיט שווינדלדיקער האַסטיקייט, מאַכט דעם אייַנדרוק ווי פאַרצייכענונגען פאַרן מחבר, אָבער שאַפט ניט קיין בילד, אַז דער לייענער זאָל פּלאַסטיש זען ווי דאָס לעבן אין וואַלד האָט ווירקלעך אויסגעזען. עלבערג, אַ מענטש וואָס האָט זיך געהאַדעוועט און קען גוט די נאַטור און דאָס דאָרפישע לעבן, ווי מיר זעען עס פון זייַנע אַנדערע נאָוועלן, לאָזט דאָ אַפילו דורך די געלעגנהייט צו באַשרייַבן דעם וואַלד וואָס איז די אינטימע סביבה פון די פּאַרטיזאַנער. צוליב אומגעדולד, אָדער גיט־קענטעניש, האָט עלבערג אַראָפּגעלאָזט פון זיין קינסטלערישן טאָן און האָט זיך "אַרייַנגעיאָגט" אין רעפּאָרטאַזש — און פראַגמענטאַרישקייט. פון פראַגמענטאַרישקייט ליידט בכלל עלבערג אויך אין די אַנדערע דערציילונגען. עס זעט אויס ווי ער וואָלט געהאַט אַן אינטערעס נאָר פאַר אַרויפגעשרויפטע דראַמאַטישע עפּיזאָדן און וויל זיך ניט געבן די מי פון צוזאַמענבינדן דעם סיפּור המעשה עס זאָל אויסקלינגען ווי אַ גאַנצע זאַך און דער לייענער זאָל קענען אָפּציען דעם אָטעם ביז אַ נייַעם דראַמאַטישן אויפרייַס.

ס'וואָלט געווען אַן עוולה פון מיר ניט צוצוגעבן, אַז אויך אין דער באַשרייַבונג פון וואַלד־לעבן זייַנען דאָ גוטע מאָמענטן און דער מחבר מאַכט געניג בולט זייַן כוונה, אַז דער שוואַכלינג נומער 837 איז אין אַן אַנדער סביבה פון קאַמף און געראַנגל, אויך מוטיקער און מענטשלעכער. פונדעסטוועגן איז מיר שווער צו

פאַרשטיין ווי אַזוי דער דאַזיקער בוגד, וואָס ליידט אַזוי שטאַרק פון זייַן געפאַלנקייט, פאַרגעסט צו אָפט און צו פיל אָן זייַן עבר און יאָגט זיך מיט אַזאַ עקשנות נאָך דער ליבע פון באַשען. קען זייַן אַז דאָס איז טאַקע עלבערג אויסן צו ווייַזן, אַז נאָר אין אַ מאָמענט פון סכנה וואַכט אויף אין דעם דאָקטאָר זייַן געוויסן. דאָך האָב איך געהאַט דעם אייַנדרוק ווען דער נומער 837 קריכט אַרויס נאָך דער באַפרייַאונג פון וואַלד, אַז אויך דער מחבר איז אַרויסגעקראָכן פון אַ זייַטיקן וועג וואו ער האָט קינסטלעריש פאַרבלאָנדזשעט.

דער דאָקטאָר איגנאַצי ליבענשטיין עפנט אַ קאַבינעט. ער איז אויבנאויפיק גליקלעך מיט זייַן ווייַב באַשע. שטילערהייט אָבער לייַדט ער פון זייַן ווייַבס פלוצלונגדיקע אייַנדאַרונג און וועלקונג, וואָס איז געקומען פון אַ וואונד. ער באַשולדיקט זיך, אַז דאָס איז פאַר זייַנע זינד. אומגעריכטערהייט דערקענט אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער רעטונגס־אָרגאַניזאַציע דעם שפּיאָן נומער 837 אויף וועלכן עס איז שוין לאַנג דאָ אַ טויט־אורטייל פאַרן מסרן אַ טוערין פון דער אָרגאַניזאַציע, די פרוי וואָס האָט אים, דעם מסור, געהאָלפן. דעם דאָקטאָר גיט זיך אייַן אַרויסצודרייען. זייַן פרוי דערקענט אָן זייַן פחד, אַז די שרעקלעכע באַשולדיקונג קעגן אים איז אמת. זי פאַרלאָזט אים. דער דאָקטאָר אַנטלויפט אין לאָדזש אין אַ בית־מדרש, פאַרלאָזט זיך אַ גרויסע באָרד, לערנט זיך עברי און ווערט אַ בעל־תשובה. מען מיינט, אַז ער איז אַ גר. זייַן קינד וואָס איז שיעור ניט אומגעקומען דורך זייַן מסירה, געפינט זיך אין אַ קינדער־היים. ער באַקוקט עס פון דער ווייַטן און אַנטלויפט אין שרעק דאָס קינד זאָל זיך קיינמאָל ניט דערוויסן ווער עס איז זייַן פאָטער. ער פייַניקט זיך לאַנג אין איינזאַמקייט, ביז ער כאַפּט זיך, אַז אייגנטלעך איז ער ניט קייַן אמתער בעל־תשובה, נאָר ער אַנטלויפט פון טויט, מען זאָל אים ניט דערקענען. ענדלעך זוכט ער אויף דעם מאַן וואָס האָט אים דערקענט און ער וויל זיך שטעלן צום משפּט. אָבער יענער דערזעט פאַר זיך אַ חורבה פון אַ מענטשן און עס נעמט אים אָן אַן עקל אומצוברענגען דעם שפּיאָן. לסוף הענגט ער זיך אויף. אויף זייַן ברוסט קריצט ער אויס מיט אַ מעסערל "837". דער בית־עולם־וועכטער וואָס ווייסט ניט דעם נאָמען פון זעלבסט־מערדער, שרייַבט אָן דעם נומער אויפן מצבה־ברעטל. אין עטלעכע טעג אַרום באַמערקט ער, אַז דער נומער איז אָפּגעקראַצט און אויפן ברעטל שטייט דער נאָמען "איטשע", אַזוי ווי זייַן פרוי באַשע האָט אים גערופן אין וואַלד אַנשטאָט זייַן פאַרגויִשטן נאָמען איגנאַצי...

חוץ אייניקע עפּיזאָדן אין דעם טייל, וואו עלבערג ליידט פון זייַן קינעמאַטאָגראַפישער האַסטיקייט, פאַרפעדעמט זיך דער סוף פון דער נאָוועלע מיטן שטאַרקן אָנהויב. מיר זייַנען פאַרכאַפּט און פאַראינטריגירט פון סיוזשעט און פאַר אונדז אַנטפּלעקט זיך אַן אָפּגרונט: אַ געפאַלענער וואָס זייַנע גייַסטיקע יסורים זייַנען אַזוי שטאַרק ווי די פיזישע פייַניקונגען וועלכע ער האָט איבערגעטראָגן

פון דייַטש. וואָס שייך דעם כאַראַקטער און די איבערלעבונגען פון דעם מסור, וואָס דער מחבר האָט געוואָלט ווייַזן, האָט ער זייַן ציל דערגרייכט. דער מחבר פאַר־ענטפערט ניט אָט דעם געוועזענעם מענטשן, ער באַווייַזט אים בלויז און זאָגט דורך דעם צום לייענער: משפט דו!

אין דער נאָוועלע „פאַרלוירן די מאַמע" שילדערט עלבערג אַ יידישע פרוי אויף אַרישע פּאַפּירן, זי טראָגט אַ צלם און האַלט ביי זיך אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ פּוילישער פרוי, וועמען זי גיט אָן פאַר איר מוטער. מען פייַניקט זי מיט אַלערליי ענויים אונטערן חשד אַז זי איז אַ יידישקע, אָבער זי האַלט אויס. שפּעטער ווען זי ווערט באַפרייַט פון געשטאַפּאָ, קען זי זיך ניט דערמאָנען ווי עס האָט אויסגעזען איר אמתע יידישע מאַמע. זי האָט געראַטעוועט איר לעבן און פון איר געדעכעניש איז פאַרלוירן געגאַנגען דאָס געשטאַלט פון איר מוטער. די דערציילונג איז פּסיכאָ־לאָגיש זייער אמתדיק. די אויסגעמאַטערטע פון טויט־שרעק באַהערשטע פרוי האָט אַזוי לאַנג זיך איינגעחזרט אין די שטריכן פון דער צופעליק געפונענער פאָטאָ־גראַפיע פון דער פּוילישער פרוי, אַז זי קען ניט אַרויסרופן פון איר זכרון דאָס געשטאַלט פון איר מוטער, ווי אין דער דערמאָנונג וואָלט געווען אַ סכנה.

„אַ מעט לעת אין מייַן הויף" איז אַ באַשרייַבונג פון אַ וואַרשעווער הויף אין דער ערשטער צייַט פון דער דייַטשישער אָקופּאַציע. דאָס איז אַ רעפּאָרטאַזש, אויסגעהאַלטן פון אָנהויב ביזן סוף אין זעלבן סטיל. ממילא קען מען דאָ ניט האָבן קיין טענות צום מחבר ווי אין דער ערשטער גרויסער דערציילונג. עלבערג פאַרנעמט זיך דאָ ניט מיט פּסיכאָלאָגישע פּאַרטיפונגען. מיר זעען די מענטשן דורך די פענסטער, מיר הערן זייערע קורצע דיאַלאָגן. עס גייט דורך אַ גאַלעריע פון טיפּן, הענדלער, בעטלער, פרומע יידן, מאַמעס און קינדער. אַ ייד וואָס וויל פּראַווען דעם געבוירן־טאָג פון זייַן פרוי מיט אַ האַלב פונט געליען ברויט, בלייַבט ליגן אויפן גאַס מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ פון די דורכפאַרנדיקע דייַטשן; אַ חסיד לאָזט זיך ניט פאַרשטערן דעם פרייַטיק אויפדערנאַכט, כאָטש זייַן ייִנגל איז נאָר וואָס דערשאָסן געוואָרן בייַם געטאָ־טויער דורך דער וואַך; און אויפן הויף קלינגט נאָך אַלץ דאָס טרייסט־ליד פון געשוואָלענעם בעטלער וואָס מונטערט די הויף־איינוואוינער זיי זאָלן זיך ניט מיאש זייַן. דער גאַנצער שוידער, די גאַנצע טראַגיש־קייט, דער גאַנצער קאָשמאַר איז דאָ אַרייַנגעפּרעסט אין עטלעכע זייַטן און די ווירקונג איז מוראַדיק.

די בעסטע דערציילונג פון דעם חורבן־ציקל איז, לויט מייַן מיינונג, „יורעק". דאָס איז אַ געשיכטע פון אַ יידיש ייִנגל וואָס האָט אַ גויישן אויסזען. ער פאַרדינגט זיך אין אַ דאָרף צו אַ פּויערטע אויף אַרבעט. ניט די באַלעבאָסטע און ניט איר מאַן דער שיכור ווייסן, אַז יורעק באַהאַלט אויס אויף זייער בוידעם זייַן יידישע

שוועסטערל. דער איינציקער וואָס ווייסט עס, איז דער הונט און ער לאָזט ניט צו די דאָרפישע קינדער צום בוידעם. ווען די באַלעבאָסטע טרײַבט אַרויס יורעקן ברענגען פון מאַרק אַ קו, שטאַרבט דערווײַל זײַן קראַנקע שוועסטערל. די אויגן נעמען ווײַ טאָן ווי מען וואָלט זיי געשטאָכן מיט שפּילקעס, ווען מען לייענט ווי יורעק באַגראָבט זײַן שוועסטערל אין וואַלד. ער וואַרפט זיך אויף דער ערד און ווערט כמעט פאַרפרוירן פון פאַרשטאַרטן ווייטאָג. דער טרײַער הונט וועקט אים אויף מיט אַ ביס... און יורעק לאָזט זיך אַוועק וואַנדערן איבער דער וועלט. עלבערג שילדערט מיט אַ געניטער האַנט דאָס דאָרפישע לעבן און די מגושמדיקייט פון די פּויערים. דאָס בילד ווי יורעק טרײַבט די קו דורכן פיגצטערן וואַלד באַווײַזט אַן איבעריקן מאָל, אַז אַן עכטער שרײַבער קען דורך אַ געוויינלעכע סיטואַציע אַרויסברענגען סײַ זײַן קינסטלערישע קראַפט און סײַ דעם עלנט פון אַ פאַרלוירן ייִדיש ייִנגעלע צווישן מענטשן־וועלף.

״יורעק״ איז די בעסטע דערציילונג אין בוך פון דעם חורבן־ציקל. אָבער קינסטלעריש איז די לעצטע נאָוועלע ״בער־לעפּ״ זיכער דאָס רײַפסטע און גע־שליפנסטע, הגם זי איז אָנגעשריבן, ווי דער מחבר גיט אָן, נאָך פאַרן קריג.

״בער־לעפּ״ איז אַ מעשה וועגן אַ באַלעגאָלע וואָס האָט אַ גראָבן קאָפּ און אַ דימענטן האַרץ. ער איז דער בעסטער פאַרדינער צווישן די באַלעגאָלעס און עס שדכנען זיך צו אים די געזונטע פּורמאַנסקע מוידן. ער האָט אָבער חתונה מיט דער אײַנגעדאַרטער אָסקעטיש־פרומער חנהן, די טאָכטער פון זײַן אַמאָליקן מלמד, וואָס האָט אים קוים אויסגעלערנט אַ שײַטל עברי. בער־לעפּ האָט גרויס דרך ארץ פאַר זײַן ווײַבס יחוס, פרומקייט און קענטשאַפט, נאָר עס נאָגט אים דער טרויער וואָס זי האָט ניט קיין קינד. ער ראַטעוועט אַ קינד פון טויט־געפאַר און נעמט עס האַדעווען, ביז די מוטער פון קינד פאַרטרײַבט דעם בעל־עגלה, ווײַל ער קוקט הונגעריק און דאַרשטיק אויף איר ברוסט ווען זי זויגט אָן איר עופעלע. אין זײַן תמעוואַטקייט לאָזט ער זיך שיכורערהייט אויסנוצן פון אַ יונגער פּויערטע וואָס פאַרשוואַנגערט פון אים. שפּעטער דערציילט ער עס זײַן ווײַב און זי פאַרטרײַבט אים פון זיך. דאָס קינד פון דער פּויערטע איז אָבער אַ גוי און בער־לעפּ גיט זיך אָפּ מיט האָדעווען ״אַ קאַשקעלע״ מיט אַזאַ ליבע און אייפער, ווי דאָס וואָלט אים פאַרביטן אַן אייגן קינד. ווען די באַלעגאָלעס דערציילן גבורות פון זייערע קליינ־וואַרג, דערציילט בער־לעפּ זײַן נחת פון לאַשעקל. דאָס שלאַנקע פערדל ווערט קראַנק און בער־לעפּ צאָלט דעם שמש פון בית־מדרש מען זאָל זאָגן פאַרן לאַשעק תהילים... און אַז דאָס פערדל קומט אום, רײַסט זיך אַרויס בײַ בער־לעפּ מיט געוויין אַ קדיש ווי נאָך אַן אייגן קינד.

אָט די דערציילונג באַווײַזט מער ווי אַנדערע שאַפונגען פון יונגן מחבר אין וואָס עס באַשטייט זײַן אייגנטלעכער כוח: אין דערציילן נאַטוראַליסטיש מיט אַ

געזונטן אָטעם און קערנדיקע האַרבע רייד דאָס לעבן וואָס ער קען גוט, דאַרף און שטעטל, ייִד און פויער, פעלד און וואַלד. ווען עלבערג באַשרײַבט פאָלקס־מענטשן, איז זײַן שפּראַך עכט און געדיכט ווי דאָס בלוט פון זײַנע העלדן. דער דיאַלאָג איז אַ מצומצמדיקער, ווײַל בער־לעפּ און זײַן גלײַכן רעדן קנאַפּ. ווען עלבערג ברענגט זייער האַלב־שטומען שמועס אין פּוילישן ייִדיש־דיאַלעקט, שמעקט פון דעם מיט ניט געקינצלטער עכטקייט און פרישקייט. אַז מען לייענט „בער־לעפּ" מוז קומען אויפן געדאַנק — י. מ. ווייסנבערג. עלבערג איז אָבער אַ רבנישער זון, און ווען ווייסנבערג איז אויסן צו באַווײַזן, אַז אויך מיר האָבן יונגען געזונט און זינדיק ווי די עשוס, איז יהודה עלבערג אויסן צו באַטאָנען דאָס פאַרקערטע, ווי אין אַ באַלעגאָלישן יונג וואָס קען קוים אַ זײַטל עברי, לעבט אַזוי פיל דרך ארץ פאַר תורה און יחוס, אַז ער נעמט די אויסגעדאַרטע פאַרעלטערטע טאַטער פון מלמד צוליב איר פּיינעם אַפּשטאַם און אירע גוטע מידות. בער־לעפּ איז כמעט האַלב־דעפעקטיוו, אַנדערהאַלבן זלאָטעס איז בײַ אים מער ווי אַ זלאָטע פּופציק, מען קען אים אַפילו אײַנרעדן, אַז זײַן ווײַבס מאַמע איז געווען אַן עקרה... דעריבער זײַנען זײַנע שפּירונגען ניט געשליפן, אָבער זײַן האַרץ איז פול מיט איידלקייט און גוטסקייט.

עלבערג דאַרף ניט זוכן קיין אויסגעקליגלטע סיוזשעטן מיט שטאַרקע איבער־ראַשונגען און ספּעציעלע סיטואַציעס, וואו די שפּאַנונג באַשטייט אין דעם, וואָס די העלדן כיטרעווען שוין צופיל איינער קעגן אַנדערן. ער דאַרף ניט זוכן קיין סענסאַציאָנעלע פּאַסירונגען, נאָר אויסניצן זײַן לעבנס־דערפאַרונג אין דעם אָפּ־געקליבענעם גײַסטיקן אוצר פון זײַן האַלב־רבנישער און האַלב עמך־דיקער משפחה: איידלקייט, ניכטערקייט און געזונטע מיט־גבורה־אַנגעלאָדענע חושים. דעמסטמאָל קען מען דערוואַרטן, אַז זײַן ערשט בוך, וואָס האָט פאַר אים געעפנט דעם טויער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועט זיין פאַר אים אַ געבענטשטער אָנהויב צו נאָך גרעסערע דערגרײַכונגען.

יעקב באָטאָשאַנסקי

עלבערגס ערשט בוך

דער 73טער באַנד פון דער ביכער סעריע "דאָס פוילישע ייִדנטום", איז אַ בוך פון אַ טאָפּלטן ווערט: עס ווײַזט אַ נישט געוווינלעך באַקאַנטן אַספּעקט אין אונדזער "לעבן" בעת דעם דריטן חורבן און עס פירט אַרײַן אַ טאַלאַנטירטן יונגן ייִדישן שרײַבער אין אונדזער ליטעראַטור. "אונטער קופּערנע הימלען" פון יהודה עלבערג האָט 252 זײַטן און באַשטייט פון איין גרויסער דערציילונג מיטן נאָמען "אַכט הונדערט זיבן און דרײַסיק" און פיר קלענערע דערציילונגען, וואָס הייסן "פאַרלוירן די מאַמע", "יורעק", "אַ מעת לעת אין מײַן הויף", "בער־לעפּ". די ערשטע פיר דערציילונגען זײַנען אַלע פון דעם "לעבן" בעת דעם דריטן חורבן און נאָר די לעצטע איז פון פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג. און ווען מיר האָבן געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע בוך ווײַזט אַ נישט־באַקאַנטן אַספּעקט פון ייִדישן גסיסה־לעבן בעת דעם צווייטן וועלט־קריג, האָבן מיר איבערהויפּט אינזינען געהאַט די ערשטע דערציילונג "אַכט הונדערט זיבן און דרײַסיק", וואָס שילדערט די קאַשמאַרע ליידן פון אַן אָפּגעפרעמדטן ייִדן, וואָס איז געוואָרן אַ פאַררעטער און האָט אויסגעגעבן נאָענטע מענטשן און אַ פרעמדע פרוי, וואָס האָט אים געטאָן גוטס און אין וועלכער ער האָט זיך אַנגעהויבן פאַרליבן און וואָס האָט שיר נישט אויסגעגעבן זײַן אייגן טעכטערל. דער שרײַבער יהודה עלבערג האָט זיך אַליין אַנגעהויבן אַרײַנפירן דורך אייניקע זשורנאַלן. מען האָט אים אַנגעהויבן באַמערקן מיט זײַן שטורמישן טעמפּעראַמענט און טעכנישער פעסטקייט. אויך דער מחבר פון אָט די שורות האָט אים באַמערקט און וועגן אים געשריבן, ווען אין ניו־יאָרקער "ייִדישער קעמפער" איז דערשינען אַ פראַגמענט פון "אַכט הונדערט זיבן און דרײַסיק". אָבער דעם פולן אַרײַנפאָר אין אונדזער ליטעראַטור מאַכט ער איצטער, מיט זײַן ערשטלינג־בוך "אונטער קופּערנע הימלען", אין וועלכן ער באַווײַזט זיך נישט ווי אַן אָנפאַנגער נאָר ווי אַ שרײַבער, וואָס איז אי יונג, אי שיין היפּש רייף.

דער שטאָף פון "אַכט הונדערט זיבן און דרײַסיק" איז אַזאַ אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער, עס איז אין אָט דער נאָוועלע פאַראַן אַזויפיל סענסאַציאָנעלע און צע־

דערשינען אין "די פּרעסע" — בוענאָס־איירעס, 30.5.51.

טרייסלענדיקע געשעענישן, אַז עס געלינגט דעם לייענער נישט שטענדיק אָפּצוטיילן דעם שרײַבער פון אינהאַלט און דו ווייסט נישט, צי דער שרײַבער ווירקט מיט דעם אייגענעם כוח, אָדער מיט דעם כוח פון דעם אויסטערלישן אינהאַלט. איז אָט דערפאַר פאַר אונדז געווען באַזונדער אינטערעסאַנט צו לייענען "בער־לעפּ", די צווייטע גרעסטע דערציילונג, די סאַמע לעצטע פון בוך, וואָס שילדערט דאָס לעבן פון אַ ייִדישן בעל־עגלה אין אַ פּויליש שטעטל פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג.

דאָ איז דער שטאָף אויך אַ גאַנץ שפּאַנענדיקער: אַ בעל עגלה אַ תּם, וואָס ווייסט נישט, אַז אַנדערהאַלבן זלאָטעס און אַ זלאָטע מיט פּופציק איז איינס און דאָס זעלביקע, און וואָס גלויבט די דאָזיקע, וואָס ריידן אים אײַן, אַז זײַן ווײַב האָט אים נישט אויסגעזאָגט, אַז איר מאַמע איז געווען אַן עקרה, האָט פונדעסט־וועגן אַ געוויסן שכל צו זײַנעם און ער איז דערצו אַ בר מזל, מיט אים פּאָרט מען ווייניקער ווי מיט די אַנדערע בעלי־עגלות און ער פאַרדינט מער פון אַלע: אָבער גענוג ווילן האָט ער נישט און ער לאָזט זיך פאַרשלייערן מיט זײַן מלמדס טאָכטער, וואָס בלײַבט אַ יתומה און ווערט אַליין אַ מלמדקע, כאָטש איר ציט צו אַנדערע מוידן, וואָס זײַנען זײַנס גלײַכן; און די מלמדקע איז אַן עקרה און דער פּראָסטער מאַן, וואָס ווערט דאָך הערשער איבער איר, האָט דרך ארץ פאַר איר און אויך גוטע געפילן און ער האָט דערצו הנאה פון די געשמאַקע מאכלים, וואָס זי קאָכט און ער וויל זי נישט גטן, כאָטש ער שטאַרבט האָבן אַ קינד און מען רעדט אים אָן דערצו. דאָס בענקען נאָך אַ קינד איז דאָס אייביקע געפיל, וואָס לאָזט אונדזער העלד, בערל־לעפּ, נישט רוען. ער ראַטעוועט אַ צווייטן בעל־עגלהס אַ קינד, דורכדעם וואָס ער יאָגט מיט זײַנע אָדלערס און ברענגט אַ רעצעפּט קעגן דיפטעריט אין דער ריכטיקער צײַט און ער הויבט אָן פילן, אַז דאָס דאָזיקע קינד איז זײַנס, און ער ווײַזט צו דעם אַרויס אָן אַ שיער ליבע, אָבער ווען די מוטער מיינט, אַז ער האָט דעם קינד געגעבן אַ גוט אויג, פאַריאָגט זי אים. פאַרנדיק, נעכטיקט ער אַמאָל אין שטאַל פון אַן אַלטן פויער, וואָס האָט אַ יונג ווײַב, ווייל עס פאַרכאַפּט אים אַ רעגן, און די פויערטע קומט צו אים בײַנאַכט, ווען ער איז מער אין חלום ווי וואַך, און זי האָט פון אים אַ קינד, אָבער זי לאָזט אים דערנאָך נישט צו צום קינד, ער זאָל דאָס נישט מאַכן פאַר קיין "זשיד", און די לעצטע נישט אויסגעלעבטע פאָטער־ליבע ווײַזט בערל־לעפּ אַרויס צום עלעגאַנטן פערדל זײַנעם, צו שיוועקן, וואָס האָט אַן עלעגאַנטע שקאַפּע און וואָס פּריצים ווילן דאָס אָפּקויפן. ווען שיוועק ווערט קראַנק, וויל ער מען זאָל זאָגן תהילים פאַר אים און ווען דאָס פערדל פּגרט, פּלאַצט ער אויס בײַם סוף פון דאַוונען מיט אַ "יתגדל ויתקדש"...

דער שטאָף איז דאָ אויך גענוג פאַרכאַפּנדיק, יהודה עלבערג האָט אַ נייגונג צו אַ סך אַקציע און באַוועגונג. בײַ אים קריגט דאָס לעבן פון אַ גרויען, תמעוואַטן בעל עגלה אויך די דינאַמיק פון אַ פילם, אָבער מ׳קען דאָ פּאָרט אָפּטיילן דעם שרײַבער פון אינהאַלט און דאָ איז נישט שווער צו דערפילן, אַז כאָטש דער יונגער

שרײַבער האָט קרובהשאַפט מיט י. מ. ווײַסענבערגן און מיט — צו לענגערע יאָר אים — י. אָפּאַטאָשו, איז ער דאָך אַ שריפטשטעלער מיט אייגענע אויגן און אויער און מיט אַן אייגענעם אָטעם. די רויע שפּראַך פון בערל־לעפּ קלינגט ערטערווײַז ווי פּרימיטיווע מוזיק. ווען דער בעל־עגלה לייביש הוראי שטייט צו צו בערלען און וויל אים אײַנריידן, אַז ער זאָל אָפּגטן זײַן ווײַב חנה און נעמען זײַן שוועסטער, זאָגט ער אים: ״בײַס דיר אָפּ די צונג, אַ יאַנדעס אַביסל אַרויסוואַרפן חנהן, טפו!״ דאָס איז מאַקסימום מענטשלעכקייט אין אַ שיער־נישט בהמהשער ״שפּראַך״. און ווען יענער זאָגט אים, אַז זײַן שוועסטער וואָלט אים אָנגעשיט אַ פולע שטוב מיט ״ממזרס״, זאָגט ער: ״כ׳וויל נישט קאַ ממזרס, כ׳וויל קינדער...״ ווען בער־לעפּ פאָרט צום רבין בעטן אויף קינדער און יענער הייסט געבן געלט אויף אַ תלמוד תורה און די אָרעמע קינדער וועלן זײַן זײַנע, פאַרשטייט ער נישט, ווי אַזוי זיי וועלן זײַן זײַנע, אַז זיי זײַנען נישט זײַנע. ״ער וויל קינדער, וואָס זאָלן צו אים... שרײַען: טאַטע, ברויט! טאַטע, אַ גראָשן! כאָטש איין קינד זאָל צו אים קריכן אויף די קני, טוליען זיך צו אים מיטן קעפל, אויסשמירן אים מיטן פאַראָצטן נעזל, באַדײַ די שבתדיקע קאַפּאָטע...״ ״בער־לעפּ״ איז אַ דערציילונג, אַ פּאָעמע, וואָס האָט אין זיך ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלע יידישע מענטשלעכקייט, כאָטש זי פאַר־אייביקט אַ מענטשן, וואָס איז אין וויסן נישט קיין סך העכער פון אַ בהמה. עס איז אַ דערציילונג, וואָס פאַרדינט אַ פּלאַץ נעבן ווײַסענבערגס ״אַ טאַטע מיט בנים״, כאָטש עס שילדערט אַ טאַטן אָן בנים...

אָבער אויב יהודה עלבערג באַווײַזט זיך אין ״בער־לעפּ״ ווי אַ באַשרײַבער, וואָס שילדערט דעם סאַמע נישט־אַנטוויקלטסטן האַרעפּאַשניק, כאָטש אַליין איז ער פון אינטעליגענטן אָפּשטאַם (זײַן בוך איז געהייליקט דעם אָנדענק פון אַלע קדושים און באַזונדערס זײַנע נאָענטסטע, וואָס זײַנען אומגעקומען בעת די נאַצי־שחיטות און צווישן די אייגענע זײַנען פאַראַן אַ רב פון בלאַשקי און אַ רב פון וואַרשע) און פּערזענלעך נוצט ער אַ מאָדערנע שפּראַך, גייט ער אָבער אַרײַן אין אונדזער ליטעראַטור, איבערהויפּט ווי אַ שרײַבער — אַ כראָניקער פון דריטן חורבן און דאָס נײַע, וואָס ער ברענגט אונדז איז די חורבן־כראָניק זײַנע, וואָס איז אַ נאַטיר־לעכער געמיש פון ליטעראַטור און זיכרונות. אין אָט דעם פּרט איז ער אַ נאָענטער צו מרדכי שטריגלער און צו ישעיה שפּיגל, אָבער ער פילאָזאָפירט ווייניקער ווי דער ערשטער און ער האָט ווייניקער לירישן אויסגוס ווי דער צווייטער. זײַן סטיכיע איז אַקציע און פּסיכאָלאָגיע.

די נאָוועלע ״אַכט הונדערט זיבן און דרײַסיק״ איז אַ שילדערונג, וואָס גייט אי אין דער ברייט, אי אין דער טיף. זי פאַרמאָגט פאַרמעסט און פאַרנעם און זי איז אין אַלע פּרטים איינע פון די סאַמע אינטערעסאַנטסטע זאַכן, וואָס מען האָט געשריבן וועגן דעם געטאָ־לעבן און וועגן דער ״אַרישער זײַט״. און עס איז מער ווי כדאי צו באַקענען גרינטלעך אונדזער לייענער מיט דער דאָזיקער נאָוועלע,

וואָס ווען זי וועט איבערגעזעצט ווערן אין אַנדערע שפּראַכן, וועט זי שטאַרק קאָנקורירן מיט די ווערק וועגן דער צווייטער וועלט־מלחמה פון אַ דזשאָן הוירסי און אַ באָוועלע, וואָס וועט געווינען לייענער.

*

די דרײַ קלענערע דערציילונגען אין דעם בוך ״אונטער קופּערנע הימלען״ פון יהודה עלבערג, ״פאַרלוירן די מאַמע״, ״יורעק״ און ״אַ מעת לעת אין מײַן הויף״ געהערן צו די שאַרפסטע און בלוטיק־קלאָרסטע, וואָס מען האָט געשריבן וועגן דריטן חורבן. מען זעט אין אַלע טאָקע די קופּערנע הימלען, וואָס זײַנען געוואָרן דער קופּערנער שטערן פון אַ מערדערישער וועלט. אין ״פאַרלוירן די מאַמע״ לעבן מיר איבער די עינויים קשים, וואָס אַ ייִדיש מיידל, וועלכע פאַרשטעלט זיך פאַר אַ קריסטלעכע שטייט אויס. די פּײַניקונגען קריגן אַ שווערערע פּײַנלעכקייט אַ דאַנק דעם, וואָס אויך אַ ייִדישע פרוי העלפט אויסנאָרן פאַר די דײַטשן בײַ דער אומגליקלעכער דעם אמת, אַז זי איז אַ ייִדישע. ״אַ מעת לעת אין מײַן הויף״ איז אַ באַשרײַבונג פון דער סאַמע ערשטער תקופה פון דעם דײַטשן מאַסן־מאָרד פון די פּוילישע ייִדן. עס איז אַ באַשרײַבונג פון דער צײַט, ווען פון אַ הויף, וואו עס זײַנען געוועזן 59 ייִדן, האָט מען נאָך אַרויסגענומען נאָר 4. דעמאָלט האָט מען נאָך געזונגען לידער און מען האָט נאָך געלערנט גמרא. און אַ טרייסטער איז נאָך דעמאָלט געווען, וואָס האָט געבעטלט אויף אַזאַ אופן: ״ליבע ייִדן, איך בין נישט געשטאָרבן, מײַן ווײַב איז נישט קראַנק און מײַנע קינדער זײַנער נישט געשוואָלן, דאָך ווילן מיר אויך עסן, האָט עץ אַן איבעריק שטיקל ברויט, טאַ וואַרפט אַראָפּ, האָט עץ נישט — האָב איך צו ענק קיין טענות נישט, זאָל ענק גאָט העלפן״. דער דאָזיקער טרייסטער האָט נאָך געזונגען, אַז אויב נישט אמונה, טויג נישט, וואָס מען טוט און אַז:

די המנס קומען און גייען אַוועק,
גאָטס רחמנות איז אָן אַ ברעג,
האָפט ווען ס׳קומט אַמאָל אַ שטראָף,
אַז ס׳פאַרלאָזט נישט אַ פּאַסטוך זײַנע שאָף.

די שטאַרקסטע פון די דרײַ קלענערע דערציילונגען איז ״יורעק״. אַ געשיכטע ווי אַזוי אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר צוועלף, וואָס האָט נישט קיין ייִדישע צורה, וויל ראַטעווען אַ קליין שוועסטערל, וואָס האָט דווקא אַ חנוודיקע ייִדישע צורה. דער צוועלפיאָריקער יורעק קומט אָן אַרבעטן צו אַ פּויער און ער באַהאַלט זײַן שוועסטערל אויף דעם בוידעם און ער שטעלט כסדר פאַר איר אײַן זײַן לעבן. די מסירות נפשן, וואָס דער קליינער יורעק באַווײַזט, זײַנען אַ מאָטיוו פאַר אַ העראָיקאַ. זײַן טרײַבן די ווילדע קו אַ גאַנצע נאַכט אין וואַלד, איז אַ פאַנטאַסטישע קינאָ מעשה,

וואָס האָט אַלע סימנים פון בלוטיקסטן אמת. און עס העלפט ניט, דאָס מיידעלע שטאַרבט. און ווי דאָס יינגעלע טראָגט דערנאָך זײַן שוועסטערל מקבר צו זײַן, בעת זײַנע באַלעבאַטים שיכורן, דער הונט רעקס, און די ווילדע קו פריינדלען זיך מיט יורעקן, מערדער זײַנען די מענטשן, נאָר די מענטשן; און ווען יורעק גייט אַוועק, גייט אים נאָך דער הונט. דאָס יינגל טרײַבט אים און זאָגט אים: גיי צוריק, רעקס, דו האָסט דאָרט אַ בודע, אַ היים... אַ פויגל האָט אַ נעסט, אַ הונט האָט אַ בודע און וואָס האָט געהאַט דאָס יידישע קינד. טאַקע דער טײַוול אַליין האָט נישט באַשאַפן אַזאַ נקמה אין קליינע קינדער.

די וויכטיקסטע זאַך אין בוך איז די דערציילונג "אַכט הונדערט זיבן און דרײַסיק", וואָס וועט ווערן קלאַסיש צווישן אונדזערע חורבן־שריפטן און וואָס וועט זיכער זײַן איינע פון די סאַמע געלייענטסטע נאָוועלן אין דער יידישער ליטעראַטור און וועט ווערן אַ שם דבר בײַ אונדז און וועט איבערגעזעצט ווערן אויך אין אַנדערע שפּראַכן און וועט זייער אַ סך העלפן, אַז אויך נישט יידן זאָלן זיך דערוויסן, וואָס אַזוינס איז פאָרגעקומען מיט די אייראָפּעאישע יידן.

דער העלד פון "837" באַגייט דווקא אַ פאַרראַט: ער גיט אויס פינף יידן. און דאָך ווירקט ער נאָר לטובת זײַנע ברידער מיט זײַן גאַנצן זײַן און כאָטש ער דערשײַנט ווי אַ שוואַכלינג און פחדן, רופט ער מיט זיך אַרויס צאָרן קעגן די דאָזיקע, וועס האָבן אים דערפירט דערצו און ער וואַקסט אויס ווי אַ בלוטיק־פײַערדיקע באַשולדיקונג קעגן די ברוינע סאַדיסטן.

אַן אָפּגעפרעמדעטער ייד איז ער, דער דאָזיקער טרויעריקער העלד. אַ דאָקטער אין מעדיצין מיטן נאָמען איגנאַצי ליבענשטיין. פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג האָט ער פײַנט געהאַט יידן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר מער פּאָליאַק ווי ייד. ער האָט נישט געקענט קיין יידיש און גאָרנישט געוואוסט וועגן קיין שום יידישקייט, נישט קיין רעליגיעזער און נישט קיין וועלטלעכער. און דאָך איז אויף אים אויס־געגאָסן געוואָרן די גאַנצע תוכחה. זײַן ווײַב איז אומגעקומען. ער איז געיאָגט געוואָרן ווי אַ בלאַט. און זײַנס אַ מיידעלע האָט ער באַהאַלטן, איניינעם מיט נאָך יידישע קינדער, אויף דער אַרישער זײַט בײַ קריסטן. און כאָטש ער איז מער גוי ווי ייד, קען ער זיך נישט באַהאַלטן מיט זײַן "יידישקייט". מען דערקענט אים. און ווען ער פאַקט זיך אַרײַן צום "גרויסן" סאַדיסט דער אויבערשטורמפירער בראַנד, מוז ער מודה זײַן, אַז ער איז אַ ייד. און ווײַל ער רעזיגנירט נישט ווי די אַנדערע יידן, וועו זיי קוקן דעם טויט אין די אויגן אַרײַן און ווײַל ער ווײַזט אַרויס טויטשרעק און מסתמא דראַנג צום לעבן, "געפעלט" ער דעם נאַצי און ער לאָזט אים לעבן פאַר דעם פּרײַז פון ווערן אַ מסור און דער ד"ר ליבענשטיין, וואָס הייסט אויף דער אַרישער זײַט פעלטשאַק, איז מער פחדן ווי פאַרדאַרבענער. עלבערג ווײַזט אַרויס נישט נאָר טעמפּעראַמענטפולקייט בײַם באַשרײַבן פעלטשאַקס באַ־שליסן זיך צו ווערן אַ מסור. פאַר יעדער מסירה ראַנגלט זיך דער טרויעריקער

״העלד״ מיט זיך אַליין. ער פאַרשאַפט זיך פיזישע ליַידן, בכדי צו אויסמיַידן דאָס מוזן מסרן און עס העלפט אים נישט. עס דערגייט דערצו, אַז ער האָט שוין מער נישט וועמען צו מסרן, סיַידן זיַין אייגן קינד... ווען איך האָב דאָס דאָזיקע געלייענט צום ערשטן מאָל, בעת אַ פראַגמענט פון דער דאָזיקער דערציילונג איז געדרוקט געוואָרן אין ״יידישן קעמפער״, האָב איך געפילט נישט נאָר אַ גרויל, נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס וואָלט מען אַזאַ איבערלעבונג נישט געדאַרפט דערציילן, בכדי נישט צו פאַרשעמען דעם נאָמען מענטש. פעלטשאַק מסרט טאַקע נישט זיַין טעכטערל, כאָטש דער יצר הרע רוקט אים אונטער אַלערליי באַרעכטיקונג־מאָטיוון און ער וויל אים איַינריידן, אַז זי איז שוין סיַי־ווי ניטאָ... אָבער דאָס עצם טראַכטן וועגן אַ מעגלעכקייט צו אויסגעבן אַן אייגן מיידעלע, האָט אין זיך אַ קאָשמאַר. ווען מען לייענט אָבער איבער די גאַנצע דערציילונג, איבערצייגט מען זיך, אַז דווקא אָט דער מאָמענט האָט נישט געטאָרט פאַרשוויגן ווערן, אָט וואוהין די ״וועלט״ האָט פאַרטריבן דעם מענטשן!

די נאָוועלע שילדערט די שוידערלעכסטע דעמאָראַליזאַציע און דאָך ווירקט זי נישט דעמאָראַליזירנדיק, נאָר זי רופט אַרויס מוט און גלויבן אין ייִדן. ד״ר ליבענשטיין אַנטלויפט סוף כל סוף נישט פון די דיַיטשן, נאָר פון דער ייִדישער הילפס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַראורטיילט אים צום טויט, וויַיל ער האָט אויס־געגעבן די פאַרשטייערין אירע, אַ פרוי, וואָס ווערט געשילדערט שיער־נישט מיט שטום לשון און וואַקסט אויס צו דער מדרגה פון אַ גרויסער העלדין. זי לעבט איבער די שרעקלעכסטע עינוים און זי גיט קיינעם נישט אויס. די דאָזיקע פרוי איז די קאָמפּענסאַציע פאַר די פאַרעטער און אַזעלכע פרויען ווי זי זיַינען מכפּר אויף דעם, וואָס עס זיַינען געווען פעלטשאַקס ביַי אונדז.

און העל און שטראַלנדיק וואַקסט אויס אַ צווייטע ייִדישע פרוי אין יהודה עלבערגס נאָוועלע, דאָס איז די פּאַרטיזאַנקע באַשע, מיט וועלכער ד״ר ליבענשטיין טרעפט זיך אין דער פאַרטיזאַנקע, וואוהין זי אַנטלויפט. דער שריַיבער וויַיזט אונדז אַן עכט־ייִדישע טאַכטער, וואָס קעמפט פאַר איר צניעות ווי דאָס פאַראורטיילטע מיידל אין פּרצס ״דריַי מתנות״, אָבער זי דאַרף דערצו אָנווענדן אַלע חכמות, אַלע איידלקייטן און אַלע גראָבקייטן. זי מוז נוצן אַ שפּראַך פון וועלכער אַ קאָזאַק וואָלט רויט געוואָרן, כדי זי זאָל קענען אָפּהיטן איר ריינקייט. אין באַשען וואַקסט אויס ממש אַ געזאַנג צו דער ייִדישער טאָכטער, כאָטש עלבערג שילדערט זי רעַ־אַליסטיש און נאַטוראַליסטיש. באַשע איז דער ״אשת חייל מי ימצא״ פון אונדזער חורבן־ליטעראַטור...

אָט אַ די באַשע פאַרליבט זיך אין ד״ר ליבענשטיין און מאַכט אים פון איגנאַצי איטשע און זי טוט אַלץ אים צו מאַכן פאַר אַ ייִד. זי ווייסט נישט, אַז אויסער דער אַסימילאַציע האָט ער אַזאַ שמוציקן פלעק אין זיַין נשמה און אַז זיַין לעבן איז דער פרייז פון אַזויפיל אומגעבראַכטע לעבנס... די ליבע פון באַשען צו ד״ר איגנאַצי

ליבענשטיין אין דער פּאַרטיזאַנקע איז אַ געזאַנג פון דערהויבענער ליבע, איבער וועלכער עס הענגט אַזאַ מוראדיקער פּאַטוס פון טראַגיק, אַז דאָס לשון נעמט אָפּ.

און ד״ר ליבענשטיין באַצאָלט פאַר זײַנע מסירות. ווען די מלחמה ענדיקט זיך, קומט מען איבער אים און ער פּרוּווט זיך נאָך אַלץ ראַטעווען. און ווען באַשע גיט זיך חשבון, אַז מען מאַכט נישט קיין טעות, אַנטלויפט זי פון אים, און איגנאַציאיטשע גייט אַוועק אין בית מדרש, ער פאַרלאָזט זיך אַ באָרד, און קעמפּט בכל מאמצי כוחו צו ווערן אַ ייִד און ער פילט, אַז דאָס דאָזיקע איז נישט עכט און אַז ער טוט דאָס אַלץ ווײַל ער איז אַ פּחדן, ער האָט מורא פאַר דעם טויט. זײַן טעכטערל איז געראַטעוועט געוואָרן און ער זעט זי איין מאָל און מער נישט און ער קען איר נישט זאָגן אַז ער איז איר טאַטע, ווײַל ער וויל נישט פאַרפלעקן איר לעבן. אָט אַ די לײַדן זײַנען באמת מוראדיקע. אָבער — פאַרגיבן זיי פאַר די פאַרברעכנס פון די מסירות? און ענדלעך קריגט ער דעם באַוואוסטזיין, אַז פאַר אים איז קיין פאַרגיבונג נישטאָ און ער פאַרלירט די שרעק פאַר דעם טויט. ער גייט אין דער ייִדישער אָרגאַניזאַציע בעטן מען זאָל אויף אים דורכפירן דעם טויט־אורטייל, אָבער מען מײַדט אים אויס ווי אַ שרץ... אַפילו הרגענען וויל מען אים אויך נישט און ער באַגייט זעלבסטמאָרד. ער שנײַדט פאַר דעם הענגען זיך אויס אויף דער ברוסט די ציפער 837. ער וויל נישט בלײַבן מיט זײַן אמתן נאָמען. אַמאָל האָט ער געטראַכט וועגן מסרן זײַן מיידעלע, שטאַרבט ער אָפּמעקנדיק לעולם ועד זײַן נאָמען, בכדי צו ראַטעווען דעם נאָמען פון זײַן מיידעלע.

און שוין בײַם קבר פון דעם דאָזיקן ייִדן, וואָס איז קיין ייִד נישט געווען און פון דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס איז קיין מענטש נישט געווען, גיט אַ שטראַל די וואונדערלעכע באַשע, וועלכע מען זעט נישט מער. אויף דעם בלעכל פון פעלטשאַקס קבר ווערט אָפּגעווישט די ציפער 837 און עס ווערט אויפגעשריבן דער נאָמען איטשע... און עס וואַקסט אויס אַ מאָדנער שיר השירים פון אַ שולמית־באַשע, וואָס איז געוואָרן אויך אַ יהודית, צו אַן אויסגעטראַכטן איטשע...

מען דאַרף אָט די נאָוועלע לייענען. מען דאַרף לייענען באַשעס קאַמף מיט דעם פּאַרטיזאַנער וואָלאָדקע, דעם רוס, וואָס וויל זי נעמען און ווײַל זי לאָזט זיך נישט, ווערט ער אַ שונא ישראל, הרגעט אַ ייִדישן חבר און פּרוּווט אַנטלויפן צום שונא... יהודה עלבערג האָט אונדז אין באַשען געגעבן אַ גאַנצן פלאַם פון אַ ייִדישער העלדין. ביז איצטער האָבן מיר געהאַט נאָר פונקען, און ס'איז טראַגיש־כאַראַקטעריסטיש, וואָס בעת באַשע איז רעאַל איז איטשע אַ פיקציע, אַן אילוזיע..

אויפן שפּיץ
פון אַ מאַסט

ראָמאַן

אַרויסגעגעבן פון די ברידער שולזינגער, ניו־יאָרק 1974

מ. ליטווין

שאַפּערישע אויסצײַטיקונג

יהודה עלבערגס ראָמאַן "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" איז דערשינען אין יאָר 1974. אָבער אָנגעהויבן אים צו שרײַבן האָט ער שוין מיט אַ סך יאָרן פריִער. אַזוי אַרום איז דער דאָזיקער ראָמאַן בײַ זײַן דערשײַנען געוועזן איינער פון די ערשטע אויטענטישע אויסדרוקן פאַרן אַנטוויקל פונעם שרײַבערס טאַלאַנט. אַ טאַלאַנט, וואָס איז אין די יאָרן, זינט ער לעבט אין קאַנאַדע, כסדר ווײַטער געוואַקסן, געוואָרן אַלץ קרעפטיקער און ברייטפאַרנעמיקער און אים אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען פון דער קינסטלערישער פּראָזע אויף יידיש. טאַקע "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" האָט געטראָגן אין זיך דעם צייכן פון אָט דער שאַפערישער אויסצײַטיקונג און דעם אָנזאָג פאַר כסדר ווײַטערדיקע און העכערע דערגרייכן.

ס׳איז געווען דורכויס נאַטירלעך, און אַנדערש האָט עס אויך ניט געקאָנט זײַן, אַז אָט די אויסצײַטיקונג איז אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה באַהערשט געווען פונעם נאָר־וואָס איבערגעלעבטן, פונעם אומווידערשטייאיקן דראַנג איבער־צוגעבן, צו געשטאַלטיקן כאָטש אַ טייל, כאָטש עפּעס פון אָט דער אומגעהייער־לעכקייט און אָנמאָסיקער טראַגיק. אַזוי איז עס געווען מיט דער גאַנצער יידיש־ליטעראַטור. מיר האָבן געהאַט אין איר אַ פּאַראַלעלן גאַנג צווישן צוויי פּראָצעסן פון "אויפשרײַבן" און פון "פאַרשרײַבן". אין דער לאַווינע פון כל־המינים שילדערונגען פון די מלחמה־יאָרן, פון די געטאָס, לאַגערן, באַהעלטענישן, אַרמייען, פּאַרטיזאַנקע, פליטים־איבערלעבענישן האָבן אויף אַ נאַטירלעכן און אַבסאָלוט נייטיקן אופן דאָס ערשטע און וויכטיקסטע אָרט פאַרנומען קודם־כל דאָקומענטאַרישע אַרבעטן: זכרונות, גבית־עדות, שילדערונגען פונעם דירעקט איבערגעלעבטן. דער היסטאָרישער און נאַציאָנאַלער באַטײַט פון דער דאָזיקער דאָקומענטאַרישער ליטע־ראַטור איז גאָרניט אָפּצושאַצן. אָבער איינצייטיק האָבן שוין דעמאָלט גענומען אויפקומען אַ ריי קינסטלערישע ווערק, דערונטער אויך אַ צאָל פון הויכער מדרגה, וועמענס וואָג, ווערט און אויסווירק זײַנען געווען און זײַנען פון אַן אַנדערן מין. מען דאַרף דאָס אַהין־און־אַהערגיין און דאָס קעגנאַנאַנדיקע פאַרהעלטעניש אין דיפערענציאַציע צווישן אָט דיביידע מינים פון דעם, וואָס מען רופט אָן מיטן זעלביקן נאָמען חורבן־ליטעראַטור, אומבאַדינגט נעמען אין באַטראַכט. ס׳איז פון יסודותדיקער וויכטיקייט פאַרן אַנטוויקל פון דער קינסטלערישער יידיש־פּראָזע אין די לעצטע בערך 40 יאָר.

אינעם דאַזיקן פּראָצעס זײַנען, פאַרשטייט זיך, געווען און זײַנען דאָ פאַר־שיידענע עטאַפּן. ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז נאָכן ממש וואולקאַנישן אויסברוך פון די ערשטע יאָרן איז דערנאָך איינגעטראָטן אויפן דאַזיקן געביט אַ געוויסער שטילשטאַנד. דער שאַפערישער דראַנג פון אַ טייל שרײַבערס האָט זיך אַריבער־געטראָגן אויף צוריק — פונעם אומקום אויפן אומגעקומענעם, אויף דעם, וואָס איז געווען פאַר דעם. בײַ אַנדערע איז אפשר נאָכן ערשטן בלוטיקנדיקן אויסגעשריי נייטיק געווען אַ באַשטימטע צײַט פון באַזיניקונג און דיסטאַנצירונג. און ערשט נאָך אַ געוויסן איבעררײַס האָבן זיך ווידער באַוויזן אַ ריי נײַע וויכטיקע און דער עיקר קינסטלערישע ווערק אויף דער זעלביקער טעמע, וואָס וועט דאָך קיין מאָל ניט פאַרלאָזן אונדזער דור און וועט אַזוי אָדער אַנדערש אויך ווירקן אויף אַ סך ווײַטערדיקע דורות און זייער שאַפן. נאָר דער דאַזיקער צוריקקער איז פאַרגעקומען אויך אין אַנדערע פאָרמען. אין אַ שטרעבן ניט אַזוי צו שילדערן איינצלנע עפּיזאָדן ווי צו פּרווון אין אַ געוויסער מאָס צו פאַרסכהכלען די עפּאָכע. ניט אַזוי בלויז צו פאַרפיקסירן דאָס געשעענע, ווי אַרײַנצודרינגען אין זײַן אינעווייניקסטן אָפּוויקל; צו דערשפירן, באַנעמען, אויסדריקן זײַן גורלדיקייט. צו די דאַזיקע ווערק געהערט אויך „אויפן שפּיץ פון מאַסט״.

יהודה עלבערג געהערט צו דער גרופּע שרײַבערס, וואָס האָבן אויף דער אייגענער פּערזאָן געהאַט איבערגעלעבט דאָס געשעענע. ער איז איינער פון די באַטײַטנדיקע און טאַלענטירטע פאַרשטייער פון אָט דער גרופּע אין דער ייִדיש־ליטעראַטור. ס׳איז דעריבער אינטערעסאַנט צו זען, ווי אַזוי די געשטאַלטיקונג פונעם זעלביקן איבערגעלעבטן, פון דער דורך אַלעמען דערשפּירטער גורלדיקייט נעמט אָן בײַ איטלעכן מחבר אַ באַזונדערן, פאַר אים בלויז אייגענעם כאַראַקטער. ווי בײַ איטלעכן קומט אויף אַן אַנדערע סטרוקטוראַציע פון דער זעלביקער ווירקלעכקייט. בײַ יהודה עלבערגן האָבן מיר אַן אופן, וואָס כ׳וואָלט באַצייכנט ווי אַ מין „מיסטישן רעאַליזם״. אַ רעאַליזם אַ קרעפטיקער, אַ געדיכטער, וואָס לאָזט אויף קיין רגע ניט אָפּ מיט דער פולקייט פון געשעענישן, סיטואַציעס, פון אומגעריכטע פאַרקייטלונגען; וואו שאַרף־געזעענע, נאַטוראַליסטיש־געצייכנטע איינצלקייטן גיסן זיך צונויף אין אַן איבעררעאַלער וויזיע. דאָס געפינט אַ פאַרקערפּערונג אין דער שפּראַך, אינעם אופן פון באַשרײַבן, אינעם גאַנצן סטיל, וואָס בײַטן זיך כסדר ווערדליק די פער־סאָנאַזשן און סיטואַציעס: אָט טראַגיש־אַנגעלאָדענע, אָט שיער ניט קאָמיש־בור־לעסקע; אָט ציטערנדיק פון דינער אײַנגעהאַלטענער צערטלעכקייט, און באַלד אויסברעכנדיק אין עראָטישן אויפברויז. מענטשלעך מיטגעפיל און טעמפּע ברוטאַל־קייט הויזן צוזאַמען אין דער זעלביקער נשמה; הויכער אידעאַליזם און קרבנות־גרײַטקייט פאַרפלעכטן זיך מיט זשעדנער תאווהשער עולם־הזהדיקייט. אָט דער דאַזיקער פאַרפלעכט גיט די מייסטן העלדן פונעם ראָמאַן קאָמפּאַקטקייט, די דריטע דימענסיע. און קודם־כל דעם הויפּטהעלד, יוסטן, וואָס איז דווקא צוליב זײַן סתירות־

דיקער אימפּולסיװקייט אַזאַ נאַטירלעכע, מען װאָלט געזאָגט, אורגעגעבענע, סטי־כישע פיגור.

דאָס אַלץ דרינגט אַרויס אין עלבערגס ראָמאַן דירעקט פֿונעם געשטאַלטיקטן לעבן גופא: פֿון אַט דער תקופה, װאָס איז אַזױ משונהדיק שרעקלעך, אַזױ קאָמפּלעקס און סתירותדיק; װאָס אין איר זײַנען אַלע השגות, װערטן, װערטער אפֿילו געשטעלט אויפֿן קאָפּ; װאו מענטשן און געשעענישן דרייען זיך אין אַ װילד־װיסטן קאַראַהאָד, אין אַ בלוטיקן קאַלײדאָסקאָפּ, װי די סאַמע שטאַרקסטע דאַנטעשע פֿאַנטאַזיע האָט זיי קיין מאָל ניט געקאָנט פֿאַרויסזען. װיפֿל געפֿילן, װיפֿל אימפּולסן הויכע און נידעריקע, הייליקע און גיהנומשע געבן צו מאָל עלבערגס װערק אַן אָנלאָדונג, װאָס דערגרייכט אָפּט צו עקסטרעמער געשפּאַנטקייט.

אָבער — און דאָ קומען מיר, װי מיר דוכט זיך, צו אַ צװייטן הויפּטשטריך: אונטער דער רעאַליסטישער שילדערונג, װאָס װיל ניט זײַן קיין אַפּאָלאָגעטיק, װאָס שטרעבט אויסצומײַדן שװאַרץ־װײַסע סכעמעס, באַמיט זיך ניט צו אידעאַליזירן, הגם צו מאָל איז עס ניט לײַכט — שפּירן מיר עפּעס װי אַ מיסטישן שטראָם, עפּעס װי אַן אומזעעװדיקע האַנט, װאָס קערעװעט די גורלות פֿון מענטשן און פֿעלקער. ס׳גייט דאָ בשום־אופֿן ניט װעגן אַ װאָסער ניט איז בכיװנדיקער טענדענץ, צי װעגן רעליגיאָזיטעט. הגם אין עלבערגס װעלט־באַנעם שפּילן אפֿשר אַזעלכע עלעמענטן אַ געװיסע ראָל. ס׳גייט דאָ ניט צ״ב װעגן די באַשרײַבונגען פֿון יוספֿס און חנהלעס פֿרומע רבנישע עלטערן. אפֿילו ניט װעגן דער געשטאַלט פֿון שלמהן אויף דער מעפּילים־שיף. אַװדאי זײַנען בײַ עלבערגן אַזעלכע פֿיגורן ניט קיין צופֿאַל. און מען פֿאַרשטייט אויך זייער גוט, אַז שלמה דריקט אויס מער װײניקער די אידייען פֿונעם מחבר גופא. ס׳גייט דאָ אָבער ניט װעגן די געדאַנקען און מיינונגען, װאָס די פּערסאָנאַזשן פֿונעם ראָמאַן, באַזונדערש אין זײַן לעצטן טייל, אַ פֿולן מיט אימפּעטיקע געשעענישן, אומגעריכטע פֿאַרװיקלונגען און סוספּענסן, דיסקוטירן װעגן זיי. ס׳גייט װעגן אַט דער אומזעעװדיקער האַנט, װאָס עלבערג גופא רעדט גאָר בכלל ניט װעגן איר, נאָר װאָס מען שפּירט זי אין דער גאַנצער אַטמאָספֿער פֿונעם בוך. װי װאָלטן עפּעס פֿאַרהוילענע היסטאָרישע כּוחות, װאָס מיר קענען זיי ניט, פֿאַרשטייען זיי ניט, געקערעװעט מיט אונדז. ערשט אַזױ באַקומט די טראַגעדיע אויב ניט זינען, איז דאָך — באַשייד. אַזױ שטײַגט אויף פֿונעם תהום פֿון אומקום אַ נײַער שטראַל פֿון האָפֿענונג און אויפֿקום. אַט אַזױ װי פֿונעם צעשאָסענעם פֿאַרבלוטיקטן שטיק בלאָ־װײַסן טוך אויפֿן שפּיץ פֿון מאַסט בײַם סוף פֿונעם ראָמאַן.

אַװדאי איז אַט דער סוף אַן אַלעגאָרישער. נאָר ס׳איז אַן אַלעגאָריע, װאָס באַלײַכט מיט איין מאָל דעם געדיכטן קנויל פֿון די געשעענישן און װערט דורך דעם גופא צום סימבאָל.

דער פּראָבלעם פֿון דיסטאַנצירונג איז זיכער איינער פֿון די װיכטיקע פּראָב־לעמען אין דער ליטעראַרישער, קינסטלערישער שאַפֿונג בכלל — אין יעדער

קונסטצוויַיג און איטלעכן ליטעראַטור־זשאַנער וועדליק זײַנע באַזונדערע פונקציעס און גורמים. נאָר אַ גאַר באַזונדערש וויכטיקער אין דער ייִדיש־ליטעראַטור, וועמענס כמעט אַלע שאַפערס געהערן צום דור, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט אָט די עפּאָכע, צי אויף דער אייגענער פּערזאָן, צי אַפילו פון דער ווייַטנס. ווייַזט אויס, אַז ס'איז טאַקע נייטיק געווען אַ באַשטימטע דיסטאַנצירונג צום איבערגעלעבטן, כדי צו דערפירן ביזן סוף אַזאַ ראָמאַן, וואָס האָט קוים געקאָנט פאַרענדיקט ווערן אין די ערשטע יאָרן. נאָר ווי מען זאָל דעם דאָזיקן פּראָבלעם ניט באַטראַכטן, בלייַבט תמיד דער גרונטיקסטער גורם פון אַ קינסטלערישן ווערק: אָט די סודותדיקע סובסטאַנץ, וואָס טיילט אָפּ דאָס שילדערן פון געשטאַלטיקן, דאָס דערציילן פון ווייַזן, די דערשיטערונג דורכן שטאָף אַליין פונעם קינסטלערישן שוידער. דאָס פאַרהעלטעניש צווישן טויט, אומקום, גרויל פון איין זייַט און דעם, וואָס מיר רופן אָן: שאַפערישקייט, שיינקייט, אימאַגינאַציע פון דער אַנדערער, איז, מוז זייַן אין דער ליטעראַטור אַן אַנדערש ווי אין לעבן. אַלץ האָט דאָרט, ווי מען זעט, גאָר אַן אַנדערע פונקציע. דאָס איז דער סוד פון יעדן קינסטלערישן געשטאַלטיקן, אויך פון אונדזער עפּאָכע, בכלל. דאָס איז אויך דער יסוד פאַר יהודה עלבערגס שרייַבערישן דערגרייך.

„אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" איז, אגב, אַ נאָמען, וואָס פּאַסט גוט אויך פאַר אַ שרייַבערישן גורל, פאַר דעם שרייַבערישן באַדינג בכלל. צי איז ניט אויך יעדער שרייַבער, יעדער אמתער שאַפער בכלל, עמעצער, וואָס וויגט זיך אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט? ס'איז שווער און פול מיט סכנות. אין יעטוועדער רגע קאָן מען געשטרויכלט ווערן. אָבער ס'איז אויף דער שיף, וואָס זיך הוידעט און וויגט, אויך דער איינציקער פּונקט, וואָס פון אים קאָן מען איבערבליקן די אויפברויזנדיקע כוואַליעס און די שוימענדיקע תהומען, און צו מאָל דערזען — דער ערשטער — צי אויסדוכטן זיך, אַז מען דערזעט, דעם דערהאָפטן ברעג פון קינסטלערישן דערגרייך. יעדער שרייַבער, יעדער אמתער שאַפער ווייסט, ווי שווער ס'איז צו דערגרייכן אָט דעם ברעג, דווקא דעמאָלט, ווען מען מיינט, אָט אָט איז מען שוין אויף אים. צי באַשטייט ניט דעריבער סוף־כל־סוף דער לעצטער שאַפערישער באַשייד טאַקע אין אָט דעם אויסקוק — ווען ס'טונקט אָפּער דורך נעפּלען און וואַסערקעסלען, זאָל זייַן אויף אַ רגע, אַ ברעג; און ס'רייַסט זיך אַראָפּ פון מאַסטבוים דער צוזאַג טראַגנדיקער אויסגעשריי: לאַנד!

וויפל האָפענונגען און הבטחות אויף תמיד ניי־געפונענע קינסטלערישע עלדאָראַדאָס טראָגט אין זיך אָט דער אייביקער אויסגעשריי פון אַלע זוכערס און געפינערס פון — זאָל זייַן גאַנצע קאָנטינענטן צי קליינינקע אינדזלען — אָבער פון נייַע פעסטע ברעגן אויפן אומבאַגרענעצטן אָקעאַן פון פאַרב, קלאַנג, וואָרט, אָט דער נאָך אַלע נסיונות און אַנגסטן באַגליקנדיקער אויסגעשריי: לאַנד!

*

די דאָזיקע שורות זײַנען געשריבן געוואָרן אָנהייב 1976, קנאַפּע צוויי יאָר נאָכן דערשײַנען פֿונעם בוך "אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט". זינט דעם האָט יהודה עלבערג ממשיך געווען זײַן שווערע, אָבער אויך עקזאַלטירנדיקע נסיעה איבער אָט דעם ברײַטן אָקעאַן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, אַנטדעקנדיק אַלץ נײַע נאָך ברײַטערע, נאָך פּרוכטיקערע ברעגן. אין פֿולן שאַפֿערישן כּוח האַלט ער אײַן זײַן וואַכפּאָסטן אויף איינעם פֿון די הויכע מאַסטן פֿון דער קינסטלערישער פּראָזע אויף ייִדיש. זאָל זײַן נסיעה איבער די ברויזיקע כוואַליעס פֿון אונדזער צײַט אים תּמיד ווידער אַרויספֿירן צו די ברעגן פֿון נאָך גרעסערע קאָנטינענטן מיט נאָך רײַכערע אוצרות פֿון ייִדישער גײַסטיקייט!

פּאַריז, מערץ 1985.

יעקב זיפּער

אינעם טאָל פֿון גרויל

מיט יהודה עלבערגס ראָמאַן „אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט״ איז צו דער רײַכער ליטעראַטור וועגן אומקום פֿון כמעט אַ דריטל פֿון אונדזער פֿאָלק, צוגעקומען אַ טיף קינסטלעריש ווערק מיט אַ ברייטן פֿאַרנעם. דער סיפּור המעשה פֿירט אונדז אַרײַן אינעם טויטן־טאָל פֿון דעם וואַרשעווער געטאָ און ברענגט אַרויס דעם אימהדיקן גורל פֿון דער הילפֿלאָזער עדה ייִדן איבער וועלכער עס האָט הפֿקרדיק געבושעוועט דאָס אומדערבאַרעמדיקע רשעות פֿון צעווילדעוועטע חיות אין מענטשלעכער געשטאַלט. גלײַכצײַטיק ווערט אַרויסגעהויבן דער כּוח פֿונעם מענטשלעכן ווילן און די ייִדישע עקשנות צו דערהאַלטן זיך בײַם לעבן, נישט קוקנדיק אויפֿן שוידער וואָס הויערט איבער דער גאַנצער וועלט.

דעם דאָזיקן ממש איבערמענטשלעכן כּוח זוכט דער מחבר אַרויסצוהייבן דורכן שילדערן די איבערלעבונגען און האַנדלונגען פֿון עטלעכע הויפּט־טיפּן, דער עיקר — פֿון דער אײדעלער און מיוחסדיקער גאָלדע העשעל און איר קוים צוועלף־יאָריקן ייִנגל יאָסעלע־יורעק, מיטן „גוטן אויסזען״. ער פֿירט זיי דורך אַלע שבֿעה מדורי גיהנום אין אַלע דרײַ טיילן פֿונעם ראָמאַן. דאָס גיט אים די מעגלעכקייט צו באַקענען אונדז מיט שטיקער לעבן אויך אויסער דעם געטאָ, אויף דער אַרישער זײַט און דער עיקר אין דאָרף, וואו, אין קאָנטראַסט מיט דער שטאָט, איז אַלץ כּמעט ווי נאָרמאַל, אַחוץ גאָר קליינע ענדערונגען פֿון דעם געוויינטלעכן שטייגער. אַגבֿ, איז דאָס דאָרפֿישע לעבן געמאָלן מיט מײַסטערשאַפֿט און פּסיכאָלאָגישער אַרײַנדרינגונג אין די טיפֿן, וואָס ווײַזט אָן אי אויף דעם מחברס באַהאַוונטקייט מיטן דאָזיקן לעבן, אי אויף דעם קינסטלערישן כּוח זײַנעם איבערצייגן פֿון דעם נערוועזן און מיט אומרו אָנגעלאָדענעם סטיל בײַם שילדערן די געשעענישן און איבערלעבונגען אין שטאָט צו אַ רואיקער שילדערונג פֿון דעם דאָרפֿישן לעבן. דאָס קינסטלערישע אויג פֿאַרפֿעלט נישט אַרײַנצודרינגען אין די פֿאַרלוירנסטע נאַטור־דערשײַנונגען, פֿון וועלכע אייניקע ווערן דורך דעם דערהויבן צו אייביקע סימבאָלן פֿון דער מיסטעריעזער נאַטור און אירע באַשעפֿענישן.

דערשינען אין „צוקונפֿט״ — אַפּריל 1976.

עס מאַכט דעם איינדרוק ווי דער מחבר וואָלט אין זיין שילדערונג פון דער דאָרפישער לאַנדשאַפט אַ ביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון דער צעבראָכענער אָנ־שטרענגונג און אַנגסט פון די אַפּאָקאַליפּטישע שוידער־סצענעס, וואָס זיינען אין תוך דאָך דער יסוד פונעם ווערק. זיי באַגלייטן אים אָפּט אַפילו אויך אין דאָרף, וואו אייניע פון די טיפן, יורעקס שוועסטערל חנהלע, גייט אויס אויף אַ בוידעם פון שרעק, הונגער און פראָסט. איר האָט דעריבער דאָס געפיל, אַז דער דאָזיקער טייל, כאָטש ער איז נישט דער יסודותדיקער טייל פונעם ווערק, איז ער אָבער נישט נאָר נייטיק פאַר דער קאָנסטרוקציע פון סיפור המעשה, נאָר ער העלפט אויך דעם קינסטלער און דעם לייענער צו דערהאַלטן אויף אַ ווײַלע דעם אייגענעם גייסטיקן באַלאַנס. עפּעס ווי עס וואָלט דערמיט אַנגעוואונקען געוואָרן: זעסט, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס עס טוט זיך אַלץ אָפּ אין דעם טאָל פון גרויל, איז נאָך פאָרט דאָ ערגעץ נישט ווייט פון דאָרט אַ לעבן, וואָס איז נישט אַראָפּ אין גאַנצן פון די רעלסן.

*

מיט יעדער צוריקגעקומענער שילדערונג פון די טראַגישע איבערלעבונגען פון די הויפּט־טיפּן, ווערט אויך אַלץ בולטער זייער גערעַנגל פאַר דערהאַלטן זיך ביים לעבן אַפילו פאַרן פרייז פון פאַרלירן דאָס אייגענע מענטשלעכע פּנים. מיטן פּשוטן שכל קאָן מען עס נישט באַנעמען און ממילא קאָן מען נישט אויפקלערן דעם זין דערפון מיט די באַגרענעצטע חושים אונדזערע.

זייער שאַרף און אמתדיק ווייַזט אָן אליעזר וויזעל אין אַריינפיר־וואָרט צום ראָמאַן: „מ׳האָט געדאַרפט זיין משוגע כדי צו וועלן איבערלעבן דעם חורבן...״ בלויז דער קינסטלערישער אופן פון עלבערגס דערציילן מאַכט די דאָזיקע נישט־באַגרייפלעכע אי־רעאַליטעט פאַר רעאַל און באַגלויבלעך. עלבערג איז זייער אָפּגעהיט ביים שילדערן די געשעענישן (באַזונדערס אין ערשטן און צווייטן טייל), נישט אָנצווייקען אַפילו אויף וועלכער עס איז ראַציאָנעלער פּסיכאָלאָגישער דער־קלערונג אינעם אָפּנעמען און פאַרבאַרגענעם באַוואוסטזיין פון די טיפּן. ער פּרוווט עס אָבער יאָ טאָן אין דריטן טייל, נישט מיט גרויס דערפאָלג, מחמת מ׳קען נישט אויפקלערן דאָס נישט דערקלערטע.

עס דאַרף אָבער אויך באַמערקט ווערן, אַז עס קען זיין, אַז טאַקע צוליב דעם אייַנשטעל פון וועלן אויפהייבן דעם איבערמענטשלעך פיזישן געראַנגל „איבער־צולעבן״ פון די הויפּט־טיפּן, זיינען וויכטיקע מאָמענטן וואָס זיינען נייטיק צו דעם גאַנצן ביזאַרן בילד גאַנץ בלאַס אַרויסגעקומען. אָט זיינען די אָנשטרענגונגען און פּרוּוון פון מאַטעריעלן און גייסטיקן ווידערשטאַנד מצד אַ היפּשער צאָל יחידים אין געטאָ, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט פון אַנדערע קוואַלן, געגעבן געוואָרן זייער בצמצומדיק. ערטערווייַז בלויז דורך אָן איילקן דערציילן אַן עפּיזאָד אָדער אַ בליציק בילד. עס שאַפט זיך אויך אַ נישט פאַרשטענדלעכער בלויז, וואָס שטייט

אין קעגנזאַץ צום ברייטן שילדערן דעם שפּעטערדיק אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד און זײַן דורכפאַל, וואו דער מחבר פאַרפעלט טאַקע אויך נישט אַנ־צוווײַזן, אַז אפילו אין דעם טראַגיש־דערהויבענעם מאָמענט איז די שנאה פון די פּאַליאַקן צו ייִדן נישט געמינערט געוואָרן אַפילו אויף אַ האָר. אין סך־הכל ווערט אָבער דער אויפשטאַנד פון דעם פאַרצווייפלטן לעצטן איבערבלײַב פונעם ייִדישן געטאָ געגעבן בלויז ספּאָראַדיש און נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל ס׳איז נויטיק אָנצוהאַלטן דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען מיטן הויפּט־טיפּ גאַלדע.

מיטן גאַנג פון די שילדערונגען ווערט אויך בײַם לייענער שאַרפער די ביטערע דערקענטעניש, אַז כאָטש אין תוך גענומען איז דאָס ראַטעווען זיך און דאָס איבערלעבן די מלחמה מצד אַ צאָל יחידים אַן אומהיימלעכע און מיסטעריעזע צופעליקייט, וואָס איז אַ טייל פונעם שווידערלעכן טײַוול־שפּיל. פונדעסטוועגן שלאָגט זיך בײַם סוף פאָרט אַדורך אַן אָנוואונק אויף אַ באַשטימטן זין אין דעם געדיכטן זינלאָזן ווירוואַר, לכל הפּחות בײַ איין הויפּט־טיפּ, וואָס האָט איבער־געלעבט. נעמלעך, גאָלדע. זי גייט דורך אַלע גרוילן פון געטאָ און אוישוויץ, און נאָכן ממש נישט גלויבלעכן ראַטעווען זיך פון דאָרט, ווערט זי ערשט געיאָגט פון קליין און גרויס און בלויז דאָס פאַרוואַנדלען זיך אין אַ משוגענער סטראַשידלע, העלפט איר צו קריגן שפּײַז און קאָנען זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ נאָרע אין וואַלד. אירע דורך דורות פאַראיידלטע מידות און מענטשלעכער אויסזען איז פאַרטעמפּט און פאַרווישט געוואָרן. אַפילו דאָס שפּיגעלע, וואָס זי געפינט, קאָן קיין שום שטריך פון איר פריערדיקן לעבן נישט אַרויסברענגען, בלויז דער זיכרון אירער ברענגט עס איר אין חלום־קאָשמאַר. ווען נישט הערצקע, וואָס געפינט זי אַ האַלב־פאַרפרוירענע, וואָלט זי אַוודאי אומגעקומען. אַליין אַ געיאָגטער, אַ באַהאַלטענער אין אַ קעלער, ווערט הערצקע דער צוגעגרייטער שליח נישט נאָר צו ראַטעווען זי, נאָר אויך צו דערוועקן אין איר צוריק די נאַטירלעך מענטשלעכע געפילן.

זייער סובטיל און געהיטן ברענגט עלבערג אַרויס גאָלדעס דערוואַכטע מענטשלעכע געפילן און פאַרלאַנגען, אַפילו אין מיטן גרויל, בעת זי ליגט פאַרגראָבן אין אַ קעלער, זוכט די מענטשלעכע נאַטור אירס. כאָטש אין גאָלדעס מחשבות און אין איר צעטרייסלטן געמיט לעבט זי אויף אַ צעשויבערטן אופן איבער די גליקלעך צניעותדיקע יאָרן מיט איר איידעלן שיען, וואָס זי געדענקט גענוי, אַז ער איז אַוועק צום אומקום מיט זײַער עלטערער טאָכטער. אויך דערוועקט זיך אין איר אַ ציטער צוליב דעם גורל פון די אַנדערע קינדער, וואָס זי האָט באַהאַלטן בײַ אַ „פרײַנטלעכן" פּאַליאַק און ער לאָזט זי נישט אַפּ בײַטאָג און בײַנאַכט. זעט עס אָבער אַלץ אויס ווי אַ חלום־געוועב פון אַן אַנדער גילגול, וואָס איז נישט בכוח אוועקצורוקן אַז אַ זײַט איר דערוואַכטן געפיל פון נאַענטקייט און דאַנק צום נישט געהויבלטן אָבער שטאַרקן הערצקען, וואָס גיט זיך מיט איר אָפּ מיט אַזאַ געלייטערטער מענטשלעכער גוטסקייט. זייער צונויפקומען זיך, וואָס איז פול מיט

גייַסטיקן פּיין און יסורימדיקן נסיון, קומט אַרויס דורך דעם דעליקאַטן אופן פון עלבערגס שילדערן ווי עפּעס אַן אויספיר פון אַ מיסטיש פּאַרהוילענער השגחה, וואָס פירט דערצו, אַז זי זאָל צוריק ווערן אַ מאַמע און רופן דאָס קינד חנהלע, ווי ס׳האָט געהייסן איר טעכטערל, וואָס איז אומגעקומען אויף אַ דאָרפישן בוידעם.

אַנדערש איז אָבער דער גורל פון יורעקן. דווקא ווען פון וויצעקן איז געוואָרן זאב און פון יורעקן דעם שמוגלער איז געוואָרן צוריק יוסף, און זיי זייַנען ביידע אַרייַנגעטאָן אין ראַטעווען, נאָך דער מלחמה שוין, די שארית הפליטה־ייִדן און ברענגען זיי קיין ארץ ישראל, — די איינציקע געבליבענע האָפענונג זייערע אויף אַ נייַעם רואיקן אָנהייב, — קומען זיי אום. דער גאַנצער שוידער פון דעם ביטערן גערנאַנגל מיטן גורל, ווערט דורך דעם אַרויסגעבראַכט ווי איין צעדריוולטע קנויל פון זינלאָזיקייט, פון וועלכער ס׳איז נישטאָ קיין אַנטרינונג.

*

אינעם דריטן טייל איז שוין דער געראַנגל נישט פאַרן איבערלעבן. צו די פריערדיקע הויפּט־טיפּן קומען צו אַ סך נייַע זייער אינטערעסאַנטע קאָמפּליצירטע געשטאַלטן. דער רעפּאָרטאַזש־אַרטיקער אופן, אין וועלכן דער טייל איז געשריבן, גיט עלבערגן אַ מעגלעכקייט צו געבן אַן אַרומנעמענדיק בילד פונעם לעבן, וואָס רעכנט זיך מער נישט מיט קיין מענטשלעכע ווערטן. אינעם דאָזיקן בילד באַקומט אויך אַ ברייטן אויסדרוק דאָס עקשנותדיקע מסירת־נפש פון אַ טייל פּערסאָנאַזשן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט ראַטעווען פונעם ווירוואַר שארית־הפליטה־ייִדן און דער עיקר קינדער, און מיט ברענגען זיי צו אַ נייַ לעבן אין ארץ־ישראל. אָבער אויך איבער דעם טייל הויערט דער גרויל פון יאוש און אַנטוישונג. ס׳איז די אַנטוישונג מיטן אַזוי גערופענעם וועלט־געוויסן, וואָס קאָן זיך נישט אַרויסהייבן פון דער גראָבער הויט, מיט וועלכער ס׳איז פאַרוואַקסן. אָט דאָס געוויסן קוקט זיך שטיל־שווייגנדיק צו ווי די רשעות דאָמינירט נאָך אַלץ אין דער באַציאונג צו די געראַטעוועטע, הילפלאָזע קרבנות.

סאַלטשע, וואָס האָט "געראַדואירט פון אוישוויץ און מאַטהאַוזען", ווי זי זאָגט וועגן זיך, איז איינע פון דער היפּשער צאָל טיפּן, וועלכע עלבערג פירט אַרייַן אין דריטן טייל. זי דריקט אויס די דאָזיקע אַנטוישונג מיט שאַרפער ביטערקייט: "וואָלסטו געוואָלט איבערלעבן, אויב וואָלסט זיך געקאָנט פאַרשטעלן, אַז נאָך דער מלחמה וועלן מיר נאָך זייַן ווי געיאַגטע חיות, אַז דאָס ביבל־פּאַלק (געמיינט די ענגלענדער) וועט זייַן דער יעגער און די וועלט וועט זיך צוקוקן גלייַכגילטיק ?".

ווי אַ סך אַנדערע האָט זי זיך גלייַך נאָך דער מלחמה אַרייַנגעוואָרפן אין דעם צעווילדעוועטן הפקר פון אַרייַנכאַפּן וואָס מער געניוס און קערפּערלעכע באַפרידי־קונג. דאָן באַגעגנט זי זיך מיט יורעקן, דעם שמוגלער, וואָס וואָלט אפשר צוזאַמען מיט איר פאַרלאָרן געוואָרן אין דעם הפקר, אין וועלכן ער שווימט אַרום ווי אַ פיש

אין וואַסער, ווען נישט דאָס וואָס פּלוצעם באַווייזט זיך זײַן חבר וויצעק, וועלכער האָט אים אין די גרויל־יאָרן געראַטעוועט פון אומקום. וויצעק הייסט שוין איצט זאב און פירט אָן מיט דער "בריחה", וואָס ראַטעוועט ייִדישע קינדער. נאָך אַ צײַט פון קווענקלעניש ווערט פון יורעקן יוסף. ער פאַרלאָזט דעם הפקר מיט סאַלטשען און פאַרבינדט זיך מיט די וואָס ראַנגלען זיך פאַר אַ נײַ לעבן פאַר דער שארית הפליטה און פאַר זיך אונטער די בלויע הימלען פון ארץ־ישראל. סאַלטשע האָט זיך אַ שטיק צײַט געווערט, אָבער צום סוף איז אויך זי נאָכגעגאַנגען יורעק־יוספן און געפינט זיך אויף דער גורלדיקער שיף "מולדת", אויף וועלכער עס געפינען זיך אויך גאָלדע מיט הערצקען און זייער חנהלע, און נאָך איינס, וואָס דאַרף ערשט געבאָרן ווערן. אויף דער זעלבער שיף געפינט זיך אַן עולם פון כלערליי מענטשן, וואָס זוכן בשותפותדיק אַ האָפענונג־שטראַל פון פרייד אינעם אויסגעחלומטן לאַנד, צו וועלכן זיי ציען מיט אַ פרייד, "צוליב וועלכער עס איז כדאי אָנצוהאַלטן זיך בײַם לעבן מיט צעפּוילטע ציין און צעקרישלטע נעגל", ווי סאַלטשע ברענגט עס אַרויס אין איר שמועס מיט יוספן, אויספירנדיק צום סוף: "איך האָב געמיינט, אַז ווען די וועלט וועט דערזען דעם חורבן, ווען די פעלקער וועלן זיך דערוויסן וועגן דער שרעקלעכער שחיטה, וועלן זיי פאַלן אויף די קני און פאַרדעקן די פּנימער פון חרפּה. זיי וועלן זיך אַפילו נישט דערוועגן בעטן מיר זאָלן זיי מוחל זײַן".

זאָל מען מיטן געפיל פון דער טיפער אַנטוישונג פּרוּוון צו דערקלערן אַ היפּשן טייל פון אונדזערע האַנדלונגען, סײַ די נעגאַטיווע און סײַ די פּאָזיטיווע? די נעגאַטיווע, ווייל ס'איז "פּשוט נישט כדאי...", ווי זי פירט אויס: "טפוי, אויף אַזאַ וועלט!" — און די פּאָזיטיווע, ווי אַן אויספיר פון יוספס געראַנגל מיט זיך: "די וועלט צווינגט מיך, און דיך, און אונדז אַלעמען, — די גלײַכגילטיקע, אַכזריות־דיקע וועלט". נישט זאָגנדיק אָפן וואָס עס מיינט דער צוואַנג, ווינקט עס אונדז אָן דעם קינסטלערס אָפן אויג, ווען ער פּרוּווט אַרײַנצודרינגען אין יורעקס אינער־לעכער פאַרלוירנקייט איידער ער ווערט יוסף און גיט זיך איבער צו אַ נײַ לעבן.

ער זיצט אַ צעחושטער צווישן נאַקעטע פעלדזן אין אַן אָפּגעלעגענער באַרג־געגנט און דערזעט פּלוצעם אַ טראַציק איינזאַם ביימל, וואָס רײַסט זיך פון מיטן פון אַ האַרטן שטיין. עס קוקט חוצפּהדיק אַרום זיך און וואַקסט צו להכעיס דער פאַרשטייניקטקייט, וואָס רינגלט עס אַרום. יורעק נעמט עס אָן ווי אַ צייכן פאַר זיך. אַ בײַשפּיל, אַז זײַן צעקנוידערט, פּוסט לעבן, קאָן און דאַרף באַלעבט ווערן... ער טוט עס טאַקע מיטן גאַנצן לייב און מאַרך אין זײַן נײַעם גילגול מיטן אַלט־באַנײַטן נאָמען יוסף.

עס ברענגט אים אויך צו דערקענען די מאַמע גאָלדע, און אַפילו אין איר נײַעם געשטאַלט פון לעבן מיט אַ פרעמדן ייִדן אָן חופּה וקידושין, דערהייבט ער זיך, אָן וואַקלעניש, צו באַנעמען איר שווערן נסיון. ער דערשפּירט אַפילו אַ וואַרעמע

נאַענטקייט צו איר איצטיקער חנהלען, כאָטש דאָס פאַרפראָרענע קברל פון דער פריערדיקער חנהלען מיטן אָפּגעבראָכענעם נעזל, צאַפּלט אים פאַר די אויגן. אויך די פאָן פון דער "מולדת" פלאַטערט אים פאַר די אויגן מיט דער ציטערדיקער האָפענונג אויף אַ נײַ לעבן אין לאַנד פון די אָבות. און אָט, פונקט ווי עס איז געשען פריער מיט זײַן חבר וויצעק־זאב, ווען אַ קויל האָט דערגרייכט אין סאַמע מיטן גרייטן זיך צום נײַעם לעבן, אַזוי טרעפט אים אַ קויל געצילט פון דער געדיכטער חשכות אַרויס פון אַ לויערנדיקער ענגלישער קריגס־שיף. די זינלאָזע פאַרהוילענע שפּיל גרוילט פון אָנהייב ביזן סוף אויפן שפּיץ פונעם מאַסט.

אינעם קלאַסיש פּאָזיטיוויסטישן צוגאַנג צו קינסטלערישע שאַפונגען, איז געוויינלעך אָנגענומען, אַז בײַם באַטראַכטן און באַנעמען אַ קינסטלעריש ווערק, דאַרף מען חוץ די ריין־ליטעראַרישע מעלות און חסרונות אַרויסהייבן אויך די אידעאישע ווערטן פונעם ווערק. וואָס שייך דעם ווערק פון יהודה עלבערגן דאַרף מען אויפקלערן אין אַ געוויסער מאָס די קאָמפּליצירטע סיטואַציעס און אַנטפּלעקן, ווי ווײַט מעגלעך, דעם טיפערן זין פון דעם אויבנאויפיק זינלאָזן און כאַאָטישן ווירוואַר פון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ און האַנדלונג. עס מיינט, אַרײַנ־צודרינגען טיף אין דער געשעעניש, כדי צו דערשפּירן דעם פון אייביק איינגע־שטעלטן פאַרבאָרגענעם סדר פון דער דאָזיקער עקסיסטענץ.

צום באַדויערן אָבער קאָן מען נישט אָנווענדן די דאָזיקע מאָס אין שייכות מיט אַ ווערק, וואָס שילדערט אַ געשעעניש, וואָס שטייט לגמרי מחוץ פון אונדזערע מענטשלעכע השגות און פונעם סדר העולם ווי מיר קענען אים. דאַכט זיך, אַז אַפילו דאָס שוואַכסטע אָנווינקען אויף אַ זין און אַ ציל אין דעם דאָזיקן ווערק וועט זײַן אַ לעסטערונג. ווי קען מען געפינען וועלכע עס איז דערקלערונג, וואָס זאָל העלפן דעם געליטענעם און פאַריאושטן צו שטאַרקן זיך מיט גלויבן, אַז ס׳איז פונדעסטוועגן פאַרט נישט "לית דין ולית דיין". און דעריבער קאָן מען און מ׳דאַרף ווײַטער שטרעבן צום לעבן, און ענטפערן, ווי עס איז איינגעשטעלט פון אייביק אָן, מיט "ברוך דיין אמת" אויך אויף דער טיף בויערנדיקער קשיא: "און וואו איז גאָט געווען אין יענער צײַט ?".

אמת, יעדע דערקלערונג פון דעם מין, איז אין בעסטן פאַל נישט מער ווי אַ סובלימאַציע, וואָס ענטפערט נישט אויף דער גרונט־פראַגע. אָבער פון דער אַנדערער זײַט, איז דאָך פאַרט נישט מעגלעך אָנצוגיין ווײַטער מיטן לעבן אָן וועלכן עס איז אָנהאַלט, ווי וואַקלדיק און שלאַבעריק ער זאָל נישט זײַן. קאָן מען אפשר דערמיט דערקלערן דאָס וואָס מיט דער גאַנצער געהיטנקייט אין די פריער־דיקע טיילן פון דעם ווערק נישט אויפצוקלערן און נישט זוכן אַפילו אַ שמץ פון אַ זין אין דער זינלאָזיקייט, האָט עלבערגס קינסטלערישער באַנעם אים געפירט צו געשטאַלטיקן די אַזוי געפּײַניקטע גאָלדע ביז צום ווערן אַ סימבאָל פון דער

אייביקער מאַמע וואָס שטעלט צוריק אויף צום לעבן די פאַרשניטענע משפּחה. און אינעם דריטן טייל, וואָס איז לויט דער קאָנסטרוקציע און אויך אין דער פאָרעם און סטיל אַנדערש פון די פריערדיקע טיילן, זעט זיך גאַנץ בולט אָן דער ווילן פון מחבר נישט בלויז צו שילדערן די געשעענישן ווי ער האָט זיי געזען, נאָר אויך אַ מין חשבון־הנפש דורך שטעלן די גרונטיקע קשיות און אַרויסברענגען די נאָגנדיקע ספקות, וואָס מאַטערן אים און דאַרפן ווי עס איז פאַרענטפערט ווערן, כדי צו געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַרן שטרעבן אויפצושטעלן נײַע דורות.

אַגב, דאַכט זיך מיר, אַז סײַ דער דאָזיקער חשבון־הנפש און אויך אייניקע פון די טיפן, וואָס ער פירט אַרויס אין דריטן טייל, וואָלטן קינסטלעריש אַרויס־געקומען פאַרטיפטער און איבערצייגנדיקער, ווען זיי וואָלטן באַהאַנדלט געוואָרן אין אַ באַזונדער ווערק און נישט בלויז ווי אַרויסשטאַרנדיקע יחידים אין דער געפּײַ־ניקטער מאַסע פון דער שארית הפליטה. אויך די שאַרף־תהומיקע פראַגן, וואָס זיי פרעגן און זייער ווײַטערדיקער געראַנגל מיט די ענטפערס, וואָלט געקאָנט ברייטער אַרויסגעהויבן ווערן. עס זעט מיר אָבער אויס, אַז דער קינסטלער האָט שוין פשוט נישט געקענט פאַרהוילן און טראָגן אין זיך די יאושדיקע אַנטוישונג, און האָט געמוזט פּרווון געפינען, אַפילו בלויז דורך אַנווינקען, עפּעס אַ שטיקל תיקון פאַרן זינלאָזן גרויל פון וועלכן ער איז אַן עדות. ער הייבט דעריבער אַרויס פון דעם צונויפגעדרענגטן געזעמל אויף דער "מולדת" אַ חסידישן יונגמאַן, אַ רבינס אַ זון, וועלכער איז דער איינציקער לעבן־געבליבענער פון זײַן גאַנצן שטאַם. ער געפינט זיך אויף דער "מולדת" נישט ווײַל ער קאָן נישט קומען לעגאַל און אָפן צום נײַעם לעבן אין ארץ־ישראל. ער האָט דאָך אַ פּאַספּאָרט און די זאַכן האָט ער שוין אָפּגעשיקט אַהין. ער געפינט זיך דאָרט, ווײַל ער וויל מיטלעבן די איצטיקע יסורים פון דער שארית הפליטה, וואָס ער האָט נישט זוכה געווען פריער. און דער עיקר, ווײַל ער זוכט אַ תיקון אויף דעם וואָס מאַטערט אים: "וואָס איז דער זין פון דעם, צוליב וואָס איז דווקא ער געבליבן לעבן פון זײַן גאַנצן שטאַם?" מיט זײַן געהיטענער טראַדיציאָנעלער אויפפירונג און פאַראַנקערטער אמונה אין דער השגחה, רופט ער אַרויס אַ שטאַרקן ווידערווילן צו זיך פון די וואָס קאָנען דער השגחה נישט פאַרגעבן פאַרן שטומען צוקוקן און שווייגן פריער און איצט. ער באַווירקט אָבער פאַרט מיט זײַן ערלעכקייט און אָפענעם זיך מודה זײַן, אַז ס'איז טאָקע נישט גרינג צו ענטפערן אויף דעם, און אַז ער קאָן טאָקע די השגחה נישט פאַרענטפערן. נאָר זײַן אמונה שטאַרקט אים אָבער דערמיט, אַז די וועגן פון דער השגחה זײַנען פאַרהוילן און מ'קען זיי נישט משיג זײַן מיט די באַגרענעצטע מענטשלעכע חושים. זײַן פאַרפאַנצערטע אמונה איז אַזוי געשטאַלט, אַז ער שרעקט זיך נישט, פּונקט ווי די בעלי המדרש פאַר אים, מיטצונעמען די שכינה אַליין אינעם טאָל פון גרויל, אין אוישוויץ, מיטצולײַדן אַלע יסורים און אויסצושטיין די שווידערלעכסטע פאַרשעמונגען פונעם מין מענטש. ער לערנט, אַז כדי בײַצוקומען

די אַנטווישונג און ביטערן יאוש, דאַרף יעדער איינער זוכן אַ תיקון אויף זײַן אופן און לויט זײַנע כוחות. ער איז דעריבער נישט מתרעם און שטייט נישט אין קריג אַפילו מיט די, וואָס פרעגן לחלוטין אָפּ זײַן אמונה אין דער השגחה. דאָס פאַר־לייקענען די השגחה איז אַליין אַ סימן, אַז מ׳גלייבט, אַז זי איז פאַראַן — זאָגט ער. זײַן אייגענעם תיקון, גלייבט ער צו געפינען דורך באַהעפטן זיך מיט באַשען, וואָס איז געווען אין אוישוויץ און איז דאָרט ווי אַ ״פעלד־הור״ אויפן שענדלעכסטן אופן דערנידעריקט געוואָרן ווי אַ פרוי. דורך חתונה האָבן מיט איר וועט ער, הייסט עס, ברענגען דערהויבונג און געבן אַ תיקון צו דער טראַגיש־זינלאָזער פאַר־שעמטקייט פון מין מענטש...

ס׳איז אַוודאי אַ פּאַטעטיש און מיסטיש דערהויבענע קאָנצעפּציע, וואָס דאַרף זײַן אַן אָנשפּאַר און אַן ענטפער אויף דער פראַגע: ״ווי קען מען ווײַטער לעבן?״ אָבער ענטפערט עס דען די פראַגע: ״צוליב וואָס די אַלע יסורים?״ און צי איז דען מעגלעך צו געפינען אַ תיקון פאַר די, וואָס זײַנען אומגעקומען און האָבן שוין מער קיין תקומה נישט?

זייער פּשוט און כמעט סימבאָליש שליסט עלבערג אָפּ דאָס דורכפירן די ״תיקון־סצענע״ — די חופה וקידושין־צערעמאָניע אונטער אַן אויסגעשפּרייטן ווײַסן טלית איבער וועלכן עס האָט געהאָנגען אַ געדיכטע שוואַרצקייט פון הימל אָן אַ פינטל פון אַ שטערן. ״מען האָט פּרובירט זינגען נאָך דער חופה, אָבער דאָס געזאַנג איז שנעל אויסגעגאַנגען...״

און נאָך מער סימבאָלישער און אַוודאי כאַראַקטעריסטישער פאַרן זינלאָזן גרויל, וואָס הויערט ״אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט״, איז דער ביטערער אויסגעשריי פון גאָלדען ביים גיין צו קינד, אינעם עפּילאָג: ״חנהלע אין אַ וויסטן וואַלד, בענאַ אין קאַלכאויון, יאָסל אין מיטן ים. האָסטו נאָך מיתות משונות, רבונו של עולם? וואָס האָסטו צוגעגרייט פאַר דעם נײַעם קינד?״.

ס. שניאור

ראָמאַן פון דער תקופה

וואָס מער מיר דערווײַטערן זיך אין צײַט פון אונדזער גרויסן חורבן אַלץ בעסער און רײַפער קומען אַרויס די הײַנטיקע קינסטלערישע שאַפונגען, וואָס שילדערן יענע פינצטערע קאַטאַסטראָפישע תקופה. עס מערקן זיך סימנים, אַז דער שרײַבערישער כוח הדמיון, וואָס איז לאַנג געווען איבערגעוועלטיקט פון דער שרעק־ווירקלעכקייט האָט זיך אָנגעהויבן צו באַפרײַען פון אָט דער שרעק און פרוווט געפינען אויסדרוק נישט נאָר אין פשוטע זכרונות, קורצע סקיצן און פּאָעמעס, נאָר טאָקע אין גוטער לענגערער פּראָזע, נאָוועלעס און ראָמאַנען. יהודה עלבערגס ראָמאַן "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" איז אַ גוטער סימן.

פּאָר שרײַבערס, וואָס האָבן אַליין איבערגעלעבט דעם חורבן, איז מן הסתם שווער זיך צו האַלטן אין די גרענעצן פון ריין־קינסטלערישער שילדערונג. די קאָשמאַרן פון דער ווירקלעכקייט שטייגן נאָך אַלץ איבער די פינצטערסטע פאַנטאַזיעס. די שוידערלעכע אכזריות פון טייל מענטשן פונקט ווי דער הערלעכער העראָאיזם פון אַנדערע זײַנען נאָך אַלץ די נאָענטע באַגלייטערס און שאָטנס פון דמיון. ביידע שטייגן איבער די מענטשלעכע פאַרשטעלונג און דערפאַרונג. ס'איז קאָנטיק אַז יהודה עלבערג האָט זיך שוין באַפרײַט — אויף וויפל דאָס איז פּסיכאָ־לאָגיש מעגלעך — פון יענער קאָשמאַרן־ווירקלעכקייט און קאָן שוין איר שילדערן אין די ראָמען פון קינסטלערישער געצוימטקייט און אײַנגעהאַלטנקייט. אָט די געצוימטקייט דאַרף נאַטירלעך נישט שטערן דעם קינסטלער צו שילדערן ווי געהעריק די פײַנלעכע און אומגלייבלעכע איבערלעבונגען און עס צווינגט אים אויך ניט אַריבערצושפּרײַזן די דערדריקנדיקע און האַרץ־רײַסנדיקע טראַגיק, וואָס דאַרף זײַן דער אינהאַלט פון דער שילדערונג.

די דערדריקטע שטימונג פון חורבן און אומקום, וואָס מען האָט געקענט דער־וואַרטן פון אַזאַ ראָמאַן, ווערט בעתן לייענען דאָס בוך פאַרביטן מיט אַן אויפ־גייענדיק געפיל פון יראת הכבוד, פון אָכפּערונג, פון אַ נשמהדיקער אידענטיפיקאַציע מיט יענע יידן, וואָס ראַנגלען זיך מיט זייער שווערן גורל פון בעסטיאַלישער

פאַרעפנטלעכט אין "חשבון" 83־84, ניסן תשל"ו.

אכזריות און מענטשלעכן העראיזם. זײַנע איינגעהאַלטענע שילדערונגען דערהייבן דעם לייענער מיט דער איבערמענטשלעכער גבורה, וואָס זײַנע פּשוטע ייִדישע מענער און פֿרויען, קינדער און זקנים ווײַזן אַרויס בײַם ראַטעווען זיך און זײַערע נאָענטע בכדי איבערצולעבן די נאַצישע בעסטיעס — **איבערצולעבן** סײַ ווי יחידים און סײַ ווי אַ פֿאָלק.

אָט דאָס נאַציאָנאַלע געפֿיל, דאָס וויסן אַז דער חורבן איז נישט נאָר אַ פּערזענלעכער נאָר טאַקע איבערהויפּט אַ נאַציאָנאַלער, איז, לויט אַלע אינפֿאָר־מאַציעס, געווען זײַער שטאַרק ספּעציעל בײַ די פּוילישע ייִדן. מיט אָט דעם געפֿיל האָבן זיך אויך אָנגעשטעקט די אַנדערע — די דײַטשישע, די טשעכישע, די גריכישע ייִדן — וואָס האָבן אויסגעפֿילט די געטאָס און די לאַגערן. דער דראַנג איבערצולעבן איז געוואָרן זײַער שטאַרקסטער סטימול און האָפֿענונג צו קענען אויסהאַלטן די טויטלעכע געפֿאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף זיי פֿון אַלע זײַטן, אויף יעדן און אויף אַלע ייִדן.

לויטן פֿאַרנעם פֿון חורבן איז דער סיפּור המעשה פֿון ראָמאַן נישט צו קאָמפּלי־צירט. די געשעענישן, הגם שווידערלעכע, אַנטוויקלען זיך אין אַ באַשטימטער אָרדענונג. אפילו דער איבערפֿלוס פֿון **צופֿאַלן** וואָס טרעפֿן זיך מאַכן אויך דעם אײַנדרוק אַז זיי זײַנען אין **אָרדענונג**, ווײַל אין אַ קאַטאַסטראָפֿישער צײַט, אין אַ חורבן־צײַט זײַנען מסתּמא נישטאָ קיין איבעראַשונגען — ס׳איז איין גרויסע אומאויפֿהערלעכע איבעראַשונג. אַלץ איז מעגלעך, דאָס אומגלייבלעכע און דאָס אויסטערלישע און אפֿילו ניסים אויך. דאָס נאַרמאַלע פֿאַרשווינדט און אַלע גע־שעענישן ווערן ריינער צופֿאַל. די איינצלהײַטן פֿון דעם סיפּור המעשה זײַנען אין תּוך נישט קיין נײַע. דער אומגליק און די צרות זײַנען גוט באַקאַנט. וואָס ס׳איז נײַ איז יהודה עלבערגס אייגנאַרטיקע קינסטלערישע שילדערונג פֿון די געשעענישן.

קודם כּל איז דאָס אַ קאָנצענטרירטע שילדערונג פֿון דער וואַרשעווער געטאָ און באַזונדערס פֿון איין משפּחה, די שיע העשל משפּחה פֿון רבנישן יחוס. דאָס אַליין באַשטימט שוין אייגנטלעך דעם כאַראַקטער פֿונעם ראָמאַן און די גרענעצן פֿון דער אַנטוויקלונג. אונדזער נײַגער און שפּאַנונג מוזן זיך במילא קאָנצענטרירן אַרום אָט דער משפּחה, אַרום דעם ייִנגל יאָסעלע און זײַן מאַמע גאָלדע. וואָרעם די אַנדערע פֿון דער משפּחה זײַנען אומגעקומען גלײַך בײַם אָנהייב. גאָלדע האָט זיך געראַטעוועט צופֿעליק דורך דעם וואָס זי האָט, נישט וויסנדיק, פֿאַרבלאָנדזשעט צו די גאַזקאַמערן און ס׳איז איר געלונגען פֿון דאָרט צו אַנטלויפֿן. דאָס אַליין איז אַ נס. און יאָסעלע האָט זיך אויך „צופֿעליק" געראַטעוועט דורך דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ גויאיש געשטופּלט פּנים, אַן איבערבלײַבעכץ פֿון דער פּאָקן־קראַנקייט. האָט ער שוין ווי עס איז זיך געקענט באַוועגן ווי אַ שייגעץ אויף דער אַרישער זײַט. זײַן מאַמע האָט אויך געהאַט „מזל" מיט איר פּנים. אַ בלאָנדן קאָפּ האָט זי געהאַט, האָט זי געקענט שפּעטער אַרומבלאָנקען פֿאַרשטעלט ווי אַ משוגענע גויע.

האָבן מיר דאָ צוויי כאַראַקטערן מיט אַן אייגנאַרטיקע ביאָגראַפיע, וואָס בעטן זיך געשילדערט צו ווערן. און ביידע פאַרמאָגן אַ שטאַרקן דראַנג איבערצולעבן דעם חורבן.

ביידע האָבן פּאָזיטיווע כאַראַקטערשטריכן און ווערן טאַקע אַזוי געשילדערט. זיי געווינען און פאַנגען גלייך פון אָנהייב אונדזער מיטגעפיל און האַרציקע ליב־שאַפט — יאָסעלע, צוליב זיין אויסערגעוויינטלעכע איבערגעגעבנקייט צו זיין שוועסטערל חנהלע, אַ מיידעלע פון פיר־פינף יאָר, וואָס קען זיך ניט פאַרשטעלן פאַר אַ שיקסל, ווייל איר יידיש פּנים וואָלט איר גלייך געמסרט; און גאָלדע, זיין מאַמע, געווינט אונדזער דרך ארץ און ליבשאַפט צוליב איר מוטערלעכער געטריי־שאַפט, איר פּאָלקסטימלעכקייט, איר אויסדויער און לסוף, ווען זי ווערט דער סימבאָל, אַזוי צו זאָגן, פון אויסדויער און ביאָלאָגישן המשך, טאַקע נישט מיט איר פריערדיקן מאַן, שיע העשל, וואָס איז אומגעקומען אין די גאַזקאַמערן, נאָר מיט הערצקע קצב, אַ פּראָסטער אָבער גוטער ערלעכער ייד, וואָס האָט איר בוכ־שטעבלעך געראַטעוועט. ווערט שוין במילא אונדזער פרייד פאַר איר געמישט מיט טרערן.

זי ראַטעוועט זיך. זי האָט נאָך אַ מאָל חתונה. זי געבערט אַ מיידעלע, אַ "נייע" חנהלע. פאַרשוועגערט ווידער און אויפן שיף קיין פּאַלעסטינע, ווען יאָסעלע פאַלט אַ קרבן פון נייעם שונא, די ענגלענדער, געבערט זי אַ יינגעלע, אַ "נייע" יאָסעלע. דאָס דאַרף זיין דער סימבאָל פון ביאָלאָגישן המשך און פון נצח ישראל, די אייביקייט פון יידישן פאָלק.

מיט יאָסעלעס אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און "פּערזענלעכקייט" באַקענען מיר זיך גלייך ביים אָנהייב. ער איז אַ "צוואַניאַק" (כיטרע קלוג) — האָט זיין מאַמע געזאָגט אויף אים, ווען זי פלעגט זען ווי געשיקט און קונציק ער גנבעט זיך אַריבער אויף דער אַרישער זייט און שמוגלט מיט קליידער און ברענגט צוריק עסנוואַרג. יונג ווי ער איז נאָך געווען איז גאָלדע שוין געווען זיכער אַז יאָסעלע וועט שוין געפינען אַ וועג ווי צו היטן חנהלען, ווען מ'עט דאַרפן "לויפן". אין די ערשטע טעג פון דער געטאָ פלעגט נאָך זיין טאַטע, שיע העשל, אַ העברעאישער פּאַעט און פון רבנישן יחוס, אַליין לערנען מיט אים אַ פּסוק תנ"ך און אָנקוועלן ווי שנעל זיין בן־יחידל באַנעמט עס יעדעס וואָרט. איין מאָל ביים פּאַרטייטשן אַ פּסוק פון ישעיה — איכה היתה לזונה קריה נאמנה — "ווי אַזוי איז די געטרייע שטאָט געוואָרן אַ זונה?" — טוט יאָסעלע אַ פרעג:

"טאַטעשי, וואָס איז אַ זונה? — וואַרט נאָך, שוין... כ'ווייס שוין, טאַטעליו, כ'ווייס שוין וואָס עס מיינט".

"דו ווייסט? פון וואַנען ווייסטו? — טוט דער טאַטע זיך אַ כאַפּ — מיט וואָס פאַראַ חברים שלעפּסטו זיך אַרום?"

די מאַמע האָט געזען ווי דאָס יינגל וואַקסט אַ כוואַט, אַ צוואַניאַק, און דער

טאַטע האָט זיך געשראָקן, וואָס ס׳וועט פון אים איצט ווערן. ״דאָס פּנים איז טאַקע נישט גוט אָבער דאָס קעפּל אַרבעט״ — האָט דער פֿאָטער געטראַכט.

ווען דאָס לעבן אין געטאָ איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, ווען די געטאָ האָט שוין געברענט, האָט יאַסעלע גענומען חנהלען, זײַן פֿינף־יאָריק שוועסטערל, אונטער זײַן שוץ און זיך אַרויסגעגנבעט אויף דער אַרישער זײַט. פֿאַרשטעלט ווי אַ שייגעץ האָט ער געפֿונען באַהעלטעניש אין אַ דאָרף. יאַסעלעס געטרײַע, איידעלע און ציטערדיקע איבערגעגעבנקייט צו זײַן שוועסטערל אין באַהעלטעניש אויפֿן שטאָל־בוידעם; זײַן קלוגער אויפֿפּיר און אָפּגעהיטקייט, אַז די גויִים זאָלן ניט חושד זײַן, אַז ער איז אַ ייִדיש קינד און באַהאַלט נאָך אויס זײַן שוועסטערל מיט וועמען ער טיילט זײַן אָרעמען ביסן, פֿאַרכאַפּט דעם לייענער מיט דער צניעותדיקער העראָאישקייט אונטער אַזעלכע אוממענטשלעכע און אומגליקלעכע באַדינגונגען.

די עטלעכע קאַפּיטלעך אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פֿון אָט די צוויי קינדער אין דאָרף, די אומגלייבלעכע אַנטיסעמיטישע שטימונגען פֿון די פּויערים, וואָס האָבן פֿאַר דור־דורות געלעבט, געהאַנדלט און געקעמפֿט צוזאַמען מיט ייִדן; זייער צוריקגעשטאַנענקייט און אָרעמקייט, זייער לעבנסשטייגער און איבערגלויבן; זייער אומפֿאַרשעמטע פֿרייד, ווען זיי האָבן געקענט אָנווײַזן די דײַטשן אויף אַ באַהאַלטענעם ייִד און צוזען ווי ער ווערט גלײַך אויפֿן אָרט דער־שאָסן — אָט די קאַפּיטלעך זײַנען וואונדערלעכע מוסטערן פֿון צאַרטער גוט־געשריבענער פּראָזע. ס׳איז גוטער לייען־מאַטעריאַל פֿאַר די עלטערע קינדער פֿון אונדזערע שולן.

״אַ ווינטל איז אָנגעקומען ווי אַן אויסשפּירער, אַ ריס געטאָן אַ שינדל אויפֿן דאַך, אַ וויג געטאָן אַ פּלויט, אויסגעפּרובירט ווי פֿעסט ער האַלט זיך אויף די ווינקל־קלעצער. דאָס ווינטל האָט זיך אָפּגעטראָגן. דער פּלויט האָט ווײַטער געדרימלט אָנגעלענט אויף די צעפֿוילטע קלעצער... אַ ביסל שפּעטער האָבן אַ כאַפּטע ווינטן פּלוצים זיך אָפּגעריסן ווי הינט פֿון דער קייט און אָנגעלאָפֿן מיט אַ ווילדן געוואַי. דער פּלויט האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך איבערגעקערט. אַ פֿענצטער איז אויסגעריסן געוואָרן און אַראָפּגעפֿאַלן מיט אַ געבראַזג פֿון צעבראָכן גלאָז. אַ לאָדן האָט אויפֿגעפּראַלט און האַסטיק געשלאָגן זיך אין דער וואַנט. אַ דאַך האָט אַ קרעכץ געטאָן, אַ הייב געטאָן אין דער לופֿטן און אַנטבלויזט דעם בוידעם. אַ יורעק האָט פֿאַרשטאָפּט די לעכער וואו דער ווינט האָט אויסגעריסן שינדלען אין דאַך. ער איז צוגעקומען צו חנהלען: ׳האָב נישט קיין מורא, חנהלע, אונדזער דאַך איז שטאַרק׳. ער האָט אַראָפּגעצויגן פֿון זיך זײַן קורטקע און צוגעדעקט חנהלען. איר קאָפּ, גליט, די אויגן גליִען און די פֿיס קאַלט ווי אײַז. חנהלע איז קראַנק״.

עלבערגס אופן פון דערציילן, זײַן סטיל, איז זײַער בילדלעך און קלאָר, דינאַמיש און אינטערעסאַנט. דאָס העלפט אַ סך אָנצוהאַלטן די געשפּאַנטקייט בײַם לייענער נישט פאַרמינערנדיק דערבײַ קיין האָרעלע פון דער טויטלעכער ערנסטקייט און הייליקן ציטער וואָס שוועבט איבער די בלעטלעך פון בוך. אָט די נייטיקע שטימונג גיט זיך עלבערגן אײַן צו שאַפן דורך זײַן קינסטלערישער נייגונג צוריק־צוגיין פון צײַט צו צײַט אין דער פאַנטאַזיע פון זײַנע העלדן צו זײַער פריערדיקן מענטשלעכן לעבן. ווי גאָלדע אַליין באַמערקט טאַקע ווען זי געפינט אַ פאַר־בלאָטיקט פּיצל שפּיגעלע. זי לייגט עס אַרײַן אין איר בעטלער־זאַק, ווי עס וואָלט געווען אַן אבן־טוב און ווען זי קומט צו איר פינצטערער נאָרע, צו איר באַהעלטעניש אין וואַלד, דאַרף זי שוין נישט דאָס פאַרבלאָטיקט שפּיגעלע. מיט פאַרמאַכטע אויגן אין דער פינצטער קען זי זיך בעסער זען אין איר דמיון, זיך און איר מאַן שיִען מיט די קינדער, אַמאָל אַמאָל... ווען... עס גיט איר כוח אויסצוהאַלטן, איבער־צולעבן...

אויף אַזאַ אופן קען אויך דער שרײַבער קינסטלעריש אָפּעררין מיט די ליכט־און שאָטן־זײַטן, מיט די פינצטערע און העלערע מאָמענטן און דאָך זיך האַלטן נאָענט צום קינסטלערישן אמת. דאָס שאַפט אַ מעגלעכקייט סײַ פאַר די העלדן פון בוך און סײַ פאַר די לייענערס אַרויסצוקריכן פון דער טעמאַטישער פינצטערניש און אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון אָט די מוראדיקע פּאַסירונגען וואָס ער שילדערט.

און די פּאַסירונגען שילדערט יהודה עלבערג מיט אַזוי פיל האַרץ, פאַרשטאַנד און טאַלאַנט; אַזוי אַנאַליטיש צעגלידערט, מיט אַזוי פיל נייטיקע איינצלהייטן. דאָך פילט מען נישט די שווערע מאַסע פון דעם באַרג דעטאַלן. דאָס איז אפשר דערפאַר, וואָס ער קען אַזוי מײַסטערהאַפט סומירן אין אַ קורץ סינטעטיש בילד דאָס וואָס ער האָט שוין פריער דערציילט מיט אַלע איינצלהײַטן. צום בײַשפּיל, בײַם סוף פון ערשטן טייל סומירט ער דאָס גאַנצע אין אַ קורצן דיאַלאָג, כמעט אָן ווערטער, ווי בלויז אויפן וואונק, צווישן יאָסעלען, בעת ער כאַפּט אַ דרימל, און זײַן אומגעקומענעם זיידן, וואָס קומט אים צו חלום:

— יאָסעלע?

— איך בין יורעק קאָוואַלסקי!

— יאָסל!

— ש... ש... אוי זיידעשי, דאָס ביסטו?

— וואו איז חנהלע?

— צוערשט האָט עס געטראָפן דעם טאַטעשי...

— וואו איז דער טאַטעשי?

— אין טרעבלינקע פאַרגאַזט.

— נענאַ?

— צוזאַמען מיטן טאַטעשי... זיי האָבן...

— די מאַמעשי ?
— געבליבן אין געטאָ.
— חנהלע ?
— חנהלע איז אַרויס. כ׳האָב זי אַרויסגעשמוגלט פון געטאָ.
— וואו איז זי ?
— ס׳איז אַ לאַנגע געשיכטע צו דערציילן. און דער זיידעשי ?
— פאַרגאַזט אין טרעבלינקע.
— און דער פעטער מאיר ?
— דערשאָסן אין גאַס.
— מינדעלע ?
— דערשאָסן ביַי דער אַרבעט אין קינדער־שפּיטאַל.
— און חנהלע, געשטאָרבן אין בעט פון אַ קרענק ? געלויבט דער אויבערשטער !
דאָס איז דער טרויעריקער סך־הכל פון דער גאַנצער משפּחה !

יאַסעלע האָט דאָ נעבעך געהאַט אַ טעות. ער האָט געמיינט אַז זײַן מאַמע איז געבליבן אין געטאָ און דאָרט מסתמא אומגעקומען. ניין, זי האָט גאָר ״פאַר־בלאָנדזשעט״ קיין טרעבלינקע. בלויז דורך איבערמענטשלעכע כוחות האָט זי זיך פון דאָרט אַרויסגעראַטעוועט — ווי עלבערג שילדערט אַזוי נשמהדיק און מײַסטער־האַפט מיט אַלע איינצלהײַטן — און אַרומגעבלאָנקעט אין די וועלדער און דערפער ווי אַ משוגענע גויע. ״צו וואָס לעבט עס אויף דער וועלט ?״ — הערט זי גוייִם פרעגן. נאָר זי ווייסט צו וואָס: איבערצולעבן די נאַצישע בעסטיע און צו געפינען דורך אַ נס פון הימל, אירע דרײַ קינדער און מאַן !

גאָלדע, יאַסעלעס מאַמע, פונקט ווי יאַסעלע, איז קלוג, פאַלקסטימלעך, מיט אַ שטאַרק־אינסטינקטיוון געפיל זיך צו ראַטעווען, **איבערצולעבן**. מיט אָט דעם שטאַרקן ווילן שטעקט זי אָן און שלעפּט מיט אויך אַנדערע. ווען זי איז אַנטלאָפן פון טרעבלינקע האָט זי אויך מיטגעשלעפּט, בפירוש מיטגעשלעפּט נאָך אַ פרוי, וואָס איז שוין געווען אין גאַנצן רעזיגנירט צו איר גורל און פשוט נישט געהאַט קיין כוח צו אַנטלויפן. האָט גאָלדע זי געמונטערט און מיטגעשלעפּט. ביידע זײַנען געלאָפן מיט אַ ווילדן אימפּעט, נישט ווויסנדיק אפילו וואוהין און צו וועמען.

און שפּעטער, אין יענע פינצטערע און קאַלטע טעג און נעכט פון לויפן און זיך אויסבאַהאַלטן פון דײַטשישן און פוילישן שונא, ווען הערצקע, אויך אַ געיאָגטער ייִד, האָט איר געפונען אין וואַלד אַ פאַרחלשטע, אַ געפרוירענע, אַזוי ווי אַ ווילדע חיה און האָט זי מיט אַלע זײַנע כוחות געגומען העלפן, צוריקברענגען צום לעבן, האָט ער דאָס אויך געטאָן מיטן זעלבן גייסט און ווילן **איבערצולעבן**.

אַזעלכע האַרציקע שילדערונגען דערהייבן דעם לייענער. אַזעלכע שילדערונגען לאָזן אונדז וויסן אַז דער מענטש איז נישט קיין חיה, אַז די דײַטשן האָבן פאָרט נישט געקענט פאַרוואַנדלען די ייִדן אין אַ סטאַדע חיות. אַ שטאַרקער מיטגעפיל

און איבערגעגעבנקייט פון איינעם צום אַנדערן האָבן באַהערשט די דערדריקטע און פאַרפייניקטע, די געיאָגטע און פאַרשטעלטע.

מיט אַ באַזונדערער פאַרזיכטיקייט און איידלקייט ווערט אָט די איבערגעגעבנ־קייט געשילדערט אין יענע טיילן פון בוך, וואָס דערציילן וועגן יאָסעלע שפּעטער־דיקן לעבן אויף דער אַרישער זײַט צוריק אין וואַרשע, צווישן אַ גרופּע ייִדישע קינדער פאַרשטעלט ווי שקצים און שיקסעס, גאַסן־קינדער, שמוגלערס, וואָס האָבן אויסצושטיין אַלערלײַ צרות פון די אמתע גוייִשע קינדער, וואָס פאַרדעכטיקן זיי אַז זיי זײַנען "זשידעס". געשלעגן און מסירות, פּלאַנירטע איבערפאַלן און געמיינ־שאַפטלעכע אַקציעס פון די ייִדישע קינדער צו העלפן איינס דאָס אַנדערע וועקן און האַלטן אויף די האָפענונג איבערצולעבן. נאָר אַ שווידער גייט דורך פון יענע שילדערונגען אין שייכות מיטן וואַרשעווער פּוילישן אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944, ווען די רוסן האָבן שוין געהאַט פאַרנומען לובלין. ייִדן וואָס האָבן געלעבט אויף דער אַרישער זײַט האָבן זיך שטאַרק אַנגעזען אין דעם אויפשטאַנד, געוועזענע אָפיצערן, דאָקטוירים און אויך יאָסל־יורעק צווישן זיי. זיי האָבן פאַרנומען די געפערלעכסטע פּאָזיציעס אין דעם אונטערערדישן קאַמף, אין דעם לאַבירינט פון פינצטערע קעלערס און קאָרידאָרן. גייט דאָן אַרום דער וויצע־קאָמענדאַנט ווילק, אַ ווילדער אַנטיסעמיט, מיטן רעוואָלווער אין זײַן האַנט, און ווי ער דערזעט אַ ייִדיש פּנים שיסט ער אויפן אָרט. צו יורעקן זאָגט ער אַזוי, מעשה העלד:

"זיי קריכן אַרויס פון די לעכער ווי די מײַז, מען ווייסט שוין אַז די קאָמוניסטישע רעגירונג אין לובלין איז פול מיט זיי. אַז וועסט עלטער ווערן וועסטו פאַרשטיין: זיי זײַנען שונאים, די זשידעס, אַלע זשידעס".

און יאָסל־יורעק האָט געמוזט שווײַגן.

אין אָט דעם שווערן געראַנגל האָט יאָסעלעס כאַראַקטער זיך אויספּאַרמירט. כדי זיך צו דערהאַלטן בײַם לעבן האָט ער געמוזט ריזיקירן און שמוגלען מיט עסנוואַרג, גרינסן, אַ שטיקל פּוטער, קעז און טייל מאָל אויך אייגן געבאַקן ברויט, וואָס ער פלעגט ברענגען פון דאָרף און פאַרקויפן אויפן שוואַרצן מאַרק.

שפּעטער, נאָך דער באַפרײַאונג ווערט ער איינער פון די גאָר גרויסע שמוגלערס אין שטעטין, אין פּראַג, אין בערלין. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס ער קאָן טאָן, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט.

דער פאַקט, וואָס ער ריזיקירט, ער ברעכט דאָס געזעץ און גראָבט אונטער די דײַטשישע עקאָנאָמיק, וואָס מען האָט געוואָלט נאָרמאַליזירן, האָט אים ווייניק וואָס געקענט אינטערעסירן. וואָס אים האָט אינטערעסירט און באַפרידיקט איז געווען צו מאַכן אַ סך געלט, זיך צו קליידן און לעבן ווי אַ פּראַנט, זיך צו פאַר־פּלאָנטערן אין ליבעס, יונג ווי ער איז געווען, מיט דײַטשקעס און אַנדערע מיידלעך. די פאַסטקעס פון שווינדל און פּראָסטיטוציע האָבן געלויערט אויף אַזעלכע געלי־טענע און אויסגעהונגערטע קינדער. ער איז בלויז 16־17 יאָר אַלט און וויל אַלץ

אַרייַנכאַפּן, מיט אַלץ זיך אָנזעטיקן. און ווי זאָגט סאַלטשע — אַ מיידל מיט צען יאָר עלטער פון אים — אויך אַ שמוגלערין און מיט וועמען ער האָט געוואָלט חתונה האָבן:

"ניין יורעק, מיר זייַנען נישט קיין גלייַכע פּאָר. דו ביזט נאָך צו גוט און איך בין נאָך נישט גענוג שלעכט דיך צו פאַרפירן".

יאָסעלע איז נאָך צו גוט!

מיר זעען ווי יאָסעלע־יורעק גייט דורך אַ פּסיכאָלאָגישן קריזיס, נאָר זייַענדיק אַ "צוואַניאַק" מיט אַ גוט קעפּל אויף זיך, מיט אַ סך באַהאַלטענער פייַנקייט און איידלקייט, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך נאָך פון קינדהייט אָן אין דער היים בייַ טאַטע־מאַמע, קריכט ער סוף כל סוף אַרויס פון די טראַגישע שטרויכלונגען און פאַסטקעס — אַ געלייטערטער יידישער בחורל.

אַן עלטערער חבר זייַנער, נאָך פון דער אַרישער זייַט אין וואַרשע, וועמען ער האָט ליב געהאַט און שטאַרק פאַרהערלעכט, וויצעק־זאב, וועמען ער האָט אַרומגעזוכט און צופעליק געטראָפן, פירט אים צונויף מיט דער אונטערערדישער "בריחה"־באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט ראַטעווען יידישע קינדער פון גוייִשע היימען און נאָך דעם זיי אַריבערפירן קיין פּאַלעסטינע. מיט לייב און לעבן וואַרפט ער זיך ענדלעך אַרייַן אין אָט דער רעטונג־אַרבעט. פון יאָסעלע־יורעק ווערט איצט יאָסעלע־יורעק־יוסף. זייַן גאַנץ פאַרמעגן וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט פון שמוגלען, גיט ער אַוועק פאַר אָט דער אַרבעט. צו קענען העלפן ווערט ער אַן אויסגעשולטער סאַניטאַר פאַר די קראַנקע און שוואַכע. איין מאָל אויף דער באַן אויפן וועג צו אַ האַפן אין פראַנקרייַך, וואוהין ער האָט געפירט אַ טראַנספּאָרט געראַטעוועטע קינדער און אַנדערע היימלאָזע, האָט ער געהערט בייַנאַכט אַ געוויין פון אַ קינד. ווי אַ סאַניטאַר איז ער געגאַנגען העלפן.

און דאָ טרעפט ווידער דאָס אומדערוואַרטעטע. די מוטער פון דעם פּיצל קינד איז — גאָלדע, זייַן מאַמע! ניין, זיי האָבן זיך נישט דערקענט אַזוי לייַכט. און דער ייִד וואָס זיצט מיט איר — זייַן נייַער טאַטע!

ווי שוין באַמערקט פריער, אין צייַטן פון שוידערלעכן חורבן פאַרשווינדט דאָס נאָרמאַלע, דאָס לאָגישע און אַלע געשעענישן ווערן רייַנער צופאַל. דאָס גאַנצע לעבן ווערט צופאַל! "טויטע" ווערן לעבעדיק. אָט איז זייַן שוועסטערל חנהלע געשטאָרבן און ער אַליין האָט זי געמוזט מקבר זייַן. און אָט האָט זייַן "פאַרברענטע" מאַמע אים געבראַכט אַ נייַ חנהלע. און פון זייַן פאַרברענטן טאַטן שיע העשל איז איצט געוואָרן אַ שטיף־טאַטע, וואָס הייסט הערצקע קצב.

ניין, ס'איז נישט קיין מעלאָדראַמע. ס'איז די טראַגעדיע פון לעבן. די דרייַ קאַפּיטלעך פון בוך, "שיע", "הערצקע" און "פרילינג מיט הערצקען", וואו עס

ווערט געשילדערט גאַלדעס לעבן פאַרן חורבן, איר העלדישקייט, איר טראַגעדיע און איר צניעות, זײַנען פּערל אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

די אומלעגאַלע ייִדישע שיף, וואָס האָט געפירט פינף טויזנט היימלאָזע און געראַטעוועטע קינדער, האָט זיך ענדלעך דערנענטערט צו די האָפנונגספולע ברעגן פון ארץ־ישראל. אַ קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן פון די ענגלישע קריגס־שיפן קעגן דער ״אומלעגאַלער״ ייִדישער שיף. מען האָט אָנגעהויבן אַרויפצוציען די ייִדישע פאָן. די שטריק האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט און די פאָן איז געבליבן אין דער מיט. יאָסעלע־יורעק־יוסף, דער צוואָניאַק, דער כוואַט, דער יונגינקער העלד איז אַרויפ־געקראָכן אויפן מאַסט אויפצופּלאָנטערן די שטריק און אַרויפציען די ייִדישע פאָן צום סאַמע שפּיץ פון מאַסט. אַ קויל פון דער ענגלישער שיף האָט אים געטראָפן און ער איז געפאַלן אַ טויטער.

*

אַט די אַלע נײַע סיטואַציעס און פּראָבלעמען צו שילדערן קינסטלעריש און רעאַליסטיש איז אָן ספק אַ גרויסער אויפטו. די געפאַרן פון קלישע, פון אַריינפאַלן אין באַקאַנטן נוסח, זײַנען שווער אויסצומײַדן ווען צופאַלן און אומדערוואַרטעטע איבעראַשונגען כוואַליען זיך איינס אויפן אַנדערן, ווי עס איז מיט אַזאַ טעמאַטיק פונעם ראָמאַן. פון דעם ווערט אויך קלאָר פאַר וואָס קענער פון ליטעראַטור האַלטן אַז די מערסטע פּראָזע־ווערק פון אונדזער חורבן־ליטעראַטור זײַנען אַ ליטעראַרישער און היסטאָרישער דורכפאַל. אליעזר וויזעל, אין זײַן אינטערעסאַנטן אַרײַנפיר צו יהודה עלבערגס בוך, ווײַזט טאַקע אָן אויף דעם, מאַכנדיק אָן אויסנאַם, נאַטירלעך, פאַרן בוך ״אויפן שפּיץ פון מאַסט״. אָן אויסנאַם זײַנען אויך די פּאָעטישע ווערק, וואו ס'איז לײַכטער אָנצוהאַלטן די גרענעץ־ליניע צווישן עכטער און כלומרשטער קונסט. וואָרעם פּאָעזיע סינטעזירט בעת פּראָזע אַנאַליזירט. צעגלידערן כאַראַקטער־סיטואַציעס איז אַ סך שווערער.

דער קינסטלעריש־קריטישער מאָמענט אין ״אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט״ באַווײַזט זיך טאַקע דאָרט ווען עס דאַרף זיך אָנהייבן די צעגלידערונג און שילדערונג פון כאַראַקטער־איבערברוך ערשטנס בײַ יוסף און צווייטנס בײַ דער מאַמען, ווען די צוויי באַגעגענען זיך אַזוי פּלוצלונג, אַזוי אומדערוואַרטעט מיט אַ ״נײַער״ חנהלע און אַ ״נײַעם״ טאַטן. אַזעלכע אומדערוואַרטעטע פּסיכאָלאָגישע סיטואַציעס פאָדערן גרויס טאַלאַנט און מײַסטערשאַפט צו שילדערן אַזוי, אַז עס זאָל נישט אַריבער אין מעלאָדראַמע.

אמת, אין דער לאָגישער אַנטוויקלונג פון דעם ראָמאַן זײַנען די נײַע סיטו־אַציעס נישט קיין צופעליקע נאָר נאַטירלעכע רעזולטאַטן פון די קאָנקרעטע באַדינגונגען — דער אומגלייבלעכער חורבן. פאַרן העלד, פאַר יאָסל־יורעק־יוסף, זײַנען זיי אין גאַנצן אומדערוואַרט. עס דאַרף נאַטירלעכערווײַז אים זײַן שווער

שלום צו מאַכן ביַי זיך אין האַרצן מיט דער ניַיער ווירקלעכקייט און אַוודאי. דאַרף דאָס זיַין שווער אויך פאַר גאָלדען, זיַין מאַמע. ס׳איז פאַר ביידן אַ שטאַרק־טראַומאַטישע איבערלעבונג, וואָס ווערט זייער און זייער דעליקאַט און מיט טיפער פאַרשטענדעניש געשילדערט אין עטלעכע קאַפּיטלעך. וואָרעם עס האָט דאָך קיינעם נישט געקענט איינפאַלן אַזאַ פּלוצימדיקע, ניסימדיקע באַגעגעניש. יוסף דער סאַני־טאַר, קומט אויסצוגעפינען פאַרוואָס דאָס קינד וויינט. וואָס איז דאָ דען דער וואונדער, דאָס קינד איז שוין די צווייטע נאַכט אין וועג. — איך האָב צוקערלעך, זאָל איך איר געבן אַ צוקערל? ווי הייסט דאָס מיידעלע? — ״חנהלע״, ענטפערט די פרוי. — חנהלע, קום צו מיר, די מאַמעשי איז מיד.

״יוסף איז אַזוי געזעסן, געריעדט צום קינד און צו זיך און איינגע־שלעפערט דאָס קינד. ס׳האָט שוין געגרויט אין וואַגאָן־פענצטער ווען דער מאַן אויפן באַנק האָט זיך אויפגעוועקט און גענומען דאָס קינד. ״אַ שיינעם דאַנק. איך בין הערצקע קאַמינסקי. ס׳איז מיַין קינד״. — ״איך בין אַ סאַניטאַר אין דעם טראַנספּאָרט. אויב איר וועט עפּעס דאַרפן פאַרן קינד — איך הייס יוסף״.

נו, ס׳האָט נאָך גענומען אַ שטיק ציַיט ביז דער אמת איז דאָ אַרויסגעקומען ווי בוימל אויפן וואַסער, ביז גאָלדעס מויל האָט זיך אויפגעריסן און קיין קול איז נישט אַרויס. זי האָט אַ זינק־געטאָן צו דער ערד.

״גאָלדע איז געלעגן אויף אַ טראַגבעטל. אַלע אירע ווייטיקן האָבן זיך אויפגעוועקט. עס האָט געוויייטיקט אין קאָפּ. דער מוח האָט געשפּאַרט צום פּלאַצן ווען ער האָט גענומען אַדורכשיסן פראַגעס ווי איַיז־קאַלטע פיַילן... זי האָט נישט געעפנט די אויגן. אַז זי וועט עפענען די אויגן וועט זי דאַרפן ריידן צו יאָסעלען, און זי ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. זי מוז אים אַלץ דערציילן, אַז ער זאָל זי פאַרשטיין... טאַטע זיסער אין הימל, גיב מיר אויך דעם זכות ער זאָל מיך פאַרשטיין און משפטן מיט חסד. אַ׳נישט איז דיַין ברכה קיין ברכה נישט״.

גאָלדע האָט מער נישט געקענט שלאָפן. צו די קאַשמאַרן אין שלאָף איז זי שוין געוווינט געווען, אָבער די קאַשמאַרן מיט אָפענע אויגן! מיר פילן דאָ מיט דער פולער שאַרפקייט גאָלדעס נערוועזע אומרואיקייט, איר טרויער און פרייד. און געטריי צו איר כאַראַקטער, צו איר שטאַרקן ווילן איבערצולעבן שרייַט זי אויס יאָ, זי וועט זיך פרייען.

אויך יאָסעלע וואָלט געדאַרפט טאַנצן און שפּרינגען פאַר פרייד. אָבער איַינזיצן אויף אַן אָרט קען ער נישט. ער לויפט און שמיַיעט מער פון אַנדערע. באַשטראָפט ער זיך וואָס זיין חנהלע איז דאָ נישטאָ. אָדער איז ער זיך נוקם וואָס די ניַיע חנהלע

איז יאָ דאָ? אַז ער גייט שוין יאָ אַריַין צו זיַין מאַמעליו, פאַרוואָס זאָגט ער נישט עפּעס וואָס זאָל איר פאַרשאַפן הנאה? די מאַמעליו זאָגט גאָר מע דאַרף פון אים שלעפן אַ וואָרט ווי מיט צוואַנגען. פון נערוועזיטעט און פרייד מוטשען זיי זיך ביידע באַזונדער און צוזאַמען.

"פאַרוואָס מאַטערסטו מיך, מאַמעליו? ס'אַ נס, טויזנט ניסים. פאַרוואָס פאַרגינסטו זיך נישט ס'לעבן?

— געפרעסן מיסט, צעפרעסן געוואָרן פון ליַיז — דאָס איז אַ נס? אַ חזיר פרעסט אויך מיסט, איז דאָס לעבן פון אַ חזיר אַ נס?

מאַמעליו, איך ווייס, עס איז ליַיכטער אונטערגעבן זיך דעם טויט ווי קוקן אים גליַיך אין פּנים אַריין און זיך קעגנשטעלן".

אַזוי שילדערט יהודה עלבערג דעם פּסיכאָלאָגישן גערוּאַנגל צווישן מוטער און זון צו געפינען באַרעכטיקונג פאַרן ניַיעם "טאַטן" הערצקע קצב און דאָס ניַיע "חנהלע", זיַין שוועסטערל. ס'איז אַ שווערער געראַנגל און מען דאַרף עס קענען פאַרשטיין. ווייל דער שריַיבער אַליין פאַרשטייט עס אַזוי טיף קען דער לייענער דאָס נאָכפאָלגן מיט אַ געשפּאַנטן אינטערעס.

דער הויפּט־מאָטיוו פונעם ראָמאַן איז אַ פּסיכאָלאָגישער, שילדערן הויפּטזעכלעך כאַראַקטער אין דעם דראַנג איבערצולעבן דעם נאַציישן שונא. אָט דער מאָטיוו דערגרייכט זיַין הויכפּונקט אין דער צאַרטער שילדערונג פון דער באַגעגעניש צווישן די צוויי פון דער העשל־משפּחה, וואָס האָבן יאָ איבערגעלעבט דעם שונא.

"אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" איז איינס פון די בעסטע ביכער פון דער קינסטלערישער חורבן־ליטעראַטור.

צעוואָרפֿענע זאַנגען

דערציילונגען

שולא־פּובליקאַציעס — מאָנטרעאָל, 1976

יצחק יאַנאַסאָוויטש

נישט בלויז געטאָ-טעמאַטיק

א

פון די ניַין גרעסערע און קלענערע דערציילונגען וואָס גייען אַריַין אין יהודה עלבערגס נײַעם בוך **צעוואָרפֿענע זאַנגען**, זיַינען פֿינף געהייליקט דער געטאָ־טעמאַטיק און דער חורבן־פּראָבלעמאַטיק, צוויי זיַינען פֿון פֿאַרמלחמהדיקן לעבנס־שטייגער אין פּוילן, און צוויי — פֿון זשאַנער־קוק־פּונקט — שווערלעך צו כאַראַקטעריזירן — מחמת זיי זיַינען צו קורץ צו זיַין ראָמאַנען, אָבער זיי כאַפּן אַרום אַזאַ גרויסן שטח פֿון מענטשלעכן לעבן, אַז ס'איז אַ ספק צי מען קען זיי אָנרופֿן נאָוועלן.

דאָס בוך איז אין אַ באַשטימטן זינען אַן איבערראַשונג פֿאַר די וואָס קענען עלבערגן פֿון זיַינע פֿריִערדיקע צוויי ביכער, ווי דעם דערציילער פֿון געטאָגרויל און אַלץ וואָס איז דערמיט פֿאַרבונדן, אָבער זיי זיַינען אים ניט חושד געווען אַז ער קען שריַיבעריש באַוועלטיקן אַזוי פֿיל פֿאַרשיידענע לעבנס־שטחים, ווי ער טוט דאָס מיט גרויס קענטשאַפֿט אין די דאָזיקע ניַין דערציילונגען.

דער אמת איז אַז אין די פֿינף געטאָ־דערציילונגען וואָס גייען אַריַין אין דעם נײַעם בוך האָט עלבערג ניט איבערגעשטיגן דעם קינסטלערישן ניוואָ וואָס ער האָט דערגרייכט אין זיַינע פֿריִערדיקע ווערק, אָבער דער חידוש איז וואָס אָט די דער־ציילונגען ברענגען אַרויס די פֿילגעשטאַלטיקייט פֿון דער טעמע און דעם שריַיבערס פֿעיִקייט אויפֿצוטרייסלען מיט אַ באַזונדערן כוח. מען קען זאָגן, אַז דער שריַיבער באַוויַיזט ניט נאָר צו מאָלן דאָס טרויעריק־שוואַרצע לעבן פֿון געטאָ, וואָס צאַפּלט אין די איַיזערנע קלעמען פֿון אַ פּלאַנירטן טויט, נאָר אויך די פֿילקאָליריקייט און פֿילגעשטאַלטיקייט פֿון דעם דאָזיקן צאַפּל און גרויל. אַז מען לייענט אַזאַ דערציילונג ווי "אַן עפּל מיט האָניק", אָדער די גרעסערע דערציילונג "מישפּט מיד", זעט מען בפֿירוש אַז ס'איז לגמרי ניט פּאַראַדאָקסאַל צו רעדן וועגן פֿילקאָליריקייט און פֿילגעשטאַלטיקייט פֿון געטאָ־לעבן און געטאָ־טויט; מיר האָבן דאָ אַלע קאָלירן

פֿון בוך "פּנימער און נעמען", באַנד צוויי, י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, 1985.

און ניואַנסן פון דעם שוואַרץ־פינצטערן גאַנג צום טויט און אַפילו די נסיונות פון די וואָס האָבן אויסגעמיטן דעם טויט.

ניט אַן פאַרוואונדערונג לייענען מיר אַזאַ דערציילונג ווי "אַז מען האָט נישט קיין מזל...", אָדער "אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש". ניט נאָר וואָס עלבערג גייט דאָ לחלוטין אַוועק פון דער געטאָ־טעמע, נאָר ער שטייט פאַר אונדז ווי אַ מאָלער פון אַמעריקאַנער לעבן, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ גאָר אַנדערן שטייגער, מיט גאָר אַנדערע סאָציאַלע, מאָראַלישע און פסיכישע פּראָבלעמען. מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ שרײַבער מיט זייער ברייטע מעגלעכקייטן און הגם ביז איצט האָט ער באַוויזן אַז כוחו־וגבורתו איז די געטאָ־טעמאַטיק, דאַרף מען זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק אַז ער איז מסוגל צו באַהערשן יעדע טעמע וואָס איז נוגע דעם בן־אדם און זײַן לעבן אויף דער דאַזיקער ערד.

ב

די דערציילונג "בער־לעפּ" האָט נאָך עלבערג אָנגעשריבן פאַר דער מלחמה און אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז זי אַרײַן אין זײַן בוך אונטער קופּערנע הימלען. מיר איז איצט שווער פעסטצושטעלן צי דער מחבר האָט די דערציילונג איבערגעאַרבעט פאַרן נײַעם בוך, צי ער האָט זי געלאָזן ווי זי איז געווען. בכל־אופן מוז מען זאָגן אַז די דערציילונג מאַכט נאָך הײַנט אַ שטאַרקן רושם און אפשר נאָך אַ שטאַרקערן ווי דעמאָלט ווען זי איז אָנגעשריבן געוואָרן. וואָרעם בעת עלבערג האָט געשריבן זײַן דערציילונג, איז בער־לעפּ נאָך געווען אַ רעאַלע געשטאַלט און מען האָט געקענט טראַכטן אַז אין זײַן יוצא־דופנדיקייט איז שולדיק דעם שרײַבערס נייגונג צו נאַטוראַליזם, וואָס איז דעמאָלט (אַ דאַנק י. מ. ווײַסענבערג און א. מ. פוקס) געווען זייער אין דער מאָדע אויף דער יידיש־ליטעראַרישער גאַס. הײַנט צו טאָג פאַרשטייען מיר אַז בער־לעפּס יוצא־דופנדיקייט באַטאָנט ערשט רעכט דאָס כאַראַקטעריסטישע און סטאַבילע אין דעם דאָזיקן אומגעבראַכטן לעבן, וואו אַפילו דער עם־הארצישער בעל־עגלה־יונג איז געווען פאַרוואָרצלט אין אַ לעבנס־סדר, וואָס האָט געהאַט אַ פעסטע מאָראַל. ס'איז כאַראַקטעריסטיש וואָס עלבערג מאָלט אַ מין אונטערמענטש וואָס קען רעכט קיין גלײַך וואָרט ניט אַרויסרעדן, אָבער דווקא אַט דער אונטערמענטש פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל ריִרנדיקע צאַרטקייט און ליבשאַפט, אַזוי פיל דרך־ארץ צו זײַן שוואַך ווײַב, וואָס איז אַ סך עלטער פון אים, און אַזוי פיל בענקשאַפט צו אַן אייגן קינד — אַ בענקשאַפט וואָס גייט אַריבער אין אַ ליבשאַפט צו אַ לאַשיקל וועמען ער הייסט אַפּשפּרעכן אַן עין־הרע ווען עס ווערט קראַנק און נאָך וועלכן ער זאָגט קדיש אין שול, ווען עס ווערט דערטרונקען.

"בער־לעפּ" איז אַ קרעפטיקע דערציילונג. דער מחבר האָט גוט געקענט דעם לפני־ולפנים פון זײַן העלד און דעם פּאַן וואָס ער האָט געמאָלן אין געדיכטע

פאַרבן. אָבער אויך, ווען ס׳איז נייטיק געווען, מיט דינע און הומאָריסטישע ליניעס.

אַ פּערל צווישן די דערציילונגען איז "דבורהלעס תפילה". ער שילדערט אַ ייִדיש פּאָרפאָלק אין אַ קליין שטעטל, וואָס האָבן זיך זייער ליב, אָבער זיי האָבן ניט קיין קינדער. ס׳איז געווען אָנגענומען ביי ייִדן אַז אַזאַ פּאָרפאָלק דאַרף זיך גטן, כדי דער מאַן זאָל חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער און ברענגען קינדער אויף דער וועלט. אָבער אונדזער פּאָרפאָלק וויל זיך ניט גטן, ווייל עס בינדט זיי אַ שטילע, איידעלע ליבע. כאָטש דאָס וואָרט "ליבע" ווערט ניט געבראַכט איבער זייערע ליפּן. דער איידעלער ייִד טוט אַלץ וואָס אַזאַ ייִד קאָן טאָן כדי זיין ווייב זאָל געהאָלפן ווערן, און צווישן אַנדערן, קויפט ער, ווי אַ סגולה, מפטיר יונה אום יום־כיפּור. דאָ מישט זיך אָבער אַריין אַ צווייטער ייִד, אַ גראָבער־יונג, אַ קל, וואָס עס גייט אים גוט, און ער דינגט אויס ביי דעם איידעלן ייִד דעם מפטיר יונה. סוף־כל־סוף שענקט ער אָבער דעם מפטיר אָוועק דעם רב און דער רב שענקט אים ווייטער דעם ייִד וואָס האָט ניט קיין קינדער. דאָס מזל־רעדל דרייט זיך ווייטער און דער איידעלער ייִד ווערט אָרעמער, בעת דער גראָבער־יונג ווערט רייכער. ער איז טאַקע ניט קיין גרויסער צדיק, אָבער מורא פאַר גאָט האָט ער פאָרט; קומט ער צום רב אים פרעגן דורך וואָס פאַר אַ מיצווה ער קאָן אויסקויפן די זינד זיינע. דער רב הייסט אים אַרויסהעלפן דעם געפאַלענעם איידעלן ייִד, און אויף אַזאַ אופן קומט ער טאַקע צוריק צו זיין פריערדיקן מעמד. אָבער קיין קינדער האָט ער נאָך אַלץ ניט. די דערציילונג פאַרענדיקט זיך מיט דער תפילה וואָס דבורהלע האָט אַליין פאַרפאַסט, אין וועלכער זי בעט גאָט אַז דער מאַן אירער זאָל זי איבערלעבן און נאָך האָבן קינדער פון אַ צווייטער פרוי, וואָס ער וועט מיט איר חתונה האָבן נאָך איר, דבורהלעס, טויט.

דער סיפּור־המעשה אַליין איז אָבער ניט דער עיקר. יהודה עלבערג האָט די געשטאַלטן געמאָלן מיט כוח און מיט אַ דינעם חוש פאַר דער פּסיכיק און דעם לעבנס־באַנעם פון די העלדן, אויף אַ פאַן וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט ספּעציפישן לעבנס־שטייגער און אַצילותדיקער מאָראַל.

ג

פון די פינף געטאָ־דערציילונגען וועלן מיר זיך דער עיקר אָפּשטעלן אויף "מישפּט מיך". די פינף דערציילונגען זיינען פינף טראָפּנס פון דעם גרויסן פיין־ים וואָס האָט מבולדיק פאַרשווענקט דאָס ייִדישע לעבן אין פוילן, אָבער כאָטש די טראָפּנס, ווי מען זאָגט, שפּיגלען אָפּ דעם ים, זיינען זיי גאָר ניט ענלעך צו זיך ווי איין טראָפּן צו דעם צווייטן. יעדע דערציילונג איז שייך צו אַן אַנדער סביבה און די פיין ווערט אין איר אויסגעדריקט דורך אַן אַנדער קאָנפליקט.

אין דער דערציילונג "אַן עפּל מיט האָניק" חלומט דער טאַטע צו קויפן אַן עפּל פאַר זיין זון. ער שפּאָרט אָפּ פון זיין ברויטראַציע, הונגערט, אָבער ווען ער

קויפט שוין דעם עפּל און גרייט זיך אים צו געבן דעם זון — האַלט ער ניט אויס דעם נסיון און עסט אים אַליין אויף. דראַמאַטיש ביז גאָר איז דער סוף פון דער דערציילונג, ווען דאָס ווייַב בעט זיך איבער מיטן מאַן, ווייַל זי פאַרשטייט דעם גרויסן נסיון וואָס ער איז דורכגעגאַנגען.

טיפע טראַגיק און מענטשלעכע איידלקייט איז פאַראַן אין אַלע דערציילונגען, אָבער די שטאַרקסטע פון זיי איז "מישפט מיך". עס ווערט דערציילט וועגן צוויי מענטשן, אַ מאַן און אַ ווייַב, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם גרויל — דער מאַן אין רוסלאַנד און דאָס ווייַב געראַטעוועט דורך אַ גוי, וואָס האָט געפאָדערט אַז זי זאָל אים דערפאַר באַצאָלן מיט איר יונג לייַב. ווען מאַן און ווייַב טרעפן זיך נאָך דער מלחמה, וויל זי ניט באַנייַען זייער צוזאַמענלעבן, איידער זי דערציילט אים ניט אַלץ וואָס ס'איז מיט איר געשען. דער מאַן הערט און פאַרשטייט, אָבער ער ווערט צעפרעסן פון אייפערזוכט. ער איז גרייט אַריבערצוגיין איבער אַלץ, אָבער עס ווייַזט זיך אַרויס אַז דאָס ווייַב האָט אויך אַ קינד פון דעם גוי און דאָס איז פאַר אים דאָס שווערסטע; ער איז ניט גרייט צו נעמען דאָס קינד צו זיך, ווי אַן אייגנס, בעת דאָס ווייַב, ווי אַ מאַמע, מאָנט ביי אים אויך דעם קרבן.

עלבערג צעוויקלט אַ פסיכאָלאָגישע פּראָבלעם מיט אַ שטאַרקער דראַמאַטישער שפּאַנונג. ער מאָלט דערבייַ אַ ברייט-לייַוונטדיק בילד פון געשעענישן און גע־שטאַלטן וואָס זייַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער תקופה פון גרויל און חורבן.

ד

און איצט וועגן די דערציילונגען "אז מען האָט נישט קיין מזל..." און "אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש". די ערשטע דערציילונג באַשרייַבט אַ פּאַרשוין וואָס זייַן קרומקעפּיקע קאַרגשאַפט דערפירט אים צו אַ טראַגעדיע. עלבערג דערציילט די געשיכטע פון זייַן העלד ווי ער, דער העלד אַליין, זעט זי און, פאַרשטייט זיך, אַז ער איז בייַ זיך שטענדיק גערעכט. עס קומט אויס אַז נאָר דערפאַר וואָס ער האָט ניט דאָס ביסעלע מזל האַלטן אים אַנדערע פאַר אומגערעכט און האָבן צו אים כסדר טענות ותרעומות. אַלע האָבן אים פייַנט; ער גט זיך מיט זייַן ווייַב און גיט איר ניט קיין גראָשן; די אייגענע קינדער ווילן פון אים ניט וויסן און צום סוף בלייַבט ער וואוינען ערגעץ אין אַ האַלב־אומזיסטיקן מושב־זקנים. ער מאַכט אַזעלכע אויסטערלישע קאָמבינאַציעס און ספּעקולאַציעס אַז סוף־כל־סוף פאַרלירט ער אויך דאָס גאַנצע פאַרמעגן.

אַ גאַנץ מענטשלעך לעבן גייט דורך פאַר אונדזערע אויגן און אַלץ אין אַט דעם לעבן איז אומזיניק און דערפירט צו אַבסורד. און כאָטש דער העלד רופט אַרויס אַן אַנטיפּאַטיע בייַם לייענער, קען ער אים ניט מישפּטן, ווייַל מ'האָט דאָס געפיל אַז דער העלד אַליין איז אַ שפּיל אין די הענט פון אַ קאָסמישן לץ, וואָס מאַכט חוזק פון אַלעמען.

אַן אַנדער כאַראַקטער און אַן אַנדער פּראָבלעמאַטיק ברענגט די דערציילונג — ״אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש״. דאָס איז אַ מעשה וועגן צוויי ברידער וואָס האָבן צווישן זיך אַן אַלטן סיכסוך וועגן אַ פרוי. אויך די דאָזיקע פּילמדיקע דערציילונג וויקלט זיך פונאַנד וועדליק עס זעט זי איינער פון די ברידער. דעם אמת געזאָגט, זײַנען אין אָט דער דערציילונג פאַראַן אַזוי פיל שפּאַנענדיקע געשעענישן, אַז עס פעלט אַ האָר זי זאָל ווערן אַ מין קרימינאַל־ראָמאַן. עלבערג טרעט אָבער ניט אַריבער די שמאָלע גרענעץ און בלײַבט כסדר דער קינסטלער. ער זוכט דווקא אין דער אויסערגעוויינטלעכקייט אַ דערקענטעניש פון מענטש און זײַן פּסיכיק. ער פירט זײַנע העלדן איבער גרויסע לעבנס־שטחים, ער מאָלט אַחוץ די הויפּטהעלדן אויך אַנדערע פּאַרשוינען, אַנדערע מענטשן מיט זייער גורל, אַזוי אַז אויך די דאָזיקע דערציילונג פּאַרוואַנדלט זיך אין אַ קינסטלערישן שפּיגל, אַ שפּיגל אין וועלכן מיר זעען אונדזער צײַט מיט אירע פּראָבלעמען.

*

דער באַנד צעוואָרפענע זאַנגען ווײַזט אַז יהודה עלבערג איז אַ טיפער קענער פון מענטש, פון זײַן פּסיכיק און כאַראַקטער — און במילא פון זײַן גורל. קאָן זײַן אַז די געטאָ־טעמע איז דער באַדן אויף וועלכן ער שטייט מיט ביידע פיס, אָבער ער איז בכוח צו געשטאַלטיקן יעדע אַנדערע טעמע מיט אירע סיטואַציעס אויף אַ קינסטלערישן אופן.

יעקב י. מייטליס

דער נעכטן און דער הייַנט

איך מוז מיך מודה זייַן, אַז אַזוי אָפט איך לייען אַ גוט קאַפּיטל הייַנטצייַטיקע יידישע ליטעראַטור, פרעג איך מיך, וואו האַלטן מיר מיט איר דערציילערישער טעמאַטיק און ווי ווייַט שפּיגלט זי אָפּ דאָס הייַנטיקע, אָפט פּאַראַדאָקסאַלע לעבן, די צעטרייסלעניש און פאַרלוירנקייט פון דעם נאָך־מלחמהדיקן דור יידן, מיט זייַנע פּראָבלעמען און ספיקות, אומרו און ראַנגלענישן. וועגן דעם דערגייען צו אונדז אָפּט שוואַכע, ציטערדיק־אייַנגעהאַלטענע טענער, וואָס פאַרדעקן אפשר מער ווי דאָס וואָס זיי ווילן אונדז לאָזן הערן, מער רמז און ניסתרדיק ווי ניגלה און ניכטערקייט. דוכט זיך, אַז אין דעם פּרט איז די יידישע ליטעראַטור בייַם הייַנטיקן טאָג געבליבן צו ביסלעך הינטערשטעליק און מיט ווייניקע יוצא־מן־הכלל פילט זיך קוים דער הייסער אָטעם פון דער צעברויזטער, אויפגערודערטערווירקלעכקייט וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס יידישע לעבן ביזן סאַמע יסוד. וואַרטן מיר אַפּנים נאָך אויף דעם גרויסן ליטעראַרישן פאַרמעסט וואָס זאָל העלפן קינסטלעריש פאַרטיפן דעם גרויסן נסיון פון דעם אימהדיקן אומקום, און שאַפעריש קריסטאַליזירן דעם הייַנט מיט זייַן פלאַנטער און גייַסטיקן איבערבראָך. דערווייַל האַלטן מיר נאָך גאָר פון פאָרנט, ממש בייַ די פּסוקי דזמרא, בייַ שיינע, געראָטענע, קינסטלעריש־אויסגעשטאַנענע שילדערונגען און דערציילונגען, אָבער פון אַ ברייטער, אַרומנעמיקער און אַ פאַרטיפטער ליטעראַרישער גאַנצקייט האַלטן מיר אַפּנים נאָך ווייַט!

עס שאַפט זיך דער רושם, אַז אין תחום פון דער יידישער ליטעראַטור שטייען מיר אָפגעזונדערט, צניעותדיק אַרייַנגעטאָן אין זיך און עמאָציאָנעל מיטן פּנים צום נעכטן, וואָס בלינצלט נאָך מיט אַ סך ליכטיקע קאָלירן פון דעם רחבותדיק־צעשייַנטן יידישן אַמאָל. לעבט זיך דערפאַר דער יידישער דיכטער קינסטלעריש אויס אין זייַן גייַסטיקער היים פון דער מזרח־אייראָפּעאישער יידישקייט, מיט וואָס ער אָטעמט אויף דער פרעמד און וואו ער איז הן תוכיק און הן אינדיווידועל טיף פאַרוואָרצלט. עס טרעפט אַפילו, אַז אויב פּראָבלעמען און סיטואַציעס ווערן אַקטואַליזירט אין דער ליטעראַטור, איז דאָס על־פּי־רוב אויפן פּאָן פון אַמאָליקע,

---

דערשינען אין "צוקונפט", יולי־אויגוסט 1977.

פון אונדז אין צייַט און שטח אָפּגערוקטע געשעענישן. מען רעדט צום הייַנט מיטן לשון פון נעכטן, הגם די סיטואַציע און דער גייַסטיקער קלימאַט האָבן זיך יסודותדיק געביטן. פרעגט זיך, צי איז ייִדיש ווי אַ וויכטיקער קולטור־פאַקטאָר אַזוי דערווייַטערט פון טאָג־טעגלעכן לעבן מיט זייַנע קאָנפליקטן און סתירות, אַז זיי קומען גאָר זעלטן צום אויסדרוק אין אים? אָבער צוריקגעשמועסט, וואָס איז דאָ דער חידוש? מיטן אומקום פון ייִדישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע האָט זיך פאַרשטאָפּט דער לעבעדיקער קוואַל פונעם פאָלק־לשון און די השפּעה פון זייַן יצירה איז געוואָרן שטאַרק געמינערט. שטייט טאַקע דער ייִדישער שרייַבער אַן אומבאַהאָלפענער, אַ פאַרלוירענער, מיט אַ האַרץ פול יסורים וואָס האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעטאָן פון אים, און ער זוכט אַן אָרט און אַן אָנשפּאַר אין לעבן, אַ תּיקון פאַר זייַן נפש. די וועלט אַרום אים וואוהין ער איז מגולגל געוואָרן אין די יאָרן נאָכן חורבן, איז ייִדישלעך אויסגעליידיקט, אינדיפערענט און פאַרגרעבט. ווי קען דאָ געמאָלט זייַן אַ בשותּפותדיקער לשון, אַ דיאַלאָג צווישן שרייַבערס און לייענערס? פּסיכיש און עמאָציאָנעל איז דער ייִדישער גייַסט־מענטש אַלץ נאָך אַרייַנגעטאָן, ממש אַרייַנגעלעבט מיט אַלע זייַנע חושים אין דער וועלט פון זייַן נעכטן, מיט איר קולטור־ירושהדיקייט און דורותדיקע ווערטיקייטן. פון דאָרט ציט ער בפירוש זייַן יניקה פאַר זייַן יצירה. דאָס איז דאָס ביסל געראָטעוועטע אייגנס, זייַן קולטור־באַלעבאַטישקייט וואָס ער היט אָפּ ווי אַן אבן־טוב פאַר זיך און פאַר די דורות וואָס וועלן קומען נאָך אים.

האָבן מיר אַ כלל גדול, אַז גוטע, ערלעכע דיכטונג קען נאָר געדייַען, זיך רחבותדיק צעוואַקסן און צעבליִען אויף אַן אייגענעם פעטן קולטור־באָדן, אַ גייַסטיק אָנטוועקטע און אינספּירירטע סביבה, פון וואָס דער שרייַבער און וואָרטזאָגער איז אַ לעבעדיקער, שאַפערישער טייל. ווי זאָגט דאָס שוין אין זייַן נוסח דער בעל־תהלים: „בסוד ישרים ועדה", אין אַ געזעמל פון רעכטפאַרטיקע און אַן אייגענער עדה! דער דיכטער קען נישט זינגען אויף אַ פרעמדער, אָפּגעלאָזענער ערד. אין דעם ליגט די דיאַלעקטיק פון אונדזער הייַנטיקער מערכה איגעם תּחום פון דער ייִדישער ליטעראַטור. נאָכן טראַגישן אומקום פון דער מזרח־אייראָפּעאישער ייִדישקייט האָט זיך פאַרשפּרייט און פאַרטיפט דער קריזיס פון די שטראָמיקע יצירה־כוחות אין ייִדיש, און דער אומעט וואַקסט — און אפשר האָבן מיר דאָ צו טאָן, אַוועקגעקוקט פון די בעסטסעללערס, מיט אַ צרת־רבים, און טאַקע נישט בלויז אין תּחום פון ייִדיש? פאַר דעם ערנסטן און ערלעכן שרייַבער איז תּמיד געווען שווער צו קומען צום וואָרט, בפרט נאָך אין דער איצטיקער צעדולטער, קראַנקער וועלט! ווי האָט דאָס שוין אייגער פון די וואָגיקע, גייַסטיקע בני־דור, דער פייַנער דייַטש־ייִדישער דיכטער־עסייאיסט אַדאָרנאָ מיט פאַרצווייפלונג אויסגערופן: ווי קען מען נאָך דיכטן נאָך אוישוויץ! דער קטרוג איז נאָך גאָר שטאַרק, די אימת־המוות־אָנגסטן גרויס, און עס פעלן אויס די כוחות! אַקעגן וואָס איז דאָס

אַלץ געוואָרן געזאָגט — אַקעגן אַ ריי נאָך־מלחמהדיקע שרײַבערס, געראָטעוועטע פון פײַער, און לעבעדיקע עדות פון דעם גרויסן פּאָלקס־בראַנד, וואָס פּרוּוון מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם קינסטלעריש צו געשטאַלטיקן נישט בלויז די שווערע נסיונות און פּורעניותן פון דעם מוראדיקן פּאַרגיי, נאָר באַגלײַך אויך שפּאַנען אַ בריק איבער דעם אימהדיקן תהום צו דעם ליכטיקן און ערדיש־אײַנגעזעסענעם ייִד אויף דער פּוילישער ערד. עס זײַנען אָפּט ביז גאָר געראָטענע, פּרעכטיקע דערציילונגען מיט דער טעמאַטיק פון דער ייִדישער אַמאָליקייט מיט איר געזעל־שאַפטלעכן אויפבּרויז און קולטור־אויפגיי. אין דעם דאָזיקן געאַכפּערטן קרייז פון וואָגיקע פּראָזאַאיקערס, האָבן מיר אויך דעם פײַנעם, סענסיטיוון שרײַבער **יהודה עלבערג**. ער איז נישט קיין פּנים־חדשות אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז אַ דערציילער פון פּאַרנעם מיט אַ שרײַבערישן אינסטינקט און פּאַרמעסט. דער שרײַבער פון די שורות גייט אים שוין נאָך אַ לאַנגע צײַט, דער עיקרשט זינט זײַנע "קופּערנע הימלען", וואָס האָבן געמאַכט אַ רושם, ביז צו זײַן איצטיקן באַנד דערציילונגען "צעוואָרפענע זאַנגען", וואָס זײַנען בלי־ספק אַ וויכטיקער צושטײַער צו דער דערמאָנטער טעמאַטיק פון גרויל און אומקום אויף דער איינער זײַט און פון דעם ליכטיקן, אײַנגעפונדעוועטן אַמאָל אויף דער אַנדער זײַט. ווי אַ סך אַנדערע קינסטלערס, איז אויך עלבערג אַרײַנגעטאָן אין די ביידע פּרשות פון ייִדישן לעבן אין פּוילן, פּאַרן מבול און אין דער תקופה פון דער גרויסער פינצטערניש. עס איז פּאַר אים, ווי פּאַר אונדז אַלע אַ שווער, טראַוומאַטיש געפיל פון ייִדישער גורל־דיקייט: דער קאָשמאַר פון פּאַרגיי און אַ ניצוץ פון גלויבן און האָפענונג, וואָס פּאַרלאָזט נישט אַפילו אין די אימהדיקסטע מאָמענטן פון לעבן. עלבערג דער קינסטלער און פײַנער בעל־לשון, קען שילדערן, סײַ דאָס שיינע און ליכטיקע און סײַ דעם תהום פון מענטשלעכער נויט. דער קאָשמאַר פון סכנות און רציחות הויערט אויף דעם פּאַרקלעמטן געמיט פון דיכטער, וואָס איז געווען אַ לעבעדיקער און ליידנדיקער עד־ראיה פון דעם גרויסן מאַסן־מאָרד. עס איז אַ געפיל פון עקזיסטענציעלן פּחד און אימהדיקער בהלה, וואָס באַגלייט אונדזער שווער־געפּרוּווטן דור כסדר און אָן אויפהער.

מאָלט אונדז עלבערג מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם און מיט אַ שפע פון רעאַליסטישע פּאַרבן די יסורים און עינוים פון דעם אויסגייענדיקן ציבור ייִדן אויף דער פּוילישער ערד, וואָס ווערט פּאַרלענדט מיט אַ בעסטיאַלישער אַכזריות. אָבער כדי צו שטילן זײַן צעווייטיקט געמיט, פּאַרגרינגערן זײַן צער און שמערץ און נישט פּאַרלירן דעם לעצטן פונק פון גלויבן, טוליעט ער זיך נאָסטאַלגיש צו דער שײַנענדיקער און אַזוי שנעל פּאַרשניטענער ייִדישער ווירקלעכקייט און כישופט פון דאָרט אַרויס מיט אַ שלל פון פּאַרבן זײַנע גוטע, וואוילע ייִדן, דעם אָפּגעהיטענעם חסידישן בן־תורה, די איידעלע, האַרציקע פרוי, היימישע טיפּן פון ייִדן פּראָסטאָקעס מיט זייער גוטסקייט און מענטשלעכקייט, אַ גאַלעריע לעבעדיקע, לוסטיקע האָרע־

פּאַשניקעס, מיט זייער פרייד און דאגות, אַ שבת און אַן אינדערוואָכן. עס איז דער רוף פון קינסטלער נישט צו פאַרגעסן דעם נעכטן, וואָס שײַנט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, תוכיקייט און ליכטיקע פאַרבן, אַהערצו צו אונדז, אין אַן אומרואיקער, צעדולטער וועלט וואָס קען גאַרנישט מער קומען צו זיך.

אָוודאי דרינגט דער פײַנער, סובטילער שרײַבער יהודה עלבערג אַרײַן אין זײַנע דערציילונגען מיט אַ סך געמיט און שרײַבערישער אַחריות אין דער אַנגע־ווייטיקטער פּראָבלעמאַטיק פון יידישן לעבן פון אונדזער דור. פונדעסטוועגן זאָלן עטלעכע באַוואָרענישן נישט פאַרמינערן זײַן תוכיקע שאַפערישקייט און פאַרנעמיקע חשיבות אין דער נאָך־מלחמהדיקער יידישער ליטעראַטור. ווי עס טרעפט זיך בײַ אַ סך באַקאַנטע און גוטע שרײַבערס, זײַנען נישט אַלע דערציילונגען פון עלבערגן, געשריבן אין פאַרשיידענע צײַטן, גלײַכפאַרמיק, פון אײַן גוס און קינסטלערישער קוואַליטעט. פאַראַן צווישן די גוטע, אײַנדריקלעכע און שטאַרקע שילדערונגען אויך אַזוינע פון אַ שוואַכערן, לײַכטערן זשאַנער. ווי מיר ווייסן, זײַנען נישט תמיד אַבסערוואַציעס פון אַ קינסטלער און זײַנע טיפע איבערלעבענישן, פון דעם זעלביקן סובלימען גראַד.

נעמען מיר אָבער זײַן ערשטע דערציילונג „דבורהלעס תפילה”, האָבן מיר דאָ אַ זעלטן געראָטענע פּתיחה צו דער טעמאַטיק פון יידישן לעבן אויף דער פּוילישער ערד מיט זײַן גאַנצן יידישלעכן טעם און חן ערב דעם גרויסן חורבן. עס איז אַ פּרעכטיקע מיניאַטור געצייכנט מיט אַ באַהאַוונטער פען, וואָס רעדט צו אונדז מיט איר פּשטות און סובטילקייט, און אַ שפע פון קאָלירן. עס איז אַן אינטים בילד פון יידישער אָפּגעהיטנקייט און טיפער מענטשלעכקייט, פון מידות און גוטסקייט, מיט וואָס יידן ייחוסן זיך פון דורות.

אַדער נעמט אויף טשיקאַוועס אַזאַ געראָטענעם, יידישלעכן טיפּ ווי בער־לעפּ, דעם פאַרגרעבטן בעל־עגלה, אַ געזונטער, מגושמדיקער ייד, מיט זײַן פּראָסטאַצקער אומבאַהאָלפנקייט און תמימות, וואָס אָטעמט מיט אַ מחיהדיק־לעבעדיקער און צאַפּלדיקער פרישקייט פון אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר. עס זײַנען שטילע, ליבע יידן, וואָס דער דיכטער האָט זיי צעוואָרעמט אין זײַן האַרץ און געשטאַלטיקט רחבותדיק אויף דער פאַן פון דער יידישער אַמאָליקייט.

אויך אין עלבערגס טראַגישער געטאָ־דערציילונג „דער טאָפּ” שפּירן מיר בחוש די זיניקע אידיליע פון אַ צופרידן, גליקלעך לעבן פון יאַנקל סאַדאָווניק און זײַן משפּחה אין די יאָרן פאַר דער מלחמה, שאַרף און בולט אָפּגעצייכנט אַנטקעגן דער ביטערער געפאַלנקייט און גרויל פון דער האַרטער געטאָ־ווירקלעכקייט. אויך אין יאַנקל סאַדאָווניק האָבן מיר אַ רעכטפאַרטיקן, פּראָסטן ייד, ערדיש און פול־בלוטיק, מיט זײַן גאַנצן ביסל גליק און פרייד פון אַ לעבן אויף דער שיינער, פרײַער נאַטור. מיט דעם סאַד איז אויסגעבונדן זײַן גאַנץ חיות. יעדעס ביימל, יעדעס בלעטל, יעדע פרישע, זאַפטיקע פרי איז פאַר יאַנקל סאַדאָווניק אַ מתנה פון

גאָט, וואָס פילט אים אָן מיט פרייד און תענוג. איצט אָבער זיצט יאַנקל אַ פאַרהונגערטער, אַ פאַרקלעמטער און אַ פאַראומערטער אין דער ענגשאַפט פון געטאָ, און זײַן שיינער, רחבותדיקער סאָד איז אָפּגעמעקט, "צעטראָטן פון די חיהשע טריט פון שונא". יאַנקלען, לאָזט אונדז עלבערג הערן, האָט דער רבונו־של־עולם נישט באַשענקט מיטן כוח פון רייד, האָט ער זײַן צער אויסגעשוויגן, און אַזוי אויסגעגאַנגען מיט די איבעריקע אָנטמענטשטע ייִדן אין געטאָ.

פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט און שרײַבערישן פאַרמעסט איז עלבערגס "מישפּט מיך", וואָס נעמט זיך פונאַנדערוויקלען אויף אַ ברייטער קאַנווע איינע פון די שווערע פּראָבלעמען פון מענטשלעכער גורלדיקייט: שולד־און אומשולד־געפיל אין אַ צײַט פון גרויסע נסיונות און טויט־אַנגסטן. ווי אַזוי זאָל זיך דער מענטש אויפפירן, אַז ער זאָל נישט פאַרבלײַבן אַ פאַרקויפטע נשמה, נאָר ריין און אומ־באַפלעקט, ווען דער טויט שטייט אים פאַר די אויגן; און דער עיקר, ווער האָט דאָס רעכט צו מישפּטן און באַשולדיקן אין אַ צײַט פון מאָראַלישער הפקרות און גוואַלד־מעשים?

"מישפּט מיך" איז אַ דערציילונג אָנגעלאָדן מיט אַ סך דראַמאַטישן שטאָף און אימת־המוות איבערלעבענישן, וואָס טרייסלען אויף דאָס געמיט און פאַרכאַפּן מיט זייער ריעאַליזם און שוידער דאָס געמיט פון לייענער. פעלט אָבער דעם סיפּור־המעשה אַ ביסל מער פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפונג און קינסטלעריש־געבענטשטע סובלימאַציע, בפרט צום סוף, ווען אין קריטישן מאָמענט דאַרף קומען די קאַטאַרסיס, די אויסגעבענטשטע לײַטערונג פון מענטש נאָך אַלע געליטענע פּײַן און אומ־ווערדיקייטן. האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט דעם ביטערן גורל פון אַ ייִדישער פרוי, אַ לעבעדיקער, אַנטרונענער און צעשעדיקטער, אַ קרבן פון דער אומקום־תקופה.

די נויט און אימה איז גרויס, דער מענטש טרינקט זיך אין אַ ים פון רשעות און הפקרות און וויל מיט אַלע כוחות איבערקומען דעם בייזן גזר־דין און זיך ראַטעווען דאָס ביסל נאַקעטע לעבן. מאָלט אונדז עלבערג מיט זײַן קרעפטיקן רעאַליזם אַ געזעמל פון פויערים, זאַטע, אויסגעפרעסענע שיכורים, שאַלקהאַפטיקע, שפּלדיקע און הפקרדיקע ברואים, וואָס צאַפּן ייִדיש בלוט און פאַרקויפן צו די דײַטשע כאַפּערס אַ ייִד ממש פאַר אַ פּאָר שטיוול, און צווישן זיי פּלאָנטערט זיך אומברחמנותדיק אַ ייִדישער קרבן. עס איז עטל בת ר' שלמה, די נגידישע בת־יחידה און אשת־איש, וואָס באַהאַלט זיך אויס בײַ איינעם פון די פויערים אויפן דאָרף, לעבט אין כסדרדיקער טויט־שרעק און צאָלט דערפאַר אַ שווערן פּרײַז מיט איר ייִדישער צניעות. גרויס איז די עוולה, אָבער נאָך גרעסער איר שולד־געפיל לגבי איר מאַן דודן, וואָס קערט זיך צוריק פון רוסלאַנד נאָך דער באַפרײַאונג פון לאַנד. אוודאי איז עטל געבליבן לעבן, אַן אַנטרונענע פון דעם בלוטיקן מבול, אָבער זי קומט אַרויס פון דעם נסיון אַן אָפּגעזענגטע און אַ געשטרויכלטע. גוייִשע, אויס־געלאָסענע הענט האָבן זי מטמא געווען און איר שולד־געפיל איז נישט צו

דערטראָגן. ווי וועט זי זיך דערגרעדן מיט איר פרומען און איידעלן מאַן, מיט איר דודן? וועט ער זי פאַרשטיין און העלפן איבערקומען די שאַנד וואָס ברענט ווי אַ פײַער אין איר אינגעווייד, בפרט ווען זי האָט פאַרטראָגן אַ קינד פון אָט דער מוראדיקער שאַנד?

עטל איז אַן אַנוסה, אַ פאַרשוועכטע יידישע טאָכטער, אָבער געבליבן איז זי אומבאַפלעקט, אַ נשמהדיק־ריינע און אַרויס פון דער טומאה אַ געלײַטערטע און אַ דערהויבענע. גייט אַן מיט איר מאַן, מיט דודן, אַ לאַנגער, צעצויגענער, ווייטיק־לעכער שמועס, אַ וואַרעמע אינטימקייט וואָס האַקט זיך אָבער כסדר איבער. דאָס זיך דערגרעדן קומט אַן שווער, דאָס האַרץ ציטערט און די געשפּאַנטקייט לאָזט נישט אָפּ. מען פילט די וואַנט וואָס שטייט אַכזריותדיק צווישן מאַן און ווײַב. עס איז דער גוייִשער ממזר, וואָס פּאַר אים איז נישטאָ קיין פּלאַץ אין דער יידישער מחיצה! קען די ליבשאַפט פון צוויי גוטע, איידעלע מענטשן דאָס אַלץ פאַרגלעטן? קען פון אַ צעבראָכן, צעשטערט לעבן ווידער ווערן אַ גאַנצקייט, קען מען בכלל אָנהייבן פון דאָס ניי אַ פרייש, אומבאַשעדיקט לעבן?

אין דעם קנויל פּראָבלעמען פון שולד און אומשולד, פון טומאה און קדושה, פון שטראָף און פאַרגעבונג, מיט וואָס טיטאַנען פון דער וועלט־ליטעראַטור האָבן זיך געראַנגלט, פירט אונדז עלבערג אַרײַן אין זײַן סובטילער דערציילונג, אָבער ער פירט אונדז פון איר נישט אַרויס. ער האָט אויף דעם אַלעם נישט קיין תשובה, אַ חוץ לאַנגע, פאַרמאַטערנדיקע רייד און אַנצוהערענישן. און אפשר איז גאָרנישט דאָ קיין תשובה? ווער קען דאָס אַרויסטראָגן אַ מישפט איבער זיך און אַ פּשיטא שוין איבער אַנדערע? אין דער אמתן דאַרף דאָך דאָס זײַן אַ מישפט פון אַן עלנטער, געשענדטער און פאַרשוועכטער פרוי מיט דער טײַוולאָנישער וועלט־אָרדענונג, מיט כביכול אַליין, וואָס האָט דערלאָזט אַזויפיל שווערע נסיונות און עינוים און געשוויגן. ייִדן האָבן אויך אָמאָל געקענט זײַן מורדים, האָבן אַ מישפט מיט גאָט אַליין! אָבער, האָט די יידיש־רעליגיעזע וועלט, די אַנטרונענע פון אימהדיקן מבול, נישט געוואָגט, נישט געהאָט דעם מאָראַלישן כוח צו אַזאַ מישפט.

עלבערג האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דעם טיף־טראַגישן פּראָבלעם פון שולד און אומשולד, פון שטרויכלונג און זינדיקייט, מיט וואָס נישט קיין קלענערער ווי אַ שטייגער אַ דאָסטאָיעווסקי האָט זיך געראַנגלט. דאָרט וואו ער האָט אַרומ־גענומען די פאַראומווערדיקטע, זינדיקע פרוי מיט אַן אָרעאָל פון לויטערקייט און ליכט, באַנוגנט זיך עלבערג סתם מיט ווערטער, רייד און לאַנגע וויכוחים, אָבער די טיפקייט פון דעם טראַגישן מישפּט און די דערוואַרטעטע קאַטאַרסיס קומט נישט. פילט זיך דער אַנטי־קלימאַקס, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרענטפערן מיט געדיכטע פינטעלעך און שטריכעלעך.

חיים שפּילבערג

דאָס נצחיותדיקע אין אַ טאָפּ

אין זײַן זייער באַגײַסטערטער רעצענזיע וועגן עלבערגס ערשטן בוך "אונטער קופּערנע הימלען" (1951), האָט ש. ניגער געלאָזט פאַלן אייניקע קריטישע שורות: "יהודה עלבערגן איז דערווײַל נאָך נישט געלונגען לעבעדיק צו מאַכן די כאַראַקטערן פון דער טראַגעדיע. ער פאַרטיפט זיך אָבער — און העלפט אונדז זיך פאַרטיפן — אין דער טראַגעדיע פון די כאַראַקטערן". ס'איז אַ שאָד וואָס ניגער האָט נישט דערלעבט צו לייענען עלבערגס ווייטערע שאַפונגען — "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" (1974), "צעוואָרפענע זאַנגען" (1976) און אַנדערע.

אין די דאָזיקע שאַפונגען באַווײַזט עלבערג זײַן יכולת אויפצושטעלן לעבעדיקע כאַראַקטערן, באַזונדערס אין זײַנע קלענערע דערציילונגען. נעמען מיר למשל זײַן העלד יאַנקל ("דער טאָפּ"). ער איז אַ סאַדאָווניק און אַ חצי־שנײַדער. אַ בעל־חלומות. ער קען קוים לייענען און שרײַבן, אָבער פאַרמאָגט אַ פּאָעטישע נשמה, אַ פאַנטאַזיאָר וואָס פאַרשטייט דאָס לעבן אַ סך בעסער ווי אַנדערע רעאַליסטן.

וואָס פאַר אַן אויסנעמלעכן ווינקל פונעם יידישן לעבן שילדערט דער מחבר. די גאַנצע דערציילונג איז געבויט אינעם זשאַנער פון צוריק־בליק: ...יאַנקל, דער הויפּט־העלד, געפינט זיך צוזאַמען מיט זײַן פאַמיליע אין וואַרשעווער געטאָ, און זײַנע מחשבות טראָגן אים צוריק צו זײַן שטעטל וואו ער האָט זיך געלערנט שנײַדערײַ בײַ זײַן ברודער שמעון. ס'איז ערב־חגא. אַרבעט איבערן קאָפּ, אָבער דער פאַרחלומטער יאַנקל שפּאַצירט אַוועק אונטערן שטאָט צו באַקוקן די ביימער. טענהט צו אים זײַן ברודער שמעון: "אַרבעט איבערן קאָפּ אַריבער, גייסטו זיך אַוועק אין דאָרף שפּאַצירן; מען דאַרף זײַן אַ גזלן..." אויף דער דאָזיקער טענה ענטפערט אים דער פאַרחלומטער יאַנקל: "פרילינג. ס'לאָזט נישט רוען. די ערד קומט אַרויס פון ווינטערדיקן שלאָף מעוברת... עס שפּראָצט די ערד, און עפּעס שפּראָצט אין מיר... די ביימער רעדן צו מיר... ביימער רעדן ווי מענטשן..." ("צעוואָרפענע זאַנגען", ז' 332).

דערשינען אין "ייִדיש־וועלט" — מערץ 1988.

עלבערגס טאַלאַנט צו מאָלן נאַטור קומט צו זײַן העכסטן אויסדרוק אין דער דאַזיקער קורצער דערציילונג. מיר דערפילן מיט אונדזערע אַלע רמ״ח־איברים די שיינקייט פון אַ סאַד: ״אַ פּעכער פון בלעטער פאַרטרײַבן צוריק דעם שטויב... אַ חופּה פון צווײַגן פאַרהאַלטן דעם גלי פון זומער... ס׳געצווײַג האָט געררישט מיט סודות און זונענשטראַלן האָבן ממזריש געוואונקען״ (דאָרטן, ז׳ 328).

און אויף אַן אַנדער אָרט: ״ערשט געוועזן אַ נאַקעטער פאַרחושטער בוים און אַט שלאָגט אַרויס בלעטלעך. צווישן די בלעטלעך באַווײַזן זיך קנאָספּן. מיינסט אַז ס׳איז אַ פּרי? ניין, פון די קנאָספּן ברעכן זיך אַרויס בליטעלעך. די בליטן פאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייער שיינקייט, אָבער פּלוצים הייבן זיי אָן גאָר צו פאַרלירן די בלעטעלעך. נישט גוט? ס׳איז דווקא יאָ גוט. אין דעם האַרץ פון די בליטן אַנטפּלעקן זיך פּיצינקע פּרילעך. דער רעגן וואַשט זיי, דער ווינט גלעט זיי, די זון וואַרעמט זיי, און די בוים־וואָרצלען זייגן זיי אָן. וואונדערס? דער וואונדער איבער וואונדער איז: ״דער בוים האָט נישט קיין טעם — — — אַ שטיק האָלץ; די בלעטער זײַנען ביטער; די ערד — — — קאָנסט עסן ערד? אָבער דאָס אַלץ גיט אַרויס אַ פּרי — — — אַ שיינקייט פאַרן אויג, אַ טעם, אַז ס׳איז אַ מחיה־נפשות...״.

ווען יאַנקל ציט זיך אַרײַן אין זײַן אייגענער דירה, ערב פּרילינג, פאַרזייט ער אונטערן פּענצטער אַ ביסל גראָז, אַ פּאָר בלימעלעך צו דערפרייען זײַן ווײַב, רחל לאהס האַרץ. טענהט ער צו זײַן ברודער שמעון: ״דו זעסט דאָס דינע גראָז־קעפּעלע? אַ זײַד, אַ סאַמעטל, יאָ? ווי אַזוי האָט דאָס אײדעלע גרעזעלע געקענט אַדורכשפּיזן די ערד און זיך אַרויסברעכן אויף דער אויבערפלאַך? און זע נאָר ווי דאָס פּיצעלע געוויקסל האָט שכל צו בייגן זיך צו דער זון, פּלאי פּלאים!״

און ווי חנעוודיק איז דער ענטפער פון שמעונען, דער מאמין: ״דער בורא עולם האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט. וואָס איז דער חידוש אַז ער קאָן אויך באַשאַפן אַ גרעזל? אַז ״דער״ אין הימל וויל, קאָן אַ שוואַך גרעזל אַדורכשנײַדן די ערד; אַז ער וויל נישט, וועט די שטאַרקסטע צווײַג נישט אַדורכקריכן״ (ז׳ 338). דער מחבר דערקלערט דעם מענטש ווי אַ שותף צו מעשי־בראשית: ״ווען דער מענטש לייגט אַרײַן אַ קליין קערנדל אין דער ערד אַרײַן, ווערט ער אַ שותף צו דער יצירה פּונקט ווי טאַטע מאַמע זײַנען שותפים צום רבונו של עולם ווען אַ קינד ווערט געבוירן״.

די סביבה פון יאַנקלען, דעם סאַדאָווניק, ווי ס׳דוכט זיך, איז איינגעטונקען אין אָרעמקייט און חשכות, אָן אַ ברעקל פרייד, דאָך, שפּראָצט פון יאַנקלען, דעם הויפּט־העלד פון דער דערציילונג, אַ פּרימיטיוו־געזונטער חוש פאַר לעבן. פון יאַנקלען זינגט אַרויס די שירה פונעם ערשטן מענטשלעכן כיעור, ווען אדם האָט נאָך דעמאָלט נישט באַגריפן אַז אויך די זון איז פאַרמשפּט צום פאַרגיין. עלבערגן איז געלונגען, אין דער דאַזיקער קורצער דערציילונג, אַרײַנצופלעכטן זריחה־און־

שקיעה־מאָטיוון פון ייִדישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע ערב דער גרויסער קאַ־טאַסטראָפע. ס'איז אַ דערציילונג פון הויך־ראַפינירטער קונסט.

עלבערג אין זײַנע קורצע דערציילונגען איז ווערטער־שפּאָרעוודיק. זײַן העלד געפינט זיך אין וואַרשעווער געטאָ: "יאַנקל ליגט אויף דער פּריטש. דאָס ביסל זופּ בולקעט נאָך אין די קישקעס און דער הונגער וואַיעוועט שוין אין די געדערים ווי אַ בייזער ווינט און שטעלט זיך אָוועק אין גאָרגל ווי אַ פויסט". דאָ געלינגט דעם מחבר אין געציילטע קורצע שורות אַרויסברענגען דאָס "וואַיעווען פון די געדערים" און דאָס "קאַרטשן זיך פאַר ווייטאָג" פון די טויט־פאַרהונגערטע און טויט־פאַרמשפּטע קרבנות.

"דער טאָפּ" דעקט פאַר אונדז אויף ווינקלען פון ייִדישן לעבן וואָס זײַנען נישט געווען שכיח; אחד בעיר און שניים בוואָיעוואָדסטווע: סאַדאָווניקערײַ, און דאָס לעבן און מחשבות פון אַ ייִדישן סאַדאָווניק, וואָס איז געווען פאַרליבט אין ביימער און גראָזן. אַפילו בעת זײַן געפינען זיך פאַרשפּאַרט אין וואַרשעווער געטאָ, ווייטיקט ער, יאַנקל סאַדאָווניק, דעם צער פון די פאַרלאָזטע ביימער אין סאָד: "איבערגעלאָדן פון צופיל אויבסט און קענען נאָך חלילה זיך איבערברעכן אונטער דער משא פון זייער שפע..." און יאַנקל טראַכט ווײַטער: "ווען ער וועט צוריק־קומען, אם ירצה השם, נאָך דער מלחמה וועט ער...".

ווי גרויס איז די מענטשלעכע אילוזיע. אַפילו אין זײַנע טראַגישסטע מאָ־מענטן — — און וואָס קען זײַן טראַגישער ווי דאָס לעבן אין וואַרשעווער געטאָ, דאָך טליִעט ערגעצוואו כאָטש אַ פונק פון האָפענונג, "אם ירצה השם"...

און נאָך איין אינטערעסאַנטער שטריך פון עלבערגס טאַלאַנט: דער מחבר וואָס שטאַמט פון רבנישן יחוס, דווקא ער, באַזינגט אַזוי שיין די אַנשי־המלאכה. למשל שנײַדערײַ, ווערט דערהייבן צו אַ מלאכת הקודש, צו ממש אַ קונסט: "שנײַדערײַ איז אַ מלאכה וואו מען לייגט צו האַרץ און קאָפּ. ס'קומט צו דיר אַ קונד, למשל, נייען חתונה־מלבושים. האָט ער איין אַקסל אַ גלײַכן, דעם אַנדערן אַ שיפּן; אײַן ברוסט בולט, די אַנדערע אײַנגעפאַלן; איין באַק הויך, דעם אַנדערן אַראָפּגעלאָזט. איך פאַרריכט אַלץ. ער מעג זײַן קרום אָדער פאַרקריפּלט — איך פאַרגלײַך עס און פאַרשטעל עס. אַפילו אַ הויקער אויף דער פּלייצע, זעט זיך קוים אָן אונטער אַ ריכטיקן מלבוש. דאָ בעט איך אונטער, דאָרט פאַרפרעס איך. אויף איין אָרט נעם איך אַרײַן, אויף אַ צווייטן אָרט לאָז איך אַרויס. ס'שטייט פאַר מיר אַ מענטש — נישטאָ אויף וואָס צו קוקן, זאָלסט מיר מוחל זײַן: אַ סטראַשידלע אונטער אַ פּאָר שעלקעס. אָבער ווען מע קנעפּלט צו די שעלקעס צו מײַנע הויזן, און איך גיב אים אַ טו אָן די יובעצע וואָס איך האָב פאַר אים אויפגענייט, איז ער נישט צו דערקענען! קיין עין־הרע, וואָס פאַר אַ מלכותדיקער ייִנגער־מאַן" (ז' 335).

דער מחבר האָט טיטולירט די דאָזיקע דערציילונג "דער טאָפּ" און ס'דוכט אַז ער האָט געהאַט אַ באַשטימטע כוונה. ס'איז נישט סתם קיין ערדישער טאָפּ

וואָס צעפּאַלט זיך נאָכן נוצן אים אַ געוויסע צײַט, ניין, ער איז דויערהאַפטיק און לעבט איבער כל מיני פּורעניותן. אַז מען וויל זיך גוט אַרײַנטראַכטן, איז שווער צו באַשליסן ווער איז דער אמתער, דער הויפּט־העלד אין דער דאָזיקער אינטערע־סאַנטער דערציילונג: יאַנקל, דער סאַדאָווניק? דער סאַד? די וואַרשעווער ייִדישע געטאָ? און אפשר טאַקע גאָר דער טאָפּ?

אין קעגנזאַץ צו ירמיהו, דער מקונן־נביא, וואָס האָט אין זײַן צאָרן צעשמעטערט דעם "ליימענעם טאָפּ", ווי אַ משל פון דעם "צעבראָכענעם ייִדיש לעבן", עלבערג ברענגט אַרײַן דעם טאָפּ אַ גאַנצן אין וואַרשעווער ייִדישן געטאָ, ווי אַ סימבאָל פון אויסדויער און איבערלעבונג. די ווערטער פון רחל־לאהן, יאַנקל סאַדאָווניקס ווײַב, קלינגען ווי אַ צוואה, ווען זי זאָגט אָן איר בן־יחיד, אָורעמטשען: "אַזאַ טאָפּ איז הײַנט ווערט אַן אוצר. אפשר פינף ברויט און אפשר מער. זאָלסט עס נישט פאַרקויפן אַפילו פאַר צען ברויט... היט דעם טאָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ"... (ז' 347).

אמת, מיר ווייסן נישט וואָס איז פּאַרט געוועזן דער גורל פונעם טאָפּ, אָבער עפּעס ווי אַ מיסטעריעזער געוועב וועבט דער מחבר אַרום דעם "טאָפּ־געשטאַלט", וועלכער איז געפּורעמט פון "רייניקייט, שווערן בלויען געשיר", און איז ווערט מערער ווי "צען ברויט": אַ קלייניקייט, צען ברויט אין וואַרשעווער געטאָ!

אין דער דאָזיקער קאַשמאַר־אַנגעפּיקעוועטער דערציילונג, דערשפּירן מיר עפּעס פון דאָס נצחיותדיקע אינעם פּאַטוס פון אונדזער פאָלק, און קען באַטראַכט ווערן ווי איינע פון עלבערגס גאָר געלונגענע שאַפונגען.

פון רעכטס צו לינקס: י. עלבערג, א. סוצקעווער, לייב ראַכמאַן ביַים כותל מערבי אין 1968

פּאַריז 1947, פּליטים פּאָדערן עפענען די געשלאָסענע טויערן פון ארץ־ישראל.
פון רעכטס צו לינקס די שרײַבער: שמערקע קאַטשערגינסקי; יהודה עלבערג; ד״ר מארק דוואָזשעצקי; מרדכי שטריגלער; משה נודלעמאַן

פון לינקס צו רעכטס: פּרעזידענט זלמן שזר; יהודה און שײַנדל עלבערג



פון רעכטס: הירש אָשעראָוויטש; פּרעזידענט אפרים קציר; י. צ. שאַרגעל און יהודה עלבערג



פון רעכטס: יהודה עלבערג; אורי צבי גרינבערג; מרדכי צאַנין; מרדכי שטריגלער; הירש אָשעראָוויטש



פון לינקס: יהודה עלבערג און יצחק יאַנאַסאָוויטש

פון רעכטס צו לינקס: שרה לייוויק; רחל און מלך ראַוויטש; ח. לייוויק; איידאַ מאַזאַ;
יהודה עלבערג.

פון רעכטס צו לינקס: נחמן מייזל; זרובבל און זײַן פרוי פרידע; פרוי און לעאָ פינקעלשטיין;
חיים גראַדע און יהודה עלבערג. אין באַזעל, בײַם 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס

וועלט־ראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, תל־אביב 1984

חסידישע מעשיות מחוץ דעם בוך מעשיות:

"דאָס קליינע קמצל און דער גרויסער קמץ", די גאָלדענע קייט 112, ז. 119
"דער כוח פון וואָרט", די גאָלדענע קייט 119, ז. 82
"דער כוח פון חסידות", די גאָלדענע קייט 123, ז. 107
"אין אַ חתונה־נאַכט", בײַ זיך 14־13, ז. 40
"דער כוח פון תהילים" (אַ ירושלימער מעשה), בײַ זיך 20, ז. 42
"דער כוח פון גוטסקייט", בײַ זיך 29, ז. 31
"רבי יצחק מענדל", בײַ זיך 30, ז. 85
"דער כוח פון קבלה", בײַ זיך 31, ז. 50
"כוחו של בטחון", גשרים ב׳ ב (1984), עמ׳ 63

יוסף פרידלענדער

אַמאָל איז געווען...

אַלטע חסידישע מעשיות זײַנען שטענדיק נײַ, באַזונדערס ווען זיי פאַלן אַרײַן אין דער פּען פון אַ טאַלאַנטפולן שרײַבער, ווי עס איז יהודה עלבערג. אויב ער קען זיך פאַרמעסטן מיט דער שואה, מיטן אומקום אין דער נאַצישער אייראָפּע, קען ער אויך בײַשטיין דעם נסיון פון אַרויסברענגען דעם אמתן ייִדישן טעם פון אָט די וואונדערבאַרע מעשי מופתים, וואָס באַפליגלען נאָך הײַנט אונדזער פאַנ־טאַזיע. אין פלוג דאַכט זיך, וואָס קען מען שוין, מ׳שטיינס געזאָגט, מחדש זײַן אין די אַלטע לעגענדעס, נאָך דעם ווי אַזוי פיל שרײַבער און פאָרשער, און מאַרטין בובער בראשם, האָבן זיך מתעסק געווען מיט זיי. דער תירוץ איז — אַז ווען די אַלע פאַלקסטימלעכע דערציילונגען פאַלן אַרײַן אין די הענט פון אַ קינסטלער וואָס ווייסט דעם סוד היצירה פון זייערע וואָרצלען און אָפּשטאַמען, איז מובטח להם, אַז זיי וועלן אַרויסקומען פון זײַן מטפל זײַן זיך מיט זיי ווי שפּאָגל־נײַע פּראַכט־פולע אוצרות.

יהודה עלבערג ווייסט אָט דעם סוד אין זכות פון זײַנע חסידישע מקורות, אין וועלכע ער איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן. פאַרגעסט נישט, אַז ער איז אַן אייניקל פון וואַרשעווער רב, און חסידישן פאָרשער ר׳ צבי יחזקאל מיכעלזאָן, וואָס איז אומגעקומען על קידוש השם אין וואַרשעווער געטאָ. זײַן פעטער איז געווען אברהם חיים שמחה בונם מיכעלזאָן, מחבר פון חסידישע ספרים, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין לאָדזשער געטאָ. מיט אַזאַ יחוס פון לומדים און קדושים איז נישט קיין וואונדער, אַז עלבערגס חסידישע יניקה איז גוואַלדיק גרויס. איז אויב מען גיט נאָך צו זײַנע שרײַבערישע פעאיקייטן, וואָס ער האָט באַוויזן אין זײַנע ווערק, זעט מען, אַז די חסידישע מעשיות האָבן געפונען אין אים זייער מייסטער, וואָס איז זיי מתקן פון לשון תיקון.

עלבערגס שיטה איז צו געבן די מעשיות, אַזוי ווי ער וואָלט זיי איצטער געהערט פון אַן אַלטן חסיד, וואָס געדענקט נאָך די צײַטן פון ״אַלטן״ רבי. בײַ אַזאַ חסיד איז דאָך דאָס דערציילן אַליין אַן עולם ומלואו, און עלבערג גייט אין

דערשינען אין ״לעצטע נײַעס״, 13.3.81.

זײַנע טריט, באַנוצנדיק זיך דערבײַ מיטן אַלטן ייִדישן לשון וואָס איז מחיה נפשות און דערוואָרעמט די נשמה.

״עס טרעפט אָבער — שרײַבט ער אין דער מעשה ״דער כוח פון דער תורה״ — מ׳זאָל באַהיט ווערן, אַז די שערי תפילה זײַנען פאַרשלאָסן, אונדזערע זינד הענגען ווי שווערע געוויכטער אויף די תפילות פון די צדיקים, זיי קאָנען נישט אויפשטייגן צום הימל. מיינט עץ, אַז די צדיקים זיצן מיט פאַרלייגטע הענט? חלילה! זיי שטורמען דעם הימל מיט דעם איינציקן געווער וואָס איז זיי געבליבן. זיי גייען מיטן כוח פון דער תורה — — — טאָקע מיטן כוח פון דער הלכה האָט דער הייליקער ליזענסקער, זײַן זכות זאָל אונדז בײַשטיין, אָפּגעשאָפט אַ ביטערע גזירה״.

כמעט יעדעס מעשהלע הענגט זיך אָן אויף אַ כוח, פון אַ מנחה, פון אַ צדיק, פון דער תורה, פון ביטחון, פון אַ ברכה, פון אַ שמחה, און אַפילו אויף אַ פּריץ וואָס האָט געוויינט און אויף אַ בעל־עגלה וואָס האָט געלאַכט. פאַראַן אין ספרל אַנדערע מעשיות, און אַ מדרשדיקער דרוש אין אַ געזונטן ייִדיש און צוויי מעשהלעך פאַר קליין און גרויס. דער חסידישער שניט, וואָס איז אי שאַרף, קאַנטיק, און אי ווייך, האַרציק, ווערט אָפּגעהיט אין יעדן מעשהלע. די מעשי נסים גליטשן זיך אַראָפּ פון די הויכע הימלען און פאַלן אַרײַן אין עמק הבכא אַזוי גלאַטיק און אַזוי פּשוט, אַז — עס קען גאָר אַנדערש נישט זײַן. דער שלא כדרך הטבע ווערט נאַטוראַליזירט, אַזוי צו זאָגן, און די גאַנצע אַרומיקע אַטמאָספער ווערט אָנגעזאַפּט מיט ייִדישער האַרציקייט און מענטשלעכער ווייכקייט, וואָס שטראָמען בשפע פון דעם צדיק און פון זײַנע מעשים.

איז גוט, אַז עס קומט אַ ייִדישער שרײַבער פון דער ווײַטער קאַנאַדע, וואָס זײַנע ספרים זײַנען צעזייט און צעשפּרייט כמעט בכל תפוצות ישראל, און אַנטפּלעקט אונדז פון דאָסנײַ אַלטע אוצרות וואָס ליגן שוין אָן אַ זײַט פון אונדזערע היסטאָרישע וועגן.

אליהו שולמאַן

אַלט-נייע חסידישע מעשיות

אין זײַן ראָמאַן „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט" באַשרײַבט עלבערג, אויף אַ רעאַליסטישן אופן דעם געראַנגל פאַר דער טאָג-טעגלעכער עקזיסטענץ. גאַנץ אָפּט קומט אויף די פראַגע צי דער גאַנצער פאַרמעסט צו בלײַבן לעבן לוינט זיך אַדער איז בכלל כדאי. אָבער די אַלע ספיקות און צווייפלענישן ווערן, ווי עס איז, אונטערדריקט — און דער געראַנגל גייט אָן. ער באַשרײַבט די שרעקלעכע סעלעקציעס, דעם ווידערשטאַנד און די לײַדן און אומקום אין טרעבלינקע. עס זײַנען דאָ אויך באַשרײַבונגען וועגן די פּאָלאַקן, אוקראַאינער, ליטווינער, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דײַטשן אין דער פאַרניכטונג פון די ייִדן. די אַלע סצענעס און געשעענישן ווערן געשילדערט קינסטלעריש, אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן און אין אַ רײַכן ייִדיש. זינט עלבערג האָט פּובליקירט די דאָזיקע צוויי ביכער האָט ער אָנגעשריבן נאָך אַ צאָל דערציילונגען און נאָוועלן, און אַצינד איז אַרויס זײַן זאַמלונג „מעשיות", וואָס טראָגט אונדז אַוועק אין אַ גאַנץ אַנדער וועלט און סביבה, אין דער אַמאָליקער וועלט פון חסידות.

די זאַמלונג „מעשיות" איז געהייליקט דעם אָנדענק פון זײַן זיידען, וואָס איז געווען אַ פאַרשער פון חסידות, דער וואַרשעווער רב ר' צבי יחזקאל מיכעלזאָן, און זײַן זון, דעם מחברס פעטער אברהם חיים שמחה בונם מיכעלזאָן, וואָס איז געווען, ווי עס זאָגט יהודה עלבערג, דער מחבר פון אַ סך חסידישע ספרים. פון דער דאָזיקער „הייליקונג" זעט מען אַז דער מחבר פון „מעשיות" איז דערצויגן און איז באַווירקט געוואָרן פון חסידות און אַז ער איז באַקאַנט מיטן חסידישן לעבן און מיט דער חסידישער ליטעראַטור.

די ייִדישע ליטעראַטור פאַרמאָגט אַ סך פאַרשיידנאַרטיקע ווערק וועגן חסידות, חסידים און חסידישע רביים. אַ סך פון די חסידישע מעשיות זײַנען באמת קונסטווערק. עס זײַנען דאָ אַנאָנימע מעשיות, און עס זײַנען דאָ די גרויסאַרטיקע דערציילונגען פון רבי נחמן בראַצלאַווער, וואָס דריקן אויס סײַ די פערזענלעכקייט פון דעם גרויסן חסידישן רבין, סײַ די פילאָסאָפיע פון חסידות. מיר האָבן די חסידישע

דערשינען אין „פאָרווערטס".

דערציילונגען פון י. ל. פּרצן, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר איינעם פון די הויפּט־יסודות פון אונדזער ליטעראַטור. פּרץ האָט גענומען דעם חסידישן מאַטעריאַל, האָט עס ראַפינירט, באַאַרבעט און איבערגעדיכטעט און האָט געשאַפן הויך־קינסטלערישע ווערק. שלום אַש און יוסף אָפּאַטאָשו האָבן אין געוויסע פון זייערע ווערק אַרײַנגעוועבט חסידישע עלעמענטן און האָבן געשילדערט חסידישע פּער־זענלעכקייטן. און דער נסתר האָט אין זײַן ראָמאַן "די משפּחה משבר" אַרויס־געבראַכט דעם מהות פון דער בראַצלאַווער חסידות. ייִדישע פּאָעטן האָבן געשריבן אומצאָליקע לידער וועגן רביים, חסידים און חסידות. ווער קאָן פאַרגעסן די הער־לעכע חסידישע לידער פון יעקב פרידמאַנען, אָדער מאַנגערס "סאָנקט בעש"ט", וואו אין איין פּערז קומט אויף דער גאַנצער מהות פון עכטן, אויטענטישן חסידיזם ? און אַפילו אַזאַ וועלטלעכער פּאָעט ווי זישע לאַנדוי האָט אָנגעשריבן אַזאַ ליד ווי "דער הייליקער בעל שם טוב".

וועגן חסידות האָבן אויך געשריבן אַ סך פּאָפּולערע שרײַבער, ווי למשל יצחק אבן, וואָס אַ זאַמלונג פון זײַנע חסידישע דערציילונגען איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איבערגעדרוקט געוואָרן פון אַ פּרומען פאַרלעגער אין ירושלים.

פון יהודה עלבערגס דערציילונגען און נאָוועלן וועגן חורבן ביז דער נייעסטער זאַמלונג "מעשיות" איז באמת פאַלג מיר אַ גאַנג. פון דער דערדריקנדיקער אַטמאָס־פערע פון אומקום און טויט איז ער אַוועק צו דער אַלטער וועלט, צו דער וועלט פון חסידות און רביים. די אַלע דערציילונגען אין דעם בוך זײַנען סטיליזירט, זיי זײַנען פול מיט אידיאָמאַטישע אויסדרוקן און העברעאיזמען וואָס זײַנען אַן אָרגאַנישער טייל פון ייִדיש. אַזוי הויבט ער אָן זײַן ערשטע דערציילונג "דער כוח פון אַ מנחה" אין אַ נוסח פון אַ פאָלקס־מעשה :

"אויב עץ מיינט, אַז נאָר אין גבעון האָט די זון זיך אָפּגעשטעלט אין איר גאַנג, האָט עץ במחילה אַ טעות. דאָס צווייטע מאָל איז עס געווען לעבן מעזריטש. ומעשה שהיה, כך היה : דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זכרונו לברכה, איז געגאַנגען צו זײַן רבין, דער רבי ר' בער פון מעזריטש, זײַן זכות זאָל אונדז בײַשטיין. געגאַנגען, זײַנע הייליקע רעיונות האָבן זיך מתייחד געווען מיט דברי קדושה, און פּלוצים דערזעט ער כי פנה יום, אַז די זון לאָזט זיך שוין אַראָפּ צום מערב און ער האָט נאָך קיין מנחה נישט געדאַוונט..." דער רבי שטעלט זיך אָפּ אין אַ קרעטשמע, אָבער דער קרעטשמער, וואָס האָט ניט דערקענט דעם רבין, האָט אים באַליידיקט און אַרויסגעוואָרפן. דער רבי איז אַוועק אין אַ דערבײַאיקן וועלדל און האָט אָנ־געהויבן דאַווענען מנחה. פּלוצים האָט ער דערזען ווי די קרעטשמע ברענט, און ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַן אָפּצאָל פאַר באַליידיקן אים. דער רבי האָט זיך געווענדעט צו גאָט און אויסגערופן : "דו האָסט עס געטאָן מחמת דו האָסט זיך אָנגענומען פאַר מײַן כבוד, אי אפשי בכבוד כגון זה, איך וויל נישט אַזאַ כבוד". דער נאַראַטאָר לאָזט אונדז וויסן אַז ווען אַ צדיק איז גוזר איז דער קדוש ברוך הוא

מקיים. און אַזוי איז עס געווען — דאָס פּײַער האָט זיך אויסגעלאָשן, אָן גרויסן שאָדן פֿאַרן קרעטשמער.

אויף דעם זעלביקן אופֿן ווערט דערציילט די צווייטע מעשה "דער כוח פֿון אַ צדיק", ווי אַזוי "די צוויי הייליקע ברידער, דער רבי ר' אלימלך און דער רבי ר' זושא, זײַנען געגאַנגען קיין מעזריטש, צו זײַן שבועות, דעם זמן מתן תורתנו, בײַם רבין ר' בער זכרונו לברכה". אין דעם ענלעכן נוסח ווערט דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט אויפֿן וועג, ווי אַזוי דער רבי האָט געווינטשן אַ ייִדישע פֿרוי אַז זי זאָל האָבן אַ זון, און ווי אַזוי די ברכה איז מקוים געוואָרן. דערבײַ ווערט אַרײַנגעפֿלאָכטן אַ זאָג פֿון אַ רבין, אַז "יעדעס יאָר אין שבועות, באותו הרגע ווען דוד המלך, עליו השלום, איז נפטר געוואָרן, ווערט אַראָפּגעשיקט אַ נשמה וואָס איר שורש איז מגזע דוד. עס וואַקסט אויס אַ גדול, וואָס זײַן תורה און זײַן צידקות מאַכט אים ראוי צו ווערן אַ גואל צדק. דער דור דאַרף נאָר ראוי זײַן".

אויף דעם זעלביקן, אָדער ענלעכן אופֿן ווערט דערציילט די מעשה "דער כוח פֿון דער תורה", ווי אַזוי דער ליזענסקער רבי האָט אָפּגעשאַפֿט די גזירה אין גאַליציע, אַז אַ ייִד קען ניט חתונה מאַכן זײַן טאָכטער איידער ער באַצאָלט דער מלוכה פֿיר הונדערט גילדן. די דאָזיקע דערציילונג האָט דראַמאַטישע עלעמענטן, ווען דער מחבר שילדערט אַ דין תורה פֿאַר אַ בית דין פֿון דרײַ רביים.

אין די איבעריקע חסידישע דערציילונגען, פּונקט ווי אין די דערציילונגען "די פּרינצעסין און דער פּאַסטעך" — און "געקעניגט האָט אַמאָל אַ באַרג", קומען פֿאָר אויסטערלישע אָבער באַקאַנטע געשעענישן, ווי ווען מען פֿאַרבעט מתים צו אַ חתונה, וועגן אַ רבין וואָס פֿאַרשילט און ווי אַזוי עס ווערט אָוועקגענומען די קללה.

די אַלע דערציילונגען, ווי מיר האָבן פֿריער דערמאָנט, זײַנען פֿול מיט פֿאָלקס־טימלעכקייט, אידיאָמאַטישע אויסדרוקן און נאַטירלעכע העברעאיזמען; עס איז דאָ אויך דער עלעמענט פֿון סטיליזאַציע, אָבער צוגלײַך מיט אַזוינע אויסדרוקן ווי "מתייחד זײַן", "מתיעץ זײַן" און צענדליקער ענלעכע זײַנען דאָ אַזעלכע אויס־דרוקן ווי "דעם איינציקן געוועזן", "אויסצוזעצן", "פֿאַרשליסן דעם דמיון", וואָס האַרמאָנירן ניט אַלע מאָל.

די אַלע דערציילונגען האָבן אַ סוזשעט. עס ווערט עפּעס דערציילט, דערבײַ ווערן כאַראַקטעריזירט מענטשן. עס ווערט געמאָלן די סביבה, און הגם די דער־ציילונגען זײַנען גאַנץ קורצע איז דאָ באַרעדעוודיקייט. און דערבײַ איז דאָ אַ מוסר־השכל, אָדער אַ מאָראַל, ווי עס קומט צום אויסדרוק, למשל, אין דער דערציילונג "אין אַ חתונה־נאַכט". בכלל לעבט עלבערג פֿאַר אונדז אויף אַ וועלט וואָס איז פֿאַרשוואונדן, אַ וועלט וואו ייִדן האָבן טאַקע אַ סך דורכגעמאַכט און געליטן, אָבער וואו זיי האָבן געלעבט ווי פֿולע ייִדן מיט בטחון.

דב נוי

אוניווערסאַלע און ייִדישע עלעמענטן אין "די פּרינצעסין און דער פּאַסטעך"

צווישן די ליטעראַרישע שאַפונגען פון יהודה עלבערג פאַרנעמט דאָס בוך מעשיות (תל־אביב 1980) אַ באַזונדערן אָרט. עלבערג איז אַ רעאַליסטישער דערציי־לער, אַ ראָמאַניסט, און מיר האָבן וויניק פּראָזאַיִקערס אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס די פּראָפּאָרציע צווישן זייערע ראָמאַנען און זייערע דערציילונגען איז אַזוי שטאַרק לטובת די ראָמאַנען ווי ביי עלבערגן. סיי זיינע ראָמאַנען און סיי זיינע דער־ציילונגען טראָגן אַ רעאַליסטישן כאַראַקטער און שפּיגלען בעיקר אָפּ דאָס ייִדישע לעבן אין די לעצטע דריי־פיר דורות. אַלע האָבן אַ רעאַליסטישן, סיי געאָגראַפישן און סיי היסטאָרישן, הינטערגרונט. אַפילו ווען דער סיפּור־המעשה פונעם ראָמאַן אָדער פון דער דערציילונג שפּיגלט ניט אָפּ די גענויע היסטאָרישעווירקלעכקייט, און דער ליטעראַרישער פּערסאָנאַזש איז ווייט פון ווירקלעכע היסטאָרישע כאַ־ראַקטערן, אויך דעמאָלט איז די היסטאָרישע, רעאַליסטישע ראַם אויסגעהאַלטן.

איז טאַקע די אויבנדערמאָנטע זאַמלונג פון צוועלף מעשיות גאָר אַנדערש, אַ יוצא מן הכלל. סיי די ניין חסידישע מעשיות און סיי די אַנדערע דריי מעשיות (איינע פון זיי אַ מדרשדיקע מעשה וועלכע שעפּט איר יניקה פון די תלמודיש־מדרשדיקע אַגדות וועגן משה רבנו) זיינען ווייט פונעם היסטאָרישן רעאַליזם, כאָטש זייערע ווירקנדיקע כאַראַקטערן (דער טערמין האָט אין דער עטנאָפּאָעטיק — דער וויסנשאַפט פון דער פאָלקס־ליטעראַטור — אַרויסגעשטויסן דעם אַלטן און אַנגענומענעם אין דער פאַרגאַנגענהייט טערמין "העלד") זיינען היסטאָרישע פּער־זענלעכקייטן, גוט באַקאַנט אין דער ייִדישער געשיכטע און ליטעראַטור, צווישן זיי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, דער "אוהב ישראל" פון אַפּט, דער "חוזה" פון לובלין און אַנדערע. דאָס חסידישע מעשהלע ווי אַ זשאַנער איז נאָך אַלץ מסוגל צו אינספּירירן ייִדישע שאַפערס, און באַזונדערש מחברים וועלכע שטאַמען ווי יהודה עלבערג פון רבנים און רביים, מחברים פון חסידישע קונטרסים און ספרים. שאַפן

אַרבעט געשריבן ספּעציעל פאַר דער זאַמלונג.

און שרײַבן איז בײַ עלבערגן אַ שליחות, און דאָס ברענגען עלעמענטן פֿון זײַן משפּחה־ירושה פֿאַרן ברייטן עולם, איז אַן אינטעגראַלער טייל פֿון דאָזיקן שליחות. אַפילו ווען דאָס שליחות לגבי זײַן משפּחה־ירושה ווערט געטאָן אויף אַן אומ־באַוווסטזיניקן אופֿן, איז דאָס מן הסתם איינע פֿון די וויכטיקסטע פּערזענלעכע סיבות פֿון זײַן ווענדן זיך צו דעם זשאַנער פֿון דער חסידישער מעשה.

די ראַם פֿון דער חסידישער דערציילונג איז תמיד געווען נאָרמאַטיוו און באַשטימט, אָבער נאָר בנוגע דעם סיפּור־המעשה. דער דערציילער האָט זיך געקאָנט דערלויבן דיגרעסיעס, דורכפֿלעכטנדיק זײַן דערציילונג מיט חסידישע "תורות", דאָס הייסט מיט פּערזענלעכע, אייגענע געדאַנקען, מוסר־השכּל, שליחותדיקע רעיונות און אַנדערע אַפּווײַכונגען פֿון דער סיפּור־המעשה ראַם. אין די דאָזיקע אַפּווײַכונגען פֿון "ניט דאָס בין איך אויסן" ליגן טאַקע די ליטעראַרישע גרויסקייט און אינדיווידועלע באַזונדערקייט סײַ פֿון פּרצעס חסידיש און סײַ פֿון עלבערגס מעשיות, און די פּערזענלעכע "תּורות", אַרײַנגעפֿלאָכטענע דורך עלבערגן אין זײַנע דערציילונגען, מאַכן אַפּילו אָפּט אַ מער אויטענטישן אײַנדרוק און טראָגן אַ מער חסידישן כאַראַקטער, ווי די פֿון פּרצן און זײַנע נאָכמאַכערס און נאָכ־פֿאָלגערס.

צווישן די צוועלף מעשיות פֿון וועלכע דאָס בוך מעשיות באַשטייט, פֿאַרנעמט די מעשה "די פּרינצעסין און דער פּאַסטעך" אַ באַזונדערן אָרט. ניט נאָר איז דאָס כּמותדיק די לענגסטע דערציילונג אין דעם בוך און אירע 35 זײַטלעך פֿאַרמירן אַ 30 פּראָצענט פֿונעם גאַנצן מאַטעריאַל; ניט נאָר איז זי פֿינף מאָל לענגער אין פֿאַרגלײַך מיט דער דורכשניטלעכער לענג פֿון די אַנדערע מעשיות, וואָס די לענגסטע פֿון זיי פֿאַרמאָגט 13, די קירצעסטע — 2 זײַטלעך. "די פּרינצעסין און דער פּאַסטעך" איז אויך די איינציקע מעשה אין דעם בוך וואָס אירע ווירקנדיקע כאַראַקטערן — מענטשן (די לעצטע מעשה אין דער זאַמלונג "געקעניגט האָט אַמאָל אַ באַרג" איז אַ משל און די הויפּט־כאַראַקטערן זײַנען אַ באַרג, אַ וואַלד אאַז"וו), זײַנען ניט קיין היסטאָרישע געשטאַלטן, ווי אין אַלע אַנדערע מעשיות.

צווישן "מעשהלע" און "לעגענדע"

די "פּרינצעסין"־דערציילונג האָט אַלע סימנים פֿון אַן אוניווערסאַלער פֿאָלקס־דערציילונג, אַ פֿאָלקס־"מעשהלע" (דײַטש: "מערכען"; פּויליש: "בייקאַ"; רוסיש: "סקאַזקאַ"), און דאָך טראָגט זי אויך אַ באַשײַמפּערלעכן לעגענדאַרן ייִדישן כאַראַקטער, און אירע היסטאָריש־געאָגראַפֿישע אָנצוהערענישן באַשטימען זי ווי צוגעהעריק צו דעם "לעגענדע"־זשאַנער.

אַ "לעגענדע" איז אַ פֿאָלקס־דערציילונג וואָס קומט פֿאָר אין אַ געוויסער, היסטאָריש דעפֿינירבאַרער צײַט און אין אַ געוויסן, געאָגראַפֿיש דעפֿינירבאַרן רוים,

און האָט דערפאַר אויך היסטאָרישע געשטאַלטן. ניט ווי דאָס "מעשהלע" וואָס האָט ניט קיין קאָנקרעטע צײַט און אויך ניט קיין קאָנקרעטן רוים, און זײַנע פּערסאָנאַזשן זײַנען אַלגעמיינע און סטערעאָטיפּישע געשטאַלטן — אַ מלך, אַ פּרינצעסין, אַ פּאַסטעך אדג"ל.

א1–3. קאָנגלאָמעראַט פון דרײַ מעשהלע־טיפּן

די נאַראַטיווע עלעמענטן פון דעם סיפור־המעשה אין דער "פּרינצעסין"־דערציילונג זײַנען גוט באַקאַנט אין דעם אַלגעמיינעם אוצר פון דעם אוניווערסאַלן מעשהלע. אונדזער דערציילונג איז אַ קאָנגלאָמעראַט פון דרײַ נאַראַטיווע מעשהלע־טיפּן, און יעדער פון זיי האָט אַן אַסיגנירטן, אינטערנאַציאָנאַלן נומער, לויט דעם קלאַסיפיקאַציע־סיסטעם פון דעם אַרנע־טאָמפּסאָן[1] אינדעקס, וועלכער איז אָנגענומען הײַנט אין דער אוניווערסאַלער עטנאָפּאָעטיק.

לאָמיר איצט פּרעזענטירן אַ קורצן איבערבליק פון די דרײַ מעשהלע־טיפּן אין אונדזער דערציילונג:

א1. דער מאַגישער מעשהלע־טיפּ (559*א) פון ברענגען די פּרינצעסין צום לאַכן.

דער מעשהלע־טיפּ 559*א (לויט דער קלאַסיפיקאַציע פון אַנדרעיעוו וועלכע דערגאַנצט אויפן סמך פון דעם רוסישן מעשהלע־אוצר די אַרנע־טאָמפּסאָן קלאַסיפיקאַציע) טראָגט דעם נאָמען: "דאָס ברענגען די פּרינצעסין צום לאַכן (צום רעדן, צום ענטפערן אדג"ל)". לכתחילה קאָאָפּערירט ניט די פּרינצעסין, ניט מיט אירע עלטערן וועלכע ווילן זי זען אַ חתונה־געהאַטע, און ניט מיט די פײַנע יונגעלײַט, בעיקרשט פּרינצן, וועלכע שדכנען זיך צו איר. זי רעדט ניט, זי שמייכלט ניט, זי ענטפערט ניט אויף פראַגעס, זי רעאַגירט ניט. איינער פון די יונגע פּרינצן איז אָבער מצליח צו באַאײַנפלוסן "די שווײַגנדיקע (שטומע) פּרינצעסין" (דאָס איז אַן אַנדער נאָמען פון אונדזער מעשהלע־טיפּ), וועלכע ענדערט איר באַנעמען און האָט חתונה מיט אים, פאַרשאַפנדיק גרויס נחת סײַ אירע עלטערן און סײַ דער גאַנצער מלוכה.

די וועגן וועלכע דער יונגערמאַן באַניצט כדי צו ענדערן און באַצווינגען די גלײַכגילטיקע פּרינצעסין, קאָנען זײַן פון צוויי סאָרטן:

א. אויב די וועגן זײַנען רעאַליסטיש און שטיצן זיך אויף קלוגע אײַנפאַלן און איבערגעשפּיצטע פאַרטלעך, געהערט די דערציילונג צום זשאַנער פון דער "נאָוועלע" (אַרנע־טאָמפּסאָן נו' 850־949).

ב. אויב די טראַנספאָרמאַציע אין דער פּרינצעסין קומט פאָר מכוח איבער־

נאַטירלעכע כוחות, אַדאַנק מאַגישער הילף, אויסערגעוויינטלעכע פּערזאָנען, כישוף־אָביעקטן אדג״ל, געהערט די דערציילונג צום זשאַנער פונעם ״מאַגישן מעשהלע״ (**אַרנע־טאָמפּסאָן** נג׳ 300־749).

ס'איז קלאָר אַז די פּרינצעסין דינה אין אונדזער דערציילונג ווערט געהיילט מיט דער הילף פון דעם איבערנאַטירלעכן אַלטן ״גייער״, און פון דעם ״עפּל פון גוטסקייט״ וועלכער וואַקסט אויף דעם ״בוים פון גן־עדן״. דערפאַר געהערן די הויפּט־מאָטיוון פון אונדזער ״פּרינצעסין״־דערציילונג צו די מאַגישע מאָטיוון (לויט דער אָנגענומענער מאָטיוון־קלאַסיפיקאַציע ביים **טאָמפּסאָן** [2]), און צוויי פון די דריי מעשהלע־טיפּן, פון וועלכע אונדזער קאָנגלאָמעראַט באַשטייט, געהערן צו דעם זשאַנער פון דעם מאַגישן מעשהלע.

אין דעם ״ישראל פאָלקס־דערציילונג אַרכיוו״ וועלכער געפינט זיך ביים חיפה־אוניווערסיטעט און פאַרמאָגט איצט 17,100 דערציילונגען געזאַמלטע זינט 1955 פון מינדלעכער איבערליפערונג אין ישראל (באַקאַנט און ווייטער געבראַכט ווי אסע״י — ארכיון הסיפור העממי בישראל [3]), געפינען זיך 13 וואַריאַנטן פון דער ״שווייַגנדיקער פּרינצעסין״ און 7 פון זיי זייַנען געדרוקט געוואָרן מיט פּאַר־גלייַכיקע באַמערקונגען אין פאַרשיידענע פאָלקלאָריסטישע זאַמלונגען [4].

אַ2. דער מאַגישער מעשהלע־טיפּ (551) פונעם מאַגישן היילמיטל.

אין עלבערגס דערציילונג פאַרנעמט אַ גאַר וויכטיק אָרט, סיי אינהאַלטלעך און סיי סטרוקטורעל, דאָס זוכן און ברענגען פונעם מאַגישן אָביעקט — דעם עפּל פון גוטסקייט. וואָלטן די פּרינצעסין דינה אָדער דער פּאַסטעך דן, וועלכער איז דער פּאָזיטיווער הויפּט־כאַראַקטער פון דער דערציילונג, געקריגן דעם מאַגישן עפּל פון דער מאַגישער געשטאַלט דירעקט, וואָלט דער טיפּ 559*א געווען דער איינציקער אין אונדזער דערציילונג. אָבער אַזוי ווי די רייַזע צום מאַגישן בוים אין גן־עדן און די סכנות פאַרבונדן דערמיט פאַרנעמען אַ באַזונדער וואָגיק אָרט, געהערט אונדזער דערציילונג אויך צו אַ צווייטן מעשהלע־טיפּ, וועלכער באַלאַנגט, ווי דער ערשטער טיפּ, צום מאַגישן מעשהלע־זשאַנער.

דער מעשהלע־טיפּ 551 טראָגט דעם נאָמען: ״די אויפגאַבע — די רייַזע צום מאַגישן היילמיטל״. דער טיפּ איז זייער פאַרשפּרייט, געפינט זיך אויך אין דער זאַמלונג פון די ברידער גרים (נג׳ 57, 97) און האָט געהאַט אַ סך וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען און אינטערפּרעטאַציעס. אין אסע״י געפינען זיך 15 וואַריאַנטן פון אים, און דרייַ פון זיי זייַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן [5].

דער מאָטיוו פונעם מאַגישן עפּל (D 981.1) ווי אַ טייל פון אונדזער טיפּ איז זייער פאַרשפּרייט אין פאָלקס־דערציילונגען און ער קומט פאָר אויך אין אַנדערע מאַגישע מעשהלע־טיפּן.

תמיד איז דער עפּל ווי אַ היילמיטל גורם צו אַ טראַנספּאַרמאַציע — צו אַ טאָטאַלער ענדערונג, און ווער עס עסט אים, אָדער פון אים, איז גאָר אַנדערש נאָכן עסן אין פאַרגלייַך מיט דעם וואָס ער איז געווען פאַר דעם. שוין אונדזער מוטער חוה און אדם הראשון האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ טראַנספּאַרמאַציע אין דער גן־עדן דערציילונג, ווי אַ פּועל־יוצא פונעם עסן די פאַרבאָטענע פּרוכט פון עץ הדעת. דאָס פאָלק האָט אידענטיפיצירט די דאָזיקע פּרוכט ווי אַן עפּל, כאָטש אין דער תורה גופא ווערט קיין עפּל ניט דערמאָנט [5]*.

על־פּי־רוב האָט די פּעולה פונעם מאַגישן עפּל צו טאָן מיט אויסהיילן זיך פון אַ קראַנקייט, און דער עפּל פונקציאָנירט ווי אַ רפואה, דאָס הייסט — ער פאַרבייַט שלעכטע, פיזישע אָדער מאָראַלישע, קוואַליטעטן פונעם "געניסער" אויף גוטע: די קראַנקע "עסערס" ווערן געזונט (מאָטיוו D 1342.2), געהיילט פון פּרוכטלאָזיקייט (D 1347.1), ווערן אומשטערבלעך (D 1346.6.2), אאַז"וו. דאָס איז אויך די פונקציע פונעם עפּל אין אונדזער דערציילונג: די פּרינצעסין ווערט גוט און מסוגל צו שמייכלען, צו זינגען, צו טאַנצן, צו ליבן (D 1355.7).

די אויפגאַבע צו געפינען און ברענגען דעם מאַגישן עפּל (מאָטיוו D 1333.3.1) צו דער פּערזאָן פאַר וועלכער ער איז באַשטימט ווי אַ ישועה און אַ רפואה, איז גאָר אַ שווערע. דער וועג איז פול מיט סכנות און תמיד איז דאָ אַן אַנטאַגאָניסט (אין אונדזער דערציילונג — דער בייזער פּאָפּוגייַ) וועלכער שטערט אויף שריט און טריט, און טוט אַלץ כדי די פּעולה זאָל ניט מצליח זייַן און די אויפגאַבע זאָל ניכשל ווערן.

די העלדישע טאָטן פונעם פּאַסטעך, אַזוי ווי עטלעכע אויפטוען פון אַנדערע פּאָזיטיווע כאַראַקטערן וועלכע נעמען אויף זיך די אויפגאַבע, האָבן אָבער תמיד אַ גוטן סוף: דער עפּל דערגרייכט זייַן ציל, און דאָס מעשהלע ענדיקט זיך אין אַלע וואַריאַנטן מיט דער חתונה פונעם "ברענגער פונעם עפּל" מיט זייַן "עסער". אויך אונדזער דערציילונג ענדיקט זיך מיט דער חתונה פון דעם פּאַסטעך (דעם ברענגער פונעם עפּל) מיט דער אויסגעהיילטער, ד"ה טראַנספּאָרמירטער פּרינצעסין (דער עסערין פונעם עפּל), ווייַל דאָס איז דער מיין פון דעם קעניגס באַפעל: "ברענגט די חופּה־שטאַנגען!" (ז' 247).

די טראַנספּאַרמאַציע פון שלעכטס אויף גוטס פאַרברייטערט זיך אין אונדזער דערציילונג אויך אויף אַנדערע כאַראַקטערן וועלכע באַטייליקן זיך אין דעם סיפּור־המעשה און זייַנען על־פּי זייער נאַטור שלעכט און נעגאַטיוו. צו דער קאַטעגאָריע געהערן די ים־רויבערס און דער לייב — די ווילדע חיה. אַזוי ווי דער עפּל איז באַשטימט פאַר דער פּרינצעסין אַליין, האָבן מיר אין דער דערציילונג דעם צוגאָב־מאָטיוו פון מאַגישע בלעטער (מאָטיוו D 955) אַראָפּגעריסן דורכן פּאַסטעך פון דעם מאַגישן בוים צוזאַמען מיטן עפּל, לויט דער עצה פונעם פּאָזיטיוון אַלטן העלפער. די היילנדיקע סגולות פון די בלעטער (D 1500.1.4.2) ווירקן אויף דעם

לייב און אויף די פּיראַטן פּונקט ווי עס ווירקט דער הייליגדיקער עפּל (D 1500.1.5.1) אויף דער פּרינצעסין. די טראַנספאָרמאַציע פונעם הויפּט־קעגנער, דעם פּאַפּוגײַ, קומט פאָר אויף אַן אַנדערן וועג און ווערט דורכגעפירט דורך דעם אַלטן „גייער" מיט דער הילף פון זײַן מאַגישן שטעקן (D 1254).

אַ3. דער נאָוועליסטישער מעשׂהלע־טיפּ (899) פון אַלקעסטיס.

דער מאָטיוו פון גרייטקייט מצד אַ ליבהאָבער מקריב צו זײַן זײַן (איר) לעבן כדי זײַן געליבטע (איר געליבטער) זאָל ווײַטער לעבן, און אויף אַזאַ אופן, דורך אַ מתנה פונעם לעבן, אָפּקויפן דאָס אַנדערע לעבן פונעם מלאך־המוות (אָדער פון אַן אַנדערן איבערנאַטירלעכן כּוח, וואָס האָט גוזר געווען דעם טויט), איז ניט קיין אינטעגראַלער טייל פון אונדזער מעשׂהלע־טיפּ (אַרנע־טאָמפּסאָן 551). דן דער פּאַסטעך אָדער פּאַראַלעלע העלדן אין אוניווערסאַלע און ייִדישע וואַריאַנטן האָבן געמוזט איבערקומען אַזוי פיל פאַרשיידענע סכּנות און שטרויכלונגען, האָבן געמוזט דורכגיין אַזוי פיל נסיונות, און האָבן דאָס אַלץ געטאָן פרײַוויליק, צוליב עפּעס אַן אידעאַל; קומט זיי טאַקע דערפאַר דער פּרייז (די צוגעזאָגטע פּרינצעסין) אויך אָן קיין שום צוגאָב־פּרווו. אויך אונדזער דערציילונג וואָלט געווען פולקאָם און אויסגעהאַלטן, ווען זי וואָלט פאַרמאָגט נאָר די צוויי אויבנדערמאָנטע מעשׂהלע־טיפּן, ווײַל אין תוך גענומען איז יעדער פון זיי גענוג פאַר אַ זעלבשטענדיקער און פולער מעשׂה.

אָבער דער אַרײַנגעפלאָכטענער עלעמענט פון דער טויט־גזירה אויף דעם פּאַסטעך (30 טעג נאָכן דערגרייכן זײַן ציל — דעם הייל־עפּל) שאַפט דעם דריטן מעשׂהלע־טיפּ פון אונדזער קאָנגלאָמעראַט. דער טיפּ (899) הייסט „אַלקעסטיס" און זײַן נאָמען איז אידענטיש מיט דעם נאָמען פון זײַן הויפּט־געשטאַלט, דער העלדין פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע וועלכע אוריפּידעס האָט פאַראייביקט אין זײַן טראַגעדיע וואָס טראָגט דעם זעלביקן נאָמען: אַלקעסטיס (יאָר 438 פאַר אונדזער צײַט־רעכענונג). אין דעם מיטאָס איז אַלקעסטיס גרייט מקריב זו זײַן איר לעבן כדי אויסצולייזן איר געליבטן, דעם קעניג אַדמעט, פון דעם טויט וועלכער איז אויף אים ניגזר געוואָרן. אָפילו אַדמעטס אַלטע עלטערן, ניט זײַן אַלטער טאַטע און ניט זײַן אַלטע מאַמע, זײַנען גרייט אָפּצוגעבן זייער לעבן ווי אַ מתנה אַנשטאָט דעם לעבן פון זייער זון, אָבער פאַר דער פאַרליבטער אַלקעסטיס איז קיין שום זאַך ניט צו טײַער ווען עס קומט צום ראַטעווען דאָס לעבן פון איר געליבטן.

דער מאָטיוו פון דער לעבנס־מתנה און פון דעם „מיר זאָל זײַן פאַר דיר" (T 211.1) איז גוט באַקאַנט אויך אין דער ייִדישער פאָלקס־ליטעראַטור, בעיקר פון דער דערציילונג „ראובן הלבלר"[6]. ער איז אויך פאַראַן אין דער מינדלעכער

איבערליפערונג. אין אסע״י געפינען זיך זעקס וואַריאַנטן פון אונדזער טיפּ, אָבער נאָר איינער פון זיי איז אָפּגעדרוקט [7].

אין דער אַלגעמיינער און ייִדישער פאָלקס-ליטעראַטור איז יעדער פון די דרײַ אויבנדערמאָנטע מעשהלע-טיפּן גוט באַקאַנט, און פאַרהעלטנישמעסיק ווײַט פאַרשפּרייט, אָבער אַ דערציייל-קאָנגלאָמעראַט וועלכער פלעכט צוזאַמען די אויבנ-דערמאָנטע דרײַ טיפּן איז אונדז אומבאַקאַנט. דאָס איז אַן עדות אַז אַפילו ווען די יסודות פון יעדן איינעם פון די דרײַ טיפּן און זייערע מאָטיוון האָבן געלעבט ערגעצוואו אין עלבערגס אונטער-באַוואוסטזיין, איז זייער צוזאַמענשטעל, ווי אויך די ענדגילטיקע סטרוקטור פון דער גאַנצער דערציילונג — דער רעזולטאַט פונעם מחברס שאַפערישן פאַרנעם און זײַן פּאָעטישער פאַנטאַזיע.

דער אינהאַלטלעכער הויפּט-חידוש פון דעם קאָנגלאָמעראַט איז דאָס צוזאַמענ-ברענגען פון מאַגישע און נאַוועליסטישע פאָלקסמאָטיוון אונטער איין דאַך. דאָס צוזאַמענגנייען פון די מאָטיוון און טיפּן געשעט אויף אַזאַ קינסטלערישן אופן, אַז מיר שפּירן גאָרניט דערפון. ס׳איז ניט קענטלעך קיין שום סימן פון די פעדעמלעך וועלכע באַהעפטן די דרײַ מעשהלע-טיפּן און שטעלן אויף פון זיי אַ נײַע אייגנ-אַרטיקע דערציילונג.

די הויפּט-ענדערונג איז בעיקר בנוגע דעם מעשהלע-טיפּ 551. אין די הונדער-טער וואַריאַנטן פון דעם דאָזיקן טיפּ איז די געשטאַלט-סטרוקטור קלאָר און די האַנדלונג איז בעיקר צווישן דעם ״געבער״ און זײַנע ברידער. סײַ דער ״נעמער״ וועלכער געניסט פונעם היילמיטל (אַ קעניג, אַ טאַטע, אַ בלינדער אדג״ל) און סײַ דער ״געבער״ (אַ פּרינץ, די זין פון אַ קראַנקן קעניג אדג״ל) זײַנען מענער, דער מאַגישער אָביעקט (״וואַסער פון לעבן״, אַ גאָלדענער עפּל, אַ גאָלדענער פויגל, ״יוגנט-וואַסער״ אדג״ל) איז תמיד אַ היילמיטל און תמיד קומט פאָר די טאָטאַלע ענדערונג — די טראַנספאָרמאַציע — בײַ אַ מאַנספּאַרשוין. דער ״נעמער״-געניסער אין אַ מאַן.

זייער זעלטן באַטייליקן זיך אין אונדזער טיפּ פרויען, און דער עניין פון ״בינו-לבינה״ קומט כמעט ניט פאָר. אָבער אַזוי ווי איינער פון די דרײַ טיפּן פון אונדזער קאָנגלאָמעראַט האָט אַ נאָוועליסטישן כאַראַקטער, איז דאָס היילן אין אונדזער דערציילונג פאַרבונדן מיט ליבע און מיט גוטסקייט וואָס אָן איר קען קיין ליבע ניט עקזיסטירן. מיר שפּירן די גאַנצע צײַט, צוליב וועמען שטעלט דער פּאַסטעך אײַן זײַן לעבן און פאַר וועמען איז ער גרייט עס מקריב צו זײַן. מיר ווייסן אַז די פּרינצעסין איז דער כוח וועלכער מאָטיווירט די גאַנצע האַנדלונג. די נאָוועליסטישע סגולות פונעם אַלקעסטיס-מאָטיוו דרינגען טיף אַרײַן אויך אין די צוויי אַנדערע מאַגישע טיפּן.

יהודה עלבערגס קינסטלעריש-פּאָעטישע דערגרייכונג אין דער ״פּרינצעסין״-דערציילונג באַשטייט אָבער בעיקר ניט פון די סטרוקטורעלע ענדערונגען אין

דעם קאָנגלאָמעראַט און אין זייַנע אוניווערסאַלע מאַגישע און נאָוועליסטישע מאָטיוון, נאָר אין זייַן גרויסער הצלחה צו פאַרייִדישן, צו "מגייר זייַן" און צו לעגענדאַריזירן די דאָזיקע מאָטיוון. עס איז איצט גאָר שווער צו באַשליסן צי זייַן דערציילונג איז אַן אַלוועלטלעך מעשהלע צי אַ ייִדישע לעגענדע.

איין זאַך איז קלאָר: די דערציילונג טראָגט אַ ייִדישן כאַראַקטער, כאָטש אין תוך גענומען געהערט דער סיפּור־המעשה פון אַלע דרייַ קאָמפּאָנענטן פונעם קאָנגלאָמעראַט, צום אוצר פון דער אַלוועלטלעכער פאָלקס־דערציילונג, און פאַר־מאָגט, ווי מיר האָבן געזען, אוניווערסאַלע — גוט־באַקאַנטע און ווייַט־פאַרשפּרייטע מאָטיוון.

זייַנען דעם מחבר באַקאַנט געווען די אָריגינעלע מעשהלעך, וועלכע זייַנען געווען פאַרשפּרייט און דערציילט אין פּוילן, סייַ צווישן ייִדן און סייַ צווישן ניט־ייִדן? די פראַגע איז ניט מהותדיק פאַר אונדזער פאַרגלייכיקער אַרבעט וועלכע וויל אַנאַליזירן די אוניווערסאַלע און ייִדישע עלעמענטן אין דער דערציילונג. ס'איז מעגלעך, אַז עלבערג האָט קינדווייַז טאַקע יאָ געהערט די דערציילונגען אָדער די מאָטיוון פון וועלכע זיי זייַנען געבויט. אַפילו ער וועט דאָס מכחיש זייַן, עקזיסטירט דאָך אַ מעגלעכקייט, אַז אַזוי ווי ער איז געווען אויסגעווייקט אין געהערטע מעשיות וועגן צדיקים, האָט ער אויך געהערט אוניווערסאַלע מעשהלעך וועלכע זייַנען פאַרבליבן אין זייַן אונטערוויסיקייט. עס עקזיסטירט אָבער אויך אַ מעגלעכקייט, אַז די אוניווערסאַלע מאָטיוון פון אונדזער דערציילונג זייַנען געשאַפן געוואָרן דורכן מחבר אַליין, וועלכער האָט זיי געשעפּט פון די אַלגעמיינע מקורים פון דער מענטשלעכער שאַפנדיקער פאַנטאַזיע, די זעלביקע מקורים פון וועלכע די זעלביקע מאָטיוון זייַנען אַרייַנגעדרונגען אין דעם אוניווערסאַלן מעשהלע־אוצר, אַדאַנק פאַרשיידענע נאַראַטאָרן וועלכע האָבן איבערגעליפערט די דערציילונגען אין פאַרשיידענע שפּראַכן, פון דור צו דור.

ב. די פיר קענצייכנס פון דער ייִדישער (פאַרייִדישטער) פאָלקס־דערציילונג

איינער פון די צילן פון דער ייִדישער עטנאָפאָעטיק איז צו באַשטימען, ווען ווערט אַן אוניווערסאַל מעשהלע ייִדיש. אין מייַנע אַרבעטן וועגן ייִדישער "אויקאָ־טיפּיפיקאַציע" (אַן "אויקוטיפּ" איז אַ לאָקאַלער, עטנישער נוסח פון אַן אוניווער־סאַלן טיפּ) [8], אויפן סמך פון די דערציילונגען אין תלמוד (בבלי און ירושלמי) און די מדרשים וועלכע לעבן ווייַטער אין פאָלקסמויל (אין מינדלעכער איבערליפערונג), און אויפן סמך פון די טויזנטער אסע"י פאָלקס־דערציילונגען, זייַנען מיר געווען בכוח צו פאָרמולירן די ווייַטערדיקע פיר קענצייכנס פון אַ ייִדישער אָדער פאַר־ייִדישטער פאָלקס־דערציילונג.

ב1. דער ייִדישער רוים. דער רוים פון אַ ייִדישער דערציילונג איז (אָדער

ווערט בשעת דעם אויקאַטיפּיפּיקאַציע־פּראָצעס) פאַרבונדן מיטן "ייִדישן רוים", דאָס הייסט מיט ארץ־ישראל און מיט ייִדישע רוימען וואָס ציִען זייער יניקה פון דעם הייליקן לאַנד און דערמאָנען אונדז אין ארץ־ישראל און אין די הייליקע מקומות דאָרטן — ירושלים, צפת, דעם בית־המקדש, הייליקע קברים אדג"ל. יעדע שול (און ניט נאָר אַז זי האָט א באַזונדערן נאָמען ווי צ"ב די "אַלט־נײַ"־ אָדער על־תנאי־שול אין פּראָג) איז אַ "מקדש מעט", יעדער בית־החיים דערמאָנט אונדז אין גלגול מחילות ("אַז משיח וועט קומען") און אין תחיית המתים וואָס וועט פאַרקומען אין ארץ־ישראל, יעדע קהילה קדושה (ק"ק), און ניט נאָר די וואָס גרויסן זיך מיט זייער צונאָמען פון "ירושלים ד...", האָט אין זיך עפּעס פון ירושלים. יעדעס הויז, יעדע היים מיט אַ מזוזה, וואו ייִדן לערנען צוזאַמען תורה, אָדער זײַנען מקיים מצוות (צווישן זיי אויך סעודות־מיצווה), אָדער באַשעפטיקן זיך מיט ייִדישע ענייִנים, ווערן אַ ייִדישער רוים, אָנגעפולט מיט יסודות פון קדושה, אַ "במקום־מיקדש".

אַזאַ "ייִדישער רוים" — די שול, די היים, דער "קלוב", קען אויך פונקציאָנירן ווי אַ דערציייל־אָרט, וואו מען דערציילט ייִדישע מעשיות, אָבער אַ דירעקטע פאַרבינדונג צווישן דעם אָרט אין דער פאָלקס־דערציילונג און דעם אָרט ווי זי ווערט דערציילט איז ניט אָבליגאַטאָריש. דער ייִדישער אָדער פאַרייִדישטער רוים וואו דער סיפּור־המעשה פאַסירט, איז אַ סך מהותדיקער פונעם אָרט וואו די נאַראַטאָרן דערציילן זייערע מעשיות.

ב2. די ייִדישע צײַט. די צײַט פון דער דערציילונג איז (אָדער ווערט בשעת דעם אויקאַטיפּיפּיקאַציע־פּראָצעס) פאַרבונדן מיט דער "ייִדישער צײַט", דאָס הייסט אָדער מיט דעם ייִדישן נאַטור־(יאָר)־ציקל, אָדער מיט דעם ייִדישן לעבנס־ציקל. זייער אָפט ווערט די מעשה דערציילט אין אַ שבת, אַ יום־טוב, בשעת אַ שמחה. אָפט מאָל הערט זי די משפּחה אין דער היים, דער עולם אין דער שול. דאָס געשעט בשעת א דרשה, אַ ברית, אַ בר־מיצווה, אַ חתונה אדג"ל, אָדער לאַ עלינו בשעת זיצן שבעה. די מעשיות, דערציילט בײַ אַזעלכע געלעגנהייטן, האָבן על־פּי־רוב אַ "מעניינא דיומא"־כאַראַקטער, און קאָנצענטרירן זיך אַרום דעם צײַט־געשעעניש וואָס האָט פאַראורזאַכט דאָס זיצן און דאָס אײַנהערן זיך צוזאַמען. אָבער, אַזוי ווי בנוגע דעם ייִדישן רוים, אַזוי אויך בנוגע דער ייִדישער צייט, מוז ניט זײַן קיין דירעקטע פאַרבינדונג צווישן דעם אינהאַלט פון דער דערציילונג און דער צײַט ווען זי ווערט דערציילט. יעדנפאַלס פאַסירן געשעענישן אין דער דער־ציילונג אין אַ באַשטימטער "ייִדישער צײַט", אויך אַז זי איז ניט פאַרבונדן מיט דער צײַט פון דער נאַראַציע, און די ייִדישע צײַט סופּלעמענטירט דעם ייִדישן רוים.

ב3. ייִדישע האַנדלענדיקע כאַראַקטערן (ייִדישער פּערסאָנאַזש) זײַנען היס־טאָרישע פּערזענלעכקייטן פון דער ייִדישער געשיכטע און ליטעראַטור (תנ"ך, תנאים און אמוראים פונעם תלמוד או מדרש, רבנים, צדיקים, מקובלים, בעלי־נסים

א"אַ, זינט דעם מיטלאַלטער ביז הײַנט־צו־טאָג). זייער אָפט ווערט דער אַלגע־מיינער, ניט־באַשטימטער כאַראַקטער אָדער דער לעגענדאַרער ניט־ייִדישער העלד פֿון דער ניט־ייִדישער דערציילונג פֿאַרביטן־פֿאַרייִדישט, און אַנשטאָט סתּם אַ ריכטער האָבן מיר אין דער איבערגעליפֿערטער ייִדישער דערציילונג — "דעם קלוגסטן פֿון אַלע מענטשן" — שלמה המלך, אַנשטאָט סתּם אַ מערדער — דעם ערשטן מערדער — קין, אאַז"וו. אליהו הנביא פֿאַרנעמט אין דער רשימה פֿון די ווירקנדיקע כאַראַקטערן אין די 17,100 אסע"י דערציילונגען דעם אויבן־אָן (קומט פֿאַר ווי אַ כאַראַקטער אין 680 דערציילונגען [9], און גאָר ווייט נאָך אים פֿאָלגן אים נאָך שלמה המלך (180 דערציילונגען) און אַנדערע ווירקנדיקע כאַראַקטערן: דער רמב"ם, משה רבינו, דער בעל־שם־טוב — יעדער פֿון זיי אין בערך 130 דער־ציילונגען [10]. יעדע היסטאָרישע אָדער פּסעוודאָ־היסטאָרישע געשטאַלט ווערט זעלבסטפֿאַרשטענדלעך אין איר היסטאָרישער צײַט און אין איר געאָגראַפֿישן רוים, וועלכע זײַנען על־פּי רוב ייִדיש אָדער פֿאַרייִדישט.

ב4. דער ייִדישער אָנזאָג (די בשורה). יעדע פֿאָלקס־דערציילונג איז עפּעס אויסן, און איינער פֿון די פֿאַרשעריִשע צילן אין דער עטנאָפּאָעטיק איז צו באַשטימען דעם אָמאָל קלאָרן און אָמאָל פֿאַרהוילענעם און פֿאַרנעפּלטן אָנזאָג פֿון דער דער־ציילונג. אַ ייִדישע דערציילונג, וועלכע ווערט דערציילט על־פּי־רוב דורך ייִדן, פֿאַר ייִדן, און אין אַ ייִדישער שפּראַך, האָט זעלבסטפֿאַרשטענדלעך אַ ייִדישע בשורה, אָבער ניט תּמיד ווערט זי בפֿירוש אַרויסגעבראַכט דורכן דערציילער. זייער אָפט פֿאַרלאָזט זיך דער דערציילער (ניט ווי דער בעל־דרשן און מגיד וועלכע זײַנען נוטה צו דערקלערן זייער מיין און מוסר־השכל) אויף דער אינטעליגענץ און אַסאָציאַטיווע פֿעאיקייטן פֿון זײַנע צוהערערס, וועלכע זײַנען אויפֿגעוואַקסן אויף פֿאַרשיידענע מעטאָדן פֿון זעבלסט־לימוד, פֿון לערנען ("אַרויסדרינגען") איין זאַך פֿון אַן אַנדערער, פֿון פֿאַרנעמען אין יעדן טעקסט, סײַ אַ וויזועלן און סײַ אַ הערעוודיקן, ניט נאָר זײַן פּשט, נאָר אויך זײַן דרש, זײַנע רמזים און סודות...

ג. די אַכט קענצייכנס פֿון אוניווערסאַלן פֿאָלקס־מעשׂהלע

אויסער די אויבנדערמאָנטע פֿיר קענצייכנס — די סימנים מובהקים פֿון דער ייִדישער אָדער פֿאַרייִדישטער פֿאָלקס־דערציילונג, פֿאַרמאָגט די "פּרינצעסין"־דערציילונג אויך די אַכט קענצייכנס פֿון דער מינדלעך־איבערגעליפֿערטער אוני־ווערסאַלער פֿאָלקס־דערציילונג. די דאָזיקע אַכט קענצייכנס (פֿינף פֿון זיי סטי־ליסטישע און דרײַ אינהאַלטלעכע) זײַנען די זעלביקע אין ייִדישע און אין ניט־ייִדישע פֿאָלקס־דערציילונגען [11].

די פֿינף סטיליסטישע סימנים, וועלכע באַאײַנפֿלוסן בעיקר דעם זיכרון און דאָס אויער, און פֿאַרגרינגערן דאָס אויפֿנעמען און געדענקען פֿון דעם מינדלעך

און הערעוודיק איבערגעליפערטן נוסח פון דער פאָלקס־דערציילונג, זייַנען: 1. דיאַ־לאָגן (דירעקטע שפּראַך); 2. איבערחזרונגען; 3. רעטאָרישע פראַגעס; 4. וואָרט־שפּילן; 5. די פאָרמוליסטישע דרייַצאָל.

די דרייַ אינהאַלטלעכע סימנים זייַנען: 6. די קאָנפראָנטאַציע (קאָנפליקט) צווישן דעם "פּאָזיטיוון" און "נעגאַטיוון" כאַראַקטער פון דער דערציילונג; 7. אויסערגעוויינטלעכע (אָפט מאָל — איבערנאַטירלעכע) דערציילערישע מאָטיוון; 8. די רעאַליזירטע (אָפּט מאָל — אונטערבאַוואוסטזיניקע און פאַרהוילענע) וואונטשן, באַגערן און פאַרלאַנגען פון דעם צוהערער־פּובליקום און פון דער געזעלשאַפט רעפּרעזענטירט דורך דעם דאָזיקן פּובליקום ווי אויך דורך דעם דערציילער אַליין.

ד1–4. די ייִדישע קענצייכנס אין דער "פּרינצעסין"

לאָמיר באַטראַכטן איצט ווי אַזוי עלבערג באַניצט די פיר ייִדישע און די אַכט אוניווערסאַלע עלעמענטן אין זייַן "פּרינצעסין"־דערציילונג [12].

ד1. דער ייִדישער רוים

ווי מיר האָבן דאָס אויבן אַרויסגעבראַכט, שעפּט דער ייִדישער רוים זייַן יניקה פון ארץ־ישראל און פון איר הייליקייט. פאַרשיידענע ייִדישע טעריטאָריעס, רעאַלע און פאַנטאַסטישע, זייַנען אַ מין סוראָגאַט, אַ "בימקום" פון ארץ־ישראל. צו די דאָזיקע טעריטאָריעס געהערט אויך דאָס לאַנד פון די צען שבטים, וואו די ייִדישע אומאָפּהענגיקייט, דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער כבוד און די פרייַהייט אָפּצוהיטן און אָפּצוריכטן ייִדישע דינים און מנהגים — אָט די אַלע ווערטן האָבן זייער המשכדיקייט זינט דעם בית ראשון. אַז יעקב אָבינו האָט געבענטשט אויפן טויטן־בעט זייַן זון יהודה, האָט ער אים אָנטפּלעקט אַז (בראשית מ"ט 10, לויטן אָנגענומענעם אויסטייטש) ביז משיח וועט קומען וועלן דער צעפּטער און דער הערשער־שטאָק ניט אָפּגעטאָן ווערן פון אים, און פעלקער וועלן אים געהאָרכן. מוז דאָך עקזיסטירן ערגעצוואו אַ קאָנטינואיטעט פון דער ייִדישער זעלבשטענדיקייט, פון די אַלטע ייִדישע מנהגים, פון דער ייִדישער מלוכה רעגירט דורך ייִדישע מלכים און שרים. דאָס לעגענדאַרישע, אוטאָפּישע לאַנד פון די צען שבטים, דאָס לאַנד אויף יענער זייַט סמבטיון, דעם טייַך וואָס רוט נאָר שבת און גרענעצט אָפּ אונדזער רעאַליסטישע וועלט פון דער לעגענדאַרער און אוטאָפּישער ייִדישער מדינה, איז טאַקע דער ייִדישער רוים פונעם סיפור־המעשה אין דער "פּרינצעסין"־דערציילונג.

אָפּט מאָל ווערט אין דער מעשה דערמאָנט די אָפּהענגיקייט פון דעם עשרת־השבטים לאַנד פון ארץ־ישראל און פון ירושלים. כאָטש די צען שבטים זייַנען

פּאַרטריבן געוואָרן פון שומרון, איז זיי מן הסתם גאָר קלאָר אַז ירושלים איז דאָס הארץ פונעם ייִדישן פאָלק; אַזוי ווי דאָס לאַנד פון די צען שבטים סימבאָליזירט די "אייגענע מלוכה" "פון ייִדישן פאָלק" (ז' 119), מוז אויך ירושלים דערמאָנט ווערן (ז' 121). די פאַרבינדונג צווישן דעם לאַנד פונעם סיפּור־המעשה און ארץ־ישראל איז ניט נאָר אין זכות פון דעם "בימקום"־מאָטיוו (דאָס לאַנד איז סיי אַ זכר פון דער געוועזענער ארץ־ישראל־ און בית־ראשון־מלוכה, און סיי אַ האָפענונג לגבי דער קומענדיקער אחרית־הימים־מלוכה), נאָר אויך אין זכות פון די זעלביקע מינהגים: "אין דעם לאַנד פון די צען שבטים זײַנען געבליבן אַ סך פון די מינהגים פון אַמאָל אין שומרון און אין ירושלים" (ז' 121).

ד2. די ייִדישע צײַט

אַזוי ווי דער רוים פון אונדזער סיפּור־המעשה גייט צוריק צום בית ראשון, צו דער ייִדישער מיטיש־נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט, אַזוי אויך די צײַט. די דערציילונג הייבט זיך אָן מיט אַ פאַרצייכענונג פון דער אַלגעמיינער צײַט: "אַ זומער־פאַרטאָג" (ז' 120), אָבער שוין אין דעם ערשטן קאָנפראָנטאַציע־געשפּרעך צווישן דעם פּאָזיטיוון פּאַסטעך דן און די נעגאַטיווע רייטערס, לאָזט אונדז איינער פון זיי הערן: "מיר זײַנען דעם קעניגס געסט צו די חמישה־עשר־באָב־טענץ" (ז' 121).

די ייִדישע צײַט פון דער האַנדלונג איז טאַקע באַגרענעצט דורך צוויי צײַט־פונקטן: חמישה־עשר־באָב און מוצאי־יום־כיפּור. דאָס הייסט אַז איר לענג איז 45 טעג און זיי זײַנען כולל אויך די דרײַסיק טעג פון דנס וועג פונעם בוים צו דער פּרינצעסין. די צײַט־רעכענונג איז אַ ייִדישע. דער חודש אָב ווערט אַ סך דערמאָנט, און אַזוי אויך די "אלול־ווינטן" (ז' 126) און דאָס שופר־בלאָזן וואָס איז פאַרבונדן מיט אלול און תשרי.

אויך אַנדערע עלעמענטן פון דער ייִדישער צײַט אָדער דינים און מינהגים פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער צײַט, זײַנען קענטיק אין אונדזער דערציילונג און פאַרייִדישן זי. כאַראַקטעריסטיש איז דער זאָץ (ז' 135) וועגן דן וועלכער מאַכט "יעדן טאָג נאָכן אָפּדאַווענען שחרית, ... נאָך אַ שניט אין זײַן שטעקן". די שניט אין דעם פּאַסטעך־שטעקן סימבאָליזירן די אַלגעמיינע צײַט־רעכענונג, אָבער דאָס טאָג־טעגלעכע שחרית דאַווענען — די ייִדישע צײַט.

ביידע צײַט־טערמינען וועלכע באַגרענעצן אונדזער האַנדלונג, דער חמישה־עשר־באָב "טערמינוס אַ קוואָ" און דער יום־כיפּור "טערמינוס אַד קוועם" זײַנען דערמאָנט צוזאַמען אין דער משנה (תענית ד' ח'): עס זײַנען ניט געווען קיין "גוטע טעג" פאַר ישראל ווי דער פינפצענטער אָב און יום־כיפּור, ווען די טעכטער

פון ירושלים פלעגן אַרויסגיין אין ווייַסע קליידער... און טאַנצן אין די ווייַנגערטנער.

ס׳איז מיר ניט קיין ספק, אַז עלבערגס דערציילונג איז זייער באַאיינפלוסט פון דער דאָזיקער משנה, ניט נאָר פון די טענץ וועלכע שפילן אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער דערציילונג, נאָר אויך פון די פסוקים וועלכע ווערן ציטירט אין דער משנה און וועלכע באַציִען זיך אויך אויף דנען, אָבער בעיקר אויף דינהן, און שפיגלען אָפּ דעם מחברס עטישן קוקווינקל: חן איז אַן אָפּנאַר און שיינקייט איז נישטיק, אַ גאָטפאָרכטיקע ווייַב, זי זאָל געריִמט ווערן. גיט איר פון דער פרוכט פון אירע הענט, און זאָלן אירע מעשים זי רימען אין די טויערן (יהואשס איבערזעצונג פון משלי לא 30־31). דאָס זייַנען די צוויי לעצטע פסוקים פון ספר משלי, וועלכע זייַנען אויך די צוויי לעצטע פסוקים פון דעם אשת־חיל פרויען־הימן. אַזוי ווי דער הימן ווערט געזאָגט און געזונגען אין ייִדישע היימען יעדן פרייַטיק־צונאַכטס, איז עס אַ טייל פון דער באַוואוסטזיניקער און אומבאַוואוסטזיניקער קולטור־ירושה פונעם פאָלק. אויך דאָ, ווי געוויינטלעך אין זייַן באַנוץ פון פאָלקסמאָטיוון, ווייַכט עלבערג אָפּ פונעם אָריגינאַל. די רישא פונעם ערשטן פסוק בלייַבט אומגעענדערט און קען אפילו דינען ווי דער מאָטאָ פון דער דערציילונג, אָבער די סיפא ווערט געענדערט: אַנשטאָט גאָטפאָרכטיקייט וואָס ווערט געריִמט אין פסוק (יראת השם היא תתהלל), ווערן אין דער דערציילונג געריִמט די גוטסקייט, די ליבע און די גרייטקייט זיך מקריב צו זייַן, וועלכע געהערן טאָקע צו דעם מחברס אַננזאָגן.

אין דער דערציילונג געפינען מיר אויך אַן אָנדייט צו דער צייַט פון דעם ייִדישן לעבנסציקל, כאָטש די הויפט־ראָם פון איר ייִדישער צייַט איז, ווי מיר האָבן געזען, דער יאָרציקל, אַן אָנדערטהאַלבן חודש פון אים.

לויטן מינהג דאַרף זיך די קרוינפּרינצעסין אויסקלייבן איר באַשערטן ״פאָרן דערגרייכן אַכצן יאָר״, און דאָס איז, לויט דעם באַקאַנטן אַרויסזאָג פון ר׳ יהודה בן תימא אין דער משנה פון פרקי אָבות (ה׳ כ״א), די צייַט פון ״לחופה״. אויך דאָ ברייטערט עלבערג אויס דעם אָריגינאַל (און דאָס איז דאָך תמיד אויך אַ מין אינטערפּרעטאַציע), און דער צייַט־טערמין גילט בייַ אים אויך לגבי מיידלעך, כאָטש לויט דער משנה איז ער באַגרענעצט צו ייִנגלעך. בדרך כלל איז אָנגענומען, אַז אַ מיידל דאַרף זייַן ייִנגער בשעת איר חתונה.

3. דער ייִדישער פּערמאַנאַזש

די האַנדלענדיקע געשטאַלטן אין אַ מעשהלע האָבן ניט קיין פּערסאָנעלע נעמען, ווייַל זיי זייַנען דאָך ניט קיין היסטאָרישע געשטאַלטן. ניט אַזוי די לעגענדע, וואו די געשטאַלטן זייַנען היסטאָריש אָדער פּסעוודאָ־היסטאָריש.

דער לעגענדאַריזאַציע־פּראָצעס פאַרלאַנגט נעמען פאַר די געשטאַלטן, און דער פאַרייִדישונג־פּראָצעס פאַרלאַנגט אַז די נעמען זאָלן זײַן ייִדיש. אַזוי איז דאָס טאַקע אין אונדזער דערציילונג:

דער אַלטער קעניג הייסט אפרים, ווײַל דאָס איז דער הויפּט־שבט צווישן די עשרת־השבטים, און דער נאָמען פון דער צפונדיקער מלוכה אין דער צײַט פונעם ערשטן בית־המקדש. ער איז "אפרים דער אַכצנטער", ווײַל 18 איז אַ פאָרמוליסטישע און סימפּאַטישע צאָל, און איר גימטריא איז חי. להיפוך צום קעניג, וועלכער איז "אַלט און מיד", סימבאָליזירט די דאָזיקע צאָל דאָס לעבן און די יוגנט. אויך די יונגע דינה, די פּרינצעסין, איז 18 יאָר אַלט...

דער פּאַסטעך, וועלכער וועט ווערן דער קומענדיקער מלך און יורש פון אפרים דעם 18טן, הייסט דן, און וועט ווערן "דן דער ערשטער". ער טראָגט דעם נאָמען פון דעם צווייט־וויכטיקן שבט צווישן די צען שבטים, דער שבט פון שמשון־הגיבור.

דער נאָמען פון דער פּרינצעסין, דער צוקונפטיקער קעניגין און פרוי פון דן, איז דינה. דאָס איז ניט נאָר אַ וואָרטשפּיל מיט איר ליבהאָבערס און שפּעטערדיקן מאַנס נאָמען, נאָר אויך אַ תנכישער נאָמען פון יעקב און לאהס טאָכטער.

די אויסערגעוויינטלעכע, מאַגישע געשטאַלט פונעם "גייער" (ז' 124) אָדער "אַלטן בעטלער מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד" האָט ניט קיין נאָמען, אָבער זײַן דערשײַנען ("פּלוצעם... ווי פון אונטער דער ערד") און פאַרשווינדן, און זײַן מערקווערדיק האַנדלען זאָגן קלאָר עדות אַז דאָס איז די געשטאַלט פון אליהו־הנביא. דער "גייער" שטעלט זיך טאַקע אַליין פאָר פאַרן סוף פון דעם סיפּור־המעשה, לקראת זײַן ענדגילטיקן פאַרשווינדן (נאָך דער סענקאַטער שטעקן בלײַבט אַ רעאַלער זכר פון אים). כדי צו באַרעכטיקן זײַן באַנוץ פונעם שטעקן זאָגט ער (ז' 159): "איך בין דער וואָס האָט אין דעם אַמאָליקן קעניגרײַך פון דײַנע אָבות אויסגערוימט די שלעכטע נביאים פון דעם אָפּגאָט בעל", אָבער זײַן אייגענעם בפירושדיקן נאָמען דערמאָנט ער ניט. אַזוי ווי דעם קעניג אפרימס ייִחוס גייט צוריק צו די מלכי ישראל, איז דער מלך אַחאָב איינער פון זײַנע אָבות...

די מיטאַרבעט פון אליהו־הנביא מיט אַחאָבס אַן "אייניקל" איז סימבאָליש פאַר דעם פּיוס־גײַסט וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קאָנפליקט־לייזונג אין אונדזער סיפּור־המעשה. דאָס איז מן הסתם אויך די סיבה פאַרוואָס אליהו־הנביא, וועלכער דאַרף באַחרית־הימים פּראָקלאַמירן דאָס קומען פונעם משיח און פון דער גאולה־שלמה, באַמיט זיך אויך אין דער "פּרינצעסין"־דערציילונג צו פאַראייניקן די עשרת־השבטים מיט דער דויד־דינאַסטיע און מיט ירושלים. איינע פון אליהו־הנביאס אויפגאַבעס, "איידער עס קומט דער טאָג פון גאָט, דער גרויסער און דער מוראדיקער" (מלאכי ג' 23), איז, לויט דעם צוזאָג פון מלאכי־הנביא (דאָרטן 24), אומצוקערן "דאָס האַרץ פון קינדער צו זייערע עלטערן", און דאָס איז דאָך דעם

"גייערס" הויפּט־דערגרייך אין אונדזער דערציילונג. דעם דירעקטן אומקער איז גורם דער פֿאַסטעך דן, אָבער אין אַלע זײַנע װעגן איז ער סטימולירט דורכן "גייער" — אליהו־הנביא.

דער סענקאַטער שטעקן פֿונעם "אַלטן", װעלכער שפּילט אַן אייגנאַרטיקע ראָלע אין דער דערציילונג און בלײַבט בײַ דעם יונגן קעניגלעכן פּאָרל, איז דער איינציקער אויסגעשפּראָכענער מאַגישער אָביעקט װעלכער װערט ניט נעלם אַזוי װי דער עפּל און די בלעטער. ער דערמאָנט אונדז אין דעם נביאישן שטעקן װאָס באַװײַזט נסים; ניט נאָר אין משה־רבנוס שטעקן װעלכער װערט באַניצט בײַם ברענגען די צען מכות אויף מצרים, נאָר אויך אין דעם שטעקן פֿון אלישע־הנביא, אליהו־הנביאס תלמיד (דאָס װאָרט "משענת" אין מלכים ב׳, ד׳ 29, 31, װערט פֿאַרטײַטשט: שטעקן), װאָס דאַרף היילן און צוריקברענגען צום לעבן דאָס קינד פֿון דער פּרוי פֿון שונם.

אַלע אַנדערע געשטאַלטן, סײַ די בעלי־חיים (דער לייב, דער פּאַפּוגײַ) און סײַ די מענטשן (די רײַטערס, די פּיראַטן), זײַנען אַנאָנימע סטערעאָטיפּן, װײַל אין תוך גענומען, געהערן זיי צו דער װעלט פֿונעם מעשהלע און ניט צו דער װעלט פֿון דער לעגענדע.

ד4. דער ייִדישער אַנזאַג

יעדע פֿאָלקס־דערציילונג האָט איר אַנזאַג, איר בשורה. אַזוי װי ער איז ניט אַן אינטעגראַלער טייל פֿונעם סיפּור־המעשה, איז ער זייער אָפֿט פֿאַרהוילן. די פֿראַגע איז: װאָס איז דער באַזונדערער ייִדישער אַנזאַג אין ייִדישע פֿאָלקס־דערציילונגען און װי אַזוי קומט דער דאָזיקער אַנזאַג צום אויסדרוק אין עלבערגס "פּרינצעסין"?

ייִדישע דרשנים און מגידים ענדיקן זייערע דערציילונגען מיט אַ מוסר־השכל, װעלכער איז אַ בפּירושדיקער אַנזאַג, אָפֿט אַן אינטערפּרעטאַציע פֿון דער אַקערשט־פֿאַרענדיקטער דערציילונג און איר סיפּור־המעשה. דער אַנזאַג איז אין דעם פֿאַל אַ "נימשל" װעלכער איז אַן עקװיװאַלענטע אַלעגאָריע פֿונעם סיפּור־המעשה — דעם "משל". די דאָזיקע באַציאונג, װעלכע ברענגט אַרויס ייִדיש־עטישע און ייִדיש־מאָראַלישע װערטן — מיצוות "בין אדם למקום" און "בין אדם לחברו", עקזיסטירט ניט נאָר אין דעם "אַנגענומענעם" משל, װאו די געשטאַלטן זײַנען חיות, ביימער אָדער אָביעקטן, נאָר אויך אין יעדער דערציילונג װעלכע װערט פֿאַרװאַנדלט, בזכות איר בפּירושדיקן אַנזאַג און דעם נימשל־צוגאָב, אין אַ משל.

דער חסידישער דערציילער לייגט ניט אָפּ זײַן אַנזאַג ביז נאָכן סוף פֿון דעם סיפּור־המעשה. ער פֿלעכט אַרײַן זײַנע אַנזאָגן — זײַנע "תורות", אין דעם סיפּור־המעשה גופא, באַניצנדיק דעם "שמועס"־מעטאָד. אַזוי װאַנדערט און װאַלגערט

זיך די דערציילונג צווישן צוויי פּאָקוסן: איינער פון זיי איז דער סיפּור־המעשה מיט זײַנע ווירקנדיקע געשטאַלטן, דער צווייטער — די אַרײַנגעפּלאָכטענע "תורות" וואו דער דערציילער און זיינע צוהערערס זײַנען די הויפּט־כאַראַקטערן.

עלבערג באַניצט, ווי מיר האָבן דאָס שוין אויבן אַרויסגעבראַכט, דעם חסידישן דערצייל־מעטאָד. דאָס הייסט אַז ער פלעכט אַרײַן אייגענע "תורות" — געדאַנקען, אַפאָריזמען און אידעען, אין זײַנע דערציילונגען. אין אונדזער דערציילונג, וועלכע פאַרמאָגט 16 פּרקים, באַשטייט דער גאַנצער ערשטער פּרק, אַ מין עקספּאָזיציע און אַרײַנפיר, פון דעם מחברס קאָנדענסירטע "תורות".

די דאָזיקע "תורות" זײַנען בעיקר אַפאָריזמען און קורצע אַרויסזאָגן, וועלכע מאַכן דעם אײַנדרוק פון שפּריכווערטער און ייִדיש־עטישע דאָקטרינען. נאָר אַ פאַרעמיאַלאָג (פאַרשער פון שפּריכווערטער און גלײַכווערטלעך), באַהאַוונט אין דער אַלגעמיינער און ייִדישער שפּריכוואָרט־וויסנשאַפט, איז בכוח צו באַשטימען צי די אונטן ציטירטע איינסן געהערן צו דעם אַלגעמיינעם, צו דעם ייִדישן, אָדער צו עלבערגס אייגענעם אוצר.

ס'איז קלאָר, אַז אין צענטער פון עלבערגס אַנזאָגן שטייט די אייביקע פּראָבלעמאַטיק פון "גוטס און שלעכטס", "ליבע און שנאה", "לעבן און טויט". דעם מחברס הויפּט־אידעע איז, אַז די דאָזיקע "פּאָרלעך" זײַנען ניט קיין כוחות וועלכע שטייען אין אַן אייביקן קאָנפליקט צווישן זיך, נאָר זיי דערגאַנצן זיך, ווײַל זיי זײַנען די "צוויי זײַטן פון דער זעלביקער מטבע" (הקדמה). אויב מיר גייען לויט דעם תלמודישן מאמר (זע אינעם ווײַטערדיקן אונטער־קאַפּיטל, ג' 15), וועלכער אידענטיפיצירט דעם שטן (שנאה) מיטן יצר־הרע (שלעכטס) און מיטן מלאך־המוות (טויט), קען מען אויך אידענטיפיצירן די קעגנאיבער־שטייענדיקע דרײַ ווערטן — ליבע, לעבן און גוטסקייט; דאָס הייסט, אַז דעם פּאַסטעכס ליבע, גוטסקייט און לעבנסווילן (דער לעצטער קומט צום אויסדרוק בעיקר בשעת די סכנות און שטרויכלונגען אויפן וועג פונעם מאַגישן עפּלבוים צוריק צו דער פּרינצעסין) זײַנען שטאַרקער פונעם שלעכטס, פון דער שנאה (פונעם פּאַפּוגײַ, דעם לייב, די רײַטערס, די רויבערס), און פונעם טויט אַליין.

ד4א. די שפּריכווערטער און אַפאָריזמען ווי אַ טייל פונעם אַנזאָג

די ווײַטערדיקע רשימה פאַרמאָגט 25 אַרויסזאָגן, די מערסטע פון זיי געשאַפן פון עלבערגן אַליין, אײַנגעאָרדנט לויטן סדר פונעם אַלף־בית (די אַרטיקלען — אַ, דער — ווערן ניט פאַררעכנט). זשאַנעריש געהערן די 25 איינסן צו דער גנאָמישער "חכמה"־ליטעראַטור. די דאָזיקע ליטעראַטור פאַרנעמט, זינט משלי, קהלת, דעם ספר בן־סירא און פּרקי־אָבות, אַ בכבודיק און צענטראַל אָרט אין אונדזער ליטעראַטור בכלל און אין אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור בפרט.

1. ״גאָט האָט נאָר דעם מענטשן געשענקט די גרויסקייט זיך מקריב זײַן (ז׳ 132).

2. ״גוטס ברענגט מער גוטס״ (ז׳ 133).

3. ״דאָס גוטע וועט זיך קיין מאָל נישט אויסלאָזן פון דער ערד״ (ז׳ 133).

4. ״גוטע מענטשן שלאָפן טיף, אָבער שלעכטע וועקן זיך בײַ אַ שאָרך״ (ז׳ 143).

5. ״גליק איז חשובער פון גאָלד״ (ז׳ 131). פג״ל אונטן, קאַפּיטל ה4.

6. ״געפּאָר פּאַראייניקט״ (ז׳ 149. אויך דאָרטן: ״צוזאַמען וועלן מיר זײַן שטאַרק״). פג״ל אונטן, קאַפּיטל ה4.

7. ״וואָרצל אויס דאָס שלעכטס אָבער נישט דעם שלעכטן״ (ז׳ 152). ווערט געבראַכט ווי אַ ציטאַט, ״געשריבן אין אונדזערע ספרים״. די כוונה איז צום פּסוק אין תהלים ק״ד 35: יתמו חטאים מן הארץ — ווי אינטערפּרעטירט אין דער גמרא און אין מדרש [13], וואו דאָס וואָרט ״חטאים״ (די חית מיט אַ פּתח און די טית מיט אַ דגש) וואָס מיינט זינדיקע, רשעים, ווערט געלייענט ווי ״חטאים״ (די חית מיט אַ חטף־פּתח, די טית אָן אַ דגש) וואָס מיינט זינד.

8. ״וויסן לערנט מען פון די הייליקע ספרים, חכמה לערנט מען פון לעבן״ (ז׳ 148).

9. ״חכמה אָן גוטסקייט קאָן זײַן ערגער ווי נאַרישקייט״ (ז׳ 126, סוף פון פּרק 5).

10. ״חכמה לערנט מען פון לעבן״ — זע אויבן, נ׳ 8.

11. ״טויט און שלעכטס זײַנען אַ פּאָר״ (הקדמה).

״טרויער און שמחה...״ — זע אונטן, נ׳ 24.

12. ״ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט״ (ז׳ 151 און 152). — דער ״פינאַל״ פון דער דערציילונג אין דעם מויל פונעם ״אַלטן״ (אליהו־הנביא) און אויך פון דעם ״איבערגעביטענעם״־טראַנספאָרמירטן פּאַפּוגײַ. פג״ל אונטן, קאַפּיטל ו׳ 2.

13. ״ליבשאַפט קען מען נישט רויבן״ (זז׳ 150־151).

״לעבן און טויט...״ — זע אונטן, נ׳ 24.

14. ״מיט גאָלד קאָן מען אַלץ קויפן״ (ז׳ 131). אַ נעגאַטיווער אַרויסזאָג, אינעם מויל פונעם ״בייזן פּאַפּוגײַ״.

15. ״דער מלאך־המוות איז אויך דער יצר־הרע, דער שטן״ (הקדמה). פג״ל בבא בתרא ט״ז ע״א: ״הוא שטן, הוא יצר הרע, הוא מלאך המוות״. עלבערג האָט אויף זײַן אייגנאַרטיקן וועג פאָרמולירט דעם מקורדיקן, תלמודישן מאמר, ווײַל ער וויל אַרויסברענגען, אַז אויך אין דעם לאַנד פון די צען שבטים שטאַרבט מען, און אויב דעם מלאך־המוות איז דערלויבט אַריבערצוגיין דעם סמבטיון, קען אויך דאָרט פּאַסירן עפּעס שלעכטס (״טויט און שלעכטס זײַנען אַ פּאָר״), ווײַל דער מלאך־המוות איז אויך דער יצר־הרע און דער שטן וועלכע פירן אַראָפּ פון דרך־

הישר. דאָס דערקלערט פּאַרוואָס עס זײַנען פֿאַראַן אין דער אוטאָפּישער ייִדישער עשרת־השבטים־מלוכה פּאַרריסענע רײַטערס, אַכזריותדיקע פּיראַטן און אַנגעבלאָזענע פּרינצן.

16. ״מען דאַרף נישט זאָגן עפּעס וואָס וועט יענעם ווי טאָן״ (ז׳ 126).

17. ״אַ מענטש דאַרף לערנען פֿון אַלעם וואָס ער זעט״ (ז׳ 149).

18. ״אַ נאַר שנײַדט טויט״ (ז׳ 131). — זע אויך אונטן, ב׳ 23. אין תנ״ך שנײַדן די שניטערס ניט נאַר זאַנגען (ישעיה יז 5) און דערנער (ירמיה יב 13), נאַר אויך אַבסטראַקטע אָביעקטן: שטורעם (הושע ח 7), אומרעכט (דאָרטן י 13) און אומגליק (משלי כב 8, איוב ד 8). פֿגל״ אויך קוהלת יא 4: דער וואָס קוקט אויף די וואָלקנס (דאָס הייסט אַ נאַר, אַזוי ווי ״דער וואָס פּאַסט־אויף דעם ווינט״ אין דער רישא פֿונעם פּסוק — ד. ג.) וועט ניט שנײַדן. אַלע איבערזעצונגען זײַנען יהואָשס.

19. ״נישט פֿאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ ווינקל וואו עס זאָל הערשן לויטער שלום, לויטער יושר״ (הקדמה). עלבערג אַליין באַצייכנט דעם אַרויסזאָג ווי אַ ציטאַט, באַניצנדיק די ווערטער ״ווי עס שטייט געשריבן״. פֿגל״ דעם קומענדיקן ב׳.

20. ״נישט פֿאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ צדיק וואָס זאָל טאָן נאַר גוטס און קיין מאָל נישט זינדיקן״ (הקדמה). פֿגל״ דעם מקור (אויך פֿון ב׳ 19) — אַ פּסוק אין קהלת ז׳ 20, מלכים א׳ ח׳ 46, דברי הימים ב׳ ו׳ 36: ״ניטאָ אַ מענטש וואָס זאָל ניט זינדיקן״.

21. ״נישט צו שלאָגן איז דער שטעקן, נאַר צו שרעקן״ (ז׳ 152). נאַר זייער זעלטן גראַמען זיך די שפּריכווערטער אין תנ״ך און אין דער אַלט־העברעאישער ליטעראַטור. אַזוי אויך בײַ עלבערגן. זע אויך אונטן, ב׳ 23, און קאַפּיטל ה4.

22. ״פּרינצן רײַטן נאַר אויפֿן אויסגעפּלאַסטערטן וועג״, (ז׳ 120). באַנוצט דורך די שטאָלצע רײַטערס בשעת זייער באַגעגעניש און קאָנפֿראָנטאַציע מיטן פּאַסטעך און זײַן שאָף.

23. ״אַ קלוגער שנײַדט ברויט, אַ נאַר דעם טויט״ (ז׳ 131). די סיפּא קומט אויף פּאַר ווי אַ באַזונדער שפּריכוואָרט אַ פּאָר מאָל אין דעם מויל פֿונעם בייזן פּאַפּוגײַ. זע אויבן, ב׳ 18, און אונטן, קאַפּיטל ה4.

24. ״שלעכטס און גוטס זײַנען אייגנטלעך צוויי זײַטן פֿון דער זעלביקער מטבע, ווי עס איז דער טרויער און שימחה, לעבן און טויט״ (הקדמה). דער זאַץ נעמט אין זיך אַרײַן דרײַ אַפּאָריזמען.

25. ״שלעכטס איז פּחדנותדיק״ (ז׳ 152).

פֿון די 25 אייגנסן אין אונדזער רשימה האָבן צען ווי זייער הויפּט־טעמע די גוטסקייט. אַלע אייגנסן, אַז אויסנאַם, רעדן וועגן אַלגעמיינער, מענטשלעכער פּראָבלעמאַטיק — חכמה און נאַרישקייט, ליבשאַפֿט, באַציִונגען צווישן מענטש

און מענטש, רייַכטום און ייִחוס. ס׳איז ניטאָ קיין איינציקער אַרויסזאָג וועלכער זאָל האָבן אַ ריין ייִדישן כאַראַקטער, און אין די לעצטע צוויי פּרקים (15 און 16) ווערן די ייִדישע צײַט און דער ייִדישער רוים אַפילו ברמז ניט דערמאָנט. נאָר דער לעצטער זאַץ אין דעם עפּילאָג (ז׳ 153) ברענגט אונדז צוריק צו די ייִדישע לעגענדאַרע עלעמענטן פאַרגעשטעלט בעיקר אין דער הקדמה: ״די געשיכטע־ביכער פון די מלכים אויף יענער זײַט סמבטיון״ באַשרײַבן ״די אויפטוען פון קעניג דן דעם ערשטן, פאַר אַלע פון די צען שבטים״.

אַלע ייִדישע לעגענדעס וועלכע האָבן די עשרת־השבטים ווי זייער הויפּט־טעמע, האָבן אַ קלאָרן ייִדישן אויסזאָג. על־פּי־רוב זײַנען דאָס לעגענדעס וועגן אַנטי־ייִדישע גזירות, וועגן דער הילף פון דער ייִדישער מלוכה און אירע העלדישע ״בני־ישראל״ פאַר זייערע ברידער, וועלכע לײַדן און שמאַכן אין קריסטלעכע אָדער מוסולמאַנישע לענדער.

בײַ עלבערגן איז דער אָנזאָג אַן אַלגעמיין מענטשלעכער, הומאַניסטישער. פון די פיר קענצייכנס פון דער ייִדישער פאָלקס־דערציילונג פאַרמאָגט אונדזער דערציילונג נאָר דרײַ (צײַט, רוים, האַנדלענדיקע כאַראַקטערן). בנוגע דעם אָנזאָג קערט זיך אונדזער דערציילונג צוריק צום מעשהלע־זשאַנער וואָס פאַרמאָגט ניט קיין שום ייִדישע אינדיקאַציע. דאָס איז אויך די סיבה וואָס עלבערג באַניצט אין זײַן דערציילונג די טערמינען ״קעניג״ און ״פּרינצעסין״ און ניט ״מלך״ און ״בת־מלך״ ווי אָנגענומען אין ייִדישע מעשהלעך (פּג״ל די מעשיות פון ר׳ נחמן בראַצלעווער) וועלכע ווילן מרמז זײַן צו עפּעס ייִדיש און לאָזן ניט דעם צוהערער פאַרגעסן אַז כאָטש די דערציילונג איז וועגן אַ וועלטלעכן מלך, אַ מלכה, אַ בן־מלך אאַז״וו, דאַרף מען תמיד געדענקען דעם מלך־מלכי־המלכים, וועלכער איז איינער און מיט אים איז קיינער...[14]. זייער אָפט פאַרמאָגט טאַקע דאָס העברעאישע וואָרט, דאָס סאַמע באַניצן זיך מיט אים אין אַ ייִדיש־טעקסט, אַ ייִדישן אָנזאָג.

ה1–5. די סטיליסטישע פאָלקס־דערציילערישע קענצייכנס אין דער ״פּרינצעסין״ [15]

אַלע סטיליסטישע און אינהאַלטלעכע קענצייכנס פון אַ פאָלקס־דערציילונג געפינען זיך אין אונדזער דערציילונג. לאָמיר זיי אילוסטרירן לויט די אויבנ־דערמאָנטע כללים, און אָנהייבן מיט די פינף סטיליסטישע קענצייכנס.

ה1. אונדזער דערציילונג איז פול מיט דיאַלאָגן און דירעקטער שפּראַך. זייער אָפט זײַנען דאָס דיאַלאָגן צווישן יחיד און רבים: דער ערשטער דיאַלאָג איז צווישן דעם פּאַסטעך און די רײַטערס אין ערשטן פּרק; די האַנדלונג אין דער דערציילונג ענדיקט זיך מיט דעם געשריי פונעם פּאַפּוגײַ (״ליבע איז שטאַרקער

ווי דער טויט") געווענדט צו דעם יונגן קעניג דן, זײַן פּרוי (דער יונגען קעניגין) און דעם שמייכלענדיקן לייב. אָבער זייער אַ סך דיאַלאָגן קומען פֿאַר צווישן דעם הויפּט־כאַראַקטער און אַנדערע, און ס'איז ניטאָ קיין האַנדלענדיקער כאַראַקטער מיט וועלכן דער פּאַסטעך, און צום סוף דער יונגער קעניג, פֿירט ניט קיין געשפּרעך. די איינציקע געשטאַלט וועלכע רעדט אַליין און וואַרט ניט אויף קיין ענטפֿער, איז דער אַלטער "גייער" — אליהו־הנביא.

ה2. **די איבערחזרונגען** אין אונדזער דערציילונג זײַנען סײַ סיטואַציאַנישע און סײַ שפּראַכיקע. אַז דער פּאַפּוגײַ באַמיט זיך אַוועקצורײַסן דעם פּאַסטעך פֿון דער אויפֿגאַבע וועלכע ער האָט אויף זיך גענומען, באַניצט ער מיטלען וועלכע דאַרפֿן לאָקן און פֿאַרפֿירן דעם פּאָזיטיוון כאַראַקטער. ער דערציילט אים וועגן גאָלדענעם מאַראַנץ פֿון רײַכקייט, וועגן דעמב פֿון גבורה, און גיט אים אויך אַנדערע עצות כדי אים אָפּצוהאַלטן און אַראָפּפֿירן פֿון זײַן וועג און באַשלוס. דער פּאַפּוגײַ חזרט זיך איבער און באַניצט ניט נאָר די זעלביקע ווערטער, נאָר אויך די זעלביקע טאַקטיק, און ער פֿירט דורך די זעלביקע מעשׂים. אַזוי צ"ב (ז' 131) בײַם דערציילן וועגן דעם גאָלדענעם מאַראַנץ, האָט דער פּאַפּוגײַ "גערעדט שטיל, פֿאַרטרוילעך, געשעפּטשעט דנען אין אויער אַרײַן". אויך בײַם דערציילן אים וועגן דעם "בוים פֿון גבורה" "האָט דער פּאַפּוגײַ ווידער צוגעהאָפּסט נאָענט צו זײַן אויער". אַזעלכע סיטואַציאַנישע איבערחזרונגען קומען פֿאַר אויך בשעת דן האַדעוועט דעם לייב און דעם פּיראַטן־קאַפּיטאַן מיט די מאַגישע עפּל־בלעטלעך און בײַ אַנדערע געלעגנהייטן.

אָבער דער עיקר זײַנען, ווי אין דעם אַלגעמיינעם מעשׂהלע, די שפּראַך־איבערחזרונגען: "ער איז געגאַנגען און געגאַנגען" (ז' 137), "ער האָט געשפּילט און געשפּילט און געשפּילט" (דאָרטן) און נאָך אַ סך.

ה3. **אַ רעטאָרישע פֿראַגע** געפֿינט זיך שוין אין דער הקדמה: "אַקעגן וואָס איז דאָס צו רייד געקומען?". פֿראַגעס פֿון דעם מין ווערן ניט געשטעלט אין דעם סיפּור־המעשׂה דורך איינער פֿון די האַנדלענדיקע געשטאַלטן, כדי געענטפֿערט צו ווערן דורך אַ צווייטער, נאָר זיי ווערן געפֿרעגט אָדער דורך דעם דערציילער וועלכער ווענדט זיך צו זײַן פּובליקום, אָדער דורך אַ האַנדלענדיקער געשטאַלט וועלכע דערוואַרט ניט קיין ענטפֿער. זיי געפֿינען זיך גאָר אָפּט אין דעם סיפּור־המעשׂה גופֿא. ווען דן זעט דעם מאָדנעם בוים בײַם מאָדנעם טײַכל (ז' 130), פֿרעגט ער זיך אַליין: "וואו זײַנען די עפּל?", און ווען ער דערזעט איין עפּל אויפֿן סאַמע שפּיץ בוים, פֿרעגט ער ווידער, און ווידער זיך אַליין: "נאָר איין עפּל?". אויך אויף דעם לאָקונגס־פּאַרזוך פֿונעם פּאַפּוגײַ, וועלכער זאָגט אים צו רײַכטום, ענטפֿערט דן מיט אַ פֿראַגע: "צו וואָס דאַרף איך גאָלד?" (ז' 132). אַנדערע

ביישפּילן: "איז שלעכטס שטאַרקער פון גוטס?" (ז' 136), "מיינט דאָס אַז ער האָט שוין סײַ ווי פאַרשפּילט?" (דאָרטן), און נאָך אַ סך.

ה4. די וואָרטשפּילן אין דער דערציילונג זײַנען סײַ אינהאַלטלעכע (די נעמען פון דן און דינה — די הויפּטגעשטאַלטן) און סײַ קלאַנגהאַפטע ("גאָט, גוטער גאָט" — ז' 129).

די קלאַנגשפּילן פון ווערטער און אותיות זײַנען אויך כולל גראַמען, סײַ ענד־גראַמען און סײַ אָנהייב־גראַמען: "ברויט" און "טויט" גראַמען זיך אין דעם שפּריכוואָרט (אויבן, קאַפּיטל ד4א, ב' 23): "אַ קלוגער שנײַדט ברויט, אַ נאַר — דעם טויט", בײַם סוף פון די שורות, אָבער די גימל און למד גראַמען זיך אויך אין דעם שפּריכוואָרט (דאָרטן, ב' 5): "גליק איז חשובער פון גאָלד", ווי אָנהייב־גראַמען. פג"ל אויך דעם קלאַנג "פּאַר" אין דעם שפּריכוואָרט (דאָרטן, ב' 6) "געפּאַר פּאַר־אייניקט". די פּרוכט פון רײַכקייט איז דער מאַראַנץ, ניט נאָר ווײַל ער איז גאָלדן, נאָר אויך ווײַל זײַן ריש איז די ריש פון רײַכקייט, און דער דעמב איז דער בוים פון גבורה, ניט נאָר ווײַל ער איז הויך, אימפּאָזאַנט און שטאַרק, נאָר אויך צוליב זײַן בית, וואָס קלינגט אויך אין "בוים".

אָפּטמאָל באַניצט עלבערג ווערטער און אויסדרוקן לויט דעם וואָרטשפּיל־פּרינציפּ און אויך לויט די פאַרשיידענע אַליטעראַציעס: "טאַטע טײַערער" (ז' 145), "גאָט שענקט מענטשן גרויסקייט" (ז' 132), "דן איז אַ נאַר" (ז' 133), "בוים פון ברכה", "דער ווײַטער שווערער וועג" (ז' 130). דער פּאַפּוגײַ קראַקעט ווי אַ קראָ און קרײַזט איבער דנס קאָפּ (ז' 139), "נישט צו שלאָגן איז דער שטעקן נאָר צו שרעקן" (ז' 152), "דינה איז געשטאַנען שטײַף ווי פריִער" (ז' 152; "שטײַף" איז ניט קיין אָפּט וואָרט אין עלבערגס וואָקאַבולאַר, אָבער דער אויסקלייב פון דווקא דעם וואָרט איז מן הסתם באַאײַנפלוסט דורך דעם וואָרט "געשטאַנען"), און נאָך אַ סך. בײַ די ציטירטע אויסדרוקן און אַנדערע אויסזאָגן האָט דער מחבר געהאַט מער ווי איין אָפּציע פון אַ וואָרט־פּרעפערענץ, אָבער עס לייגט זיך אויף דער דעה, אַז דער ענדגילטיקער באַשלוס וועגן זײַן וואָרט־באַנוץ איז אָנגענומען געוואָרן צוליב דעם וואָרטשפּיל, דעם אות־שפּיל, דעם אינערלעכן קלאַנג און גראַם, וועלכע שטימען אײַן מיט די עטנאָפּאָעטישע פּרינציפּן און עלעמענטן. כדי אונדזער השערה צו באַשטעטיקן, וואָלט מען געדאַרפט לינגוויסטיש אַנאַליזירן עלבערגס שפּראַך אין אַלע זײַנע ווערק (אָנהייבנדיק פון די אַנדערע "מעשיות"), לויט די פאַרשיידענע פּעריאָדן פון זײַן שאַפן.

ה5. די פאָרמוליסטישע דרײַצאָל. עס איז ניטאָ קיין זײַטל אין דער "פּרינ־צעסין"־דערציילונג וואָס פאַרמאָגט ניט פאַרשיידענע אויסדרוקן פון דער פאָר־מוליסטישער דרײַצאָל, דעם דאָמינירנדיקן פאַקטאָר אין דעם סטיל פון דער פאָלקס־דערציילונג: "איר האַנט איז געווען קאַלט, איר פּנים שטײַף און איר מויל

געשלאָסן" (ז' 126), "דער קעניג איז אַלט, שוואַך און פּאַרמרהשחורהט" (ז' 140), און נאָך אַ סך.

אַפּט מאָל ווערט די דרײַצאָל בפירוש רערמאָנט: "אויף דעם דריטן אָאַזיס וואַקסט אַ דעמב" (ז' 131), און בסך הכל זײַנען טאַקע פאַראַן דרײַ אָאַזיסן. אויך די דרײַסיק טעג צווישן דעם געווינען פונעם עפּל און דעם געווינערס באַשערטן טויט, די טעג וועלכע ווערן יעדן טאָג געציילט און פאַרצייכנט אויפן שטעקן, אויך זיי זײַנען אַן אָפּצווייג פון דער דרײַצאָל.

אָפּטמאָל קומט פאָר די 2+1 סטרוקטור: "מיט אַ לאַנג שטענגל און צוויי גרינע בלעטלעך" (ז' 133), ווי אויך די 3+1 סטרוקטור: "וועגן מלוכה־פּירונג, וועגן געשיכטע, וועגן די שטערן אין הימל, און אַנדערע וויסנשאַפטן" (ז' 148). די פּאָליטיק, די געשיכטע, די אַסטראָנאָמיע זײַנען דרײַ וויסנשאַפטן, דאָס וואָרט "אַנדערע" איז אַ צוגאָב צו דער דרײַצאָל.

ה6–8. די אינהאַלטלעכע פאָלקס־דערציילערישע קענצייכנס אין דער "פּרינצעסין"[15]

אויבן, אין קאַפּיטל ג', האָבן מיר זיך שוין אָפּגעגעבן מיט טעאָרעטישע אַספּעקטן פון דער קאָנפראָנטאַציע (דעם קאָנפליקט), דער איבערנאַטירלעכער מאַטיוויק און דעם פאַרהוילענעם וואונטש — דעם אַנזאָג, — די דרײַ אינהאַלטלעכע קענצייכנס פון דער פאָלקס־דערציילונג. לאָמיר זיי איצט אַנאַליזירן אין עלבערגס "פּרינצעסין".

ה6. די קאָנפראָנטאַציע קומט פאָר ווי די הויפּט־טעמע שוין אין דער הקדמה וועלכע שפּיגלט אָפּ דעם מחברס אני־מאמין, זײַן "תורה". עס רעדט זיך ניט נאָר וועגן די אַבסטראַקטע באַגריפן וועלכע דער מחבר שטעלט צוזאַמען ווי "פּאָרלעך אין קאָנפליקט" (אונדזער טערמין — ד.נ.) — "שלעכטס און גוטס", "טרויער און שמחה", "לעבן און טויט", נאָר אויך אין דעם זאַץ־בוי גופא.

באַלד אין דעם ערשטן זאַץ פון דער הקדמה מאַכט עס דער מחבר קלאָר, אַז בשעת דעם אַחרית־הימים און דער גאולה־שלמה "וועט דער מענטש אַ סך גע־ווינען, אָבער ער וועט אויך עפּעס פאַרלירן". נאָך דער דאָזיקער אַבסטראַקטער קעגנאיבערשטעלונג (געווינס — פאַרלוסט) קומען ווײַטערדיקע קעגנזאַצן: "די ערד וועט זײַן אַ שטיקל הימל, דער בשר־ודם וועט זײַן אַ שטיק מלאך", "מיר קאָנען ניט אַריבערגיין דעם סמבטיון, דער מלאך־המוות יאָ" און נאָך אַ סך. די הויפּט־קאָנפראָנטאַציעס אין דער דערציילונג קומען אָבער פאָר ניט אויפן אַב־סטראַקטן נאָר אויפן ממשדיקן, מענטשלעכן געמעסט: צווישן "די ייִדן פון די עשרת־השבטים" זײַנען אויך דאָ "רשעים און מלחמות" ("מלחמות" האָט ניט

זײַן געגוייעם קעגנטייל אין דעם זעלביקן זאַץ, כאָטש דאָס וואָרט קען סימבאָליזירן אַלץ וואָס שטייט אַנטקעגן דעם רעכטפאַרכטיקן לעבן; דאָס פּאַסנדיקע וואָרט "שלום" ווערט דערמאָנט אין דער הקדמה, מיט 14 שורות פריִער, צוזאַמען מיט דעם וואָרט "יושר"). די קאָנקרעטע, סיטואַציאָנישע קאָנפראָנטאַציע איז דער עיקר אין דעם סיפּור־המעשה גופא, און די הקדמה ענדיקט זיך טאַקע מיטן צוזאָג "ווי מיר וועלן עס זען פון דער מעשה".

אַ לאַנגע מעשה פאַרמאָגט אַ סך קאָנפראָנטאַציעס און אין יעדער פון זיי באַטייליקן זיך צוויי פון די ווירקנדיקע כאַראַקטערן: אַ נעגאַטיווער אַנטקעגן אַ פּאָזיטיוון. אין יעדער קאָנפראָנטאַציע איז פאַראַן אויך אַ דריטע געשטאַלט, וועלכע דערגאַנצט דעם סטרוקטורעלן כאַראַקטער־דרײַעק, אָבער זי איז לכתחילה נייטראַל און באַטייליקט זיך ניט אַקטיוו אין דער האַנדלונג און אין די דיאַלאָגן. נאָר צום סוף פון דער הויפּט־קאָנפראָנטאַציע אין דער פאָלקס־דערציילונג מישט זיך דער נייטראַלער כאַראַקטער פון דעם הויפּט־דרײַעק אַריין אין דער האַנדלונג און דורך זײַן שטיצן דעם פּאָזיטיוון כאַראַקטער איז ער גורם צו דעם לעצטנס ניצחון און צו דער געוואונטשענער לייזונג פונעם קאָנפליקט.

אין דער "פּרינצעסין"־דערציילונג באַשטייען די צוויי "אַקטיווע" ווינקלען פונעם הויפּט־דרײַעק פון דעם פּאַסטעך (+) און דעם פּאַפּוגײַ (—), אָבער דער נייטראַלער ווינקל איז ניט קלאָר, און דאָס איז איינער פון די אונטערשיידן צווישן אַ פאָלקס־מעשהלע און עלבערגס קינסטלערישער דערציילונג. ווער איז דער אַקטיאָר וועלכער ווירקט הינטער די קוליסן פון דער האַנדלונג־סצענע, און אין אמתן קערעוועט ער די האַנדלונג, גיט כוח דעם פּאָזיטיוון כאַראַקטער און אינספּירירט אים, און צום סוף איז ער די סיבה פונעם "רעכטפאַרכטיקן מנהיגס" ניצחון? איז דאָס דער קעניג אפרים דער 18טער אויף וועלכן דער פּאָזיטיווער העלד האָט רחמנות ("אָרעמער קעניג" — קרעכצט דער פּאַסטעך, ז' 127), און פאַר וועלכן ער איז גרייט אַוועקצוגעבן "זײַן גאַנץ לעבן" (דאָרטן) כדי אַראָפּ־צונעמען די קללה פון זײַן טאַכטער? איז ניט דעם קעניגס פּראָקלאַמאַציע צו זײַן פאָלק ("הער, מײַן פאָלק, הערט, מײַנע געטרייע זין און טעכטער" — ז' 147), דער אָנזאָג וועלכער באַשטעטיקט זײַן טאָכטערס אויסקלייב און באַפעלט צו שטעלן די חופּה ("מײַן טאָכטער דינה האָט אויסגעקליבן איר באַשערטן, דעם געליבטן פון איר האַרץ. ברענגט די חופּה־שטאַנגען!" — דאָרטן), דער באַשיימפּערלעכער סימן פון דעם פּאַסטעכס ניצחון? (אין דער דאָזיקער סוב־סצענע שטייט דער באַרוועסער און אָפּגעריסענער פּאַסטעך אַנטקעגן די ברוגזע פּרינצן).

אָבער אפשר איז די נייטראַלע געשטאַלט דווקא די פּרינצעסין אין וועלכער דער פּאַסטעך איז פאַרליבט זינט ער האָט זי געזען פּיטערן דעם קעניגס שאָף און גלעטן די פעל פון אַ שעפּעלע וואָס טוליעט זיך צו איר (ז' 127) און זינט ער האָט זיך דערוואוסט אַז "אַ קללה האָט פאַרשלאָסן דאָס געפיל פון גוטסקייט צו מענטשן"

(דאָרטן)? זײַנען ניט דער פּרינצעסינס ערשטע ווערטער נאָכן עסן פֿונעם עפּל (צוערשט "מיט אַ ווייך ציטערדיק קול") צום פּאַסטעך ("דו טײַערער גוטער דן... דו האָסט דאָך אויך ניט געגעסן" — ז׳ 145, און שפּעטער — ז׳ 146), און נאָך דעם צו איר טאַטן ("איך בין נישט די זעלביקע דינה, טאַטע... טאַטע טײַערער") דער בולטער אויסדרוק פֿון דעם פּאַסטעכס ניצחון? וואָלט דען דער קעניג אָנגענומען זײַן באַשלוס וועגן באַשטימען אַ באַרוועסן, אָפּגעריסענעם פּאַסטעך ווי זײַן איידעם און נאָכפֿאָלגער, אָן זײַן דינהס ליבע־באַשלוס און אָן דער זיכערקייט אַז איר אויסדערוויילטער וועט פֿירן די מלוכה "מיט גוטסקייט און מיט ליבע" (ז׳ 147)? דאָס ענדגילטיקע באַצווינגען פֿון דעם בייזן פּאַפּוגײַ, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער לעצטער סצענע (ז׳ 152), באַשטייט דאָך אין דעם, אַז דער פּאַפּוגײַ שטעלט זיך אַוועק אויף דינהס אַקסל און טוליעט דעם קאָפּ צו איר האַלדז! שטייענדיק אויפֿן שטעקן בײַ דער פּרינצעסין וואָרקעט דער פּאַפּוגײַ "מיט הכנעה, ווי אַ גוט טײַבעלע", און אין דער סצענע באַטייליקן זיך דאָך די צוויי "קלאָרע" (+ און —) כאַראַקטערן — דער פּאַסטעך (יונגער קעניג) און דער טראַנספֿאָרמירטער־רעפֿאָרמירטער פּאַפּוגײַ, — ווערט ניט דערמיט קלאָר אויך די ראָלע פֿון דער דריטער געשטאַלט אין דער דאָזיקער סצענע — דער פּרינצעסין, וועלכע פֿאַרנעמט דעם דריטן ווינקל פֿונעם סטרוקטור־דרײַעק?

אָבער אפֿשר איז דאָס טאַקע אליהו־הנביא, וועלכער באַפֿרײַט, בײַם סוף פֿונעם סיפּור־המעשה, דעם פּאַסטעך־קעניג פֿון זײַן לעבנס־קרבן־נדר (ז׳ 120)? דער אויסטערלישער "גייער" ווייסט דאָך אַלץ און ער איז דער וועלכער באַצווינגט דעם פּחדנותדיקן ("שלעכטס איז פּחדנותדיק") פּאַפּוגײַ מיט זײַן סענקאָטן שטעקן. וואָלט ער ניט באַצווינגען דעם פּאַפּוגײַ און וואָלט ער ניט אָנגענומען דעם פּרינציפּ אַז ליבע איז שטאַרקער פֿון דעם טויט און באַזיגט אים, וואָלט דאָך די דערציילונג ניט געקומען צו איר גוטן, פֿריילעכן און מזלדיקן סוף, צו נחת און אריכות ימים פֿאַרן פּאַטער־קעניג, צו אויפֿטועון פֿון חכמה און גוטסקייט פֿאַר די צען שבטים!

אַזעלכע פֿראַגעס האָבן ניט קיין אָרט אין אַ פֿאָלקס־מעשהלע וואו די אידענטיטעט און די דאָמינירנדיקע ראָלע פֿונעם נייטראַלן כאַראַקטער, דעם "דאָנאָר", זײַנען תּמיד קלאָר. אָבער עלבערגס ליטעראַרישער איבערבוי פֿון די מעשהלה־עלעמענטן לאָזט אונדז איבער מיט די דרײַ דערמאָנטע פֿאַרשיידענע אָפּציעס. אין אַ פֿאָלקס־מעשהלע וואָלט אַוודאי אליהו־הנביא פֿאַרנומען דאָס דריטע ווינקל פֿונעם דרײַעק, אָבער אין אונדזער דערציילונג זײַנען די ראָלעס פֿון דעם קעניג און פֿון דער פּרינצעסין אַזוי אויסגעברייטערט געוואָרן, אַז די הויפּט־ראָלע איז ניט קלאָר און די לייזונג פֿון דער פֿראַגע הענגט אָפּ פֿונעם לייענער־צוהערער און פֿון זײַן דיספּאָזיציע בשעת דעם לייענען־צוהערן זיך...

אָפּט מאָל פֿאַרנעמען בײַ עלבערגן די סוב־קאָנפֿראָנטאַציעס דעם פּלאַץ פֿונעם הויפּט־קאָנפֿליקט, און אויך דאָס איז אַ קינסטלעריש מיטל וואָס געפֿינט זיך ניט

אין די אָריגינעלע מעשהלע־טיפּן. דן, דער פּאָזיטיווער כאַראַקטער, באַטייליקט זיך אין אַלע סצענעס פון דער הויפּט־קאָנפראָנטאַציע, פון דער ערשטער — מיט די רײַטערס (אין ערשטן פּרק), ביז דער לעצטער — מיט דעם פּאַפּוגײַ (אין לעצטן פּרק), ווען דן און דינה שטייען שוין צוזאַמען אַנטקעגן אים (ז׳ 151 : ״דינה און דן זײַנען אַרויסגעלאָפן אין גאָרטן״). אָבער עלבערג האָט אויך אַרײַנגעבראַכט אין סיפור־המעשה זײַטיקע קאָנפראָנטאַציעס וועלכע זײַנען ניט פאַראַן, ניט אין דעם פאָלקס־מעשהלע בכלל און ניט אין די אויבנדערמאָנטע דרײַ מעשהלע־טיפּן בפרט. אַ סוב־קאָנפראָנטאַציע פון דעם מין איז די קאָנפראָנטאַציע (אין פּרק 2) צווישן דעם פֿאָטער־קעניג־אפרים און דער טאָכטער־פּרינצעסין־דינה, וועלכע קומט פאָר אין אַ ליכטיקן, זוניקן פרימאָרגן, דעם 15טן טאָג אין חודש אָב, אָבער טראָגט אַ פינצטערן, טונקלען כאַראַקטער. דינה איז ״שטײַף״, ״אָן געפיל״, באַציט זיך צום טאַטן פאָרמעל און אָפּיציעל (״קעניגלעכע הויכקייט״ און ״קעניג״ רופט זי אים), ניט ווי אַ טאָכטער. דעם טאַטנס בפירושדיקע טענות און וואונטשן (״הלוואי וואָלסטו ווייניקער געוואוסט נאָר מער געפילט״) ווערן אויפגענומען דורך דינהן מיט קאַלטער גלײַכגילטיקייט.

ווער פאַרנעמט דאָס דריטע ווינקל פון דעם כאַראַקטער־דרײַעק אין דער דאָזיקער סוב־קאָנפראָנטאַציע ? דן און דינה האָבן זיך נאָך ניט געטראָפן, און דאָס געשפּרעך צווישן קעניג און זײַן טאָכטער קומט פאָר אין דער טאָכטערס צימער. אָבער דער קעניג דערמאָנט ״די שענסטע און בראַווסטע פּרינצן וועלכע קומען צו דעם גרויסן טאַנץ פון נאָענט און ווײַט״; ער דערמאָנט אויך זײַן פּאָטענציעלן יורש און קלערט וועגן ״אַ מאַן אַ קלוגן און אַ בראַוון״ פאַר דינהן. מע קען זען די פּרינצן ווי אַ קאָלעקטיוון נייטראַלן כאַראַקטער, דער פּאַראַדאָקס פון דער דערציילונג, ווי עס וועט זיך אַרויסווײַזן צום סוף, איז, אַז דער ״קלוגער און בראַווער מאַן״, וואָס זײַן ״ליבע וועט צעשמעלצן דאָס אײַזן״ (דעם קעניגס געדאַנק — ז׳ 123), איז ניט פאַראַן צווישן די פּרינצן, אָבער ער אַליין פאַרנעמט איצט דאָס נייטראַלע ווינקל און פאַרבלײַבט דאָרט ביז ער וועט ״אַריבערגיין״, נאָך זײַן ערשטן באַגעגעניש מיט דינהן, צו דעם פּאָזיטיוון ווינקל. אַזוי איז אין אונדזער זײַטיקן דרײַעק דינה דער —, איר טאַטע דער +, און דער אומ־באַקאַנטער, צוקונפטיקער מאַן (דן) דער נייטראַלער כאַראַקטער.

ה7. **די אויסערגעוויינטלעכע, איבערנאַטירלעכע עלעמענטן.** אין די פריער־דיקע קאַפּיטלעך (א2, א3 און ד3) האָבן מיר שוין געהאַט די געלעגנהייט אַרויס־צוברענגען סײַ די איבערנאַטירלעכע געשטאַלט פון אליהו־הנביא און סײַ די מאַגישע מאָטיוון וועלכע זײַנען אַן אינטעגראַלער באַשטאַנדטייל פון די צוויי מאַגישע מעשהלעך אין אונדזער קאָנגלאָמעראַטישער דערציילונג.

אָבער אַחוץ די אויבנדערמאָנטע מאָטיוון וועלכע געהערן צום מערסטן צו דעם

אות D ("מאַגיע" ביַי טאָמפּסאָן), האָבן מיר אין דער דערציילונג אַ היפּש ביסל מאַגישע (D) און אויסערגעוויינטלעכע (F) מאָטיוון[16]. ס'איז כמעט ניטאָ קיין זיַיטל אָן מאָטיוון וועלכע געהערן צו איינער פון די דאָזיקע צוויי קאַטעגאָריעס:

שוין אין דער הקדמה הערן מיר וועגן דעם "פייער-שפּיַיענדיקן טיַיך"[17] — דעם סמבטיון, וואָס איז לויט דער דעפיניציע פונעם אוניווערסאַלן מאָטיוו-אינדעקס אַ מאַגישער "שבת-טיַיך" (D 915.4.1). אַן אַנאַליז פון די אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון אין דער דערציילונג, לויט דער אָנגענומענער טאָמפּסאָן קלאַסיפיקאַציע, באַוויַיזט, אַז די מאַגישע טראַנספאָרמאַציע-מאָטיוון, וואָס פאַרוואַנדלען מחוץ-לדרך-הטבע מאַטעריעס, געמיטן און צושטאַנדן, פאַרמירן דעם רוב פון די דאָזיקע מאָטיוון.

אַחוץ די מאַגישע און די אויסערגעוויינטלעכע מאָטיוון אין דער דערציילונג, זיַינען אין איר בנימצא אויך מאָטיוון וועלכע געהערן צו אַנדערע קאַטעגאָריעס, כאָטש זיי טראָגן אַ ניסימדיקן און אומגעוויינטלעכן כאַראַקטער. די דערציילונג הייבט זיך אָן: "אין סוף פון די טעג ווען משיח וועט קומען", און דאָס געהערט ביַי טאָמפּסאָן צו די נבואה-מאָטיוון (M 363.2), און מע קען ברענגען מער ביישפּילן פון דעם סאָרט. די אונטערשטע שורה איז: די ניט-מאַגישע מאָטיוון זיַינען אַ קליינער מיעוט אין פאַרגליַיך מיט די מאַגישע.

ה8. **דער רעאַליזירטער וואונטש פון דער דערציילונג איז**, ווי מיר האָבן געזען, אידענטיש מיט די אַנזאָגן און שפּרוכן וועלכע ענדיקן דעם סיפור-המעשה.

דער איבערגעביטענער פּאַפּוגיַי שריַיט אַז ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט, דער שמייכלענדיקער לייב לייגט זיך אויס לעבן דנס פיס, דער קעניג שעפּט נחת און איז זוכה צו אריכות ימים, דאָס פאָלק און די מלוכה ווערן רעגירט מיט חכמה און מיט גוטסקייט... אַלע די עלעמענטן געפינען זיך אין דעם עפּילאָג פון דער דערציילונג און שליסן אויך איַנהאַלטלעך די לעגענדאַרע ראַם וועלכע הייבט זיך אָן אין דער הקדמה, מיט דער וויזיע פון משיחס ציַיטן. די אַלע גוטע סימנים פונעם גליקלעכן סוף פון דעם סיפור-המעשה זיַינען טאַקע אַ טייל פון משיחס ציַיטן...

דער עיקר-אונטערשייד צווישן אונדזערע און משיחס ציַיטן איז, לויט דעם מחבר אין דער הקדמה, דער טויט. דער מלאך-המוות וואָס האָט אַ שליטה ביז דער גאולה-שלמה אויך אין דעם לאַנד פון די עשרת-השבטים, קען באַצווינגט ווערן נאָר דורך ליבע. דער מאָטיוו פונעם ניצחון פון דער ליבע קומט פאַר סיַי אין דעם אָנהייב פון דער דערציילונג און סיַי אין איר רעאַליזירטן וואונטש. ער איז דער "רויטער פאָדעם" פון דער מעשה.

ו1–2. די איבערפֿאָרמירונג פֿון די מקורדיקע פֿאָלקס־מאַטעריאַלן

באַניצנדיק זיך, על־פּי־רוב אומבאַוואוסטזיניק, מיט קינסטלערישע, עטנאָ־פּאָעטישע מיטלען, האָט עלבערג אין זײַן „פֿרינצעסין״־דערציילונג איבערפֿאָרמירט די מקורדיקע, אוניווערסאַלע פֿאָלקס־מאַטעריאַלן. די דאָזיקע טראַנספֿאָרמאַציע ווערט דורכגעפֿירט אויף צוויי הויפּט־וועגן:

1. די פֿאַרייִדישונג פֿון די אַלגעמיינע מאָטיוון, ד״ה די ייִדישע לעגענדאַריזאַציע פֿון די אוניווערסאַלע מעשהלעך;

2. דעם מחברס פּערזענלעכער, עטישער און מאָראַלישער אָנזאָג, וועלכער שטאַמט טאַקע פֿון אוניווערסאַלע און אַלט־ייִדישע מקורים, אָבער ער טראָגט אויך אַ בפּירושדיקן אינדיווידועלן כאַראַקטער.

אין די פֿריִערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר שוין געהאַט די געלעגנהייט, בײַם אַנאַליזירן פֿון די ייִדישע קענצייכנס (קאַפּיטל ד׳) און בעיקר פֿון דעם אָנזאָג (ד׳ 4), אָנצוווײַזן אויף די פֿאַרשיידענע אויסדרוקן פֿון דעם טראַנספֿאָרמאַציע־פּראָצעס.

אין דעם ווײַטערדיקן אויספֿיר־קאַפּיטל ווילן מיר ברענגען די צוויי, לויט אונדזער מיין, בולטסטע בײַשפּילן פֿון די אויבנדערמאָנטע וועגן, אַ בײַשפּיל פֿון יעדן וועג:

ו1. דער עטיאָלאָגישער עלעמענט פֿונעם לייב־סימבאָל

אַ פֿאָלקס־מעשהלע, וואָס האָט ניט קיין באַשטימטע היסטאָרישע צײַט און ניט קיין באַשטימטן געאָגראַפֿישן רוים, האָט אויך ניט קיין לעבעדיקע באַציאונג צו הײַנטצייטיקע רעאַלע ענינים — אינסטיטוציעס, מינהגים אאַז״וו, פֿאַרבונדן מיט עקזיסטירנדיקע פֿאָלקס־גלייבענישן. ניט אַזוי די לעגענדע, וועלכע טראָגט אָפֿט מאָל אַן עטיאָלאָגישן כאַראַקטער און דערקלערט דעם מקור און אָנהייב פֿון הײַנטצייטיקע אינסטיטוציעס און דערשײַנונגען אין אונדזער לעבן.

דער סוף פֿון דער „פֿרינצעסין״־דערציילונג לעגענדאַריזירט זי דורך אַן עטיאָלאָגישן צוגאָב (ז׳ 153: און פֿון דעם נעמט עס זיך טאַקע וואָס...), וועלכער דערקלערט דעם מקור און די סיבה פֿונעם לייב אין דעם מלוכהשן עמבלעם פֿון די עשרת־השבטים. דער דאָזיקער עמבלעם אַנטהאַלט טאַקע, אַחוץ דער אור־אַלטער תנ״כישער מנורה, אַ שמייכלענדיקן לייב, טאַקע לזכר דער מקורדיקער חיה־רעה, טראַנספֿאָרמירט אין אונדזער דערציילונג.

דער „ייִדישער״ טראַדיציאָנעלער לייב ווי אַ וויזועלער סימבאָל, שטאַמט פֿון „גור אריה יהודה״ און שעפּט זײַן יניקה פֿון דעם גלויבן אַז „דויד מלך ישראל

חי וקיים״, און אַז משיח־צדקנו וועט שטאַמען פון דער דויד־דינאַסטיע, די איינציקע לעגיטימע דינאַסטיע אין תנ״ך און אין דער ייִדישער געשיכטע.

די דאָזיקע אמונה איז פרעמד די עשרת־השבטים. מן הסתם גלייבן אויך זיי אין ביאת־המשיח, אָבער דאָס איז ביַי זיי פאַרבונדן מיטן שבט אפרים (יוסף), וועלכער האָט געשפּילט (יהושע, דער שופטים־פּעריאָד, דאָס מלכות־ישראל) און וועט שפּילן (אין משיחס ציַיטן), לויט זייער אמונה, די הויפּטראָלע אין דער ייִדישער געשיכטע.

אונדזער דערציילונג, וועלכע באַטאָנט אליהו־הנביאס ראָלע ווי דער שלום־אָנזאָגער צווישן די שבטים אפרים און יהודה (זע אויבן, וועגן דעם ייִדישן פּער־סאָנאַזש, קאַפּיטלעך ב3 און ד3) [18], ברענגט אַרויס דאָס בשותּפותדיקע וואָס וועט פאַרגרינגערן אין דער ציַיט פון אחרית־הימים די מיטאַרבעט פון משיח בן אפרים און משיח בן דויד. אַזוי לייזט די דערציילונג די פּראָבלעם פונעם בשותּפותדיקן סימבאָל פון מלכות־יהודה און מלכות־ישראל אין די לעתיד־לבוא־ציַיטן — דעם לייב. דער בראשית פונעם סימבאָל איז פאַרשיידן, אָבער דער סימבאָל אַליין איז דער זעלביקער, און אַזוי ווי די מנורה, אליהו־הנביא און דער ייִדישער לוח, איז אויך דער לייב אַ טייל פון דער בשותּפותדיקער ייִדישער קולטור־ירושה.

וַ2. כי עזה כמוות אהבה — ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט

דער יסוד פונעם מחברס פאַרזעגלעכן אָנזאָג איז זיַין באַציאונג צו דעם ליבע־באַגער און צו דעם כוח פון דער ליבע — פאַרהוילענע וואונטשן וועלכע מיר האָבן שוין דערמאָנט אויבן, אָנאַליזירנדיק דעם מחברס אָנזאָג. דער איבערפּאַרמירונג־פּראָצעס איז אַזוי שטאַרק, אַז דער מחבר ענדערט אַ בפירושדיקן פּסוק. די דאָזיקע ענדערונג סימבאָליזירט, מער ווי עלבערגס אַנדערע פּאָעטיש־שעפערישע מיטלען און מעטאָדן, דעם מחברס ליטעראַרישן פאַרנעם און צוגאַנג.

דער ״לייַט־מאָטיוו״ פון דער דערציילונג איז, ווי מיר האָבן שוין געזען, ״די ליבע וועלכע האָט באַזיגט דעם טויט״. דער פּסוק וועלכער קען דינען ווי אַ מאָטיוו און ווערט אויך געבראַכט אין זיַין העברעאישער תנ״כישער אָריגינאַל־פאָרם צום סוף פונעם סיפּור־המעשה (ז׳ 152) איז: כי עזה כמוות אהבה, וואָס ווערט איבערגעזעצט דורכן מחבר: ״ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט״ און איז דער פּאָטעטישער ״פינאַל״ פונעם סיפּור־המעשה, סיַי אין דעם מויל פונעם ״אַלטן״ און סיַי אין דעם מויל פונעם פּאַפּוגיַי. אין דעם לעצטן פּרק פון דער ״פּרינצעסין״ ווערט דער העברעאישער פּסוק געבראַכט איין מאָל, זיַין אויבנדערמאָנטע ייִדישע איבערזעצונג — פינף מאָל.

דער אמת אָבער איז, אַז די כּף אין דעם וואָרט ״כמוות״ איז אַ כּף פון פאַרגלייך, אַ זעלביקייט־אַדווערב, און מיינט: ווי, אַזוי ווי, גליַיך ווי, גליַיך צו, אויפן זעלביקן

אופן. אַזוי דאַרף אויך די כף איבערגעזעצט ווערן. בײַ קיין שום מפרש אָדער איבערזעצער האָבן מיר ניט געפֿונען די איבערזעצונג ״שטאַרקער פֿון״ אָדער ״שטאַרקער פֿאַר״. תמיד: ״שטאַרק ווי״. אַזוי איבערזעצט אויך יהואש: ״וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפֿט״, וואָס אַנטשפּרעכט דעם פּאַראַלעלן המשך פֿונעם פּסוק: ״האַרט (און ניט האַרטער) ווי דער קבר — די אײפֿערזוכט״ (קשה כשאול קנאה). דער גאַנצער פּסוק אין שיר השירים (ח׳ 6) איז דאָך געבויט אויף פּאַר־גלײַכן (אויך זײַן אָנהייב: ״שימני כחותם...״ — ״טו מיך אַרויף ווי אַ זיגל אויף דײַן האַרצן״) און ניט אויף שטייגערונגען, און די כף־הדמיון קומט אין אים פֿאַר פֿיר מאָל.

עלבערגס קליינער איבערבײַט פֿון כף אויף מם איז אַ גאָר גרויסע אינהאַלט־לעכע ענדערונג. אַז זײַן ענדערונג איז באַוואוסטזיניק, לערנען מיר פֿון זײַן יִדישער פֿאָרמולירונג — ״ווי דער (ניט ״פֿון דעם״ אָדער ״פֿאַר דעם״) טויט״, דאָס הייסט אַז די כף־הדמיון פֿאַרבלײַבט אינעם העברעאישן אָריגינאַל, כאָטש די איבער־זעצונג באַציט זיך אינהאַלטלעך צו אַ שטייגערונג־מם.

פֿאַר אַזאַ מהותדיקער פֿאַרוואַנדלונג פֿון אַ תנ״כישן טעקסט, אַפֿילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַן איין־און־איינציק אות, דאַרף אַ מחבר זײַן באַהאַוונט אין די העברעאישע מקורים, פֿאַרמאָגן ניט נאָר אַ סך ליטעראַרישן ביטחון, נאָר אויך אַ סך קינסטלערישן קוראַזש און שעפֿערישע דרייסטקייט.

*

אַנאַליזירנדיק עלבערגס דערציילונג האָבן מיר זיך באַמיט ניט צו פֿאַרגלײַכן זי מיט אַנדערע שאַפֿונגען פֿון דעם זעלביקן מחבר[19]. מיר האָבן אויך גאָר ווייניק באַניצט דרויסנדיקע ליטעראַרישע און פֿאָלקס־ליטעראַרישע פּאַראַלעלן. די סיבה דערפֿון איז ניט נאָר די באַגרענעצטע ראַם פֿון דער אָפּהאַנדלונג, נאָר אויך אונדזער שטרעבונג צו שאַפֿן אַ פֿאָרשונגס־מאָדעל וועלכער וועט קענען דינען ווי אַ בײַשפּיל פֿאַר צוקונפֿטיקע אַנאַליזן פֿון ליטעראַרישע דערציילונגען וועלכע באַניצן פֿאָלקס־מעשהלעך אָדער פֿאָלקס־לעגענדעס ווי זייער סיפּור־המעשה און אויסגאַנג־פּונקט. אַזעלכע ליטעראַרישע אויסברייטערונגען און איבעראַרבעטונגען, אויך פֿון תנ״כישע, תלמודישע און מדרשדיקע דערציילונגען, זײַנען גוט באַקאַנט אין אונדזער ליטעראַטור, אויך אין אונדזער נײַער ליטעראַטור נאָך דעם השכלה־פּעריאָד, און אַ סך פֿון אונדזערע בעסטע דערציילערס, פּראָזאַיִקערס און ליטעראַרישע ריזן, צווישן זיי י״ל פּרץ און ש״י עגנון, געהערן צו דער פֿאַרדינסטפֿולער פּלעיאַדע פֿון אַזעלכע איבעראַרבעטערס און אויסברייטערס.

איך האָף אַז דער עטנאָפּאָעטישער מעטאָד באַנוצט אין אונדזער פֿאָרליגנדיקן אַנאַליז, וועט זיך קונה מקום זײַן אין דער פֿאָרשונג פֿון דער יִדיש־ליטעראַטור און אין דער יִדיש־עטנאָפּאָעטיק.

אונדזערע אויספירן וועלכע שטיצן זיך אויף דעם דערמאָנטן מעטאָד און שפּיגלען אָפּ דעם עטנאָפּאָעטישן צוגאַנג צו ליטעראַטור בכלל, קאָנצענטרירן זיך טאַקע אַרום איין דערציילונג פון אַ טייַערן ידיד־נפש און חשובן שרייַבער, אָבער זיי קענען גילטיק זייַן אויך לגבי אַנדערע שאַפונגען, אין פּראָזע און פּאָעזיע, סייַ פון עלבערגן און סייַ פון אַנדערע מחברים.

1 זע אין דער ביבליאָגראַפישער רשימה פון די ראָשי־תיבות און קיצורים צום סוף פון אונדזער אָפּהאַנדלונג. די מקורים ווערן געבראַכט דורך קירצונגען וועלכע ווערן געלייזט אין דער דערמאָנטער רשימה. דער טיפּ־אינדעקס פון א. אַרנע און ס. טאָמפּסאָן איז געבויט לויט כסדרדיקע, לויפנדיקע נומערן.

2 דער מאָטיוו־אינדעקס פון ס. טאָמפּסאָן איז געבויט לויט אותיות, און יעדער אות פּרעזענטירט אַ טעמע (A — מיטאָס, B — חיות, C — טאַבו, D — מאַגיע, אאַז״וו).

3 איך דאַנק האַרציק דער וויסנשאַפטלעכער פּאַרוואַלטערין פונעם אַרכיוו, פּר' עדנה היכל, פאַר שטעלן צו מייַן דיספּאָזיציע די דערהייַנטיקטע (1989) אסע״י־דאַטן, און פאַר איר טעכנישער הילף בייַם צוגרייטן אונדזער אָפּהאַנדלונג צום דרוק.

4 זע **נוי־מאַראָקאָ** נב' 1, 25, **נוי־טוניסיע** ב' 27, **נוי־ליביע** ב' 51, **נוי־שבילי** ב' 29 (פון תימן), **מזרחי** ב' 16 (פון איראַן).

5 זע **נוי־שבילי** נב' 28, 29 (ביידע וואַריאַנטן שטאַמען פון תימן), **חיימוביץ** ב' 15 (פון אינדיע).

5* פג״ל די שורות „איבער דייַן עפּעלע“ און **„האָט זיך דיר פאַרגלוסט דאָס עפּעלע . . . דאָס פאַרבאָטענע עפּעלע“** אין גאָלדפאַדענס „אוי, חוה מיט דער שלאַנג, נאָך דעם עפּעלע טוט איר באַנג“ פון „עקידת יצחק“ (זע מאיר נוי אין **תצליל** ב' 10, 1978, זז' 68־69). זע אויך די שורה „אַזוי האָט חוה דערזען (זי געפונען) אַן עפּעלע (עפּל) אַ זיסן“ אין די „פאָלקסלידער“ נב' 199, 200 בייַ **כהן־פּאָלקלאָר** זז' 94־95 (זע ש. ז. פּיפּעס געהעריקע באַמערקונגען, דאָרטן, ז' 303).

6 פג״ל די צוויי דערציילונגען אין **ממקור ישראל** (תל־אביב 1966) נב' 357, 358, און די מקורים פאַרוויזן דאָרטן, ז' 511. מיכה יוסף בן־גריון (בערדיטשעווסקי), דער אָפּ־קלייבער און רעדאַקטאָר, האָט אָנגערופן די דערציילונג (ב' 358): „נפש תחת נפש“, שטיצנדיק זיך אויפן פּסוק אין ויקרא כ״ד 18. אין זייַן בוך **צפונות ואגדות** (תל־אביב 1956, זז' 185־186) רופט ער זי אָן „אַלקסטיס העברית“ — די העברעיִשע אַלקעסטיס. וועגן דעם ווייַטער־לעבן פון דעם מאָטיוו (מתנה פון לעבן, יאָרן, טעג, פאַר אַ קראַנקן, כדי צו פאַרלענגערן זייַן לעבן אויפן חשבון פון דעם „דאָנאָר“), פג״ל די באַקאַנטע אַגדה וועגן די זיבעציק יאָר וועלכע אָדם־הראשון האָט געשפּענדט פאַר דויד־המלך. דער מאָטיוו לעבט ביז הייַנט־צו־טאָג אין ייִדישע פאָלקס־גלייבענישן און מינהגים; פג״ל **שוואַרצבוים** ז' 288 (בנוגע דעם מעשהלע־טיפּ 899) און אויך **נוי־מוזיי**, וואו עס ווערט דערמאָנט דער באַנוץ פון אַן „אליהו־הנביא־שטעקן“ בשעת דעם גיין־צו־קינד אין ליגן אין קימפּעט בייַ די אַפגאַנישע ייִדן.

7 זע **נוי־מאַראָקאָ** ב' 63.

8 Dov Noy, “The Jewish Versions of the ‘Animal Languages’ Folktale —

AT 670 *B: A Typological-Structural Study", *Scripta Hierosolymitana* (Jerusalem 1971), pp. 171-208; D. Noy, "What is Jewish About the Jewish Folktale?", in Howard Schwartz, *Miriam's Tambourine: Jewish Folktales .Around the World* (New York 1986), pp. XI-XIX

9 וועגן דער עקוויוואלענץ פון אליהו־הנביא אין יידישע לעגענדעס און דעם כישוף־מאכער אין די מאגישע פאלקס־מעשהלעך, פג"ל שווארצבוים ז' 83, הערה 30: "עס איז אינטערעסאנט ארויסצוהייבן, אז אנשטאט דעם כישוף־מאכער האבן מיר אין אלע יידישע ווואריאנטן (פון דעם מעשהלע־טיפ 550א' — ד.נ.) — אליהו־הנביא"...

10 אין דעם אסע"י־אוצר זיינען רעפרעזענטירט א סך לאקאלע, עטנישע כאראקטערן (קדושים, בעלי־מופתים) דורך איבער 100 דערציילונגען, ווי צ"ב ר' יעקב אבו־חצירא פון מאראקא, ר' שלם שבזי פון תימן א"א.

11 לויט די קלאסישע אויספירן פון אקסעל אלריק, דעם באוואוסטן דענישן פאלקלאריסט, זיינען פאראן 15 "עפישע כללים" וועלכע דעטערמינירן דעם פאלקלאריזאציע־פראצעס אין דער פאלקס־דערציילערישער ליטעראטור, אבער אין אונדזערע פארשונגען, בעיקר אויפן סמך פון די אסע"י מאטעריאלן, זיינען מיר געוועזן בכוח צו באשטעטיקן נאר אכט פון זיי, און אויך זיי מיט געוויסע מאדיפיקאציעס. פג"ל אויך אויבן, הערה 8.

12 די איינטיילונג און די אונטערטיטלען פונעם קאפיטל ד' שטימען איין מיט די פונעם פריערדיקן קאפיטל ב'.

13 פג"ל די ווערטער פון ברוריה, ר' מאירס ווייב, צו איר מאן, אין ברכות י' ע"א: יתמו חטאים. מי כתיב חוטאים? חטאים כתיב. און רש"י פארטייטשט דארטן, חטאים: יצר הרע. פג"ל אויך מדרש תהלים צו אונדזער פסוק, אין דער אויסגאבע פון ר"ש באבער, ז' 448.

14 אראבישע און יידיש־אריענטאלישע מעשהלעך הייבן זיך זייער אפט אן מיטן זאץ: "אמאל איז געווען א מלך, און ס'איז ניטא קיין מלך אחוץ גאט..." די סיפא פונעם פארמוליסטישן אנהייב־זאץ איז אויך דער אנהייב־פסוק פונעם קאראן.

15 די איינטיילונג און די אונטערטיטלען פונעם קאפיטל ה' שטימען איין מיט די פונעם פריערדיקן קאפיטל ג'.

16 מאגישע, איבערנאטירלעכע מאטיוון (D) זיינען פארבונדן מיט דינאמישע טראנס־פארמאציעס וועלכע געשעען פאר אונדזערע אויגן, און אונדזער עמפירישע דערפארונג קען א געשעעניש פון דעם סארט ניט באשטעטיקן, סיי ווייל מיר האבן עס קיינמאל ניט געזען פארקומען (סיידן דאס איז א נס־מן־השמים...), און סיי ווייל עס איז קעגן די אייביקע נאטור־געזעצן. אויסערגעוויינטלעכע מאטיוון (F) שילדערן א סטאטישן פענאמען (חלות וואקסן ווי פירות אויף א בוים), אדער א געשעעניש וואס קען "טעכניש" יא פארקומען, אבער דאס קען פאסירן גאר זעלטן (חתן און כלה ווערן דערטרינקען, ווייט איינער פון צווייטן, אויפן וועג צו זייער חופה א"א).

17 אין די לעגענדעס וועגן די צען שבטים און דעם סמבטיון (אויך אין דעם שייכדיקן מאטיוו ביי טאמפסאן) שפייט (ווארפט) דער אומנאטירלעכער טייך שטיינער אין דער הייך. צוליב עלבערגס אויבן באוויזענער נייגונג צו קלאנגשפילן און אנהייב־אות־גראמען, שפייט דער טייך פייער. מיר האלטן אז דער אפווייך פון דעם אנגענומענעם, טראדיציאנעל־לעגענדארן מאטיוו און דאס פארבייטן פון שטיינער אויף פייער איז אומבארעכטיקט, ווייל די געטריישאפט צום אינהאלטלעכן מאטיוו דארף אין אן איבער־ארבעטונג פון פאלקס־דערציילערישע מאטיוון זיין מער דאמינירנדיק פונעם אימפרא־וויזירטן קלאנגשפיל.

18 אין אַ פּריוואַט־געשפּרעך האָט מיר יהודה עלבערג דערקלערט, אַז דעם פּאַסטעכס מאָטיוואַציע איז נאַציאָנאַל: אַזוי ווי בשעת אחרית־הימים וועלן די עשרת־השבטים ווערן אַ טייל פֿונעם פֿאַראייניקטן פֿאָלק אין זײַן אומאָפּהענגיקער מדינה, איז דער פּאַסטעך פֿול מיט גוטווילן לטובת דער צוקונפֿטיקער מדינה, און דאָס איז זײַן הויפּט־מאָטיוואַציע. עס איז מיר אָבער קלאָר, אַז אין דעם טעקסט איז בולטער די אינדיווידועלע מאָטיוואַציע פֿון דעם פֿאַרליבטן פּאַסטעך. אַזוי ווי ער איז פֿאַרליבט אין דער פּרינצעסין, איז ער טאַקע פֿול מיט דאגה אויף וועגן דעם המשך פֿון איר און פֿון מלך אפֿרימס דינאַסטיע און מיט גוטווילן לטובת דער צוקונפֿטיקער מדינה. אָבער אַ סך בולטער אין דעם טעקסט איז דער פֿאַקט, אַז דנס האַרץ איז פֿול מיט רחמנות אויף דינהן און אויף איר אַלטן טאַטן, און אַז דאָס רחמנות־געפֿיל איז דער הויפּט־קאָמפּאָנענט פֿון זײַנע ליבע־געפֿילן צו דער פּרינצעסין.

19 אַזוי צ"ב וואָלט נוצלעך געווען אויספֿאָרשן עלבערגס פֿאַרגלײַכן און פֿאַרגלײַך־לשונות, כּדי צו באַפֿעסטיקן אונדזער אויספֿיר וועגן זײַן איבערבייט פֿון "עזה כּמוות אהבה" אויף "ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט". אין דער "פּרינצעסין"־דערציילונג באַניצט ער סײַ די פֿאָרמע "חשובער פֿון גאָלד" (אויבן, קאַפּיטל 4דא, ב' 5) און סײַ די פֿאָרמע "ערגער ווי נאַרישקייט" (דאָרטן, ב' 9). נאָר אַן אַנאַליז פֿון עלבערגס לשון אין אַלע זײַנע ווערק קען פֿירן צו ענדגילטיקע און קלאָרע אויספֿירן.

ראָשי־תּיבֿות, גלאָסאַר פֿון עטנאָפּאָעטישע טערמינען און קיצורים פֿון ביכער און אַרטיקלען

אויקאָטיפּ — אַ מעשׂהלע־טיפּ וועלכער איז באַגרענעצט צו אַ ספּעציפֿישער דערצייל־קולטור (שפּראַך, רוים א"אַ), און האָט דערפֿאַר אַ לאָקאַלן, עטנישן כאַראַקטער.

אָלריק — Axel Olrik, "Epic Laws of Folk Narrative" in Alan Dundes (ed.), The Study of Folklore, Englewood Cliffs, N.J. 1965, pp. 129-141. — דער דײַטשער אָריגינאַל איז געווען געדרוקט אין 1909.

אַנדרעיעוו — N. P. Andreyev, *Ukazatel' Skazotshnykh Syuzhetov po sisteme Aarne*, Leningrad 1919. — זע אויבן, אָנהייב קאַפּיטל א1.

אַרנע־טאָמפּסאָן — Antti Aarne, *The Types of the Folktale*, translated and enlarged by Stith Thompson, 2nd revision, Helsinki 1961.

א"ת — זע: אַרנע־טאָמפּסאָן.

ב' — באַנד, בב' — בענד.

ווירקנדיקער (האַנדלענדיקער) כאַראַקטער — יעדער פֿון די דרײַ הויפּט־"העלדן" אינעם מעשׂהלע.

ז' — זײַטל, זז' — זײַטלעך.

חיימוביץ — צ"מ חיימוביץ, **שומרים נאמנים**: י"ח סיפורי־עם, חיפה 1976.

טאָמפּסאָן — Stith Thompson, *Motif-Index of Folk Literature: A Classification of Narrative Elements in Folk-Tales, Ballads, Myths, Fables, Mediaeval Romances. Exempla, Fabliaux, Jest-Books and Local Legends*, 6 vols., Helsinki 1932-1936. 2nd rev. and enl. ed., Copenhagen-Bloomington, Indiana 1955-1958.

טיפ (מעשהלע־טיפ) — זע : אַרנע־טאָמפּסאָן.
כהן־פאָלקלאָר — י. ל. כהן (רעד׳), ייִדישער פאָלקלאָר, ווילנע 1938.
לעגענדע — אַ פאָלקס־דערציילונג וועלכע האָט אַ געאָגראַפיש־היסטאָרישן הינטערגרונט
און היסטאָרישע ווירקנדיקע כאַראַקטערן.
מאָטיוו — זע : טאָמפּסאָן.
מזרחי — חנינא מזרחי, בישישים חכמה : ארבעים סיפורי־עם, חיפה 1967.
ממקור ישראל — מיכה יוסף בן־גוריון (ברדיצ׳בסקי), ממקור ישראל, תל־אביב תשכ״ו.
מעשהלע — אַ פאָלקס־דערציילונג וואָס איר סיפור־המעשה שפּילט זיך אָפּ אין אַן אומ־
באַשטימטער צײַט און אין אַן אומבאַשטימטן רוים.
מעשהלע־טיפּ — זע : אַרנע־טאָמפּסאָן.
נ׳ — נומער, ננ׳ — נומערן.
נוי־טוניסיע — דב נוי, שבעים סיפורים וסיפור מפי יהודי טוניסיה, ירושלים 1966.
נוי־ליביע — דב נוי, שבעים סיפורים וסיפור מפי יהודי לוב, ירושלים 1967.
נוי־מוזיי — Dov Noy, “Archivig and Presenting Folk Literature in an Ethnological
Museum”, *Journal of American Folklore* 75 (1962), pp. 23-28.
נוי־שבילי — Dov Noy, *Jefet Schwili erzaehlt*, Berlin 1963.
עטנאָפּאָעטיק — די וויסנשאַפט וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער פאַרשונג פון דער פאָלקס־
ליטעראַטור.
קאָנגלאָמעראַט — אַ געזעמל פון צוויי אָדער מער צונויפגעגאָסענע פאָלקס־דערציילונגען.
שוואַרצבוים — Chaim Schwarzbaum, *Studies in Jewish and World Folklore*,
Berlin 1968.

אַ מענטש
איז נאָר אַ מענטש

ראָמאַן

וועלט־ראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1983

יצחק יאַנאַסאָוויטש

אַ ראָמאַן וועגן צוויי ברידער

א

ווען איך האָב בשעתו געשריבן וועגן יהודה עלבערגס דערציילונג "אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש" — אַ דערציילונג וואָס איז אַריין אין זיין בוך **צעוואָרפּענע זאַנגען**, אַרויס אין יאָר 1976 — האָב איך אונטערגעשטראָכן, אַז עלבערג בלייבט אויך אין דער דאָזיקער דערציילונג דער קינסטלער, וואָס זוכט אין דער אויסער־געוויינטלעכקייט פון די געשעענישן די דערקענטעניש פון בן־אָדם און זיין פּסיכיק. חוץ־לזה — האָב איך דעמאָלט געשריבן — פירט ער זיינע העלדן, ווי אויך זיינע זייטיקע פּאַרשוינען, מיט זייערע כאַראַקטערן און גורלות, איבער גרויסע און פאַרשיידן־אַרטיקע לעבנס־שטחים, אַזוי אַז אויך די דאָזיקע דערציילונג, פּונקט ווי די אַנדערע, שטעלט מיט זיך פאָר אַ קינסטלערישן שפּיגל אין וועלכן מיר זעען אונדזער צייט, אירע פּראָבלעמען און זייער ווירקונג אויף דער צערודערטער נשמה פון דעם הייַנטצייטיקן מענטש.

די באַנייס־באַאַרבעטע, קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגיש־אויסגעברייטערטע דערציי־לונג — "אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש", וואָס דער מחבר רופט אַן ראָמאַן, לאָזט זיך אין תוך געבומען כאַראַקטעריזירן דורך דעם פריער געזאָגטן, און דאָס הייסט, אַז דאָס וואָס עס איז געווען גילטיק פאַר דער דערציילונג פון יאָר 1976 איז אויך אָנגעמאָסטן פאַר דעם נייעם וואַריאַנט פון 1983. דאָך, לייענענדיק און פאַרגלייכנדיק ביידע וואַריאַנטן מוז מען קומען צום אויספיר אַז אין דער איצטיקער ווערסיע זיינען אַריינגעפּירט געוואָרן אַזוי פיל נייע געשטאַלטיקונגס־מאָמענטן און בכלל — אַזוי פיל נייע קינסטלערישע עלעמענטן, אַז מען מוז דאָס דאָזיקע איצט־פאַרטיפטע ווערק באַטראַכטן ווי אַ לגמרי זעלבשטענדיקע שאַפונג, וואָס איז ראוי אויף ס'נייַ באַהאַנדלט און באַלויכטן צו ווערן.

איידער מיר טוען דאָס, לאָמיר אָבער כאָטש מיט עטלעכע ווערטער פאַר־צייכענען געוויסע שרייַבערישע אייגנשאַפטן, וואָס וואַרפן זיך אונדז אין די אויגן ווען מיר לייענען דעם דאָזיקן טאַלאַנטפולן פּראָזאַאיקער. ובכן :

דערשינען אין בוך "פּנימער און נעמען" — באַנד צוויי, י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, 1985.

1. יהודה עלבערג צייכנט זיך אויס דערמיט וואָס ער פּאַראייניקט אין זײַן פּראָזע אי דעם דערציילער און אי דעם שילדערער. וואָס איז דער חילוק צווישן זיי ביידן? דעם דערציילער הערן מיר און דאָס געשילדערטע זעען מיר ואין דומה ראיה לשמיעה... לכאורה דאַכט זיך אויס אַז די מזיגה צווישן דעם דערציילער און דעם שילדערער איז אַ נאַטירלעכע און אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע פּאַר אַ מענטש וואָס שרײַבט פּראָזע און האָט מיט דעם דאָזיקן שרײַבן שוין דערגרייכט אַ בכבודיקע פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור. אין דער אמתן איז עס אָבער ווײַט נישט אַזוי פּשוט ווי מען מיינט און מיר וואָלטן מיט אַ גאַנצער ריי בײַשפּילן געקענט באַווײַזן ווי אַזוי שרײַבערס פון אַ באַדײַטנדיקער מדרגה צייכענען זיך אויס אויף איין געביט און פאַלן שטאַרק אַראָפּ ווען עס קומט צו אַ צווייטן געביט. יהודה עלבערגס טאַלאַנט צו שילדערן דערציילנדיק און צו דערציילן שילדערנדיק דאַרף דעריבער באַטאָנט ווערן, איבערהויפּט דערפאַר ווײַל עס שאַפט אַ געוויסע האַרמאָנישע איינהייטלעכ־קייט, וואָס מיר קענען אָנרופן: סטיל, אָדער נוסח.

2. יהודה עלבערג האָט אַ נטיה זיך אומצוקערן צו זײַנע פריִערדיקע, שוין פּובליקירטע ווערק, און זיי אויף ס'נײַ צו באַאַרבעטן, ווי מיר זעען עס אין דער דערציילונג וואָס מיר באַהאַנדלען איצט. אַזוי למשל האָט ער אויף ס'נײַ באַאַרבעט זײַן גרויסע און באַרימט־געוואָרענע דערציילונג "837" און אויך אַנדערע גרעסערע צי קלענערע פּראָזעווערק, וואָס זײַנען שוין לאַנג געהאַט אַראָפּ פון זײַן וואַרשטאַט און זײַנען שוין באַקאַנט געווען אין רשות־הרבים. פאַראַן שרײַבערס וואָס האַלטן אַז איידער צו באַאַרבעטן אַ זאַך וואָס איז שוין באַקאַנט, איז בעסער אָנצושרײַבן אַ נײַע זאַך. עלבערג האַלט זיך נישט בײַ דעם דאָזיקן כלל. דאָס זאָגט עדות נישט בלויז וועגן דער קריטישער באַציאונג צו זײַן אייגענעם שאַפן, נאָר בעיקר וועגן זײַן שטרעבן צו שלימות, אין גײַסט פון תלמודישן וואָרט: חזקה על חבר שאינו מוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן (עירובין לב. פסחים ט.). דאָס איז אַ שעפערישער כאַראַקטער־שטריך וואָס קען נישט נישט געלויבט ווערן.

3. יהודה עלבערג איז נישט קיין פיל־זשאַנערדיקער שרײַבער. ער איז אָבער אַ פיל־טעמאַטישער שרײַבער. ער דערציילט און שילדערט דאָס לעבן פון פאַר־שיידענע סביבות און במילא שילדערט ער מענטשן וואָס זײַנען אין זייער כאַראַקטער און מענטאַליטעט, אין זייער דערציאונג און אויפפירונג ווײַט איינער פון אַנדערן. קלאָר אַז ער דערציילט אויך וועגן געשעענישן און שילדערט אויף זייער פאָן שטייגערס וואָס זײַנען אין קאַנטראַסט און ביז גאָר פאַרשיידן. זײַן קינסטלערישע שעפערישקייט דעקט ברייטע און פילפאַרביקע מרחקים און שאַפט אַ קאַליידאַסקאָפּ פון טיפּן און געשטאַלטן, פון גורלות און טעמפעראַמענטן מיט וועלכע אונדז קומט אויס זיך צו באַגעגענען אין אונדזער באַשערטן גאַנג פון לעבן, דאָ, אויף דער ערד.

וואָס נוגע דעם דאָזיקן פונקט, וועלן מיר נאָר בקיצור דערמאָנען דעם נאַטוראַליסטיש־געשילדערטן בער לעפּ (פון דער דערציילונג מיטן זעלביקן נאָמען)

און זײַן קעגנזאַץ, דעם איידעלן ייִד און זײַן ווײַב דבורהלע, די עקרה, פֿון דער דערציילונג "מפטיר יונה"; די רעאַליסטיש און פּסיכאָלאָגיש־פּאַרטיפּטע דער־ציילונגען פֿון געטאָ־לעבן און בכלל — פֿון די חורבן־צײַטן; זײַנע דערציילונגען וועגן דעם לעבן אין די לענדער פֿון דער נײַער וועלט ביז צו זײַנע חסידישע מעשׂיות און לסוף — ביז צו זײַן בוך אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, וועגן וועלכן ס׳זײַנען די רייד אין די ביז איצטיקע און ווײַטערדיקע שורות.

ב

כמנהג המחברים האָט יהודה עלבערג באַוואָרנט זײַן בוך מיט דער באַמערקונג, אַז די געשעענישן און העלדן פֿון ראָמאַן זײַנען געבוירן געוואָרן אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון מחבר און האָבן נישט קיין שײַכות צו מענטשן וואָס האָבן באמת עקסיסטירט. דער אמתער אמת, ווי מען זאָגט, איז אָבער אַז די געשעענישן אינעם ראָמאַן, ווי אויך דער הויפּטהעלד זײַנער זײַנען ערגעץ וואו נישט בלויז דער פּראָדוקט פֿון מחברס פֿאַנטאַזיע, נאָר האָבן אַ שײַכות צו אַ געשעעניש וואָס איז פֿאָרגעקומען און האָט געהאַט אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין דער וועלט. מיר מיינען דאָ די געשיכטע מיט סאָבעלן, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואו מען האָט אים געמישפּט ווי אַ סאָוועטישן שפּיאָן און וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אינעם עראָפּלאַן וואָס האָט אים צוריקגעפֿירט קיין אַמעריקע, נאָך דעם ווי ישׂראל האָט אים אַרויסגעגעבן אויף דער פֿאָדערונג פֿון דער אַמעריקאַנער יוסטיץ.

דער סוזשעטישער סקעלעט פֿון עלבערגס ראָמאַן איז, ווי מיר זעען, גענומען פֿון דער ווירקלעכקייט, פֿון דער נישט־לאַנגסטיקער פֿאַרגאַנגענהייט. דאָס האָט אָבער גאָרנישט צו דער טענה פֿון שרײַבער, אַז דער ראָמאַן איז אין ליטעראַריש־שעפֿערישן זינען, כולו פֿאַנטאַזיע, דאָס הייסט אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ קינסטלעריש ווערק וואָס ווערט באַצייכנט ווי פֿיקציע, נישט געקוקט דערויף וואָס דער פֿאַבולאַרער קערן פֿון דער דערציילונג איז גענומען פֿון דער ווירקלעכקייט.

לאָמיר טאַקע בתכלית־הקיצור איבערדערציילן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך אין אָט דער ראָמאַן־דערציילונג:

לעאָן טאַרנאָווסקי, וואָס איז געקומען צופֿעליק אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און האָט דערמיט אויסגעמיטן דעם גורל פֿון די ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע אין די חורבן־יאָרן, דערוויסט זיך אַז זײַן ברודער בערנאַרד איז דאָרטן געבליבן לעבן און געפֿינט זיך צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי און קינדער אין די ערטער וועלכע זײַנען איצט באַהערשט דורך די סאָוועטן. לעאָן טאַרנאָווסקי הייבט אָן צו מאַכן באַמיאונגען, אַז זײַן ברודער און זײַן משפּחה זאָלן קומען צו אים אין די שטאַטן — אַ זאַך וואָס געלינגט זייער זעלטן, מחמת די סאָוועטישע מאַכט איז קעגן דעם אַז אירע בירגער זאָלן אויסוואַנדערן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אָבער עס געשעט אַזוי, אַז דאָס מאָל געלינגט עס יאָ. די

סאָוועטן לאָזן אַרויס קיין אַמעריקע דעם ברודער מיט זײַן טאָכטער. די אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַמיליע גיבן זיי אָבער נישט קיין מעגלעכקייטן אַרויס־צופאָרן, מיט דער טענה, אַז די פרוי פון בערנאַרדן איז נישט קיין ייִדישע נאָר אַן אוקראַאינישע און די אַנדערע קינדער, חוץ דער עלטסטער טאָכטער, ווילן נישט איבערלאָזן זייער מוטער.

דער אמת איז אָבער, אַז די סאָוועטן לאָזן אַרויס בערנאַרדן און זײַן טאָכטער און פאַרהאַלטן בײַ זיך זײַן פרוי און די אַנדערע קינדער, מחמת זיי האָבן אַ באַשטימטן ציל. זיי ווילן אַז בערנאַרד זאָל פאַר זיי שפּיאָנירן און כדי ער זאָל געצוואונגען זײַן דאָס צו טאָן ווילן זיי אים האָבן אין דער האַנט. הקיצור: דער פּלאַן געלינגט זיי, בערנאַרד גיט זיי איבער די סודות פון דער כעמישער פאַבריק וואו ער באַקומט אַרבעט. אָבער די אַמעריקאַנער קעגנשפּיאָנאַזש־אַגענטור פּאַלט אויף זײַנע שפּורן און מען אַרעסטירט אים. אין דער לעצטער מינוט זאָגט אָבער פּלוצעם דער עלטערער ברודער, לעאָן, אַז דער שפּיאָן איז ער און דער ברודער זײַנער האָט בלויז אויסגעפירט, בלאַ־יודעים, וואָס ער, לעאָן האָט אים געהייסן. ס׳הייסט אַז ער, לעאָן, טראָגט אויף זיך די שולד און נאָר ער דאַרף געמישפּט און באַשטראָפט ווערן. מען אַרעסטירט טאַקע לעאָנען, און נאָך דעם ווי זײַן אַדוואָקאַט באַפרײַט אים אויף קויציע, אַנטלויפט ער און באַהאַלט זיך אויס אַ צײַט לאַנג אונטער אַ צווייטן נאָמען אין מדינת־ישראל. סוף־כל־סוף דערוויסט זיך די אַמעריקאַנער מאַכט וואו ער געפינט זיך און פאָדערט אַז ישראל זאָל אים אַרויסגעבן. סע שאַפט זיך אַן אַנגעשטרענגטע לאַגע, וואָס פירט שיִער נישט צו אַ רעגירונג־קריזיס אין ישראל, און דער שפּיץ איז, אַז מע גיט אים אַרויס צו די אַמעריקאַנער. אויפן וועג, אין עראָפּלאַן פון ישראל קיין אַמעריקע, באַגייט לעאָן טאַרנאָווסקי זעלבסטמאָרד. מען נעמט אים אַראָפּ אין לאָנדאָן און דאָרטן שטאַרבט ער אין שפּיטאָל.

אויף דער באַזע פון אָט די קורץ־איבערדערציילטע געשעענישן האָט עלבערג אויסגעבויט אַ ווערק, וואָס איז אַן עולם־ומלואו אין פּרט פון דערקענטעניש פון דער מענטשלעכער פּסיכיק און פון די צווישנמענטשלעכע באַציאונגען אין אונדזער צײַט.

די שאלה איז קודם־כל: פאַר וואָס איז דער עלטערער ברודער, לעאָן טאַרנאָווסקי, זיך מקריב פאַר זײַן ייִנגערן ברודער, בערנאַרד, און נעמט אויף זיך אַזאַ שווערע שולד, אין וועלכער ער איז פּאַקטיש גאַרנישט ניט שולדיק? טוט ער דאָס פון גרויסער ליבשאַפט צו אים?

מען קען מיינען, אַז דאָס איז אַן אַקט אַ סטיכישער: פּאַרט אַ ברודער, און בלוט איז נישט קיין וואַסער. מען קען אויך טראַכטן, אַז דער עלטערער ברודער, וועלכער ווייסט פון זײַן לוקעמיע־קרענק, און ווייסט אַז אים בלײַבט שוין סײַ ווי נישט קיין סך צו לעבן, נעמט אויף זיך די שולד, ווײַל אים איז שוין אַלץ איינס.

סײַ ווי וועט ער אין גיכן שטאַרבן, און אפשר נאַרט ער זיך דערמיט, וואָס ער מיינט אַז אים, אַ געפערלעך קראַנקן, וועט מען נישט פאַרמישפּטן צו קיין שווערער שטראָף? עפּעס פון דעם אַלעמען איז טאַקע פאַראַן אין זײַן נעמען אויף זיך די שולדיקייט, אָבער די ווײַטערדיקע געשעענישן באַווײַזן, אַז דאָס זײַנען נישט די אמתע מאָטיוון צוליב וועלכע ער נעמט אויף זיך דאָס אַחריות פאַרן פאַרברעכן. די אמתע מאָטיוון זײַנען גאָר אַנדערע. דאָ חזרט זיך איבער די פריִער געשטעלטע שאלה: טוט ער דאָס פון ברידערלעכער ליבע, פון רחמנות אויף זײַן ברודער? דער ענטפער איז: ניין! ס'ווערט קלאָר אַז ער טוט דאָס, להיפּוך, מחמת שינאה צו אים, אַ שינאה וואָס ציט זיך נאָך פון דער ווײַטער קינדהייט, אין טאַטע־מאַמעס היים. און דאָ וויקלט פאַר אונדז עלבערג אויף, מיט די בעסטע מיטלען פון קינסטלערישן פלעשבעק, ווי מען רופט עס אין פילם־לשון, די ביאָגראַפיע פון זײַן העלד, בעיקר זײַן קינדהייט, זײַן יוגנט און אויך די שפּעטערדיקע יאָרן.

דאָס וואָס עלבערג דערציילט און שילדערט פאַר אונדז אין דעם אַ ראָמאַן דערמאָנט אונדז די ערשטע טראַגעדיע פון דער מענטשהייט, נאָך דעם ווי אָדם און חוה זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן, דאָס מיינט די שינאה וואָס האָט דערפירט דעם עלטערן ברודער קין צו דערמאָרדן זײַן ייִנגערן ברודער הבל. די דאָזיקע טראַגעדיע איז שוין אויפגעשפּילט געוואָרן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט אין טויזנטער און אפשר צענדליק טויזנטער וואַריאַנטן (אַפילו אין אונדזער תנ"ך האָבן מיר די איבערחזרונג פון דער דאָזיקער געשיכטע אין אַ ריי וואַריאַציעס און דאָס האָט טאַקע פרויד געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל אָננעמען, אַז דער קאָמפּלעקס פון פאָטערמאָרד האָט בײַ ייִדן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמפּלעקס פון ברודערמאָרד מיט אַלע זײַנע פּסיכיש־צעשטערערישע עלעמענטן). בײַ עלבערגן האָט די דאָזיקע טראַגעדיע באַקומען אַן אייגן פּנים, וואָס איז ווײַט פון דעם תנכישן מאָדעל, אָבער וואָס ווײַזט ווי אַזוי די שינאה, די אור־אַלטע ברידער־שינאה, ווירקט נאָך אַלץ אין אונדזער ציוויליזירט לעבן.

ס'איז נישט קיין נײַעס אין דער הײַנטיקער פּסיכישער לערע וואָס שטעלט פעסט אַז די קינדישע אייפערזוכט צווישן די ברידער און דער קאָנקורענץ־קאַמף פאַר דער ליבשאַפט פון דער מוטער, אָדער פאַר דער גנאָדיקייט פון דעם פאָטער, לייגט אַ טיפן חותם אויף דער אַנטוויקלונג פון כאַראַקטער, ווי אויך אויף די מעשים אין זייער שפּעטערדיק־דערוואַקסן לעבן. יהודה עלבערג צעוויקלט פאַר אונדז אין דעם ראָמאַן די גאַנצע מגילה פון אָט דעם קאַמף וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די ערשטע יאָרן פון דער קינדהייט און איז געקומען צו זײַן שפּיץ אין די שפּעטערע יאָרן פון דערוואַקסנקייט, ווען דער דאָזיקער קאַמף ווערט שוין מאַסקירט און באַהאַלט זיך אויס אין באַשטימטע מעשים וואָס זעען אויס ווי זײַנע היפּוכים. עלבערג דרינגט אַרײַן מיט זײַן קינסטלעריש אויג אין די ווײַטסטע ווינקלען פון דעם אַ קאַמף צווישן ברודער און ברודער און ווײַזט אונדז ווי אַזוי די שינאה קען

ברענגען צו מעשים, וואָס זאָלן אין פלוג אויסזען ווי מעשים פון ליבע; ווי אַזוי דער האָס קען ברענגען דערצו, אַז מען זאָל זיך מקריב זײַן פאַר דעם געהאַסטן און דאָס אַלץ כּדי צו דערווײַזן די העכערקייט, די שטאַרקערע מאָראַלישקייט פון דעם קרבן לגבי דעם פאַר וועלכן ער האָט זיך מקריב געווען.

ג

דער ראָמאַן אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש פון יהודה עלבערג איז אַ קינסטלעריש שפּיגל פון דער רעאַליטעט, אין וועלכער מיר באַוועגן זיך. ער איז, דער ראָמאַן, פול ווי אַ מילגרוים מיט פּראָבלעמען און מיט אַספּעקטן פון מענטשלעכן אויפפיר און פון צוזאַמענלעבן צווישן מענטשן, סײַ נאָענטע, סײַ ווײַטע. כּדי צו באַהאַנדלען אַלע פּראָבלעמען אין דעם אַ ווערק, אָדער כּדי אַרומצורעדן אַלע באַזונדערע אינטערפּרעטאַציעס וואָס דער מחבר גיט די פּאַסירונגען, וואָלט מען געדאַרפט אָנשרײַבן נישט איין דיסערטאַציע נאָר אַ סך. לאָמיר זיך אָבער אָפּשטעלן אויף עטלעכע פון זיי, ווײַל פּטור בלי כּלום אי אפשר, און נישט דערמאָנען כאָטש אייניקע פון די מאָמענטן וואָס גיבן צו אַ באַזונדערע וואָגיקייט און ווערטיקייט דעם ווערק וואָלט געווען אַן עוולה לגבי דעם מחבר.

שוין בײַראָן האָט אין זײַן קין געפּרוווט אַרויסברענגען דעם געדאַנק, אַז דער דערמאָרדעטער הבל מיט זײַן הכנעה פאַר גאָט איז אין זײַן טויט נישט ווייניקער שולדיק ווי זײַן מערדער קין (דאָס זעלביקע האָבן אַ סך פריִער אויך געפּרוווט אָנווינקען אונדזערע פאַרצײַטישע בעלי־מדרש, אין זייערע אגדות און אגדתות, וועלכע ווײַזן אַרויס אַזוי פיל פּסיכאָלאָגישע פאַרשטענדעניש פאַר דעם פון קינאה־צעפרעסענעם קין). יהודה עלבערג שטעלט זיך נישט אויף קיין שום צד פון דעם דאָזיקן ברודער־קאַמף, אָבער ער ווײַזט אונדז ביידע ברידער מיט זייערע פּאָזיטיוון און נעגאַטיוון. ס׳איז אמת, אַז דער עלטערער ברודער האָט אַ סך טענות צו זײַן ייִנגערן ברודער, וועלכן די עלטערן האָבן אַרויסגעוויזן מער ליבשאַפט און וועלכן ס׳איז געגאַנגען גלאַטיקער אין לעבן. דער עלטערער ברודער גייט אַרום מיט אַ קאָמפּלעקס פון אַ באַעוולטן, פון אַ באַרויבטן — האָט דאָך דער ייִנגערער ברודער צוגענומען זײַן כּלה און זי געמאַכט פאַר זײַן ווײַב. אָבער די זאַך האָט אויך אַן אַנדער פּנים. ווען מיר שטעלן אַן אונדזער בליק אין דער צווייטער ריכטונג, דערזעען מיר מיט אַ מאָל, אַז דער ייִנגערער ברודער האָט זײַן גאַנץ לעבן זיך געפילט דערדריקט פון דער מאָראַלישער העכערקייט פון זײַן עלטערן ברודער, וועלכער האָט ממש געלעכצט ס׳זאָלן אים געטאָן ווערן עוולות, כּדי ער זאָל קענען זײַן גרויסמוטיק און מוחל זײַן. אין אָט דער מאָראַלישער העכערקייט — אָדער כּלומרשטער העכערקייט — מיט וועלכער דער עלטערער ברודער באַהאַנדלט דעם ייִנגערן, ליגט אַ האַרטע אַכזריות, פון וועלכע דער ייִנגערער ברודער וויל אַ גאַנץ לעבן זיך באַפרײַען און קען נישט. אַפילו די מעשה מיט דער צוגענומענער

כלה, וואָס וואַרפט אַ שאָטן אויף דעם אויפפיר און כאַראַקטער פון ייִנגערן ברודער, איז אין דער אמתן פּראָוואָצירט געוואָרן דורך דעם עלטערן, כדי ער זאָל קענען דערשייַנען ווי דער מאַרטירער, ווי דער געליטענער און דער וואָס איז מוחל; דער וואָס צאָלט אָפּ גוטס פאַר שלעכטס, וואָס לייַדט פון אַנדערע צוליב זייַן גוטסקייט, צוליב זייַן העכערקייט.

י. עלבערג ווייַזט ווי אַזוי יעדער איינער פון די צוויי ברידער זעט זיך און זייַנע מעשים. יעדער איינער פון זיי איז דערבײַ זיכער, אַז דער גערעכטער איז ער. דער שרייַבער לאָזט אונדז אַרייַנדרינגען אין זייערע מחשבות, לאָזט אונדז אויפנעמען זייערע געפילן, זייער אופן פון זען די וועלט אַרום זיך און זיך אין דער וועלט און אין סך־הכל באַקומט זיך, אַז ביידע זייַנען אין אַ גלייַכער מאָס גערעכט און אומגערעכט, ווייַל אַזוי איז דאָס לעבן: ס'איז אַ קאָמפּליצירט געוועב, וואָס איז קיין מאָל נישט אין גאַנצן ווייַס אָדער אין גאַנצן שוואַרץ און די גערעכטיקייט שטייט קיין מאָל נישט אייַן נאָר אויף איין אָרט, און דאָס איז די טראַגיק פון אונדזער זייַן.

אַ צווייטער מאָמענט: אין דעם נייַעם וואַריאַנט פון 1983, האָט יהודה עלבערג אַרייַנגעפירט אַ זייער וויכטיקן פּרט: די באַציאונגען צווישן דעם פאָטער און דער מוטער פון די צוויי ברידער. דער דאָזיקער מאָמענט איז אַ באַזונדערע דערציילונג וועגן די פאַרהעלטעניש צווישן צוויי מענטשן, וואָס דאַרפן זיך זייַן באַענגט ווי מאַן און ווייַב, ווי עלטערן פון קינדער און זייַנען עס נישט, מחמת זייערע פאַרשיידענע כאַראַקטערן. וועגן די ליבעבריוו פון פאָטער צו דער מוטער און וועגן די איבערלעבונגען זייַנע וואָס זיי צו פאַרפיקסירן וואָלט מען געקענט אַ סך שרייַבן, ווייַל זיי דערציילן וועגן מענטשלעכע קאָנפליקטן, וואָס האָבן אין זיך גורלדיקס און האָבן אַ השפּעה נישט בלויז אויף די עלטערן, די אָדם־און־חוה פון דער דערציילונג, נאָר אויך אויף זייערע קינדער, צו וועלכע די דאָזיקע השפּעה דערגייט אויף וועגן, וואָס מיר קענען זיי נישט און ווייסן נישט גענוי ווי אַזוי זיי אויסצומייַדן.

אַ דריטער מאָמענט: די באַציאונג פון לעאָן טאַרנאָווסקי, דעם עלטערן ברודער, צו זייַן פּלימעניצע. פון איין זייַט זעט ער אין איר אַן אייגן קינד און פון דער אַנדערער, זעט ער אין איר די מוטער, וועלכע איז אַ מאָל געוועזן זייַן כלה און האָט אים פאַרטוישט אויף זייַן ברודער. די ליבע, די סעקסועלע גלוסטן צו דער געוועזענער כלה, שטורעמט איצט אויף ווען ער זעט פאַר זיך די טאָכטער אין איר ווייַבלעכער רייַפקייט און עראָטישער צוציִענדיקייט. אויך די באַציאונג פון דער יונגער פּלימעניצע צו איר עלטערן פעטער איז אַרויסגעבראַכט מיט דער מייַסטערשאַפט פון אַ פּסיכאָלאָג, אַ קינסטלער וואָס ווייסט גענוי מגלה צו זייַן אַ טפח, כדי מכסה צו זייַן טפחיים. יהודה עלבערג, זאָל דאָס געזאָגט ווערן צו זייַן גרויסן לויב, האָט זיך נישט געלאָזט פאַנגען פון די הייַנטיקע שטרעמונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור,

וואָס איז פול מיט ניבול־פה און סעקס־אומווערדיקייטן. ער האָט נישט פאַרדעקט די עקסיסטענץ פון די אינסטינקטן אין מענטש, ער האָט זיך אָבער נישט פּאַס־מאַקעוועט מיט זיי, ווי יענער וואָס עסט חזיר און סמאַטשקעט הויך די טרייפע ביינער.

פאַראַן נאָך און נאָך מאָמענטן, וואָס מאַכן פון דעם 180־זײַטיקן בוך אַ גרויס ווערק. עלבערג פאַרלייקנט די טעזע, אַז די ייִדישע ליטעראַטור מחוץ־לארץ איז שוין מער נישט פעאיק צו רעאַגירן אויף די פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקייט און אַז זי איז, ראשה־ורובה, אַרײַנגעטאָן נאָר און בלויז אין דער נאָסטאַלגיע פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער ניצט אויס דאָס זײַן פון לעאָן טאַרנאָווסקי אין מדינת ישראל, בעת ער באַהאַלט זיך אויס פון דער אַמעריקאַנער יוסטיץ, כדי אונדז צו געבן אַ בילד פון לעבן אין ייִדישן לאַנד, מיט זײַנע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע שטריכן. און ער טוט דאָס מיט דורכדרינגלעכקייט און מיט לעבנס־קענטשאַפט.

לאָמיר לסוף פאַרענדיקן דעם מאמר מיט די ווערטער מיט וועלכע מיר האָבן בשעתו פאַרענדיקט אונדזער אָפּהאַנדלונג וועגן דער דערציילונג פון יאָר 1976:
״די דאָזיקע דערציילונג איז פול מיט אַזוי פיל שפּאַנונג און מיט אַזעלכע אומגעריכטע געשעענישן, אַז עס האָט געפעלט אַ האָר זי זאָל ווערן אַ קרימינאַל־ראָמאַן, אָדער אַ שפּיאָנאַזש־געשיכטע. די גרויסע מעלה פון עלבערגס טאַלאַנט באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס ער טרעט קיין מאָל נישט אַריבער די דאָזיקע דינגע גרענעץ און בלײַבט כּסדר דער קינסטלער, וואָס איז בכוח שרײַבעריש אויפצוהייבן יעדע טעמע, צו שילדערן כלערליי לעבנס־שטחים און צו געשטאַלטיקן כלערליי סיטואַציעס אין מענטשלעכן זײַן. דער עיקר איז, וואָס ער ווײַזט זיך אַרויס ווי אַ טיפער קענער פון דעם בן־אָדם, פון זײַן פּסיכיק און כאַראַקטער און במילא פון זײַן גורל״.

בערל פרימער

אין כף הקלע

וואָס מאַכט דאָס נײַע בוך פון יהודה עלבערג „אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש" אַזוי אָריגינעל, אינטערעסאַנט און שפּאַנענדיק? אין פלוג וואָלט עס געדאַרפט זײַן פאַרקערט. ס'איז נישט קיין ראָמאַן, ווי עס באַצייכנט דאָס דער מחבר, נאָר אַ לענגערע דערציילונג. עס ווערן נישט געשילדערט די סביבות און לענדער, וואו דער גורל האָט פאַרטריבן לעאָן טאַרנאָווסקי, דער הויפּט־העלד פון דעם ווערק. די אַקציע שפּילט זיך אָפּ צווישן אַ קלײנער גרופּע גרויע און קליינע פּערזענלעכקייטן. כאָטש כמעט אַלע העלדן זײַנען ייִדן האָט דאָס בוך נישט קיין ספּעציפיש ייִדישן אינהאַלט און אַלץ וואָלט געקענט פאַרקומען אויך אין אַ נישט־ייִדישער סביבה. אָפּטמאָל דוכט זיך, אַז עלבערג אַנטלויפט אין דעם ווערק פון פּאַטעטישן און דראַמאַטישן, האָט נישט געקוקט דערויף, וואָס אַלע העלדן אינעם בוך, שוין אָפּגערעדט פון לעאָן טאַרנאָווסקי, ווערן פאַרפאָלגט דורך אַ ביטערן און גרויזאַמען גורל.

פון וואַנען נעמט זיך דער באַזונדערער מאַגנעטישער רייץ? דער ענטפער ליגט שוין אינעם טיטול פון ווערק. עס איז אַ געשיכטע פון אַ מענטש, וואָס איז דווקא נאָך מער ווי אַ מענטש. עלבערג קאָנצענטרירט זיך מיט מיטגעפיל אויפן גורל פון אַ יחיד, אַ צוריקגעצויגענעם, באַשיידענעם מאַן, וועלכער ווערט אַרײַנגעוואָרפן אין כף הקלע פון אויסערגעוויינלעכע טראַגישע פּאַסירונגען.

דאָס בוך הייבט זיך אָן ווען די ליידן פון טאַרנאָווסקין דערגרייכן אַ קלימאַקס, ווען ער איז אין תפיסה פאַר אַ פאַרברעכן, וואָס עס איז באַגאַנגען זײַן ברודער בערנאַרד, וועלכער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט שפּיאָנאַזש און זײַן ברודער האָט פרײַוויליק גענומען די שולד אויף זיך און זיך געבראַכט פאַר אַ קרבן. (מיר ווייסן אָפילו נישט צי דער אויסדרוק קרבן איז צוגעפּאַסט, ווײַל לעאָן האָט עס געטאָן אָן דראַמע און אָן פּאָזע, עפּעס אַזוי ווי צופעליק און כלאַחר־ידיק).

די באַציאונגען צווישן די צוויי ברידער פאַרנעמען אַ וויכטיקן טייל פון דער געשיכטע. זיי זײַנען צוויי קעגנזאַצן. דער ברודער בערנאַרד איז אַ צעפּיעשטשע־

דערשינען אין ייִדיש־וועלט — מאַי 1984.

טער, שוואַכער אין כאַראַקטער, וואָס איז שטענדיק מקנא לעאָנען, זײַן געפּיל פון אָרדענונג און זעלבסט־דיסציפּלין און זײַן אויסטויגן זיך אין די שווערסטע סיטו־אַציעס. לעאָן ווידער מיינט דאָס פּאַרקערטע און איז זיכער, אַז די מאַמע פּאַוואָ־ריזירט ״דאָס קינד״ און אים שטענדיק געגעבן גערעכט, אַרויסווייזנדיק, ווי עס האָט זיך לעאָנען אויסגעוויזן קאַלטקייט און אינדיפערענץ צו אים אַליין. דער גורל האָט ענג פאַרבונדן די צוויי ברידער, כאָטש אָפט מאָל ווײַט צעטיילט דורך קאָנטינענטן. דער ברודער נעמט פון אים אָוועק זײַן געליבטע זאָסיע פון וואָס ער האָט געליטן ביזן סוף פון זײַן לעבן, צוליב אים איז ער געזעסן אין תפיסה. עס איז צווישן זיי דאָ אַ ליבע־שנאה־קאָמפּלעקס. ער דערציילט זייער אָפט וועגן זײַנע לײַדן צוליבן ברודער און פונדעסטוועגן איז ער גרייט צו טאָן פאַר אים אַלץ צוליב דער וועזנטלעכער אָנשטענדיקייט פון זײַן נשמה. אין אַ בינטל בריוו, וואָס בערנאַרד האָט צו אים געשריבן פון געטאָ אין די חורבן־יאָרן, איז זיך בערנאַרד מודה אין אַלע זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען לגבי זײַן ברודער און אויף אַ רירנדיקן און מוטיקן אופן.

אַ צענטראַלע ראָל אין דער דערציילונג שפּילן די אָפטע ענדערונגען אין זײַן וואוין־אָרט. די מאַמע האָט אים אָוועקגעשיקט קיין אַמעריקע אים צו מאַכן פאַר אַ סוחר. ער האָט חושד געווען, אַז זי האָט עס געטאָן בכיוון, כדי פּטור צו ווערן פון זײַן אָנוועזנהייט און כדי נישט צו שטערן דעם ראָמאַן צווישן בערנאַרדן מיט זאָסיען. ער האָט אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע בערנאַרדן און דאָרט האָט פּאַסירט דער אומגליקלעכער צופאַל מיט בערנאַרדס שפּיאָנאַזש אַקטיוויטעט, וואָס לעאָן האָט גענומען אויף זיך.

פרויען פאַרנעמען אַ גאַר חשובן אָרט אין דעם בוך, וואָס איז איינער פון די עראָטישסטע אין אונדזער ליטעראַטור. דאָס איז קודם־כל זאָסיע, די לײַדנשאַפט־לעכע, רייצנדיקע און לײַכטזיניקע פרוי, וואָס ווי געזאָגט, האָט פאַרלאָזן לעאָנען אויף אַ ציניש און גראָבן אופן און שפּעטער אויך פאַרראָטן בערנאַרדן, וואָס איז נישט זיכער צי דאָס קינד, וואָס זי האָט געבוירן איז זײַנס. זי איז די ״פאַטאַלע פרוי״ און ער קערט זיך אום צו איר אין אַלע זײַנע חלומות און פאַנטאַזיעס. פון דער צווייטער זײַט איז יענטע אַן איידעלע באַלעבאַטישע יידישע טאָכטער, וועלכע ער באַגעגנט אויפן וועג קיין אַמעריקע און וואו דער עווענטועלער שידוך ווערט צעריסן צוליב אַ קאָמישער פּאַסירונג, וואָס לעאָן שנײַדט זיך אײַן בעתן ראַזירן און ער באַשליסט נישט צו גיין צום סדר, וואו ער איז פאַרבעטן געוואָרן. דאָס שליסט נישט אויס די בענקשאַפט צו אַנדערע פרויען, צווישן זיי אויך מערי, וועלכע איז די איינציקע, וואָס נעמט אים אַרויס פון זײַן האַלבער אימפּאָטענץ און טרינקט אים אָן מיט דעם זאַפט פון ווײַבלעכקייט. עס זײַנען אויך פאַראַן אַנדערע עפּיזאָדן פון זײַנע באַגעגענישן מיט פרויען. אין אַלגעמיין איז ער אַ גרויסער שלימזל: זײַנע אָפטע דורכפאַלן דערדריקן אים און זיי שטרײַכן אונטער זײַן בידנע

דאַליע. פרויען זײַנען בײַ אים נישט קיין טייל פון זײַן לעבן, נאָר דאָס לעבן אַליין. צום סוף בלײַבט ער שטענדיק איינזאַם און באַליידיקט.

ווי געזאָגט איז זײַן ביאָגראַפיע דווקא אַ שטורמישע, כאָטש אין דעם בוך, וואָס איז אייגנטלעך אַ טאָגבוך, דערציילט ער וועגן דעם אַלעם מיט רואיקייט, באַזאַכטקייט און סאַטירע, אויף זיך אַליין. ער איז געשיקט געוואָרן קיין אַמעריקע פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן קיין ישראל, כדי זיך צו ראַטעווען פון דער שווערער שטראָף און מ׳האָט אים פון דאָרט אַרויסגעשיקט צוריק אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָך אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

צו דעם אַלעם איז ער שווער קראַנק אויף לוקעמיע. ער האָט געהאַט בדעה אויסצונוצן די פאַרבליבענע יאָרן הנאה צו האָבן פון לעבן און לסוף האָבן זיך אויף אים אויסגעגאָסן איובס צרות.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַזוי לאַנג אויף דעם הויפּט־העלד, ווײַל ער איז אייגנטלעך דאָס בוך. די אַנדערע זאַכן און פּערזאָנען וואָס רינגלען אים אַרום זײַנען מאַגערע עפּיזאָדן.

ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט איז זײַן אינטערעס אין אַלגעמיינע געשעענישן אַ זייער שוואַכער, כאָטש דאָ און דאָרט, ווי למשל בנוגע ישראל, זײַנען פאַראַן געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַטראַכטונגען און מיינונגען, וואָס געהערן נישט צו די רעלעוואַנטסטע און געראָטנסטע טיילן פון בוך.

טראָץ די עראָטישע און דרײַסטסעקסועלע שטעלן אין בוך איז נישטאָ קיין פּאָרנאָגראַפיע, נאָר אַלץ איז פאַרשלײַערט מיט איידלקייט פון זײַן כאַראַקטער און מיט דער פײַנער, כמעט זעלבסטלאָזער באַציאונג צו מענטשן. פונדעסטוועגן וואָלט דאָס בוך נישט געהאַט די ווירקונג, וואָס עס האָט, ווען עס וואָלט נישט געשריבן געוואָרן דורך יהודה עלבערג. זײַן גרויסער טאַלאַנט צו דערציילן און מיטרײַסן מיט זיך דעם לייענער, די אויסערגעוויינלעך רײַכע שפּראַך, דער פּסי־כאָלאָגישער אַרײַנבליק אין דער נשמה פון די העלדן, מאַכן עס פאַר אַ וויכטיקן בײַטראַג צו דער ייִדישער ליטעראַטור. עס איז טאַקע אַ גאַנץ אַנדערער עלבערג, אַ פרעמדע, פאַר אים און פאַר אונדז טעמאַטיק, אָבער אפשר אין דעם ליגט טאַקע דער סוד פון דעם אינטערעס וואָס עס רופט אַרויס. דאָס וואָס עס האָט געקענט זײַן אַ דעטעקטיוו־געשיכטע, אַ שפּאַנענדיקער ראָמאַן, איז געוואָרן אַ רירנדיקער דאָקומענט פון אַ מענטשלעכער נשמה. עלבערג פּרעטענדירט נישט קיין סך, אָבער צוזאַמען מיטן העלד לעבט ער איבער די לײַדן און יסורים. ער דאַרף זיך נישט פאַרענטפערן, אַז אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, ווײַל טאַרנאָווסקי איז כולו מענטש און אפשר נאָך מער.

קלמן קאַליקעס
אימפּעריע

ראָמאַן

פאַרלאַג „ישראל־בוך", הילפספאַנד פאַר ייִדיש־שאַפונג, תל־אביב, תשמ"ג—1983

שמעון קאַנץ

אַ טראַגישע געשטאַלט

שוין דער טיטל פון יהודה עלבערגס בוך ״קלמן קאַליקעס אימפּעריע״ גיט אַ יאָג מיט אומהיימלעכער ברוטאַליטעט, און עלבערג מאָלט טאַקע קלמנען אין פולער באַקעטקייט, ווי די פאַרקערפּערונג פון שנאה און אַכזריות, פון זינד קעגן מענטש און גאָט. ביַים בויען די אימפּעריע שטעלט ער זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום פאַרברעכן און קיין זאַך קען נישט צוימען זיַינע נידעריקסטע אינסטינקטן. אויף אַלעם וואָס ער טוט, לייגט זיך דער גרויזאַמער שאָטן פון שנאה און נקמה, פון אָפּשטויסנדיקן שמוץ און ברוטאַלער קראַפט.

עס טרעפט טיילמאָל אין אַ דערציילונג, אַז ברוטאַליטעט, פּרימיטיוו־רויע אָדער ראַפינירט־פאַרדאַרבענע, — גיט איר חיות, מאַכט זי אַטראַקציאָנעל, און דאָס איז גורם אַ דערוויַיטערונג פון צוגיין צו איר מיט שעפערישע מאָסן. בדרך כלל ווערט די אכזריות נישט פאַררעכנט פאַר קיין ליים, פון וועלכען עס זאָל זיך לאָזן אויסקנעטן אַ הויך־קינסטלעריש ווערק.

אויף דער דאָזיקער געפאַר איז אויך געווען אויסגעשטעלט יהודה עלבערגס ראָמאַן, וואָס קען זיך אויסוויַיזן צו האָבן פאַר אַ ציל אַרויסצוברענגען בלויז די גרויזאַמע ווילקיר, וואָס שטעקט אין זיַין הויפּט־העלד, אַן אומגעוויינלעכער מנוול אין אַמאָליקן יידישן שטעטל. די דאָזיקע געפאַר איז אָבער בלויז אַן אויסערלעכע.

ווי אַזוי געשעט עס דער דאָזיקער וואונדער? אין וואָס אייגנטלעך באַשטייען עס די מעלות, אַדאַנק וועלכע עלבערגן געלינגט צו פאַרוואַנדלען די ברוטאַליטעט אין אַן עכט קינסטלערישער טעמע? אויף צו באַקומען אַן אויסשעפּנדיקן ענטפער איז נייטיק גיין צום בוך און דערפילן ווי די אַלע ביַיזקייטן פונעם ברוטאַלן קאַליקע גייען דורך דעם שריַיבערס געמיטפּריזמע. אין אַ קורצער אָפּהאַנדלונג מוזן מיר זיך באַגנוגענען מיט עטלעכע גענעראַליזאַציעס, וואָס אויך זיי באַוויַיזן, אַז ווי אַלע מענטשלעכע וואונדער איז אויך דאָס וואָס איז געשען מיט עלבערגס ראָמאַן נישט קיין נס. אדרבא, עס איז דורכאויס באַטירלעך און לאָגיש, הגם די לאָגיק איז אַ ביסל פאַרמאַסקירט, און פון הינטער דער האַרצלאָזער מאַסקע שיַינען ווי

פון בוך ״חסד פון וואָרט״, באַנד 1, י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תשמ״ז—1987.

בליצלעמפּ אַרויס שטראַלן פון מענטשלעכקייט מיט האַפּטיקע ווערטן. עס ווערט דאַן קלאָר, אַז די געשיכטע פון קלמן קאַליקע איז נאָר אויבנאויפיק אַזוי פינצטער. דאָס אויסגעאײדלטע אויער דערהערט דאָ אַ דממה־דקהדיקע שטים פון מענטש־לעכער טראַגיק. געוויס זײַנען דאָ פאַראַן שילדערונגען פון מוראדיקן שלעכטס, אָבער דאָס ערגסטע שלעכטס איז נישט ברוטאַל, אויב עס וואַקסט אַרויס פון טיפע וואָרצלען, פון וועלכע עס פליסן זאַפטן וואָס ריזלען אין אַלעם וואָס לעבט. לעבן, אויב ס'איז אמתדיק לעבן און נישט קיין קינסטלעך באַשעפעניש, קאָן זײַן גרויזאַם אָדער טראַגיש און דאָך נישט פאַרלירן די אינעווייניקסטע עלעמענטאַרע האַרמאָניע און נישט אויפהערן צו זײַן לעבן. דעמאָלט ווען דאָס ברוטאַלע ווערט דורכאויס שלעכט און העסלעך, געשעט עס, ווייל עס האָט זיך אָפּגעריסן פון יעדן מענטשלעכן שורש, אָבער דאַן איז עס מער נישט אמת, נישט האַרמאָניש. עס קען אַפילו זײַן געוואַלטיק, אָבער ס'איז פאַלש. אָן דעם מענטשלעכן שורש קאָן אַפילו די העלסטע דערציילונג ווערן פינצטער און געשפּענסטיק.

די געשיכטע פון קלמן קאַליקעס אימפּעריע איז דורך און דורך מענטשלעך, אַפילו אין די ברוטאַלסטע סיטואַציעס, און פאַרלירט נישט אויף קיין מינוט דעם ריטעם און האַרמאָניע פון אמתדיק לעבן. דער אמת פון אַ שעפעריש ווערק איז קיינמאָל נישט געשפּענסטיק, ווי עס איז נישט אוממאָראַליש, כאָטש ס'טרעפט, אַז ער רייצט די פאַנטאַזיע פון קיצלדיקע לייענער. שלעכטס איז דער זעלבער אמת וואָס גוטס, אַזוי לאַנג ווי עס ווערט געטאָן אין די גרענעצן פון מענטשלעכן לעבן. עס ווערט אָבער אומהיימלעך־געשפּענסטיק ווען עס ווערט גרענעצלאָז און איז אין זײַן מהות אַן אַנאָמאַליע, אַן אַטענטאַט אויף אַלדאָס מענטשלעכע און געטלעכע, און שטעלט דאָס בייזע און געמיינע איבערן לעבן. עלבערגס הויפּט־העלד האָט אַן אַ שיעור אייגנשאַפטן פון אַ שלעכטן מענטש. ער איז אָבער גלײַכצײַטיק באַשאַנקען מיט פעאיקייטן פון אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן שעפערישן חוש, פון דאַנען קומען זײַנע אינטערעסאַנטע אײַנפאַלן, און דאָס מיינט אַז ער האָט אויך אַ חוש פאַר גוטס. עלבערג האָט דערפאַר געזען אין אים אַ קוואַל פון קונסטשטאָף וואָס בעט זיך צו באַאַרבעטן, געבן געשטאַלטיקונג, אַנטבלויזן דאָס פאַרבאַהאַלטענע און אַנטפּלעקן דאָס אינעווייניקסטע, וואָס לאָזט נישט רוען, טרײַבט צו מעשים, צו דראַמאַטישע האַנדלונגען, צו וועלכע עס געהערן אויך די שוידערלעכע אכזריותן.

פאַר מיר איז נישט קיין ספק, אַז עלבערגס ראָמאַן איז ווערטיק. בעיקר צוליבן אויפווײַזן קלמן קאַליקעס מענטשלעכקייט און אַז דאָס אַלץ, וואָס גיט אים אַזאַ אוממענטשלעכן כאַראַקטער, איז די טראַגעדיע פון אַן אומגליקלעכן מענטש, אַז אין אַ געוויסן זין האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג ווי צו זײַן אַן אַכזר. דאָס רעאַליסטישע אין קלמנס ברוטאַלקייט איז דעם שרײַבערס מײַסטעריש אָפּ־ווענדן, אין אָנהייב, אונדזער אויפמערקזאַמקייט פון קלמנס מענטשלעכע מעלות, מיר זאָלן נישט באַמערקן, אַז זײַנע פאַרברעכערישע מעשים האָבן אין זיך עלעמענטן

פון אַ מין אור־גערעכטיקייט, און אַז ער האָט אין זיך אייגנשאַפטן וואָס גיבן אים אַ מענטשלעכע וואָג מער פון זײַנע קרבנות.

דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט מאָראַלישער וועגווײַזערישקייט. גיכער ווײַזט עס אויף דער מענערישער קראַפט אינעם שרײַבערס גערעגנגל מיט דער טעמע. פונקט ווי ער ווערט נישט פאַרשיכורט פון דער אויסערלעכער שײנקייט בײַ די פּריצים, פון דער געשמדטער יאַשניע פּאַני פּעליציאַ, אַזוי שטויסט אים נישט אָפּ די אויסערלעכע העסלעכקייט פונעם קריפּל. אין ביידע פאַלן וויל ער בעיקר אויפדעקן, דערגיין צום קערנדל. אויב ער ווערט יאָ פאַרכאַפּט, איז עס פונעם אומגעווייגלעכן וואָגן, פון דעם בונט, וואָס קאָכט אין דעם קריפּל, פון דער סטיכיע, צו וועלכער עס געהער אויך די תאווה, וואָס עלבערג לאָזט זי אַרויס־שווימען אין דער עקלהאַפטיקער גראָבקייט. דער שונדיסט מאָלט זנות אין לאָקנדיקע פאַרבן, דאַקעגן קלמנס נעכט מיט דער קראַנקן־שוועסטער זײַנען אָפּשטויסנדיק. עלבערג פּרווט נישט אויסאיידלען די תאווה אַזוי אַז זי זאָל אויפגעלייזט ווערן אינעם שטילן געפיל פון ליבע, וואָס קלמן קאַליקע פילט ערגעץ צו די פּרויען, וועלכע ער האָט אָפּגענאַרט און דערפירט צו רואין. פאַרקערט, ער פאַרשטאַרקט די תאווה און צינדט מיט איר אָן דעם פאַרקריפּלטן גוף ביז גראָטעסק, אָבער דערבײַ איז ער כסדר וואָך אויף די מענטשלעכע פונקען און האָלט אַ באַזונדער אויג אויף זײַנע, אין פלוג אומלאָגישע משוגענע האַנדלונגען. ער וויל דערגיין וואָס עס טוט זיך אין דער פינצטער, אונטער דער הויט, און אַלץ וואָס מ'וויל פאַרבאַרגן, ווײַל נאָר אַזוי דערפילט מען דעם צוגויפגוס פונעם נידעריקן מיטן העכערן.

פאַר עלבערגן זײַנען פאַרקריפּלטקייט, קראַנקייט און אַלע אוואַנטורעס, וואָס זײַן העלד גייט דורך, בלויז שרײַבערישער אינסטרומענט, וואָס ער באַנוצט אויף דורכצופירן די שטייגערונג און פאַרגרעסערונג פון זײַן נישט־אייגפאַכן העלד, ביז ווײַט איבער זײַן אָריגינעלער קאָמפּעטענץ, ביז מרידה קעגן דער אָנגענומענער מענטשלעכער גערעכטיקייט, וואָס איז בעצם קיינמאָל נישט שלימותדיק, און גאָנץ אָפּט אַבסורדאַל. אויב עס וועט אַמאָל קומען דער טאָג, ווען מיר וועלן קענען זען דאָס לעבן אין דער פּערספּעקטיוו פון אייביקייט, ווי אַ פול און ווײַט בילד, וועט וואַרשיינלעך קיינעם נישט וואונדערן ווי זעלטן עס זײַנען די פאַלן, אַז מענטש־לעכע גערעכטיקייט זאָל זיך דעקן מיט שלימותדיקן יושר. דאָס וואָס דער מענטש קאָן קיינמאָל נישט זײַן גערעכט, אַפילו ווען ער באַגערט עס מיטן גאַנצן האַרצן, כאַראַקטעריזירט אויך די אָפּגעשטאַנענקייט פון מענטש. קלמן האָט זײַן אייגענעם קוק אויף יושר. נאָך אין חדר, ווען ס'איז געשען די מעשה מיט די שטעכערלעך, תשעה־באב פאַרנאַכט, אין שול, זײַנען די טאַטעס געזעסן אויף דער ערד און געקלאָגט אויפן חורבן בית המקדש; אינדרויסן האָבן די קונדסים געוואָיעוועט. קלמן האָט געשיקט אויסגעמיטן די דאָרן־שטעכערלעך, אָבער דווקא זײַן נאָענטסטער חבר, שלמהלע, האָט אים אַרײַנגעשטופּט אונטערן העמד אַ הויפן שטעכערלעך און

באַליידיקנדיק אָפּגעלאַכט פון זײַן קראַצן זיך, אַז די לײַז װעלן אים אױפּפרעסן לעבעדיקערהײט. קלמן האָט שױן דאַן, אין זײַן פריער קינדהײט, צוגעטראַכט די שרעקלעכע נקמה, װאָס איז געװאָרן אַ נקמה אין זיך אַלײן, װען שלמהלע איז געשטאָרבן פון אַ לונגען־אָנצינדונג און קלמנען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט גורם געװען זײַן חברס טויט. מיט דעם האָט זיך אָנגעהױבן אַ קײט פון נקמות, װאָס ציט זיך ביז זײַן שפּעטן עלטער, און עלבערג בױט פון זײ קלמנס טראַגישע מלחמה פאַרן קיום, די מלחמה פון אַ קריפּל פאַר זײַן אָרט אין לעבן. ער שאַנעװעט נישט קײנעם. אינעם רעװאָלט קעגן זײַן סביבה זײַנען נישטאָ פאַר אים קײן געהײליקטע זאַכן.

װי דאָס פּינצטערע און דראַענדיקע אין רעװאָלוציעס, איז נישט בלױז דאָס זײַען פאַרניכטונג, נאָר אױך דאָס פירן זיך פון די רעװאָלטירנדיקע לױט זײַער אײגענעם באַנעמען גערעכטיקײט, להיפּוך צו די אָנגענומענע געזעצן, אַזױ איז אױך דאָס פּינצטערע בײזע אין קלמנס װאָגן צו האָבן זײַן אײגענעם קוק אױף יושר און זײַן מײנען, אַז ער װײסט בעסער פון אַנדערע װאָס איז גוט און װאָס איז שלעכט, װעמען מע דאַרף באַשטראָפן און װעמען בענטשן. דאָס קלערט אױף, פאַרװאָס די טרױעריקע געשיכטע פון קלמן קאַליקע האָט עפּעס פון אַ סטאַבילן סדר, פון אַ האַרמאָניע, װאָס איז פאַראַן אונטער דער אױבערפלאַך פון מרידה קעגן דעם יושר פון זײַן סביבה אין שטעטל.

קלמן קאַליקע איז אַנדערש פון אַלע העלדן, װאָס האָבן פּרעדאָמינירט אין די דערצײלונגען פון יידישן שטעטל אין פּױלן. קלמן שפּאַנט אַריבער די גרענעצן פון אַ שטעטלשן טיפּ. עס שלאָגט פון אים מיט רױען און װילדן אמת, װאָס איז װײַט פון דעם װאָס מיר רופן געװײנלעך באַװאוסטזײַן. עלבערג האָט דאָ באַװיזן צו אָפּערירן מיט אַ מכלומרשט אומבאַװאוסטזיניקער געדאַנקלעכקײט, װאָס גיט אױסדרוק דעם באַװאוסטן און אומבאַװאוסטן אין דער פּסיכיק פון מענטש, און העלפט טיפער אַרײַנבליקן אין דעם װאָס ליגט פאַרבאָרגן אין דער רעאַליטעט פונעם קריפּל. אין רעזולטאַט איז קלמן אַ קלאַסישע סכעמע פון אַ טראַגישער געשטאַלט, װאָס מוז זײַן שלעכט, װײַל דער אור־באַגריף פון יושר איז אין אים געװאָרן רױער אינסטינקט, װעלכן ער קען נישט גובר זײַן. עס איז אָבער געװנוג אַ שטראַל פון מיסטישער ליכט, אַפילו נאָר אַן אַפשײַן, אַז די פּינצטערניש אין אים זאָל זיך צעגײן. צו קלמנען דערגײט דער דאָזיקער שטראַל פונעם ליכט װאָס שײַנט פונעם רבֿ, װעלכער זעט אין אים נישט קײן פּושע ישראל. "אדרבא, דו האָסט שױן געשטעלט דײַן ערשטן שריט אױפן װעג צוריק" — זאָגט צו אים דער רבֿ, װעלכער זעט אין קלמנען אַ פאַרבלאָנדזשעטע שאָף, איבערגעשראָקן פון ביטערן לעבן. װער עס מײנט, אַז דער רבֿ איז דאָ געװיזן װי אַ בטלן, זינדיקט מיט לײַכטזיניקײט. קלמן אַלײן באַנעמט אױך נישט דעם רבֿס חכמה און מײנט, אַז מען װיל אים אַרײַנקריגן, אָבער ער װײסט, אַז דער רבֿ איז גערעכט. קלמן באַדױערט

נישט דאָס בייזע און שלעכטע וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין לעבן. צו פיל בייזס האָט דאָס לעבן אים אָפּגעטאָן און אַנטפּלעקט פאַר אים אמתן וואָס זײַנען באַרבאַריש, אָבער האָבן אויך זייער לאָגיק און שכל, מיט וועלכן ער, קלמן, געווינט אַלע מחלוקתן און פּראָצעסן. אויב ער שרײַבט אָפּ ברײַנדלען אַ טייל פון זײַן פאַרמעגן, איז עס נישט פון חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט רואינירט איר לעבן, זי פאַר־גוואַלדיקט און דערפירט צום טויט פון איר מאַן, נאָר ווײַל ערגעץ־וואו האָט ער זי פשוט ליב. איר ענטפערן אים מיט שנאה און פאַראַכטונג געהער צום אומגליק און טראַגיק מיט וועלכער זײַן נשמה איז פול איבער די ראַנדן. דאָס רעקאָמפּענסירט זיך אין טײַוולאָנישער קלוגשאַפט, אין שאַרפזיניקע אײַנפאַלן, און אויך אין גרויזאַמ־קייט. ער האָט זיך געוואָלט אײַנרעדן אַז אַ קלוגער קאָפּ איז וויכטיקער ווי געזונטע פיס, אָבער די קלוגע ברײַנדל, וואָס דאַרף זײַן אַ מבינה אויף זײַן חכמה און אויך אויף יאָסלס טפשות, האָט גאָר ליב דעם גבר יאָסל. דאָס צעשטערט זײַן טרײַסט, זײַן גאַנצן אָנהאַלט אין לעבן. ער קומט איבער איר, נישט בלויז פון תאווה, נאָר אויך פון דעם באַדאַרף זיך נוקם צו זײַן פאַר אַלע קאַליקעס אין די געזונטע און נאַרישע יאָסלס, און אין די קלוגע ברײַנדלס וואָס זײַנען פאַרליבט אין זיי. עס איז נישט סתם סאַדיסטישער דראַנג אַנצוטאָן יסורים, ס׳איז אַ נקמה פאַר זײַן צעשטערט און טראַגיש לעבן.

די דאָזיקע סצענעס, אין זייער פּרעכטיקער פּלאַסטישער אויספאָרעמונג, באַ־לײַכטן די תהומיקע טיפקייט פון מענטשלעכן קיום. עס דערמאָנט זיך דער געדאַנק, וואָס טאָלסטאָי האָט פאַרצייכנט אין זײַן טאָגבוך, אַז מען דאַרף האָבן אַן אויסער־געוויינלעך איידל געפיל אויף צו קאָנען מיטפילן דעם ווייטיק פון אַ פיש, וועלכן מען צעשנײַדט לעבעדיקערהייט אויף שטיקער. דער פיש איז דאָך שטום און ווירקט דערפאַר נישט אויף אונדזער פיזישן חוש השמיעה. דאָס זעלבע לאָזט זיך אָנווענדן אויפן אַרויסברענגען די פסיכאָלאָגיע פון קלמן קאַליקע, זײַנע אייגענע יסורים הינטערן דעמאָנישן אָנטון צרות אַנדערע. נאָר אַן אויסערגעוויינלעך סובטעלער חוש פון אַ גאָט־געבענטשטן קינסטלער האָט דעם כוח דורכצושלאָגן זיך דורך זײַנע אכזריותן צום אָפּדעקן זײַנע וואונדן און דערהערן דאָס אינעווייניקסטע נקמה־געשרײַ צוזאַמען מיט די רעשטלעך נשמה, וואָס ער האָט אויפגעהיטן אין זײַן צעקאַלעטשעטן גוף.

מיטן דאָזיקן איידעלן געהער איז געבענטשט יהודה עלבערג.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

אַ קלאַסישע פאַמיליע-סאַגע

א.

אַז אין דעם געוויינלעכן גרויען לעבן פון אַ פאַרמלחמהדיק ייִדיש שטעטל אין פוילן, ווי עס איז געווען דאָס מאַזאָווישע דאַמברווקע אין דער לוויוויטשער געגנט, כאַפּט זיך אַריין אַזאַ אויסטערלישער פאַרשוין ווי עס איז קלמן קאַליקע, האָט דער שרײַבער פאַר זיך אַ טעמע בײַ וועלכער ער קען צעפירן די הענט און זיך באַווײַזן מיט אַלע מעגלעכקייטן און אייגנשאַפטן פון זײַן טאַלאַנט. ער דאַרף אָבער זײַן געהיט און געוואָרנט נישט נכשל צו ווערן דורך די סכנות און נסיונות וואָס ליגן אויף זײַן וועג — ראשית־כל: בײַם שאַפן די קינסטלערישע וואָרהאַפטיקייט פון זײַן יוצא־דופנדיקן העלד, אויפן פאָן פון דעם לעבנס־שטייגער און דעם פּערסאָנאַזש וואָס איז אונדז אַלעמען אַזוי גוט באַקאַנט פון דעם נישט־ווײַטן עבר אין פוילן.

יהודה עלבערג — דאָס דאַרף מען לכתחילה אונטערשטרייכן — איז אין זײַן ראָמאַן "קלמן קאַליקעס אימפּעריע" געשטאַנען פאַר די דאָזיקע סכנות און נסיונות און ס'איז דעריבער גוט וואָס נאָכן איבערלייענען דאָס ווערק קען מען בפה־מלא זאָגן אַז ער איז, ב"ה, נישט נכשל געוואָרן בײַם דורכפירן זײַן שעפערישן אויפגאַבע, און אפשר נאָך מער — אַז ער האָט זײַן אויפגאַבע, דורכגעפירט מיט דער געניטקייט פון אַ קינסטלער, וואָס דער געגעבענער לעבנס־שטייגער און דער עיקר — די סודות און די קאַפּריזן פון דעם בן־אָדמס טבע, זײַנען אים קלאָר און באַוואוסט, ווי קלאָר און באַוואוסט עס זײַנען געווען די וועגן פון הימל פאַר יענעם אמורא פון נהרדעא, אין בבל.

אָבער איידער מיר גייען צו צום ראָמאַן גופא זאָל אונדז דערלויבט זײַן צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אַן ענין אַן ס'איז כדאַי אַז מיר זאָלן זיך מיט אים פאַרנעמען. אַלע ווייסן מיר אַז נאָך דעם חורבן וואָס היטלער, ימח שמו, האָט געבראַכט אויף די ייִדן אין מזרח־אייראָפּע, איז איינע פון די וויכטיקסטע שליחותן פון דער ייִדישער ליטעראַטור געווען און געבליבן דאָס רעסטאַווירן אין ליטעראַריש־

דערשינען אין בוך "פּנימער און נעמען" באַנד צוויי.

קינסטלערישן בילד דאָס לעבן וואָס איז אַזוי טאָטאַל חרוב געוואָרן. די דאַזיקע שליחות וואָס אונדזער וואָרט־שעפערישקייט האָט ביז איצט דערפילט און וועט, לאָמיר האָפן, אויך ווײַטער דערפילן, איז אפשר איינער פון די וויכטיקסטע זכותי־הקיום ניט נאָר פון דער ליטעראַטור אין ייִדיש נאָר פון ייִדיש בכלל.

לײַדער מערקן מיר שוין אָבער זינט אַ צײַט ווי אין דעם דאָזיקן ליטעראַרישן שאַפן ווערן וואָס אַ מאָל בולטער צוויי טענדענצן וואָס מוזן אונדז אַלאַרמירן. אָדער לכל־הפּחות — צִיִען אויף זיך אונדזער אויפמערק. איין טענדענץ איז: צו רעסטאַווּרירן אין דעם פאַרשוואונדענעם לעבן — נאָר און בעיקר — דעם פאָלקלאָ־ריסטיש־עטנאָגראַפישן אַספּעקט וואָס איז, אגב, אין דער ייִדישער ליטעראַטור שוין באַשריבן געוואָרן מיט אַלע פּיטשעווקעס און געשילדערט געוואָרן מיט אַלע פּרטי־פּרטים. די צווייטע טענדענץ איז: צו מאָלן דאָס דאָזיקע לעבן מיט עקזאָטישע פאַרבן און אין פּיטאָרעסקע פאָרמען, גלײַך עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ שבט אין אַפריקע און ניט וועגן אַ וועלט וואָס מיר טראָגן נאָך אַלץ ווי לעבעדיק אין אונדזער זכרון. די ערשטע טענדענץ זינדיקט טאָקע ניט קעגן דער פּראָטאָ־קולאַרער באַשרײַבונג פון דעם געוועזענעם לעבן, זי זינדיקט אָבער קעגן דער קונסט און אַנשטאָט אַ ליטעראַרישע ווידער־אויפלעבונג פון דעם אַמאָל באַקומען מיר שילדערונגען — שוין צום וויפלטן מאָל איבערגעחזרטע — פון דער שטעטל־דיקער טאָפּאָגראַפיע; פון די בעל־מלאכישע פאַכן און הענדלערישע פּרנסות; פון די שטייגער־מנהגים אין די וואָכנטעג און אין די ימים־טובים אאַ"וו א"וו. די צווייטע טענדענץ זינדיקט דערפאַר אפשר ניט קעגן דער קונסט (זי איז, אין תוך גענומען, אַן אויסדרוק פון דעם ווילן צו דערנענטערן דאָס ייִדיש־ליטעראַרישע שאַפן צו די נײַע שטרעמונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור און צו די נײַע דורות וואָס זײַנען באַווירקט פון די דאָזיקע שטרעמונגען) אָבער דערפאַר זינדיקט זי שוין גאָר שטאַרק קעגן דער אויטענטישקייט פון דאָס געוועזענע, פון דאָס חרוב־געוואָרענע. קלאָר איז אַז ביידע טענדענצן — וועלכע מער און וועלכע ווייניקער — שטעלן אונטער אַ ספק די גאַנצע מי וואָס די שרײַבערס פאַרווענדן בײַם דערפילן די הייליקע שליחות וועגן וועלכער מיר האָבן פריער גערעדט.

וועגן די דאָזיקע ענינים וועט מען אָבער דאַרפן רעדן בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט און באריכות, מיט אַנווײַזן אויף ווערק (דערשינענע אין דער לעצטער צײַט), וואָס אין זיי קומט צום אויסדרוק איינע פון די צוויי טענדענצן. לעת־עתה קערן מיר זיך אום צו דעם נײַעם ווערק פון יהודה עלבערג, כדי פעסטצו־שטעלן אַז ער האָט אויסגעמיטן די דאָזיקע צוויי סכנות און זיך ניט געלאָזט משפיע זײַן פון קיין איינער פון די ביידע טענדענצן, גייענדיק אויך אין זײַן איצטיקן ווערק מיט דעם דרך מיט וועלכן עס זײַנען געגאַנגען אונדזערע גרויסע פּראָזאַאיקערס.

ב.

עלבערג עפּנט זײַן ראָמאַן מיט דער שילדערונג פון דער פאַרביקייט, פּעטקייט און שפּעדיקייט פון דער מאַזאָווישער ערד און באַווײַזט אונדז דעם היסטאָרישן (אָפּט אויך לעגענדאַרן) הינטערגרונט פון אַ סך אַזעלכע שטעטלעך ווי דאָמבראָווקע אין פאַרשידענע טײלן פון פּוילישן לאַנד. דער דאָזיקער דברי־הימימדיקער אַרײַנפיר רופט זיך ערגעץ־וואו איבער מיט דעם אַרײַנפיר פון שלום אַשן צו זײַן בוך „קידוש השם", אָדער פון י. י. זינגערן צו זײַן ווערק „די ברידער אשכנזי". איינס איז קלאָר און זיכער: ייִדיש לעבן אין פּוילן האָט געהאַט הינטער זיך אַ כמעט טויזנט־יאָריקע געשיכטע און כאָטש דער ייִד האָט אין דעם פאַנאַנדערבוי און אין דער אַנטוויקלונג פון פּוילן געהאַט נישט קיין קלענערן חלק ווי דער פּאָליאַק, איז ער אָבער תמיד געבליבן דער פרעמדער וואָס מען טאָלערירט אים נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל מען דאַרף אים.

עס נעמט אָבער נישט לאַנג און עלבערג פירט אַרויף אויף דער ראָמאַן־בינע זײַן הויפּטהעלד, קלמן קאַליקע, נאָך ווי אַ חדר־ייִנגל. און דאָ מוז מען אונטערשטרײַכן אַז ווי נאָר ער באַווײַזט זיך אויף דער אַרענע, אַזוי ווערט אונדזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווענדט נאָר אין זײַן זײַט. פון דעם מאָמענט אָן רוקט זיך דאָס שטעטל אָפּ אין ווײַטן הינטערגרונט, בעת אין פאָדערגרונט דאָמינירט תמיד דער הויפּטהעלד פון ראָמאַן, דער קאַליקע קלמן שווערדל.

קלמן קאַליקע — כשמו כן הוא. ער איז אַ בעל־מום — אַ געליימטער פון אַ קינדער־קרענק. זײַן מאַמע איז אים פרי אָפּגעשטאָרבן און ער איז פון די סאַמע ערשטע קינדער־יאָרן דערצויגן געוואָרן דורך זײַן טאַטן וואָס איז געווען נישט בײַם קלאָרן זינען און איז טאַקע לסוף ערגעץ־וואו פאַרשוואונדן, איבערלאָזנדיק דעם קליינעם קאַליקע אויפן זיידנס באַראָט. אויך דער זיידע, וואָס האָט איבער־געלעבט אַ טראַגעדיע און איז געבליבן אַ שווײַגנדיקער מרה־שחורהדיקער ייִד, האָט זיך נישט צו פיל אָפּגעגעבן מיט דעם קליינעם יתום און האָט אַוודאי נישט געוואוסט וועגן אַרויסווײַזן אים ליבשאַפט און צערטלעכקייט. קלמן איז דעריבער געוואַקסן ווי אַ קליין יאַזשיק־חיהלע וואָס איז געוואוינט צו באַנוצן די שטעכהאָר ווען מען גרײַפט עס אָן. קלמן קאַליקעס שטעכהאָר, מיט וועלכע ער פאַרטיידיקט זיך און מיט וועלכע ער אַטאַקירט אויך אַנדערע, דאָס זענען: זײַן שכל, זײַן שטאַרקער ווילן און שפּעטער אויך — זײַן נישט רעכענען זיך מיט קיין שום מענטשלעך־מאָראַלישע נאָרמעס און העמונגען.

אין פאָלקס־לשון ווערט אַ קאַליקע גערופן „בעל־מום רע". יהודה עלבערג איז אונדז מסביר די סיבה פון קלמנס שלעכטקייט מיט דער ציטאַט פון שעקספּירס „ריטשאַרד דער דריטער". ער איז, הייסט עס, פאַרביטערט צוליב דעם וואָס די נאַטור האָט אים באַעוולט. אָבער מיט אונדזער גאַנצער פאַרשטענדעניש פאַר זײַן געטראָפנקייט (אין אַ געוויסן זין האָט אויך דאָס שטעטל פאַרשטענדעניש פאַר

זײַן געשטראָפֿטקייט) איז אָבער פֿאַרט אַ פֿאַקט אַז קלמן קאַליקע איז שלעכט איבער דער מאָס. זײַנע מעשׂים רעים זײַנען נישט בלויז קיין פֿאַרטיידיקונג קעגן די וואָס ווילן אים טראַקטירן ווי אַ קאַליקע און דאָס הייסט: ווי אַ נחות־דרגא, קעגן וואָס ער בונטעוועט זיך זייער שטאַרק, נאָר זיי זײַנען בפֿירוש אַ רעזולטאַט פֿון רשעות וואָס האָט סאַדיסטיש הנאה פֿון פֿאַרשאַפֿן עמעצן ווייטיק און דערצו פֿון חוזק־מאַכן פֿון דעם וועמען דער ווייטיק ווערט פֿאַרשאַפֿט.

קלמן שווערדל איז אַ טיפּ וואָס אין דער טעאַטער־וועלט רופֿט מען אים: "אַ שוואַרץ־כאַראַקטער". לאָמיר דאָ צוגעבן אַז אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען אַזעלכע שוואַרץ־כאַראַקטערן פֿאַראַן זייער ווייניק. מער שוואַרץ־כאַראַקטערן געפֿינט מען אין דער השׂכּלה־ליטעראַטור און אַפֿילו בײַ מענדעלען (אברהם יצחק תּקיף אין "דאָס קליינע מענטשעלע"), ווי אויך אין די סענטימענטאַלע ראָמאַנען פֿון י. דינעזאָן. אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור איז אונדז באַקאַנט נאָר איין דורכאויס נעגאַטיווער העלד און דאָס איז שׂמחה מאיר (מאַקס) אשכּנזי, אָבער אַפֿילו מאַקס אשכּנזי דערגייט נישט, אין זײַן שלעכטקייט און זײַן פֿאַר־דאַרבנקייט, צו דעם שפֿל־המדרגה פֿון קלמן קאַליקע וועלכן עלבערג שילדערט און לאָזט האַנדלען שיער נישט ווי אַ מאָנסטער, ווי אַ חיה אין מענטשן־געשטאַלט וואָס האָט הנאה פֿון טאָן שלעכטס, וואָס האָט פֿאַרגעניגן ווען ער מאַכט מענטשן לײַדן, ווען ער חוזקט פֿון זיי. ווי מאַקס אשכּנזי האָט קלמן קאַליקע הנאה פֿון זײַן מאַכט־פּאָזיציע. ער בויט אַ פֿינאַנץ־אימפּעריע, ווײַל מיט געלט קריגט מען מאַכט. עס דאַכט זיך אונדז אָבער אויס אַז אין געוויסע מאָמענטן גייט קלמנען נישט בלויז אין מאַכט און נישט בלויז אין געלט, עס גייט אים אַפֿילו נישט אין באַפֿרידיקן זײַנע חיהשע לײַדנשאַפֿטן. עס גייט אים פּשוט אין אַ להכעיס, אין דערנידעריקן מענטשן, אין ברענגען זיי צו אַ מצבֿ ווען ער, דער קאַליקע, וואָס מוז צוליב זײַן פֿיזישן פֿעלער צו זיי אַרויפֿקוקן, זאָל צו זיי רעדן פֿון אויבן־אַראָפּ און זיי זאָלן פֿאַר אים מוזן שטיין און צו אים אַרויפֿקוקן, אָפּהענגיק פֿון זײַן חסד.

מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך זייער און זייער אַ קאָמפּליצירטן טיפּ, וואָס אַזאַ איז שווער צו געפֿינען אין דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור אין וועלכער עס איז בכלל נישט קיין דבֿר בכל יום צו טרעפֿן אַ מערדער, אַ פֿאַרגוואַלדיקער או"וו או"וו. אָבער דאָ איז כּדאַי צו באַטאָנען אַז, ווען קלמן וואָלט געווען בלויז אַזאַ ווי עלבערג ווײַזט אים אין ערשטן טייל פֿון זײַן ראָמאַן, וואָלט ער בשום־אופֿן נישט ראָוי געווען, אַז אַ הײַנטצײַטיקער ייִדישער שרײַבער זאָל אים פֿאַראייביקן ווי אַ טייל פֿון דעם פֿאַרשניטענעם לעבן. קלמן קאַליקע, ווי עלבערג ווײַזט אים אונדז, איז טאַקע די פֿאַרקערפּערונג פֿון שלעכטס און פֿון אַנטי־מאָראַלישקייט, אָבער צו דער מדרגה פֿון אַ העלד וואַקסט ער אויס דווקא דורך דעם וואָס ער ווערט, אין לויף פֿון דער אַקציע, אַ בעל־תּשובֿה. ער ווערט אַן אמתער בעל־תּשובֿה, כאָטש אים אַליין איז דער באַגריף "תּשובֿה" פֿרעמד און אפֿשר אויך דערווידער

און ווען איר זאָגט אים, בעת־מעשה, אַז זײַנע שפּעטערדיקע מעשים זײַנען פון אַ תשובה־כאַראַקטער וואָלט ער אײַך מיט זײַן נישט אָפּגעהיטן לשון געווען געמאַכט מיט דער בלאָטע צו גלײַך.

דער פאַקט איז אַז קלמן קאַליקע, דער שוואַרץ־כאַראַקטער פון בולטסטן מין אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז אינטערעסאַנט דערמיט וואָס ער ווערט אַ חוזר בתשובה. מלכתחילה זעען מיר אים טאַקע ווי אַ לײַבלעכן ברודער פון שעקספּירס קעניג, ריטשאַרד, אָדער פון שילערס פראַנץ מאָר — אַ מענטש וואָס די נאַטור האָט אים באַוואָלט און ער נעמט נקמה אין אַלע אַנדערע מענטשן מיט די ספּעצי־פישע מיטלען וואָס זײַנען פאַראַן אין זײַן רשות. און וואָלט דאָס אַזוי געווען, וואָלטן מיר געהאַט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַן עקלהאַפטיקן נעגאַטיוון העלד ווי למשל אַ סמערדיאַקאָוו, אָדער אין בעסטן פאַל — אַן אומגליקלעכן, אָפּשטויסנדיקן קוואַסימאָדאַ. דער חידוש, מיט וועלכן עלבערג האָט אויסגעמיטן דאָס שאַפן אַן ענלעכן טיפּ צו די דערמאָנטע, באַשטייט אָבער אין דעם וואָס ער האָט זײַן העלד באַהאַנדלט פון אַ ייִדישן קוקווינקל, וואָס ער האָט מיט אַ שאַרף אויג דערזען אין זײַן העלד די ווירקונג פון דער ייִדישער מאָראַל און דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער, אַט די מאָראַל און דער לעבנס־שטייגער האָט עס קלמנען לסוף געבראַכט דערצו אַז ער זאָל פריער נישט אַוועקגיין פון דער וועלט ביז ער וועט אויף אַ וואָסער עס איז אופן נישט פאַרריכטן די פאַרברעכנס וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן מענטשן.

דער אופן ווי אַזוי עלבערג טוט דאָס, דער אופן ווי אַזוי ער ווײַזט אונדז ווי קלמן קאַליקע גייט אַרויף עפּעס ווי געשטויסן אויפן דרך־הישר, לכתחילה לגמרי אָן דער כוונה דערצו (די ערשטע גוטע מעשים טוט ער כדי חוזק צו מאַכן פון שטעטל, אָדער כדי זיי, די שטעטלדיקע ייִדן צו דערנידעריקן און אַפילו שפּעטער ווען ער ווייסט שוין, אַז אין אים איז פאַרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג, אַז ער איז מער נישט דער פריערדיקער קלמן, ראַנגלט ער זיך דערמיט) — דאָס איז דער גרויסער אויפטו פון עלבערגס נײַעם ראָמאַן און אַ דאַנק אַט דעם אויפטו ווערט דער ראָמאַן אַ ווערק וואָס ברענגט אונדז אַן אוצר מיט דערקענטעניש פון דער ייִדישער נשמה און אויך אַ טיפן אַרײַנבליק אין דעם פאַרשניטענעם ייִדישן לעבן, אין דער ווירקנדיקער ייִדישער מאָראַל. עס ווערט אַ ווערק — אַ נײַער ווינקלשטיין אין דער ייִדישער ליטעראַטור וואָס איר אויפגאַב איז, ווי שוין עטלעכע מאָל באַטאָנט, צו רעסטאַווירן אין קינסטלערישן בילד דאָס לעבן וואָס דאָס רשעות פון די גוייִם האָט אומגעבראַכט און נאָר דער זכרון פון די ייִדן, פון די ייִדישע שרײַבערס לאָזט עס נישט פאַרשווינדן...

ג.

נאָכן פאַרענדיקן לייענען עלבערגס „קלמן קאַליקעס אימפּעריע" קען מען

נישט נישט באַוואונדערן דעם בנין וואָס שטייט פֿאַר אונדזערע אויגן און רופֿט אַרויס התפּעלות מיט זײַן אַרכיטעקטאַנישער און קאָמפּאָזיציאָנעלער גאַנצקייט. דערביי ווילט זיך כּסדר אָפּשטעלן מיט אַן אַנאַליטישן בליק אויף די פֿאַרשידענע טיילן פֿון בנין און הנאה האָבן פֿון די פֿאַרשידענע קאָמפּאָנענטן וואָס פֿאַרכאַפּן מיט זייער קינסטלערישער וואַרהאַפֿטיקייט, אַפֿילו ווען אונדז דאַכט זיך פֿון צײַט צו צײַט אויס אַז דאָ און דאָרט האָט דער מחבר אויך איבערגעלאָזט אָרט פֿאַר נאָכקלער און אפֿשר אויך פֿאַר צווייפֿל אין דער ריכטיקייט פֿון דעם אָדער יענעם פּרט. למשל:

די פּאָזיציע פֿון אַ בעל־מום ברענגט דערצו אַז דאָס שטעטל זאָל אַ סך, אַ סך זאָכן מוחל זײַן דעם קאַליקע קלמן און זאָל אַריבערגיין מיט שווײַגן איבער אַ טייל פֿון זײַנע מעשׂים וואָס אַן אַנדערן וואָלט מען זיי בשום־אופֿן נישט מוחל געווען. בכלל האָבן מיר שוין באַמערקט אַז דאָס שטעטל ווי אַזאַ געפֿינט זיך אויפֿן ווײַטן הינטערגרונט פֿון די געשעענישן אינעם ראָמאַן און אַ חוץ איינצלנע מענטשן, ווי דער רבֿ, זײַן זון בעריש, מתּות גלעזער און זײַנע קינדער, ווי אויך נאָך אייניקע, זעט מען כּמעט נישט דאָס שטעטל און מען פֿילט נישט אַז עס זאָל אַקטיוו אָנטייל נעמען אין קלמנס לעבן און רעאַגירן אויף זײַנע מעשׂים, און דאָס איז פֿאַר אונדז פֿאַרשטענדלעך ווי באַלד מיר נעמען אין אַכט, ווי געזאָגט, די געשטראָפֿטקייט פֿון קלמנען דערמיט וואָס ער איז אַ קאַליקע. דאָס הייסט נאַטירלעך נישט אַז דאָס שטעטל אַקצעפּטירט זײַנע מעשׂים, אָדער אַז עס איז נישט קיין מבֿין אויף זיי. דאָס שטעטל זעט אַלץ און פֿאַרשטייט אַלץ. האָט עס טאַקע אים, קלמנען, פֿײַנט, אָבער וויל, ווי ייִדן זאָגן, אַז ער "זאָל קומען אויף אַנדערע הענט". אויף איין זאַך, דאַכט זיך אונדז אויס, האָט דאָס שטעטל פֿאָרט געדאַרפֿט רעאַגירן און דאָס איז דעמאָלט ווען מתּותעס טאָכטער קיילע האָט פֿון קלמנען אַ קינד און ער מאַכט זיך נישט וויסן און וויל נישט חתונה האָבן מיט דער מאַמען פֿון זײַן זון. אַזאַ זאַך האָט נישט געקענט געשען נישט אין דעם שטעטל פֿון שלום אַשן, נישט אין דעם שטעטל פֿון וויסענבערגן אַפֿילו אויך נישט אין דעם שטעטל פֿון עלבערגן — מער ווייניק אין די צוואַנציקער יאָרן פֿון אונדזער יאָרהונדערט. אויך אין דער צײַט זײַנען נאָך ייִדן פֿון אַ ייִדיש שטעטל נישט אַריבערגעגאַנגען איבער אַזאַ מעשׂה־נבֿלה מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט.

מיט די בעסטע מיטלען פֿון דער פּלעשבעק־טעכניק וואָס איז געניט באַקאַנט און מאַכט אינטערעסאַנטער, הגם אויך קאָמפּליצירטער דעם לויף פֿון דער ראָמאַן־אַקציע, שילדערט פֿאַר אונדז עלבערג די געשיכטע פֿון אַ ייִדישער משפּחה אויף דער פּוילישער ערד. דאָס איז די משפּחה שווערדל, קלמן קאַליקעס אָבֿות, וואָס שוין דער פֿאַמיליע־נאָמען אַליין איז פֿאַרבונדן מיט לעגענדע. עס קען זײַן אַז פֿון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט קען דער דאָזיקער ראָמאַן זיך באַגיין אָן דעם דאָזיקן טייל וואָס פֿירט אונדז אַרויף אויף די שפּורן פֿון קלמנס שורש. מען מוז אָבער

צוגעבן אַז דער דאַזיקער טייל גיט אונדז די מעגלעכקייט אַרייַנצובליקן אין דער ירושהדיקייט פון גורל. זייער אַ סך אין דער דאַזיקער משפחה קומען אום פון פלוצעמדיקע קאַטאַסטראָפעס און דאָס באַשטימט דעם שיקזאַל פון זייערע נאָכפאָלגערס; חוץ־לזה — אויך קלמן אַליין קומט אום אויף אַן ענלעכן אופן און דאָס איז ערגעץ־וואו אַ סימבאָלישער סימן אַז זייַן תשובה איז אַנגענומען געוואָרן און ער איז, ווי עס זאָגט זיך אין אונדזערע אַלטע שריפטן, "אייַנגעזאַמלט געוואָרן צו זייַנע עלטערן". אַ חוץ דעם אַלעם — איז עס אַ קלאַסישע משפּחה־סאַגע און עס ווילט זיך גלייבן אַז עלבערג, וואָס האָט אַ טבע אויפּסניי צו באַאַרבעטן מאַטיוון אין זייַנע שוין־פאַרעפנטלעכטע ווערק, וועט זיך אויך צו דעם דאַזיקן מאָטיוו נאָך אומקערן. די עטלעכע משפחה־טיפּן וואָס ער פירט אַרויס און געשטאַלטיקט אין דעם דאַזיקן טייל ווייַזן אַז ער איז ראוי דערצו און אַז פון דעם דאַזיקן מאַטעריאַל איז ער פעאיק אויסצוקנעטן ווערק פון גרויסן פאַרנעם.

עס וואָלט זיך וועלן מאַכן געוויסע באַמערקונגען וועגן אַ ריי קלייניע, נישט זייער וויכטיקע מאָמענטן וואָס שטערן אָבער צו ביסלעך דעם אויפנעם פון דער קינסטלערישער גאַנצקייט פונעם ראָמאַן. עלבערגס שפּראַך איז ווי תמיד אַ קערנדיקע און אַנגעזעטיקטע. זי איז די שפּראַך פון דער סביבה און די העלדן פונעם ווערק. וואונדערט אונדז טאָקע וואָס אין דעם דאַזיקן ראָמאַן רעדט טייל מאָל דער הויפּטהעלד קלמן מיט דער שפּראַך וואָס געהערט צו אַ גאַנץ אַנדערער אויסדרוקספערע. עס וואונדערט אונדז אויך וואָס עלבערג האָט אין דעם ראָמאַן אַרייַנגעפירט אַ ריי אַנעקדאָטן פון יידישן פאָלקלאָר, גלייַך ער וואָלט אויסן געווען בייַם פאַראייביקן דאָס פאַרשוואונדענע לעבן אויך צו פאַראייביקן דעם יידישן פאָלקלאָרישן אוצר. אוודאי איז דאָס אַ גוטער געדאַנק, אָבער די מיטלען צו רעאַליזירן דעם דאַזיקן געדאַנק דאַרפן זייַן גאַנץ אַנדערע. לסוף איז אונדז אויך אַ ביסל דערווידער וואָס בייַם ברענגען אַ פּסוק אָדער אַ מאמר פון אונדזערע אַלטע אוצרות גיט עלבערג אָן דעם מקור, גלייַך ווי דאָס וואָלט געווען נישט קיין ליטעראַריש ווערק, קיין קינסטלערישער ראָמאַן, נאָר אַן אַקאַדעמישע אַרבעט, אַ וויסנשאַפטלעכע פאַרשונג וואָס מוז באַזיצן דעם גאַנצן "אַפּאַראַט", ווי מען רופט עס אין דעם אַקאַדעמישן זשאַרגאָן.

ס'איז קלאָר אַז די דאַזיקע באַמערקונגען זייַנען נישט אויסן עפּעס אַראָפּצודינגען פון דעם ווערט פון ראָמאַן און פון זייַן קינסטלערישער פּאָזיציע וואָס ער פאַרנעמט אין אונדזער ליטעראַטור. אין דער אמתן פאַרדינט דער דאַזיקער ראָמאַן אַ פּיל ברייטערע באַהאַנדלונג צוליב אַ סך מאָמענטן. תשובה־מאָמענטן, ווייסן מיר, זייַנען פאַראַן אויך אין אַנדערע יידיש־ליטעראַרישע ווערק (זע, למשל, חיים גראַדעס באַרימט ווערק "צמח אַטלאַס"). אָבער דער אופן ווי אַזוי יהודה עלבערג פירט זייַן העלד צו תשובה; ווי אַזוי ער באַווייַזט אונדז דעם "מצווה גוררת מצווה"; ווי אַזוי זייַן העלד הייבט אָן זייַן תשובה נישט האַבנדיק לחלוטין

בדעה תשובה צו טאָן און די ערשטע גוטע טואונג ברענגט אים כמעט אויטאָמאַטיש צו ווייַטערדיקע — דאָס אַלץ ווייַזט אונדז עלבערגס טיפע פּסיכאָלאָגישע פאַר־שטענדעניש פאַר זייַן העלד, וועלכער ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין און מיט זייַן גורל ביז דער לעצטער מינוט און איז נאָך ביז דער לעצטער מינוט נישט גרייט מודה צו זייַן אַז ער האָט חרטה אויף זייַנע פריערדיקע מעשים, אַז זייַן פריערדיק אוממאָראַליש לעבן איז געווען איין גרויסער ביטערער דורכפאַל...

ווי שוין פריער געזאָגט, פאַרכאַפּט קלמן קאַליקע אונדזער גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט באַלד ווי ער באַווייַזט זיך אויפן עקראַן פון עלבערגס ראָמאַן און ער רוקט אַפּ אין הינטערגרונט דאָס שטעטל און זייַנע פאַרשוינען. קלמן לעבט אינער־לעך זייער אינטענסיוו און ער איז אויסערלעך פול מיט שפּרודלדיקער אַקטיוויטעט. עס איז נישט קיין וואונדער וואָס זייַן פאַרביקייט מאַכט גרויער דאָס גרויע לעבן פון אַ שטעטל מיט יידן וואָס זייער הויפּט־כאַראַקטעריסטיק איז אפשר דאָס וואָס זיי ווילן גאָרנישט זייַן קיין העלדן; זיי זייַנען פּשוט, ווי מען רופט עס אין דער הייַנטיקער ליטעראַטור: אַנטיהעלדן.

דאָס איז אָבער נאָר דעמאָלט ווען מען לייענט דאָס ווערק, אַזוי צו זאָגן, בנשימה־אחת, אין איין אָטעם — און עלבערגס בוך איז אַ בוך וואָס לייענט זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, סייַ ווען מען לייענט עס מיט אַ סדר צום ערשטן מאָל און סייַ ווען מען לייענט עס פראַגמענטנווייז, צום צווייטן מאָל. קוים אָבער קערט מען זיך אום — בייַם צווייטן מאָל לייענען — צו באַזונדערע מאָמענטן און סצענעס אינעם ווערק, צו באַזונדערע פאַרשוינען און געשעענישן, אַזוי זעט מען תיכף, אַז כאָטש די געשטאַלט פון קלמן קאַליקע איז דאָמינירנדיק פאַרן גאַנצן ראָמאַן, זייַנען אָבער די אַנדערע טיפּן און געשטאַלטן געצייכנט מיט דער פולער קראַפט און זיי פאַרנעמען די ריכטיקע פּאָזיציעס אין דעם לעבן וואָס דער מחבר מאָלט פאַר אונדז מיט אַזאַ קענטשאַפט און איבערצייַגונג אין זייַן ווערק. עס ווערט אונדז קלאָר אַז אויב די שטעטל־פאַרשוינען זייַנען געגעבן אין אַן עטוואָס דערווייַטערטער פּערספּעקטיוו, כדי דער הויפּטהעלד, קלמן, זאָל אַרויסקומען מער ערשטפּלאַניק, איז דאָס געטאָן געוואָרן מיט אַ כיוון. עלבערג האָט זיך דאָ אָנגע־האַלטן אין "אַ גרויסן בוים", אין פלאָבערן, וועלכער האָט אין זייַן "מאַדאַם באָוואַרי" זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער טעכניק — מיט דער טעכניק פון געבן אַלע אַנדערע העלדן פון ווערק מיט זייער גרויקייט, כדי אויפן פאָן פון דער דאָזיקער גרויקייט זאָל די פאַרביקייט און די טראַגישקייט פון דער הויפּטהעלדין אויפגיין נאָך בולטער, נאָך אונטערגעשטראָכענער. אויך קלמן קאַליקעס אַרום איז אַפּט מאָל היפּש פאַרגרויט און דערווייַטערט פון ערשטן פּלאַן כדי דער הויפּטהעלד זאָל אויפגיין מיט מער שאַרפקייט, בולטקייט און אויך... אויסטערלישקייט.

נאָך מער: אויב מען לייענט דעם דאָזיקן ראָמאַן "אין דער טיף", ווי דאָס ווערט גערופן אין דער הייַנטיקער מאָדערנער ליטעראַטור־קריטיק, דערזעט מען

מיט אַ מאָל אַז דער אייגנטלעכער הויפּטהעלד פון ווערק איז גראָד דער אַנטיהעלד, מתות דער גלעזער מיט זײַן משפּחה. דער דאָזיקער תמימותדיקער ייִד, מיט זײַן ערלעכער גוטסקייט, מיט זײַן ווילן אַלעמען דן זײַן לכף־זכות — אַפילו אַזאַ זינדיקן ווי עס איז קלמן קאַליקע. ער, און נישט דווקא קלמן, איז די צענטראַל־פיגור פונעם בוך און ס׳איז זייער סימבאָליש וואָס דאָס בוך פאַרענדיקט זיך מיט דעם וואָס דער דאָזיקער פּשוטער ייִד פּאַרט צורעכט מאַכן אַ מוראדיקע עוולה וואָס קלמן איז באַגאַנגען לגבי ברײַנדלען. קלמן לעבט שוין דעמאָלט נישט און מתות דער גלעזער, וואָס גיט איר אַ סומע געלט פון קלמנס ירושה אין אַ מאָמענט ווען זי, ברײַנדל, נייטיקט זיך אין דעם דאָזיקן געלט זייער שטאַרק, באַווײַזט ווי די אײַנגעשעלטע שטעטלשע מאָראַל, ווי די שטעטלדיקע ייִדישקייט און מענטשלעכקייט ווערט געקרוינט אַלס די זיגערין אינעם קאַמף וואָס גאָט און טײַוול פירן אין קלמן קאַליקעס האַרץ. און לאָמיר דאָ צוגעבן: אייגנטלעך איז דאָך דער געראַנגל אין קלמנען דער געראַנגל צווישן דער קדושה און דער סטרא־אחרא, וואָס גייט אָן, לויט דאָסטאָיעווסקין, אין דער ברוסט פון דעם בן־אדם. אין דעם דאָזיקן שווערן און פּערמאַנענטן געראַנגל זיגט, ווי עלבערג ווײַזט אונדז, דער געטלעכער שורש אין מענטש און נישט דער ייצר לב האדם וואָס איז ״רע מנעוריו״. אָבער אויב עס זיגט די קדושה און נישט דער סמך מם, אויב קלמן ווערט אַ בעל־תשובה, איז עס קודם־כל מיט דער הילף פון די מתותעס און דאָס הייסט: מיט דער הילף פון די תמימותדיקע פאָלקסטימלעכע ייִדן וואָס דאָס שטעטל פאַרמאָגט, וואָס דאָס שטעטלדיקע ייִדישע לעבן איז דורך זיי געטראָגן געוואָרן ביז צום מאָמענט ווען דער אכזר היטלער האָט דאָס דאָזיקע לעבן פאַרשניטן און אומגעבראַכט.

ס׳איז מאָדנע: קלמן שווערדל און מתות גלעזער זײַנען ביידע קאַליקעס — זייערע פיס זײַנען געשעדיקט, כאָטש נישט אין דער זעלבער מאָס. דאָך, וואָס פאַר אַן אונטערשיד צווישן זיי ביידן. קלמן און מתות דערמאָנען אונדז דעם חכם און דעם תם פון ר׳ נחמן בראַצלאַווערס באַרימטער מעשה. נאָר אַ קינסטלער מיט אַ געניט אויג האָט געקענט דערזען דאָס גורל־שותפות צווישן די דאָזיקע צוויי לחלוטין אַנדערע מענטשן אין וועלכע דער תם ווײַזט זיך אַרויס מער חכם ווי דער חכם גופא; ווי דער תם ראַטעוועט דעם חכם און ברענגט אים צו מאָראַלישער רעהאַביליטאַציע.

עלבערגס ראָמאַן ״קלמן קאַליקעס אימפּעריע״ איז ממש אַן אימפּעריע לויט דעם היקף פון געשעענישן וואָס קומען דאָרט פאָר, סײַ אין דעם הווה און סײַ אין דעם עבר. ס׳איז אויך אַן אימפּעריע לויט דער צאָל ווירקנדיקע פּאַרשוינען וואָס באַוועגן זיך אויף די בלעטער פון ראָמאַן. עלבערג האָט שוין אין זײַנע פריערדיקע פּראָזעווערק באַוויזן, אַז ער קאָן באַהערשן גרויסע לעבנס־שטחים און זיי באַפּעלקערן מיט אַ גרויסער צאָל טיפּן און געשטאַלטן. אין דעם ראָמאַן ״קלמן

קאַליקעס אימפּעריע״ האָט ער, קאָן מען זאָגן, אַליין זיך איבערגעשטיגן. עס איז אַ ראָמאַן — אַן עולם־ומלואו אין פּרט פון ייִדיש לעבן אויף דער פּוילישער ערד. עס איז אַ ראָמאַן וואָס ווײַזט אונדז אינערהאַלב דעם ייִדישן לעבן פאַרשידענע סביבות, מענטשן און כאַראַקטערן. עלבערגן איז אויך נישט שווער צו שילדערן נישט־ייִדן אין זייערע סביבות, ווי למשל, דעם פּריץ וואָס זײַן שפּלות־קאָמפּלעקס נעמט זיך דערפון וואָס ער, דער שונא ישראל, איז געוואָרן אַ פּריץ אַ דאַנק זײַן ייִדיש ווײַב, די טאָכטער פון דעם ייִד דאַווידסאָן, אַ קוזינע פון קלמן קאַליקע. עלבערגס געשטאַלטיקונגס־יכולת זעט מען אויף בײַם שילדערן דעם פּוילישן הויפּט פון שטאָט און זײַן משונהדיקן סוף נאָך דעם ווי ער פאַרשפּילט די וואַלן, ווײַל דער פּריץ וויל אים מער נישט ווי קיין בירגערמייסטער פון שטאָט.

יהודה עלבערג האָט אָנגעהויבן זײַן גאַנג אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט דער דערציילונג ״בער לעפּ״ — אַ דערציילונג מיט שטאַרק נאַטוראַליסטישע אַקצענטן, אין וועלכע עס האָט זיך אָנגעזעזן די השפּעה פון י. מ. ווײַסענבערג, עוזר וואַרשאַווסקי, א. מ. פוקס און נאָך אַנדערע. אין זײַן ווײַטערדיקער אַנט־וויקלונג האָט ער זיך באַפרײַט פון די גוזמאות מיט וועלכע עס האָט אָפּעריִרט דער נאַטוראַליזם און איז געוואָרן אַ רעאַליסטישער דערציילער מיט אַ נטיה צו פּסיכאָלאָגישער פאַרטיפונג אין דעם וועזן פון זײַנע העלדן. דאָך דאַרף מען מודה זײַן אַז נאַטוראַליסטישע איבערבלײַבן דערשיינען פון צײַט צו צײַט אין זײַנע ווערק און אַפילו אין דעם ווערק ״קלמן קאַליקעס אימפּעריע״, וואָס מיר באַ־האַנדלען. אָט די נאַטוראַליסטישע צויטן קאָן מען געפינען אין די סעקס־סצענעס פון ראָמאַן, בעיקר אין די בעטסצענעס צווישן דער גוייִשער קראַנקן־שוועסטער און קלמנען. יאָ, די נאַטוראַליסטישע איבערבלײַבן זײַנען צו מאָל אַנזעעוודיק אינעם ראָמאַן, זיי דאָמינירן אים אָבער נישט, זיי גיבן אים בלויז צו פאַרב און שטרײַכן אונטער דעם שרײַבערס שעפערישע יכולתן הן וואָס שייך דער פאַר־שידנאַרטיקייט פון דער טעמאַטיק און הן וואָס נוגע די פאָרמען מיט וועלכע ער באַנוצט זיך בײַם געשטאַלטיקן די טעמע פון זײַן ווערק. אויך אין עלבערגס נײַעם ראָמאַן, וואָס איז אין תוך אַ רעאַליסטיש־פּסיכאָלאָגישער, זײַנען פאַרוועבט פאַר־שידענע נוסחאות, אָנגעהויבן פון דעטאַליסטיש־פּסיכאָלאָגישע שילדערונגען ביז דעם נוסח פון דעם, הײַנט שוין זייער זעלטענעם, בילדונג־ראָמאַן אין וועלכן די אינפאָרמאַציע איז וויכטיקער ווי די דערקענטעניש.

מיט עלבערגס נײַעם ראָמאַן ״קלמן קאַליקעס אימפּעריע״ האָט די ייִדישע ליטעראַטור צוגעקריגן אַ גרויס ווערק און אין דער העלדן־גאַלעריע וואָס ברענגען צו אונדזער דערקענטעניש דעם ספּעציפישן ייִדישן כאַראַקטער, אַ פאָרמירטן דורך דער ייִדישער עטיק און ייִדישן לעבנס־שטייגער, איז צוגעקומען אַ נײַער פּיל־פאַרביקער און זייער קאָמפּליצירטער העלד, אַ העלד — אַ סינאָנים. קלמן קאַליקע וואָס געפינט זיך שוין ווי מען זאָגט על פּתחו של גיהנום, ווערט געראַטעוועט

דורך דעם שטעטלדיקן רב און דורך אַנדערע שטעטלדיקע ייִדן, וואָס זייער עטישער לעבנס־באַנעם און זייערע מאָראַלישע נאָרמעס פירן אים צוריק אַרויס אויף דעם וועג פון גוטס און גערעכטיקייט מיט וועלכן עס האָט זיך אויסגעצייכנט דאָס ייִדישע לעבן אין פוילן איידער דער נאַצישער רשע האָט עס פאַרשניטן...

אין
לײמענע הײַזער

ראָמאַן

אַרויסגעגעבן אין פֿאַרלאַג "ישׂראל־בוך", 1985

יצחק יאַנאַסאָוויטש

ראָמאַן וועגן ייִדישן לעבן פאַרן חורבן

1

דוד פרישמאַן האָט אַמאָל געשריבן אַז ווען דאָס ייִדישע לעבן אין תחום המושב זאָל חלילה, אין רעזולטאַט פון עפּעס אַ קאַטאַסטראָפע, פאַרשוואונדן און בלײַבן זאָלן בלויז די ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָלט מען אויפן סמך פון די דאָזיקע ווערק געקענט רעסטאַווירן די אמונה, די קולטור און דעם שטייגער פון די וואָס זײַנען פאַרשוואונדן. דערין האָט פרישמאַן געזען די גרויסקייט פון "זיידן" און די וויכטיקייט פון זײַן שאַפן.

קען מען טאַקע פון מענדעלעס ווערק באַקומען אַן אומטעותדיקן באַגריף וועגן ייִדישן לעבן אין יענער צײַט? דאָס איז אַ פראַגע וואָס מיר וועלן איצט נישט פּרוּוון פאַרענטפערן. זיכער איז אָבער אַז די קריטעריע וואָס פרישמאַן ווענדט אָן לגבי דעם ליטעראַרישן שאַפן פון מענדעלען איז אַ דורכאויס ריכטיקע און זי איז ראוי אַז מען זאָל מיט איר מעסטן און משפּטן דעם ווערט פון די ווערק וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן אויך נאָך מענדעלען און איבערהויפּט — די ווערק וואָס ווערן געשאַפן בימינו — אונטערן צייכן פון גרויסן ייִדן־חורבן אין מזרח־אייראָפּע.

רעסטאַווירן אין קינסטלערישן בילד דאָס ייִדישע לעבן וואָס היטלער, ימח שמו, האָט חרוב־געמאַכט — דאָס איז איינע פון די הויפּט־אויפגאַבעס פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור און הגם דאָס איז נישט איר אײנציקע אויפגאַבע, ווײַל ווי מיר ווייסן זײַנען פאַראַן אויך אַנדערע אַקסן אַרום וועלכע עס באַוועגן זיך די רעדער פון אונדזער אַקטועלער ליטעראַרישער שאַפונג, מוז מען אָבער מודה זײַן אַז דאָס איז על כל פּנים די וויכטיקסטע אויפגאַבע אירע און אַ ראיה לדבר אין דער פאַקט וואָס די דאָזיקע רעסטאַווירונגס־ליטעראַטור איז קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו געווען און געבליבן די עיקרדיקסטע פון דער ייִדישער וואָרט־קונסט בימים ההם ובזמן הזה.

דאָס קינסטלערישע ווידערשאַפן דאָס ייִדישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע וואָס

דערשינען אין "ייִדיש־וועלט", אַפּריל 1986.

דער נאַצישער באַרבאַריזם האָט אומגעבראַכט פאַרנעמט דאָס טעמאַטישע הויפּט־אָרט אין די ווערק פון יצחק באַשעוויס, פון חיים גראַדע, פון מענדל מאַן, פון ישעיהו שפּיגל, פון אלי וויזעל, פון יחיאל האָפער, פון אברהם קאַרפּינאָוויטש, פון מרדכי צאַנין, פון בנימין שלעווין, פון חוה ראָזענפאַרב, פון ש. אַפּטער, פון בלומע לעמפּעל, פון מנוחה ראַם און פון נאָך אַנדערע. דער דאָזיקער ווידערשאַפונג (אַנאַגנאָזיס — לויט אַריסטאָטלען) זיינען אויך געווידמעט די צוויי גרויסע ווערק פון יהודה עלבערג, היינו: "קלמן קאַליקעס אימפּעריע" און "אין ליימענע הייזער".

ווען מיר איצט טאַקע שמועסן וועגן די דאָזיקע צוויי קאַפּיטאַלע ווערק, הגם עס וועט אונדז מסתם אויסקומען דאָ און דאָרט צו באַרירן אויך די פריערדיקע שאַפונגען פון דעם דאָזיקן שרייבער, וואָס קיינער ספק'ט נישט, אַז ער געהערט צו דער "גילדענער פּאַן" פון דער פּראָזע אין אונדזערע טעג און נישט נאָר אין אונדזערע טעג...

2

דער רוב פון די שרייבער וועלכע זיינען אין טרעבלינקע יאָ געווען און האָבן זיך געראַטעוועט פון גרויסן פייער, נישט דורך איין נס, נאָר דורך אַ קייט פון ניסים, האָבן באַניַיט זייער שעפערישקייט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה מיטן דערציילן און שילדערן דאָס וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין די טעג פון מאָרד און רציחה, סיי אין די געטאָס, סיי אין די טויט־לאַגערן און סיי ביַים אויסבאַהאַלטן זיך פון די נאַציס און פון זייערע מיטהעלפער. אגב, דער דראַנג צו דערציילן און צו שילדערן דאָס איבערגעלעבטע און דאָס לעבן־בלייבן האָט פאַרכאַפּט מיט זיַין מיטרייסנדיקן שטראָם נישט בלויז די שרייבער, נאָר אויך מענטשן וואָס האָבן לחלוטין נישט אין זין געהאַט צו שאַפן ליטעראַטור און זיי האָבן בלויז געטראַכט מיט זייערע שריפטן צו העלפן בויען דעם באַשולדיקונגס־טורעם קעגן היטלעריזם און קעגן די שונאי ישראל צווישן וועלכע זיי איז געלונגען זיך צו ראַטעווען.

יהודה עלבערג האָט נאָך דער מלחמה זיך צוריקגעקערט צו דער פּען, כדי מיט איר קינסטלעריש צו פאַראייביקן דאָס איבערגעלעבטע אין די יאָרן פון דער נאַצישער הערשאַפט, סיי אין וואַרשעווער געטאָ, סיי שפּעטער — אין די באַהעלטענישן אויף דער "אַרישער" זייַט. די דאָזיקע איבערלעבענישן און דערפאַרונגען האָט ער פאַרקריצט אין אונדזער זכרון מיטן בוך "אונטער קופּערנע הימלען" וואָס איז אַ חוץ קליינע אָפּווייכונגען באַשטאַנען פון דערציילונגען און בילדער פון לעבן אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. דערביַי האָט ער אונדז געוויזן אַ ברייטע פּאַנאָראַמע מיט פאַרשידענע גרוילן, וואָס אים איז אויסגעקומען איבערצולעבן אין יענער צייַט וועלכער איז שפּעטער, אין אייראָפּע, גערופן געוואָרן "די צייַט פון פאַראַכטונג" און רעליגיעזע יידן האָבן זי באַצייכנט ווי "די צייַט פון הסתרת פנים". דער גורל האָט אַזוי געוואָלט אַז עלבערג גופא זאָל זיך ראַטעווען אַ דאַנק

טויזנט צופֿאַלן, אָבער בעיקר אַ דאַנק זײַן באַוועגלעכקייט, אַ דאַנק זײַן לויפֿן און אַנטלויפֿן פֿון יענע ערטער וואו ער האָט דערשפּירט די זיך־אָנרוקנדיקע סכנה. און פֿאַרוואָס שטרייכן מיר אונטער די דאָזיקע באַוועגלעכקייט? דערפֿאַר ווייל זי האָט געבראַכט דערצו אַז דער שרײַבער זאָל דערזען זײַנע ברידער, די גערודפֿטע ייִדן, אין די פֿאַרשידנסטע סיטואַציעס, אין די פֿאַרשידנסטע פּײַנען און זיי שפּעטער שילדערן מיט אַזאַ קינסטלעריש־רעאַליסטישער בולטקייט וואָס שוידערט אויף ביזן מאַרך פֿון די ביינער. צענדליקער טיפּן און סביבות, ייִדישע און נישט־ייִדישע, זײַנען אויפֿגעגאַנגען פֿון די שילדערונגען אין זײַנע ווערק וואָס מען קאָן אָנרופֿן: ווערק פֿון קינסטלערישער דאָקומענטאַציע.

אויב מען זאָל זיך האַלטן בײַ דער כראָנאָלאָגישער רשימה פֿון עלבערגס ווערק מוז מען קומען צום אויספֿיר אַז נאָך דעם גרויסן ראָמאַן "אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט" ווי אויך נאָך באַשטימטע דערציילונגען איבעם צווייטן בוך "צעוואָרפֿענע זאַנגען" האָט עלבערג זיך אַ קער געטאָן מיטן פּנים צו אַן אַנדער טעמאַטיק — דערהויפּט צום ייִדישן לעבן פֿון פֿאַר דעם גרויסן קאַטאַקליזם, סײַ פֿון עבר, און סײַ פֿון לעצטן יאָרצענדליק פֿאַרן אויסברוך פֿון דער מלחמה. אַהערצו געהערט דער שוין־דערמאָנטער ראָמאַן "קלמן קאַליקעס אימפּעריע" און דאָס ווערק "אין ליימענע הײַזער" וואָס מיר פּרוּוון איצט באַהאַנדלען.

3

אין דעם גרויסן ראָמאַן "קלמן קאַליקעס אימפּעריע" פֿאַלט דעם שרײַבערס רעפֿלעקטאָר־ליכט כמעט די גאַנצע צײַט אויף דער יוצא־דופֿנדיקער געשטאַלט פֿון קלמן קאַליקע, וועלכן עלבערג ווײַזט אונדז אין דער גאַנצער לענג פֿון זײַן וועג ביז ער קומט אום אַ רגע נאָך דעם ווי ער באַנעמט אַז ער האָט אַ גאַנץ לעבן געבלאָנדזשעט. קלמן, דער קאַליקע, וואָס בויט אַן אימפּעריע מיט די מיטלען וואָס זײַנען ווײַט פֿון מאָראַל און מענטשלעכקייט זעט אין זײַנע לעצטע מינוטן אַז ער איז געגאַנגען אויף אַ פֿאַלשן וועג. דאָס מער־קווירדיקסטע אין דער כאַראַקטעריסטיק פֿון דער דאָזיקער גרויס־פֿאָרמאַטיגער געשטאַלט, וואָס איז געקנאָטן פֿון דעם זעלביקן טייג פֿון וועלכן עס זײַנען געקנאָטן די גרויסע העלדן אין דער וועלט־ליטעראַטור, איז דערבײַ דאָס וואָס דער שרײַבער ווײַזט אונדז זײַן פֿאַלן נישט ווי קיין טראַגעדיע, נאָר ווי אַ דערלייזונג. מיט אַנדערע ווערטער קען מען דאָ זאָגן, אַז אין דעם ראָמאַן וועגן קלמן קאַליקע וואָס האָט געשאַפֿן אַן אימפּעריע גייענדיק איבער לעבעדיקע און טויטע, ברענגט עלבערג אַרויס אי אַ יחידיש־דראַמאַטיש געשטאַלט און אי די ווירקונג פֿון דער ייִדישער מאָראַל, דאָס מיינט: אי דעם "יצר לב האדם רע מנעוריו" און אי די דורותדיקע עטיק וואָס איז אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר אין ייִדישן לעבן. קלמן קאַליקע קומט אום אין מאָמענט ווען ער פּרוּווט פֿאַרריכטן די עוולות וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן אַנדערע. זײַן אימפּעריע

צעפאַלט זיך און דאָך איז ער נישט אַנטוישט און צעווייטיקט, נאָר ער מאַכט שלום מיט זײַן גורל.

אין זײַן ראָמאַן ״אין ליימענע הײַזער״ האָט יהודה עלבערג זיך אפשר נישט געשטעלט אַזעלכע ווײַטגרייכנדיקע אויפגאַבעס ווי אין דעם ראָמאַן ״קלמן קאַליקעס אימפעריע״. ער האָט אויך נישט קאָנצענטרירט זײַן קינסטלערישע ווידערשאַפונגס־קראַפט אויף אַ קליינער גרופּע מענטשן אין שפּיץ מיט אַ הויפּט־העלד. ער האָט אָבער אַן אַן־ערך אויסגעברייטערט די גאַלעריע פון די טיפן און געשטאַלטן אין דער מיטל־גרויסער פּוילישער שטאָט וואָס ער שילדערט אין דעם דאָזיקן ווערק. ער האָט אויך אַרײַנגעפּירט אין דער דאָזיקער גאַלעריע אַ ריי פּאַרשוינען, וועלכע זײַנען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געמעל פון דער ייִדישער עקזיסטענץ אויף דער ערד פון פּוילן אין דעם לעצטן יאָרצענדליק פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, און דאָס זײַנען די יוגנטלעכע אידעאַליסטן פון אַלע שיכטן אין דער ייִדישער געזעלשאַפט.

אויך אין זײַן ראָמאַן ״אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט״ און אין די ווערק ״אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש״ און ״מעשיות״ ווי אויך אין די דערציילונגען פון בוך ״צעוואָרפענע זאַנגען״, זעט מען אַז עלבערג האָט אַן אויג און אַן אויער פאַר מענטשן פון כּלערליי סביבות און קען אַרײַנדרינגען לפני ולפנים פון זייער כאַראַקטער. עס וואונדערט אונדז דעריבער נישט וואָס מיר טרעפן זיך אָן ״אין די ליימענע הײַזער״ אויף אַזאַ שלל לעבעדיקע, פּראַכטפול געשילדערטע געשטאַלטן פון דער ייִדישער ווירקלעכקייט אין די דאָזיקע 10 יאָר ווען איבערן ייִדישן זײַן אין פּוילן הענגט שוין די דאַמאָקלעס־שווערד, וואָס איר שאַרף וועט אין גיכן פאַרשנײַדן דאָס ייִדנטום פון מזרח־אייראָפּע און באַזונדערס דאָס ייִדנטום פון דער טויזנט־יעריקער פּה־לין — אכסניה אויף דער ערד פון פּוילן.

און לאָמיר עס אונטערשטרייכן: אויפלעבן אין קינסטלערישן בילד דאָס ייִדישע לעבן אין פּוילן, האָרט פאַר דער קאַטאַסטראָפע איז אַן אויפגאַבע וואָס האָט געקענט דורכגעפירט ווערן נאָר דורך אַ שרײַבער מיט גרויסע יכולתן.

4

די ייִדישע ליטעראַטור אין פּוילן, דערהויפּט די ליטעראַטור וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די דרײַסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, האָט זיך נישט אויס־געצייכנט מיט דער שילדערונג און געשטאַלטיקונג פון דער יוגנט אונדזערער. ס׳איז געווען אַ שטורעמדיקער יאָרצענדליק אויף דער ייִדן־גאַס אין פּוילן און דעם שטורעם האָט גורם געווען די אויפגעברויזטע ייִדישע יוגנט, וועלכע האָט נישט געהאַט וואו צו פאַרווענדן אירע כּוחות און איר שאַפערישע ענערגיע. דאָך האָט מען די יוגנט גופא כּמעט נישט אַנגעזען אין די ווערק פון די ייִדישע שרײַבער און מען

האָט בלויז געהערט ווי אַן עכאָ וועגן איר באַטייליקטקייט אין די אויפברויזן און געראַנגלען פון דער צײַט.

אויב די יוגנט בכלל האָט נישט דערגרייכט צו איר רעאַליסטיש־געטרײַער אָפּשפּיגלונג אויף די דפים פון דעם ייִדיש־ליטעראַרישן שאַפן אין דעם דאָזיקן יאָרצענדליק, האָט די גרויסע חלוצישע יוגנט אַוודאי און אַוודאי נישט זוכה געווען צו איר געטרײַער פאַראייביקונג און געשטאַלטיקונג אין דער ליטעראַרישער שאַפונג פון דער צײַט וועגן וועלכער מיר ריידן. מען האָט געהערט רעדן און צײַטנווייז אַפילו געזען אַ יוגנטלעכן מאַרטירער פאַר זײַן אידעאַל אויב ער האָט געהערט צו דער לינק־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָבער מען האָט גאָרנישט, אָדער כמעט גאָרנישט, גערעדט און געשריבן וועגן דער דאָזיקער יוגנט וואָס האָט זיך געריסן קיין ארץ־ישראל מיט אַלע מיטלען און דורך אַלע וועגן. דאָס "חלוצל פון פּוילן", דאָס מיידל פון דער הכשרה — זיי זײַנען שיער געווען הס מלהזכיר אין די פּראָזע־ווערק פון די ייִדישע שרײַבער אין פּוילן. זייער האָרעוואַניע איבער די כוחות, ווי פּשוטע האָלצהעקער און וואַסערטרעגער. זייער הונגערן אין די קיבוצים און הכשרות און זייערע אידעאישע קריגערײַען און פּערזענלעכע מענטשלעכע ווייטיקן האָט מען אויף אונדזער ליטעראַרישער גאַס כמעט נישט געזען און נישט געהערט. און געווען איז עס דאָך אַ רעוואָלטירנדיקע אידעאַליסטישע יוגנט וואָס האָט געזוכט אַ וועג צו דער אויסלייזונג, אַ וועג וואָס פירט אַרויס פון דעם שנאה־רינג און פון דער אויסזיכטלאָזיקייט אין וועלכער מען איז געווען פאַרקלעמט דורך דעם פּוילישן אַנטיסעמיטיזם, דערהויפּט — נאָך דעם ווי דער היטלעריסטישער שנאת ישראל און די לוסט צום ייִדן־מאָרד האָט פאַרפלייצט אייראָפּע און האָט דערווייל געדראָט מיט דער שפּעטערדיקער פאַרניכטונג פון ייִדן־פאָלק אין אַזאַ אויפשוידערנדיקן מאַסשטאַב.

יהודה עלבערגן קומט אַ באַזונדערע אַנערקענונג און לויב דערפאַר וואָס בײַם רעסטאַווירן אין קינסטלערישן בילד דאָס חרוב־געוואָרענע ייִדישע לעבן אין פּוילן, האָט ער רעסטאַווירט דעם דאָזיקן שטראָם פון אידעאַליסטישע ייִנגלעך און מיידלעך וואָס זײַנען אויפגעשטאַנען פון די גוטע באַלעבאַטישע היימען און אַוועק אין די פאַראייינען, אין די קיבוצים און אין די הכשרות כדי דורך שווערער אַרבעט און הונגער זיך צוצוגרייטן צו דעם קאַמף פאַר אַן אייגענער היים אין ארץ־ישראל. ליידער איז דער טויער צו דער דאָזיקער באַגערטער היים געווען פאַרשלאָסן מיט דעם שטײַפן ענגלישן סערטיפיקאַטן־שליסל און אויסצוואַנדערן פון פּוילן און זיך צו ראַטעווען האָבן באַוויזן בלויז ווייניקע אין פאַרהעלטעניש צו דער דאָזיקער מאַסע וועלכע האָט געשטרעבט דערצו.

עס קומט, ווי געזאָגט, עלבערגן אַ גרויסער לויב פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק דערפאַר וואָס ער האָט אין זײַן רעליעפן בילד פון אומגעבראַכטן ייִדישן לעבן נישט פאַרגעסן אין דער דאָזיקער גרויסער פאַרביקער יוגנט, וועלכע ער האָט

געשילדערט ווי לעבעדיקע מענטשן פון בלוט און פלייש, מענטשן מיט יוגנטלעכן טעמפעראַמענט, מיט שוואַכקייטן און באַזונדערקייטן, וואָס דווקא דאָס אַנטפּלעקן זיי מאַכט נאָך בולטער די גרויסקייט פון די דאָזיקע יונגע מענטשן, ווי זיי האָבן זיך, אגב, שפּעטער באַוויזן אין וואַרשעווער געטאָ און אויך אין אַנדערע געטאָאָס און פּאַרטיזאַנער־וועלדער.

פּאַראַן אַ נישט־גרויסע צאָל שרײַבער בײַ אונדז וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט דערמיט וואָס זיי האָבן אין זייערע ווערק אַרויסגעפּירט די סאַמע פּאַרשיידנסטע טיפּן און פּאַרשטייער פון די פּאַרשידענע סאָציאַלע שיכטן אינעם ייִדישן פּאָלק. אַזעלכע זײַנען, למשל, געווען שלום אַש, יוסף אָפּאַטאָשו, און נאָך אייניקע, ווי אַ שטייגער יצחק באַשעוויס (דעם דרך האָט אויך געצומען באַטרעטן מענדל מאַן ע״ה). מיטן ראָמאַן ״קלמן קאַליקעס אימפּעריע״ און מיט דעם בוך ״אין ליימענע הײַזער״ איז עלבערג אַרויף אויף דעם דאָזיקן דרך המלך און ער איז געוואָרן איינער פון דעם קליינעם קרייז ייִדישע שרײַבער וואָס אין זייערע ווערק טרעפט איר דעם אַשכנזישן ייִדן־ציבור מיט אַלע זײַנע טיפּן און געשטאַלטן, מיט אַלע זײַנע כאַראַקטערן און טעמפּעראַמענטן, מיט אַלע זײַנע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע שטריכן, וועלכע זײַנען אייגן דעם בן־אדם און גאַנץ באַזונדערס — דעם ייִד פון אונדזער דור וואָס היטלער האָט אומגעבראַכט און ער גייט איצט צוריק אויף, אילוזאָריש, אויף די בלעטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

כמעט אין יעדן פריערדיקן ווערק זײַנעם ווײַזט אונדז עלבערג אַ באַשטימטן העלד וואָס מיר פילן אַז ער אידענטיפיצירט זיך מיט אים. שווער אָבער צו זאָגן געננוי ווער עס איז דער דאָזיקער העלד אין דעם ראָמאַן ״אין ליימענע הײַזער״. עס זײַנען פּאַראַן אייניקע געשטאַלטן וואָס מען פילט דעם שרײַבערס סימפּאַטיע־געפיל צו זיי און ס׳זײַנען פּאַראַן אַנדערע וואָס מען פילט אַז ער איז צו זיי גלײַכגילטיק, כאָטש ער האָט זיי נישט פײַנט, ווײַל עלבערג האָט קיינעם פון זײַנע צענדליקער פּאַרשוינען נישט פײַנט. דאָך דוכט מיר אַז איך וועל נישט האָבן ווײַט געבלאָנדזשעט ווען איך וועל זאָגן אַז די סימפּאַטיע פון שרײַבער אין דעם בוך ״אין ליימענער הײַזער״ איז געווענדט צו זײַן העלד פּינטשע וועלכן מען קאָן אויבן־אויף באַצייכענען מיטן ייִדישן פּאָלקס־ווערטל ״תורה, סחורה און געפּוצטע שטיוול״, אָבער אין דער אמתן איז דאָס אַ בחור וואָס קאָנצענטרירט אין זיך, אין זײַן כאַראַקטער, די בעסטע מענטשלעכע מעלות און אייגנשאַפטן. ער איז אַ מוסטער פון אַן אויסגעצייכנטן גוטן מענטש, דערצו אַזאַ וואָס גייט מיט דער נײַער צײַט און איז דאָך דער המשך פון דער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט. יאָ, עלבערגס ראָמאַן ווײַזט אונדז דעם כח פון דער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, אַפילו ווען זי נעמט אָן נײַע פאָרמען און נײַע געשטאַלטן. אונדזער אײַנדרוק בײַם איבערלייענען דאָס ווערק איז, אַז די שטעטלדיקע ייִדישקייט, די טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט וואָלט נאָך געקענט עקזיסטירן אַ סך, אַ סך לאַנגע יאָרן, ווען די היטלער־האַק און די

שינאה פֿון די גוים וואָלטן זי נישט אומגעבראַכט. אַוודאי וואָלטן אַ סך זאַכן געביטן זייער פּנים, אָבער ייִדיש לעבן האָט געהאַט אַלע שאַנסן ווײַטער ממשיך צו זײַן אויף דער געשיכטלעכע אַרענע פֿון מזרח־אייראָפּע און דערפֿאַר איז אונדזער אומגליק אַזוי טיף און דאָס פֿאַרברעכן פֿון די שונאי ישראל אַזוי מוראדיק גרויס...

אַנטפּלעקן די אינערלעכע וועלט פֿון זייערע העלדן און אויפֿוויקלען דעם סיפּור החיים זייערן תחת השמש — זײַנען די וויכטיקסטע אייגנשאַפֿטן פֿון די גרויסע פּראָזאַאיקער אין אַלע צײַטן און בײַ אַלע קולטור־פֿעלקער.

יהודה עלבערג איז דער מייסטער וואָס אָט די צוויי טאַלאַנט־אייגנשאַפֿטן זעען זיך בולט אָן אין זײַן שאַפֿן און מאַכן אַזוי פֿולווערטיק זײַן פּראָזע. נאָך מער: יהודה עלבערג קאָן מיט דעם אינערלעכן מאָנאָלאָג פֿון זײַנע העלדן אַנטפּלעקן זייער כאַראַקטער און זייער פּסיכישן מעכאַניזם און ער קאָן אויך מיט דעם דיאַלאָג באַוועגן די רעדער פֿון דעם אַלעם וואָס עס געשעט אַרום זיי און מיט זיי. און דער עיקר: ער פֿאַרמאָגט אַ וואַרעם עכט־ייִדיש נישט געקינצלט לשון אין וועלכן עס הערט זיך דער עכאָ פֿון דורות ייִדישן לעבן.

כ'האָב נאָר וואָס איבערגעלייענט, צום צווייטן מאָל, דאָס באַרימטע ווערק "די בודענבראָקס" פֿון דעם נאָבעל־פּרייז־טרעגער טאָמאַס מאַן. טראָץ די אונטערשיידן וואָס זײַנען פֿאַראַן צווישן די צוויי ווערק, וואָלט איך, ווען מען פֿרעגט מיך, וואָס פֿאַר אַ ווערק עס דערמאָנט מיך עלבערגס "אין ליימענע הײַזער" אָנגעוויזן אויף דעם דערמאָנטן בוך פֿון טאָמאַס מאַן, וואָס געהערט צו די שטאַרקסטע רעאַליסטישע ראָמאַנען אין דער דײַטשישער ליטעראַטור פֿון 19טן און 20סטן יאָרהונדערט. אויך דער ראָמאַן "אין ליימענע הײַזער" געהערט, לפּי דעתּי, צו די שטאַרקסטע רעאַליסטישע ראָמאַנען וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן נאָך דעם חורבן — וועגן ייִדישן לעבן פֿאַרן חורבן...

חנן קיעל

מגילת-פוילן

א.

דאָס מאָנומענטאַלע ווערק מגילת-פוילן, וואָס נעמט ביז איצט אַרום די צוויי בענדער לײַמענע הײַזער און דאָס דריטע בוך פון מאָרגן ביז אָוונט וויקלט פונאַנדער די טרויעריקע פּאַרמעטן מיט די סאַמע לעצטע קאַפּיטלען פון דער טויזנט-יאָריקער געשיכטע פון פּוילישן ייִדנטום. לייענענדיק דעם ראָמאַן ווערט אויפגעפרישט אין זכרון אונדזער ייִדיש לעבן ערב דעם חורבן און ביזן סוף 1940, ווען ס׳זײַנען שוין אָנגעגאַנגען די שוידערלעכע רציחות אין די שטעט און שטעטלעך; און דאָס ביטערע גראַנגל פּאַר בלײַבן לעבן.

דער צענטער פון די דראַמאַטישע געשעענישן איז דאָס שטעטל ״גורוויטש״, נישט ווײַט פון לאָדזש. דאָס שטעטל דערמאָנט אין זגערזש, דאָס געבוירן-אָרט פון יהודה עלבערג. דער שרײַבער פירט אונדז אַרײַן אין אַ צאָל ייִדישע הײַזער וואָס שפּיגלען אָפּ פון אַלערליי סאָציאַלע שיכטן און אידעאָלאָגישע גרופּעס, וואָס זײַנען אַלע גורלדיקע שותפים אין דער צײַט.

גורוויטש איז געווען אַ שטעטל פון קוימענס. סירענעס האָבן געוועקט די אַרבעטערס וואָס האָבן גאַנץ פרי זיך געלאָזט גיין אין די פאַבריקן. די תושבים אין שטעטל: סוחרים, טעקסטיל-פאַבריקאַנטן, מאַרקשטייערס, און דער עיקר — וועבערס. דער עלטערער דור האָט געלעבט אין זײַן פרומער וועלט: גערער שטיבלעך, לערנערס און וואָרעמע ייִדישע היימען. די יוגנט איז געגאַנגען אויף אייגענע דרכים, מיט נײַע פירונגען, ליבעס, אָרגאַניזאַציעס; ס׳קומען פאָר קאָנפליקטן צווישן עלטערן און קינדער, פאַראַן אַ לינקע יוגנט, אַ חלוצישער השומר-הצעיר, וואָס דער מחבר שילדערט מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט אאַז״וו.

דער הויפּטהעלד פון ראָמאַן איז פּינטשע, דער זון פון רײַכן חסידישן טעקסטיל-פאַבריקאַנט שלמה מילקעס. פּינטשע האָט פריִער געשריבן חידושי-תורה, העברעאישע שירים, און זינט דער מלחמה האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן ייִדישע לידער. דער מחבר דערלויבט פּינטשען צו נאָטירן די געשעענישן און די כראָניקעס פון

דערשינען אין ״אויפן שוועל״ — יאַנואַר-מערץ 1988.

דער צײַט, מחמת אַלץ וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער דראַמע איז געקניפּט־און־געבונדן מיט דער גרויליקער עפּאָכע, ווען די פּאַליאַקן באַמיִען זיך צו געפֿעלן היטלערן, גייען אין די פוסטריט פון מיליטאַנטישן שאָוויניזם, און מיט זייער מאָראַלישער ירידה גראָבן זיי אַ גרוב פאַר דער פוילישער אומאָפּהענגיקייט. "די פּוילישע אַנטיסעמיטן קוויקן זיך מיטן שטורמערס העצערײַען און אין גורוויטש בויט מען אָרטאָדאָקסישע חדרים, יסודי־התורה און אַ ציוניסטישע תרבות־שול". די ייִדן זענען בחוש ווי דער סוף דערנענטערט זיך מיט אײַליקע שריט, אָבער זיי פירן אָן אין־ברירהדיק נאָרמאַל לעבן. די פרומע, די אינטעליגענץ, די אַרבעטערס, די יוגנט־פאַראיינען, אַלע זײַנען ממשיך זייער טעגלעכע רוטין.

זיי אָטעמען די אַנגעגליטע לופט, זיי זעען די שריפט אויף אַלע ווענט און דאָך זײַנען זיי נישט אַלאַרמירט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער מסוכנער סיטואַציע. קיינער לאָזט זיך נישט צוגלייבן, אַז מע דאַרף זיך ראַטעווען פון דער פּאַסטקע. דער אמת איז, אַז ס'איז אויך נישט געווען וואוהין צו אַנטלויפן. דאָס איז דער הינטערגרונט פון פאַרנעמיקן ראָמאַן, דער פונדאַמענט פון די ליימענע הײַזער.

ב.

אין לאַבירינט פון די געשעעניש טיילט זיך אויס דער הויפּט־פּערסאָנאַזש, די אומצאָליקע משפחות און יחידים מיט באַזונדערע מענטאַליטעטן, געמאָלן מיט רײַכע פאַרבן אין ליכטיקע און שאָטנדיקע ניואַנסן. אײנעם מכלומרשט אײַנגעפונדעוועטן לעבנס־שטייגער פון אַלטע און יונגע דורות ווערן אונדז באַקאַנט די הויפּטהעלדן אין זייערע סביבות, זייער געראַנגל פאַר קיום, זייער וועלטבאַנעם. נישט אַלע מיטשפּילערס אינעם ראָמאַן זײַנען פאַרבונדן מיט פּינטשע מילקעס, זיי זײַנען אָבער וויכטיקע עלעמענטן אין דער טראַגישער מגילה. די באַזונדערע געשיכטע פון דער אַסימילירטער בראָדאָקס־משפּחה, וואָס די טאָכטער פאַרליבט זיך אין ד"ר איגנאַצי ליבענשטיין, ווען זיי פאַרברענגען אין זאַקאָפּאַנע, דאָס איז אַ קאַפּיטל פון אויפגעקומענע ייִדישע נגידים, וואָס זייערע אַסימילירטע קינדער ווערן נישט אָקצעפּטירט פון דער פוילישער געזעלשאַפט און פון ייִדן זײַנען זיי דערווײַטערט. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיי סוף־כל־סוף אויסגעהיילט פון דעם ייִדישן אַליינהאַס.

אַ צווייטער העלד אין דער דראַמע איז דער פידל־שפּילער פּריץ ווײַנער, דער גילגול פון פּרץ ווײַנער פון האָמליע. נאָך די פּאָגראָמיאָרן באַזעצט ער זיך אין בערלין, ווערט פאַרוועבט אין דער דײַטשער קולטור, האָט חתונה מיט הילדען, פון דײַטש־יונקערישן אָפּשטאַם. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט ער אַן אינוואַליד מיט מעדאַלן און פּאַטריאָטישע כּיבודים. אין די נאַצישע יאָרן הייבן זיך אָן די רדיפות קעגן פּריץ ווײַנערן. זײַן שוואָגער וואָלפגאַנג שאָענפעלד נעמט הילדעס און פּריצעס זון אונטער זײַן יונקערישער השגחה און פון פּריץ ווערט

צוריק פּרץ. אַ פֿאַרשטוויסענער פֿון זײַן געזעלשאַפֿט, מאַכט ער דורך דעם טראַגישן וואַגלוועג אויף דער שיף מיט די פֿאַרמישפּטע פֿון האַמבורג קיין קובאַ.

פֿאַראַן אין די ווערק קינסטלערישע קאַפּיטלען, פּסיכאָלאָגיש פֿאַרטיפֿטע נשמה־קאָנפֿליקטן, וואָס מע וואָלט געקענט דראַמאַטיזירן פֿאַרן יידישן טעאַטער — מע זוכט דאָך פּיעסעס ווי מיט ליכט. דאָס קאַפּיטל "איטשעלע שמדניק", אַ שטייגער, "יונה" און זײַן פֿאַרצווייפֿלטע ליבע מיט רוכטשען, וואָס ענדיקט זיך מיט זײַן טרענקען זיך אין ווייַפּזש: "ראַבין כּאַבול" אין צווישן מאָרגן און אָוונט און, פֿאַרשטייט זיך, די גרעסערע דראַמאַטישע באַזונדערע סוזשעטן אין דעם ראָמאַן.

לויט פּזשיבישעווסקי האָט קונסט נישט קיין שליחות, קונסט שטייט איבערן לעבן. די קינסטלערישע נשמה איז דעטערמינירט פֿון אינסטינקטיווע כּוחות. מיר גלייבן אַז קונסט שפּיגלט אָפּ די נשמה פֿון קינסטלער. אין ווערק מגילת־פּוילן איז דער קינסטלער דעטערמינירט פֿון אַ הייליקער שליחות צו פֿאַראייביקן די אמתע געשטאַלטן פֿון די קרבנות און עדות. נישט די אויסנעמיקע קלמן־קאַליקעס, די דאָסטאָיעווסקי־טיפּן, נאָר די נאַרמאַלע מענטשן ווי מיר געדענקען זיי. י' עלבערג ברענגט אַרויס דאָס עטיש־דערהויבענע און יידיש־מענטשלעכע אין דער קאַליריקער פּאַנאָראַמע פֿון זײַנע טיפּן, פֿון זייער מסירת־נפֿש און קידוש־השם, אָבער ער מײַדט נישט אויס די מענטשלעכע שוואַכקייטן: קינאה, גאווה, תּאווה, אַבסעסיווע אַמביציעס רײַך צו ווערן, היפּאָקריטסטווע, סעקסועל לײַדנשאַפֿטלעכע סצענעס, זײַטיקע ליבעס, וכדומה. אַלץ וואָס איז מענטשלעך איז אמתדיק און אויפֿריכטיק, און דערפֿאַר קינסטלעריש.

ג.

אין פֿינטשע מילקעס חסידישער היים לערנען בלויז די מיידלעך אין די שולן און גימנאַזיעס, ער אַליין לערנט בײַ בערעק עפּשטיין, אַ סטודענט וואָס גיט פּריוואַטע לעקציעס. בערעקס טאַטע ר' שלום איז אַן אָרעמער טיטן־מאַכער וואָס שרײַבט יידישע לידער, ווי פֿינטשע;ביידע טיילן זיך מיט זייערע דיכטערישע איבערלעבונגען. בערעק איז אַן אַמביציעזער בחור, וואָס וויל זיך אַרויסרײַסן פֿון טאַטנס אָרעמקייט צו רײַכקייט און כּבוד. אין די לעצטע יאָרן פֿון אַנטיסעמיטיזם און געטאָבענק אין אוניווערסיטעט ווערט ער אַ העלד און פֿירער פֿון סטודענטישן אַחווה־פֿאַראיין, וואָס עפֿנט אים די טירן צום רײַכן מאַנופֿאַקטור־סוחר פֿעליקס גרינבערג. ער האָט חתונה מיט זײַן טאָכטער צעלינאַ.

פֿינטשע איז אַ סימפּאַטיקער פֿון השומר־הצעיר און איז פֿאַרליבט אין דער אידעאַליסטישער חלוצטע, זאָשקע שטיגעל. ער האַלט זי פֿאַר אַ סאָציאַליסטישער צדיקת און ווערט איר "סימפּאַטיע". הגם ער דאַוונט אין גערער שטיבל, איז דער השומר זײַן וועלטלעך חסידים־שטיבל. ער קומט צו די קולטורעלע אַסיפֿות, באַגריסט זיך מיט זאָשקען מיט "חזק" און "חזק ואמץ". זי האָט אָבער אַ סך

אַדאַראַטאַרן און זי פֿאַרבינדט זיך מיטן פֿאַנאַטיש־דיסציפּלינירטן שומר, משה בוימל, וואָס האָט אַ קאָמפּלעקס, מחמת ער איז נישט קיין שיינער און וואָס צוליב זײַן מאָדנעם אויפֿפֿיר איז ער נישט באַליבט. פּינטשע איז זיך מצער צוליב זאַשקען. אפֿשר וויל זי אים נישט ווײַל איר טאַטע, אַן אָרעמער וועבער, אַרבעט אין זייער פֿאַבריק. נישט פֿרעגנדיק פּינטשען, קומט ר׳ שלמה צו זאַשקען און דערקלערט איר, אַז ער וועט זי אויפֿנעמען ווי אַן אייגענע טאָכטער. אָבער זאַשקע איז געווען פֿאַרקנסט צו דער שומרישער באַוועגונג.

דער מחבר מאָלט די צוויי ברידער מילקעס ווי צוויי באַזונדערע כאַראַקטערן, ר׳ שלמה, פּינטשעס טאַטע, און דעם פֿעטער מלך, אַ פֿאַרריסענער בעל־גאווהניק, אַ רודף־כּבֿודניק און היפּאָקריט. ער איז צעקריגט מיט פּינטשען און מיט ר׳ שלמה, זײַן ברודער, און טוט אָפּ גיט קיין שיינע זאַכן. דאָ קומט אַרײַן דאָס קאַפּיטל ״איטשעלע שמדניק״, דער זון וואָס רעוואָלטירט קעגן נישט־ערלעכן טאַטן, טוט להכעיס, ווערט אַ קאָמוניסט און מוז אַנטלויפֿן קיין רוסלאַנד. די פּערזענלעכע צרות ברענגען ר׳ מלכן צו חרטה און הכנעה. די איבערבעטונגען מיטן ברודער איז ריירנדיק אָפּגעמשלט.

פּינטשע האָט חתונה מיט מינדל, דעם רבס טאָכטער. זײַן שוואָגער יואל, אַ מאָלער בחסד־עליון, איז פֿאַרליבט אין שפּרינצע קאַליסקאַ, די טאָכטער פֿון ערלעכן ר׳ פֿישל ״כּיבעשמוי״, אַ משפּחה פֿון האַרציקער ליבשאַפֿט צווישן קינדער און טאַטע־מאַמע. שפּרינצע, שפּעטער באַקאַנט ווי סאַבינאַ, ווערט אַ פּריזיערקע אין דאַנציק און יואל פֿאַרט קיין פּאַריז אַנטוויקלען זײַן טאַלאַנט. ער ווערט אָנערקענט ווי אַן אָריגינעלער קינסטלער און גרייט זיך צו פֿאָרן צו דער וועלט־אויסשטעלונג קיין אַמעריקע. ער קומט זיך געזעגענען מיט טאַטע־מאַמע און טרעפֿט זיך ווידער מיט שפּרינצען אין גורוויטש.

זי פֿאַרברענגט מיט יואלן און פֿאַרגייט אין טראָגן. ווען איר קינד וועט געבוירן ווערן, וועט פּוילן שוין זײַן אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע.

אין דעם קאָלאָסאַלן ווערק קומען נאָך אַרײַן אַ צאָל דראַמעס און כאַראַקטערן פֿון די שטעטלעך גורוויטש און כעלמיש, די משפּחה פֿרידע, נטע דער לעדער־סוחר מיט זײַנע טעכטער רוכטשע און געניאַ. רוכטשע איז פֿאַרליבט אין יאַנקלען און געניאַ האָט חתונה מיט כעמיע קאַבליאַק, אַ פּשוטער פֿאַלקסמענטש פֿון אַ משפּחה פֿערדהענדלער און שפּיליטערן; אַ פּראָסטער בחור מיט אַ גוט האַרץ וואָס שטעלט זיך אײַן פֿאַר ייִדן און פֿאַר זײַנע פֿרײַנד.

י. עלבערג גיט אָפּ אַ סך אָרט דער אידעאַליסטישער אַרבעט פֿון השומר־הצעיר, די אַלערליי העלדן, זייער צוזאַמענלעבן, פֿאַרברענגען אויף הכשרות אין כעלמיש, אין טשענסטעכאָוו. קורץ פֿאַרן אויסבראָך פֿון דער מלחמה לאָזן זיך די יונגע חלוצים אויף אומלעגאַלע נסיעות צו די ברעגן פֿון ארץ־ישׂראל. ענגלאַנד האָט אָבער פֿאַרמאַכט די גרענעצן פֿאַר ייִדן. די וואַגלער ווערן אויסגעהונגערט, טייל

שטאַרבן פון דיזענטעריע און די אַנדערע קומען צוריק קיין פוילן.

זײַענדיק אַליין אַ חבר פון השומר־הצעיר, געדענק איך די "סימפּאַטיעס" און פאַרלעך אין קן און אויף הכשרה, וואו ס'האָט געהערשט אַ זעלטן פוריטאַנישע באַציאונג, ווי נאַאיוו דאָס זאָל נישט קלינגען. סײַ ווי געראָט עלבערגן קינסטלעריש אָפּצושפּיגלען יענע אַנדערשדיקע באַוועגונג, איר קולטור־אַרבעט, די נישט־קאָנ־פאַרמישקייט און די העלדיש־אומלעגאַלע נסיעות. פּינטשע, אַ פאַרליבטער אין דער שומרקע, אַ באַגײַסטערטער סימפּאַטיקער פון דער באַוועגונג, איז אָבער געווען אַ דרויסנדיקער, אַן אַזוי גערופענער קלײַנבירגער, פאַראינטערעסירט אין זײַנע ליבעס, אין זײַנע משפּחה־אינטערעסן. נישט נעמענדיק אין באַטראַכט וועלכע ס'איז השפּעות, וואָלט איך פּינטשע מילקעסן פאַרגליכן צו ד"ר זשיוואַגאָ.

אין לויף פון די קאָמפּליצירטע משפּחה־דראַמעס און עפּיזאָדן, אין מיטן דער געשפּאַנטקייט, ווערט אָפּט־איבערגעריסן די אַקציע און מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם און האַרצקלאַפּעניש לייענט מען די כראָניק פון יענער צײַט, וואָס מיר געדענקען נאָך הײַנט: די אַדיס־אַבאַבאַ־טראַגעדיע, דעם בירגערקריג אין שפּאַניע, די מאָסקווער פּראָצעסן, די פּאָגראָמען אין ישראל און די פאַרמאַכטע גרענעצן פאַר ייִדן וואָס ווילן עולה זײַן. עסטרײַך ווערט אַנעקסירט אאַז"וו.

י. עלבערג לאָזט נישט פאַרגעסן, אַז אַלע אונדזערע העלדן, צי זיי וואוינען אין די ברייטע אַלייען אָדער אין אָרעמען באַלוט, די גערער חסידים אָדער שומרישע קיבוצניקעס אין כעלמיש, זיי אַלע וואוינען אין קרישלדיקע ליימענע הײַזער. דאָס פּוילישע ייִדנטום דערנענטערט זיך צום ראַנד פון אומקום. נטע פרידע אין כעלמיש, דער לעדער־סוחר, זאָגט אָפּ מאַטשעקן דעם קרעדיט, ווערט דערפון אַ מסירה, אַז דער ייִד האָט באַליידיקט דאָס פּוילישע פאָלק. יאָסל וואַסער־טרעגער ראַטעוועט אַ פּויליש קינד פון דערטרונקען ווערן און ס'צעפּלאַקערט זיך אַ שקר־בילבול! ס'קומען פּאַר פּאָגראָמען אין טשענסטעכאָוו, אין פּשיטיק. אַ באָמבע רײַסט אויף אין אָטוואָצק. נאַראָווצעס פאַלן אָן אויף ייִדן. די אָושעם־רעגירונג ליקווידירט די אַלטע מערק. ייִדישע קראָמען ווערן פּיקעטירט און נישט־געקוקט אויפן באָיקאָט, ווילן גויים דווקא קויפן בײַ ייִדן. אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט — געשלעגן מיט ייִדישע סטודענטן. די מה־יפיתדיקע פּוילישע רעגירונג באַגריסט די נײַע פאַשיסטישע סלאָוואַקײַ, און היטלער גרייט אַ בליצקריג קעגן פּוילן.

ווי דער מחבר גיט איבער אין זײַן נאָכוואָרט, האָט ער זיך נישט פאַרלאָזט אויפן אייגענעם זכרון. ער האָט געפאָרשט אַלערליי דאָקומענטאַרע מקורים: ביכער, צײַטונגען אאַז"וו, ווי אויך די אַרטיקלען פון שנײַדערמאַנען. פאַרן קאַפּיטל "גיב מיר דײַנע מידע" האָט עלבערג געשעפּט פון גאַרדאַן טאָמאַסעס "די נסיעה פון די פאַרמישפּטע" און פון אַרטור מאָרס "ווען 6 מיליאָן זײַנען אומגעקומען".

דער שרײַבער פון די שורות דערקענט די פיקטיווע נעמען פון באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן און וויל זיי נישט אַנטפּלעקן מחמת דאָס איז אַ קינסטלעריש־

בעלעטריסטיש ווערק. אויפן הינטערגרונט פון דער געאָגראַפישער און כראָנאָ־לאָגישער גענויאיקייט זײַנען די העלדן און זייערע דעטאַלן איבערלעבונגען רעאַל. אַ שפּיגל פון דער ערב־מלחמהדיקער צײַט. דער מחבר אַליין איז דער קרבן און דער עדות און מעגלעך איינער פון די העלדן.

ד.

דער מאָטאָ פאַר מגילת־פוילן, גענומען פון ספר איוב, דערקלערט דעם טיטל פון די ווערק: ״די וואָס וואוינען אין הײַזער פון ליים / וואָס די פונדאַמענטן זײַנען אין זאַמד / מען צעדריקט זיי ווי אַ מאָיל / צווישן מאָרגן און אָוונט ווערן זיי צעשטויסן / און קיינער נעמט זיך עס נישט צום האַרצן״.

אין אַ ספּערע פון שינאה און אומזיכערקייט, זײַנען די ליימענע הײַזער אײַנ־געפאַלן באַלד אין די ערשטע טעג פון בליצקריג, סעפּטעמבער 1939. י. עלבערג לעבט אויף די בהלה, דאָס געלויף פון פּליטים איבער די שאָסייען, טאַטעס מיט קינדער אויף די פּלייצעס, עראָפּלאַנען באַשיסן די לויפנדיקע. די דײַטשן אָקופּירן גורוויטש. אַ וועבערס זון מסרט פינטשען און די דײַטשן פאַרחתמענען די פאַבריק. דאָס אָנגעזאַמלטע ייִדישע האָב־און־גוטס ווערט צעראַבירט, און די פּוילישע גבֿלה־פּרעסערס וואַרטן אויף זייער חלק.

וואַרשע פאַרטיידיקט זיך נאָך. ס׳קומט פאַר אַ שטיקל פּויליש־ייִדישע פאַר־ברידערונג, סע שאַפט זיך אַ צענטראַלע געזעלשאַפטלעכע שוץ, אָבער נישט אויף לאַנג. די רוסן פאַרנעמען די מזרח־ראַיאָנען פון פּוילן. וואַרשע קאַפּיטולירט.

אין צווישן מאָרגן און אָוונט זעען מיר דאָס גורל פון די העלדן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע ליימענע הײַזער און אָנגעהויבן אַ געראַנגל זיך צו ראַטעווען, דורכצולעבן די גרויליקע צײַט. ווי האָבן זיי אַלע רעאַגירט? די שוואַכע, עלטערע ייִדן, וואָס האָבן געלעבט מיט שטילער מסירת־נפש פאַר זייערע משפּחות און פאַר זייער ייִדישקייט, זײַנען געבליבן אומבאַהאָלפן און דאָך אָנגעהאַלטן דאָס ביסל בטחון ביזן לעצטן קידוש־השם. די ייִנגערע, געזינטערע און די פאַרמעגלעכע האָבן צוניפגעראַבלט די באַהאַלטענע סחורות, געמאַכט שותפות מיט גוייִשע שכנים און סטרוזשעס וואָס זײַנען געוואָרן פאַנעס, שיקאַנירט און באַגזלט זייערע ייִדישע ברויטגעבערס. לאַפּאַנקעס אין די גאַסן; די הונגעריקע אַרבעטן פאַר די דײַטשן, קומען אַהיים צעמיטשעט. אַרעסטן, פּײַניקונג און תּליות. די שטעטלעך גייען אויס אין טאַרטורן. ווער סע קען, אַנטלויפט אין די גרויסע שטעט.

עלבערג מאָלט דעם קידוש־השם פון אַ ייִד, וואָס ווערט פאַרברענט מיט אַ ספר־תורה.

אין קאַפּיטל ״ראַבין כאַבול״ ווערט אַ בעל־עגלה, אַברהם־וואָווע, געפירט צו דער תּליה צוזאַמען מיט ר׳ יצחק־מענדל, אַ גאון און אַ צדיק. דער רבי שעפּטשעט ״ה׳ הוא אלקים״, און אַברהם־וואָווע שעלט. די פּאַליאַקן קוקן זיך צו מיט חוזק און

געלעכטער: "ראַבין כאַבול! ראַבין כאַבול!" און דער בעל־עגלה שרײַט: "לאַכט, פֿאַרשאָלטענע! עץ ט'האָבן געגוג צו וויינען, ענקער סוף איז נישט אַ סך ווײַטער פֿון מײַנעם!" פֿאַר וואָס, פֿרעגט דער מחבר, פֿאַר וואָס ווײַזן זיי אַלע מאָלערײַען פֿון ישו־הנוצרי מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אויפֿן וועג צו דער גאָלגאָטע? כאַבול, דער בעל־עגלה, גייט מיט אַ געהויבענעם קאָפּ צו דער תליה, און ביז דער לעצטער רגע הערט מען זײַן קול: "אַ פֿינצטערע מפּלה אויף אײַך!"; און ר' יצחק־מענדל מיט זײַן ווידוי — ה' הוא אלקים".

ווי אין אַלע אומגליקן זענען פֿאַראַן בעלי־בטחון, וואָס זעען פֿאַרויס דעם סוף פֿון שונא, די מפּלות פֿון די היטלערישע אַרמייען; אַנדערע מאַכן זיך נישט קיין אילוזיעס. די שוואַרצע קראָען, די פּעסימיסטן זעען דעם טראַגישן אמת.

דער מחבר ברענגט אַרויס די מורא־געפֿילן, די בלאַנדזשענישן אין דער פֿינצטערער אומזיכערקייט. די שוואַכע כאַראַקטערן פֿאַרלירן דעם גלויבן, די שטאַרקע גיבן זיך נישט אונטער.

אויך אין צווישן מאָרגן און אָוונט ווערן נאָטירט די צײַט־געשעענישן אין דער וועלט און אין פּוילן. די דײַטשן נעמען אײַן אייראָפּע און יידן ווילצלען זיך אין גראַמען: "מוסאָליני — שוויניע, ריבענטראָפּ — אַ בראָך צו זײַן קאָפּ". דאָס חוזקן פֿון שונא, און מער נאָך פֿון זיך אַליין, איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע געטאָס און לאַגערן.

אַ צאָל העלדן פֿון די ליימענע הײַזער קומען אום אין די ערשטע חדשים פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע, אַנדערע ווערן אינטערנירט אין אַרבעטס־לאַגערן. ס'קומען צו נײַע סיטואַציעס, נײַע טיפּן (ווי דער "עלטעסטער פֿונעם יודענראַט" — ד"ר לעמבערגער) וואָס קאָלאַבאָרירן מיט די דײַטשן צו העלפֿן יידן, אָבער זיי העלפֿן זיך אַליין און זייערע אייגענע און ווערן קאָרופּטירט פֿון זייער מכלומרשטער מאַכט. סוף אָקטאָבער 1940 קומט דער דעקרעט צו שאַפֿן אַ געטאָ. אין די ענגע גאַסן קומען צו טויזנטער משפּחות פֿון די שטעטלעך — מידע, הונגעריקע און דערשראָקענע. די שטעטלעך ווערן ליקווידירט. כעלמיש איז אין ראָמאַן אַן אויסנעם, וואו ס'גייט נאָך אָן אַ האַנדל מיט לעדער און אַ מין שותּפֿות מיטן דײַטשן הויפּטמאַן. אפשר איז דאָס אַן אויסגערעכנטער פּלאַן פֿאַרן שוידערלעכן עקספּערימענט אין כעלמנאָ?

שפּרינצע־סאַבינאַ שפּיגלט אָפּ דאָס טראַגישע געראַנגל פֿון די מאַראַנען אויף דער אַרישער זײַט. ד"ר בערעק עפּשטיין גלייבט אַז לעבן בלײַבן איז הײַנט קידוש־השם. ער מאַכט זיך נאָך אַלץ אילוזיעס, אַז ס'קען קומען אַ דערנענטערונג צווישן פּאָליאַקן און יידן.

אין יהודה עלבערגס ראָמאַן, אין די סאַמע לעצטע קאַפּיטלען פֿון מגילת־פּוילן, דאָמינירט דער רײַכער און געוועזענער מיטלקלאַס; די העלדן — פּינטשע, בערעק, כעמיע, וואָס אין די שווערע באַדינגונגען גיבן זיי זיך אַן עצה; זיי פֿירן מיסחר, נעמען אָפּ חובות, און סע סטײַעט אַ מאָל צו מאַכן "אַ שבת צו געדענקען".

וואָס סע פעלט אין דעם ווערק איז — די הונגעריקע, אַנהיימיקע ייִדן; די קינדער וואָס וואַלגערן זיך און בעטלען אין די גאַסן, די אָרעמע אומבאַהאָלפענע וואָס קענען זיך נישט אויסקויפן פון אַרבעט און קלעפּ. דערמאָנענדיק דאָס קאַפּיטל ד׳ פּסוק י״ט פון איוב — זײַנען שוין צעקרישלט געוואָרן די ״ליימענע הײַזער״. ״צווישן מאָרגן און אָוונט״ ווערן זיי איצט צעשטויסן, אָבער וועגן די, וואָס קענען נישט קעמפן און זיך אָן עצה געבן אין געמויזעכץ, דאַרף מען פאַרענדיקן דעם עפּיטאַף: ״און קיינער נעמט זיך עס נישט צום האַרצן״.

בלויז זאַשקע פון השומר, וואָס פינטשע דערמאָנט זי ווי אַ מאָדערנע צדיקת, פאַרנעמט זיך מיט די קינדער־יתומים אויף דזשעלנאַ. זי דערמאָנט אונדז אין יאַנוש קאָרטשאַק, וואָס וועט מסתמא אַרײַנקומען אין די ווײַטערע המשכים פון דער עפּאָפּעע מגילת־פּוילן.

ביידע ווערק, די ליימענע הײַזער און צווישן מאָרגן און אָוונט קענען זיך לייענען ווי באַזונדערע ראָמאַנען, אָבער זיי זײַנען איין גאַנצקייט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ זעלטענעם קינסטלערישן מאָנומענט פאַרן סאַמע לעצטן דור פּוילישע ייִדן.

צווישן
מאָרגן און אָוונט

ראָמאַן

דערשינען אין פאַרלאַג "ישראל־בוך", תל־אביב 1987

שמעון קאַנץ

בײַם אָנהייב פון אומקום

דער נײַער ראָמאַן פון יהודה עלבערג צווישן מאָרגן און אָוונט איז דער דריטער באַנד פון אַ גרויס־אָטעמדיקן פּאַרמעסט, צו געבן אַ קינסטלערישן תּיקון דער לעצטער תּקופֿה פון ייִדישן געראַנגל אויף פּוילישער ערד — די תּקופֿה פון אָנהייב־אונטערגאַנג, פון וועלכער דער שרײַבער גרייט זיך אויסצושמידן אַן עפּאָס וועגן דעם טראַגישסטן קאַפּיטל אין דער ייִדישער געשיכטע.

צו די סימנים פון הויכער מדרגה געהער אַוודאי אויך דערוועגטקייט, און דאָס נישט בלויז מיטן פּאַרמעסט גופֿא אויף אַ ברייטער יריעה, אַן עפּאָפּעע, נאָר אויך אין אַ נײַער קאָנצעפּציע, אין נײַעם באַנעם און אויפֿבויען דעם ראָמאַן, אין אייגענעם אופֿן פון אויפֿנעמען די פענאָמענען אין זייער ברייט און טיף, אין זייערע קאָמפּליצירטע און אומגעלומפּערטע צורות — און דאָס אַלץ איבערגעגעבן אין אַן אָריגינעלן לבוש און אויסגעפֿינערישע מיטלען פון אויסדרוק — דאָס דרויסנדיקע ווי דאָס אינעווייניקסטע.

די מאָס פּאַר יהודה עלבערגס אָריגינעלקייט וואָלט געקענט זײַן די עצם טעמאַטיק. צי מיינט עס אַז די טעמאַטיק אין אַ נײַע ? ניין. ס'איז דאָך די טעמאַטיק פון חורבן, וואָס באַשעפֿטיקט און וועט קיין מאָל נישט אויפֿהערן צי באַשעפֿטיקן דעם ייִדישן שרײַבער. די נײַקייט באַשטייט אין זײַן עצם לעבן אין דער דאָזיקער טעמאַטיק. האָט דאָך עלבערג אַליין דורכגעמאַכט אַלערליי עטאַפּן פון אונטערגאַנג, און האָט אײַנגעזאָפּט אין זיך די היסטאָרישע "געהיימעניש", ווי אַזוי אויסצובאַהאַלטן די שווערסטע פּײַן און בלײַבן אַ מענטש. ער קען די אינטימסטע טרײַב־כּוחות אינעם געראַנגל פּאַר קיום ביז די לעצטע מינוטן, די סאַמע דינסטע דיפערענצן צווישן די מענטשן אין געטאָ און אויף דער אָרישער זײַט, און איז היימיש אין יענעם קאָמפּליצירטן לאַבירינט פון פּחדים און שוידערן.

נײַ איז אין אַ געוויסן זינען די קאָנצעפּציע פונעם ראָמאַן, וואָרעם געוויינטלעך נעמט דער ראָמאַן פּאַר אַן אויסגאַנגפּונקט די העלדן. זייערע צווישנאַנדן, קעגנזײַטיקע פּאַרהעלטענישן זײַנען די אָקס, אַרום וועלכער ס'דרייט זיך די דער־

דערשינען אין "די גאָלדענע קייט", 124.

ציילונג. אין עלבערגס נײַעם ראָמאַן איז אין צענטער די געשיכטע פון אומקום, און זי איז די אַקס אַרום וועלכער עס אַנטוויקלען זיך, עס וואַקסן אויס און צעצווײַגן זיך מענטשן און פּאַסירונגען. איבער אַזאַ ראָמאַן, אין וועלכן דער רעפלעקטאָר איז אָנגעשטעלט אויף געשיכטע, שוועבט די סכנה פאַרוואַנדלט צו ווערן אין רעפּאָרטאַזש, געמישט מיט דאָקומענטאַרער עקזאַקטקייט און היסטאָרישער פּינקט־לעכקייט. אויב דער ראָמאַן איז דאָך דערהויבן געוואָרן צו אַ קינסטלעריש ווערק, איז עס דערפאַר וואָס אין עלבערגן איז פאַראַן אַן אינעוויייניקסט פײַער פון אַ דערציילער מיט אַ דינאַמיש־שרײַבערישן כוח, און ער קאָן זיך דערלויבן אַוועק־צושטעלן אין אַ זײַט קאָנווענציאָנעלע מחיצות צווישן ליטעראַרישע זשאַנערס, איבערגיין פון שילדערונג מיט עכט־רעאַליסטישער קראַפט צו רעפּאָרטאַזש, און באַלד ווידער פון שאַרף און קלאָר געצייכנטע געשטאַלטן צו קרײַד־צייכענונגען, אָדער צו אַ פאַרצייכענונג, ווי גענומען פון אַ טאָגבוך, און אַזוי באַהעפטן יריעה צו יריעה מיט פעדעם פון כראָניק, אָדער מיט פערזענלעכן רעאַגירן.

דאָס שטערט אים אָבער נישט אָפּצוהיטן אינעם ראָמאַן די דיסטאַנץ צווישן דערציילער און דערציילטן, און כאָטש דאָס איבערגעבן דעם גאַנג פון דער מלחמה איז דאָמינירנדיק אין בוך, איז אָבער דאָך פאַראַן די פאַרבינדונג מיט די געשעענישן פון יעדן העלד. ער בלאַנדזשעט נישט, ער ווייס צו וואָס ער צילט און ער גייט צו זײַן ציל מיט זיכערע טריט. אין רעזולטאַט איז די דערציילונג פאַראייניהייטלעכט אין אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט.

דעם ראָמאַן פאַרגינט זיך עלבערג אָנצוהייבן אָט ווי אַזוי: „היטלער בלאָפט, ס'איז לויטער געשריי, ס'איז אַ רויך אָן אַ פײַער' — האָבן געשריבן די צײַטונגען. — 'ער סטראַשעט מיט שראַגע' — האָבן געזאָגט מענטשן אין גאַס און אַלע זײַנען געווען זיכער, אַז ער וועט נישט ריזיקירן מיט אַ מלחמה" (ז' 11).

אָבער דאָך לאָזן מיר זיך לײַכט אַרײַנציִען סײַ אין די געשיכטלעכע געשעענישן, סײַ אין די באַזונדערע פּאַסירונגען מיט די העלדן אין ראָמאַן, די בערקעס, די פּינטשעס און די אַלע אַנדערע, וואָס באַוועגן זיך בײַם תהום, פאַרטראָגענע, פאַר־בהלהטע אין מוראדיקן געראַנגל צווישן קיום און חורבן.

יהודה עלבערג איז ביזן מאַרך פון זײַנע ביינער אַ שרײַבער פון חורבן, און עכטע שרײַבערס אָטעמען מיט גוטער פּראָזע אַפילו ווען זי איז נישט געשריבן לויט אַלע כללים און דינים פון אַ קלאַסישער דערציילונג, אָבער דאָך פאַרמאָגט זי דעם כישוף וואָס באַוועגט אונדז צו שלינגען זײַטל נאָך זײַטל, און נאָכגיין זײַנע איבער־געגנג אין די שילדערונגען, און באַוואונדערן זײַן כוח אויפצוּוויקלען סײַ די פּאַנאָ־ראַמע פון די דראַמאַטישע געשעענישן, סײַ די צעצווײַגטקייט פון משפחות און יחידים, זייער צעוואָרפנקייט איבער די געטאָס, די גרויליקע אַנגסטן וואָס זיי לעבן איבער, די גורלות וואָס פלעכטן זיך דורך — אַל דאָס בייזע און שלעכטע וואָס איז פאָרגעקומען אין יענער צײַט.

נאָך איידער ער הייבט אָן די דערציילונג, גרייט דער מחבר אונדז צו מיט אַ רשימה פֿון קרוב צו פֿופֿציק נעמען פֿון די מענטשן, מענער און פֿרויען, וועגן וועלכע ער האָט שוין געשריבן אין די צוויי בענד "אין ליימענע הײַזער", און גרייט זיך ווײַטער וועגן זיי דערציילן. מן־הסתם זײַנען אַ סך פֿון זיי אויסגעוואַקסן אין זײַן געדאַנק און געפֿיל. דאָ איז נישט קיין אונטערשייד ווער פֿון זיי ס'איז אויטענטיש. דאָס בלײַבט תּמיד דער סוד פֿונעם שרײַבער. דאָ שטעלט ער זיי אַוועק אַלע גלײַך, ווי הינטער אַ פֿאָרהאַנג. זיי וואַרטן אויף זייער אויפֿטרעטן, איטלעכער מיט זײַן גורל און טראַגישער שפּיל. בעצם איז עס דאָך נישט מער ווי אַ רשימה מיט טרוקענע פּרטים, אָבער דאָ לייענט עס זיך ווי אַן אַרײַנפֿיר צו אַ פֿאָרשטעלונג, אַ מין פּאַסיאַנס־שפּיל, און דער דאָזיקער טעאַטראַלער עלעמענט סוגערירט, ווי דאָס וואָס ער גייט דערציילן, וואָלט זיך אָפּגעשפּילט אויף אַ בינע.

מיר, וואָס לעבן איבער ווידער יענע רעאַליטעט, קוקן אויף איר אַהין, ווי דאָס וואָלט זיך אָפּגעשפּילט אין אַ ווײַטער געשפּענסטישער וואָר. אַזוי נאַאיוו האָבן די ייִדן אין גורוויטש, אין וואַרשע, דעמאָלט געזען די אָנקומענדיקע מלחמה — אַ מהומה וואָס איז לויטער געשריי, "אַ רויך אָן פֿײַער"?

שוין אין דאָזיקן ערשטן בילד, געשריבן ווי אַ כראָניק אויף דער הייסער מינוט, איז פֿאַראַן דער קאָנפֿליקט פֿון ייִדישן מהות מיט דער רעאַליטעט. ס'איז דער אָנהייב פֿון אונטערגאַנג. אַלע וועגן זײַנען פֿאַרמאַכט. הינטער די העלדן וואָס דער שרײַבער נעמט אַרויספֿירן אויף דער בינע שטייט די פֿינצטערע נאַכט, אָבער זיי, די פּשוטע ייִדישע מענטשן, רעזיגנירן נישט זיך אַרויסצובאַקומען פֿון דער פֿינצטערניש, זיי זײַנען נישט פּאַסיוו, שטעלן זיך אַנטקעגן. דער שרײַבער רופֿט זיי אַרויס, פֿירט זיי אין די צוגן מיט פֿאַרטריבענע ייִדן איבער באַקאַנטע וועגן, באַקאַנטע שטעט — סאָכאַטשעוו, לוויוויטש, גלאָוונע, סטריקעוו, וואו סך־הכּל מיט הונדערט טעג צוריק זײַנען דאָס געווען אײַנגעוואָרצלטע ייִדישע קהילות, מיט יוסטע סוחרים און רירעוודיקע קרעמערס.

גאַנצע קאַפּיטלעך זײַנען געשריבן מיט אַן אומגעוויינטלעכן אימפּעט, אָבער נישט אין געאײַל, נישט יאָגנדיק. דורכגענומען מיט אַ קאָנוואַלסיוון אומרו, ווײַזט ער די מענטשן געשלײַדערטע פֿונעם שווידערלעכן אימפּעט און ער ווערט אַליין מיטגעריסן מיטן דאָזיקן אימפּעט. אָבער מיט אַ פֿײַנעם חוש פֿאַר אינווייניקסטן ריטעם, האַלט ער די גאַנצע צײַט אויפֿן אויג די מענטשן פֿון די פֿאַרשיידענע שיכטן, אָן אַן איבעריקן פּסיכאָלאָגישן באַלאַסט, פּשוט און קאָמוניקאַטיוו, באַלויכטן אין די דראַמאַטישע ווענדונגען און האַנדלונגען. די בילדער זײַנען אָפּט ווי נישט קיין געשריבענע מיט אַ פֿעדער, נאָר סקיצירטע מיט אַ פּענדזל. אַזוי למשל די סצענע פֿון באַגראָבן די פֿאָן אין הויז פֿון קיבוץ, איינס פֿון די בילדער וואָס מאַכן אונדז ליב האָבן די פֿאַרגאַנגענהייט פֿאַר איר אינעווייניקסטער העראָאיק, פֿאַר די אידעאַלן וואָס האָבן זיך אײַנגעגלידערט אין די מענטשן.

אָפּט ווערט מען איבערראַשט, וואָס אויף די טונקעלע לײַוונטן פון יענער רעאַליטעט העלן־אויף אַזעלכע געשטאַלטן ווי זאַשקע און ציפּורה, בערעק עפּשטיין, שכנא זאַנגע וכדומה. ווער זײַנען זיי, די דאָזיקע מענטשן, וואָס דער שרײַבער פירט זיי אַרויס פון יענע יאָרן? ווער זײַנען זיי, די וואָס גייען פאַרבײַ אונדז, ווי טרוימערישע דאָן־קיכאָטן, ווי נזירים, ווי הייליקע, וואָס שענקען אַוועק זייער לעבן פאַר מעשים־טובים? אַ קאַליידאָסקאָפּ פון טיפּן — רבנים און טרעגערס, סוחרים, קרעמערס און חלוצים, אין וועלכע מיר דערקענען אונדזערע נאָענטע. זיי ציִען פאַרבײַ מיט זייער שטייגער און שטימונג, פאַרב און אָרנאַמענטיק.

דער שרײַבער פירט זיי, און זיך צו גלײַך, ווײַל גאָר אָפּט איז ער אַליין אַ טייל פון יענער געשטאַלט, און דאָך אַ באַזונדערער, מן־הצד, ווי בלויז אַ ווידער־קול פון יענעם, פון זײַן אַמאָל. דער אמתער שרײַבער איז דאָך תמיד אין דער בחינה פון טאָפּעלער פילבאַרקייט און טאָפּעלן געהער; אַליין די שפּיל און דער אויס־שפּילער. ער וועבט זיך אַרײַן אין די עפּישע קאַפּיטלעך, צווישן די צענדליקער העלדן, סײַ די ברוויזנדיקע מיט די אינעווייניקסטע פאַרלאַנגען, סײַ די פאַרלוירענע, ווי קליינע שפּענדלעך אין בייזע שטראָמען.

פון די מענטשן שטראָמט דער גײַסטיקער מבול, וואָס האָט נאָך פאַרן פיזישן אונטערגאַנג אַלץ פאַרפלייצט און אָפּגעשווענקט, אָבער בײַ עלבערגן לעבן זיי און וואַקסן אין זיך גופא, ווילן נאָך אַלץ עפּעס דערגרייכן.

פון אַלערליי שיכטן קומען זיי, די מענטשן, איטלעכער מיט זײַן סאָציאַלער און געזעלשאַפטלעכער סביבה. ערטערווײַז קאָן זיך אויסווײַזן, ווי ער וואָלט זיי אַלע געוואָלט אַרײַננעמען אין ראָמאַן בלויז אויף צו פאַראייביקן זיי, און באַנוגענען זיך מיט סכעמעס. דער אמת איז, אַז עלבערגן פאַלט גאָר נישט אײַן זיך צו באַנוגענען מיט אַ סכעמאַטישן צייכענען די געשטאַלטן, פּונקט ווי דאָס צייכענען דעם געשיכטלעכן פאַן איז נישט קיין ציל פאַר זיך אַליין. אַלץ וואָס פּאַסירט מיט די מענטשן איז געבונדן מיטן צענטראַלן געשען. אין באַשרײַבן די אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע פּאַסירונגען איז אָפּגעהיט אַ גלײַכוואָג, עס זאָלן זיך נישט באַקומען קיין אַנטיטעטישע, סתירהדיקע בילדער און באַגריפן, אַז יעדע טאָג־טעגלעכע רעאַ־ליטעט, ווי פּינצטער זי זאָל נישט זײַן, זאָל נישט בלײַבן הענגען אין אַ געשיכטלעכער פּוסטקייט.

דער שרײַבער זעט איטלעכע רעאַליטעט ווי אַ גרויליקע מיסטעריע אין דער ייִדישער געשיכטע, וואָס אין מיטן פון דער געדיכטסטער פּינצטערניש קאָן זיך אויסחלומען טרייסט און האָפענונג. זעען דען נישט די מענטשן דעם אונטערגאַנג? זיי ווילן נישט זען, ווילן נישט אַרײַנקוקן אינעם גרויל הינטער און איבער דער עקסיסטענץ.

פּינטשע, אויפן וועג אין נײַעם קאָנצענטראַציע־לאַגער הינטער לאָדזש, איז דורכגענומען מיט שרעק. ער האָט אונטערגענומען אַ מסוכנדיקע אַוואַנטורע, אָבער

פֿאַר די אויגן שטייט אים דער פּסוק פֿון תהילים: אשרי אדם מפחד תמיד — וואויל איז דעם מענטש וואָס שרעקט זיך, ווײַל "ווער עס איגנאָרירט שרעק, פֿאַלט אַרײַן אין שלעכטס", און ווידער אַ פּסוק: שומר פּתאים השם — דער גאָט וואָס היט די נאַראָנים, האָט אים בשלום דורכגעפֿירט דורך די סכנות.

אַזוי פֿירט עלבערג זײַנע העלדן איבער די פּאַרלוירענע וועגן און, ווי דורכ־שניטלעך זיי זאָלן נישט זײַן, ווי טראַגיש עס זאָל נישט זײַן זייער מצב, און דאָס ערגסטע וואָס מוז מיט זיי געשען, וויקלען זיך דאָך אַרום זיי פּעדעם פֿון חסד, און איטלעכער איז פֿאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָלישער געשטאַלט, מיט זײַן אינעווייניקסטער הערױאישקייט, נסיון און פֿאַרשטעלונג.

אויבנאויף זעט פּינטשע אויס צו זײַן דער העלד פֿון ראָמאַן, אָבער ווײַט נישט דער הויפּטהעלד. די פֿאַבולע הייבט זיך טאַקע אָן מיט פּינטשען, וואָס דער מחבר פֿירט אים אַרײַן אין געדיכטן געוועב פֿון מענטשן און סיטואַציעס, מיט די כאַראַק־טעריסטישע פּאַר יענער צײַט האַפֿענונגען און אַנטוישונגען. פֿאַראַן אין אים דעם ייִדס באַנעמען דעם גורל אין יענער צײַט, אָבער ער צענטראַליזירט נישט אין זיך די גאַנצע דראַמע פֿון יענער צײַט, און דעריבער איז נישט קלאָר, צי ער דאַרף באמת זײַן דער צענטראַלער העלד פֿון דער שוידערלעכער דראַמע.

אַ סך דראַמאַטישער איז די געשטאַלט פֿון שפּרינצען. דער נאָמען אירער רופֿט אַרויס אַן אַסאָציאַציע מיט קליינשטעטלדיקייט, באַגרענעצטע האָריזאָנטן, און מעגלעכקייטן זיך דווקא צו ראַטעווען אויף דער אַרישער זײַט. דער שרײַבער ווייס עס, פּונקט ווי ער ווייס, אַז אַ נאָמען קאָן אָוועקהרגענען די סוגעסטיע פֿון אַ שיינקייט, אין וועלכער ער איז פֿאַראינטערעסירט, פּונקט ווי ער ווייס די סכנה פֿון שילדערן אין אַ ראָמאַן געשעענישן מיט פּראָטאָקאָלאַרע ווערטער — און דאָך רעזיגנירט ער נישט דערפֿון, ווײַל אים גייט אין באַזעצן דעם ראָמאַן מיט אמתע מענטשן, באַהאָפֿטענע מיט דער ערד און מיט דער צײַט ווען זיי האָבן געלעבט.

שפּרינצע איז די שיינקייט פֿון שטעטל; זי איז אָוועק קיין דאַנציג און דאָרטן מגולגל געוואָרן אין אַ פּויליש שיקסל, מיט אַלע קלוגע און טראַגישע המצאות, מיטן פּחד אַז אָט־אָט לאָזן זיי זיך אויס און ס'קומט דער גרויליקער סוף. דאָס געפֿיל פֿון מענטשלעכער אָפּהענטיקייט רירט אָן אַ מין אינעווייניקסטע גבורה, די גבורה פֿון אַ ייִד מיט דער מאַסקע פֿון אַן אַריער, צווישן לאָקערנדיקע בלוט־גיריקע חיות.

דער שרײַבער וויל אַרויסברענגען דאָס געוויינטלעכע פֿון יענער אומגעוויינט־לעכער צײַט, און דאָס אומגעוויינטלעך־גרויסע אין די געוויינטלעכסטע מענטשן. מיט שפּרינצען פֿירט ער אונדז אַראָפּ אין תהום פֿון דער אַרישער זײַט. שפּרינצע איז פֿערזענלעך און פֿילגעשטאַלטיק; זי איז איינע פֿון די הונדערטער און טויזנטער מיידלעך וואָס זײַנען אָוועק פֿון הינטער דער מאַמעס פֿאַרטעך אין אַ פֿרעמדער וועלט, אַ פֿאַרסמטע מיט שינאה. פֿון שפּרינצען איז געוואָרן סאַבינאַ קאַליסקאַ.

איבער איר בעטל הענגט אַ בילד פון דער הייליקער מוטער, און דאָס קינד וואָס זי האָט געבוירן פון יואל דעם רבס — ווערט אַ קינד פון אַ פּוילישן אָפיציר. עס האָט דאָך אָבער פאַרט אַ יידישע נאָז, טונקעלע האָר און טונקעלע אויגן. לאָקערט טאָקע די סכנה פון אַלע זייטן.

דאָס לעבן איז פול מיט פּאַסירונגען, אויסטערלישע און דאָך טאָג־טעגלעכע, אַנגעלאָדענע מיטן גרויל פון יענע צייטן. אַזוי ווערט אויסגעקנאָטן אַ לעבעדיקע געשטאַלט און זי וואַקסט אויס צו אַ סימבאָל.

אַזאַ געשטאַלט פון גרויסן פאָרמאַט איז אויך זאָשקע, וואָס האָט פאַרבונדן איר גורל מיטן הכשרה־קיבוץ, און אַליין איז זי פול מיט גורל און פול מיט מעשים, מיט התלהבות פאַר גרויסע מעשים. זי ווערט נישט געוויזן ווי דער טיפּ פון אַ ניי־דערוועקטן ייִד. זי איז איינע פון דער יידישער יוגנט אין שטעטל, וואָס איז ממשיך דעם אַלטן קידוש־השם. אַלץ וואָס זי טוט — צי ווען זי פירט פּראָקלאַ־מאַציעס פאַר די געהיימע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס אין גאַנצן קרייז, ביז יענער זייט סאָוועטישער גרענעץ, צי ווען זי פירט אַ ״שיחה״ אין לובלינער קן — אַלץ איז דורכגענומען מיט דער רעליגיאָזיטעט פון אירע זיידעס.

עלבערג שילדערט איר אַנטלויפן פון אַרעסט, איר לויפן איבער וועגן און אומוועגן מיט געשוואָלענע געלענקען, מיט אַ געפּלאַצטער ריפּ, און שפּעטער, אירע באַגעגענישן און שמועסן מיט כעמיען דעם שמייסער ביים סאַמע הויפּט פון דער געסטאַפּאָ — און אַלץ מיט אַ דורכאויסיקן אימפּעט און מיטן עקסטאַטישן גלויבן אין דער נשמה פונעם מיידל, אַז זי וועט אַלע פּחדים איבערטראָגן און נישט פאַלן.

עס טרעטן דאָ אַרויס נאָך אַנדערע גרונט־אייגנשאַפטן פון אַט דער יונגער פּרוי — אַ געמיש פון גאולה־חלומות און משיחישער באַגייסטערונג, אַ וויי̆טער־דיקער רינג אין דער קייט פון דורותדיקער יידישקייט.

די דערציילונג, דורכגעוויקט און דורכגעפּיבערט מיטן חורבן, גיט אונדז אַ לעבעדיק בילד פונעם אָנהייב־אונטערגאַנג, ווי עס האָט אויסגעזען אין וואַרשע און אין די אַרומיקע שטעטלעך, און איז ענלעך צו דעם וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אומעטום.

פּאַראַלעל מיט דעם וואָס איז געשען אין פינצטערן אָפּגרונט, קומען די בילדער פון הערואיק און פון שטראַלנדיקע קעמפערס. זיי ליידן און קעמפן ווי אַלע, נאָר מיט אַ גרויס ליכט אין די הערצער. זיי זיינען נאָך נישט דערגאַנגען צום זעניט.

צווישן מאָרגן און אָוונט איז דער דריטער באַנד פון דער עפּאָפּעע, וואו עס קומט ערשט אַ נאָך געדיכטערע פינצטערניש, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרשלינגען פונעם ליכט, אָבער זי, די פינצטערניש, ווערט דורכגעלויכטן ביזן סוף, און שפּעטער, נאָכן ״אָוונט״, אין די קאַשמאַרן פון דער מאָוימדיקער ״נאַכט״.

יוסף פרידלענדער

צווישן קידוש השם און קדושת החיים

ווי אַ "דאַוונען פון פּאַרנט" קומט, אין אָנהייב פון בוך, אַ רשימה פון מחברס ליטעראַרישן אויפטו: ניַין דערציילונגען און ראָמאַנען, דריַי דראַמעס, און אַ רעגיסטער פון עלבערגס אָנערקענונג, אין דער פאָרם פון אַכט פּרעמיעס, און צווישן זיי די פּרעמיע פון ישראלדיקן פּרעמיער־מיניסטער אין 1985. גלייך נאָכדעם קומט די ליסטע פון די "פאַרשויגענע" פון איצטיקן ראָמאַן, וואָס זיַינען די זעלבע ווי פון דעם צוויי־בענדיקן ראָמאַן "אין ליימענע הייזער". צו זיי קומען צו באַקאַנטע יידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס אויסער ד"ר אַלפרעד נאָסיג, זיַינען זייערע נעמען ליַיכט געענדערט געוואָרן.

דער אינהאַלט נעמט אַרום די ערשטע יאָרן ביז דעם אָנהייב פון 1941 און די שווערע געראַנגלען פון די אַלע העלדן פאַרן אויפהאַלטן זייער לעבן. די התחלה איז אַ פּאַעטישע. דער גורוויטשער רב פאַרענדיקט אַ ספר פון שאלות ותשובות. און צום סוף פון דער הקדמה טוט ער תפילה צום רבונו של עולם, ער זאָל לעשן די "שנאה וואָס פלאַקערט פיַיער־בראַנד, / באַפריַי פון קנאה האַרץ און פאַרשטאַנד, / שטרעק אויס צו אונדז דיַין העלפנדיקע האַנט, / לייז אויס פון גלות דיַין פאָלק, דיַין לאַנד". ווי אַ סך אַנדערע תפילות איז אויך די תפילה ניט דערגאַנגען צום כסא הכבוד. די צווייטע וועלט־מלחמה הייבט זיך אָן. עלבערג באַשריַיבט זי, סיַי דורך די איבערלעבענישן פון זיינע העלדן און סיַי דורך ספּעציעלע "נאָטיצן פון דער ציַיט", אַזוי ווי ער האָט עס שוין געטאָן אין די "ליימענע היַיזער".

דורך דעם פאַרטיפט עלבערג דאָס אויסגעמאָלטע בילד. ער דערלאַנגט אונדז די מלחמה אין צווייען: אָביעקטיוו און סוביעקטיוו. די מיליטערישע און פּאָליטישע געשעענישן באַגלייטן די פּערזענלעכע איבערלעבונגען און פאַרקערט. צו דעם נויטיקט זיך ניט דער מחבר אין פאַנטאַזיע. עס איז גענוג צו באַשריַיבן די ווירק־לעכקייט, וואָס איז אים גוט באַקאַנט פון זיַין אייגענער דערפאַרונג. און בפרט, אַז דאָס וואָס האָט פּאַסירט מיט די יידן אין פוילן האָט איבערגעשטיגן יעדן מענטשלעכן דמיון. אַרויסברענגען אָט דעם אמת איז ניט ליַיכט. אין אָט דעם ערב־אוישוויץ־

דערשינען אין "פאָרווערטס", 5.6.87.

פּלאַנעט, וואָס גייט אויף צווישן "מאָרגן און אָוונט", פאַרן אָנקום פון דער "נאַכט פון לאַנגן מעסער", זײַנען שוין אונטערגעשווענקט געוואָרן די פונדאַמענטן פון ייִדישן קיום. ווען עס קומט אַ קינסטלער און באַלײַכט עס מיט זײַן פּראָזשעקטאָר, איז געגנוג ער זאָל באַשרײַבן די ווירקלעכקייט פון לעבן אַזוי ווי עס איז.

עס איז אינטערעסאַנט צו לייענען די צוויי פאַלן פון קידוש־השם, פון ר' יצחק־מענדל און פון דעם גראָבן יונג כאבול, כדי אַרייַנצוגיין אין דער אַטמאָספער פון אומקום. דער ערשטער ר' יצחק־מענדל איז געווען גאָר אַ מאָדנער טיפּ, אַ רב — ניט קיין רב, אַ רבי — ניט קיין רבי, אַ משכיל — ניט קיין משכיל. ער האָט געפונען זײַן "גאַנצקייט", ווי עלבערג שרײַבט, אין דער תפיסה פאַר דער תליה, ווען זײַנע לעצטע ווערטער זײַנען "אַדושם הוא האלוקים, אַדושם הוא האלקים". דער צווייטער מקדש־השם איז אַ בעל־עגלה און אַ וואוילער יונג. ער האָט נאָך באַוויזן צו וואָרענען די לאַכעדיקע פּאַליאַקן "לאַכטס, פאַרשאַלטענע, עץ ט'האָבן געגנוג צו וויינען", און פאַרויסצוזאָגן די דײַטשן "אַ וויסטע פינצטערע מפּלה קומט אויף ענק ראַבושניקעס", ביז ער האָט אויסגעהויכט זײַן נשמה.

אָבער ניט נאָר די צוויי ייִדן האָבן מקיים געווען דעם אַלטן ייִדישן קידוש־השם. עלבערג ברענגט אַרויס אין זײַן בוך דעם געדאַנק, וואָס זײַן פּאַרפּאָסער זאָל זײַן הרב יצחק ניסענבוים פון וואַרשע, לויט וועלכן דער אמתער קידוש־השם בײַ די היטלערן מיינט גאָר דעם קידוש החיים. דאָס מיינט, טאָן אַלץ פאַרן לעבן, כדי איבערצוקומען די גרויזאַמע טעג. אַלע העלדן פאַרווירקלעכן עס טאָקע אין זייער טאָגטעגלעכן לעבן. זיי כאַפּן זיך אָן אין אַ שטרוי, ווי מען זאָגט. איינער, אַ ייִדישער סאָלדאַט אין דער פּוילישער אַרמיי, וואָס ווערט געטריבן און געפּייניקט מיט די אַנדערע געפאַנגענע סאָלדאַטן, שעפּט זײַן לעצט ביסל חיות פון זײַן ליידיקער שיסעלע. "אַפילו אַ ליידיקע שיסעלע שמעקט שוין מיט דעם ריח פון דער זופּ, וואָס מען וועט דערין "אַרייַנגיסן... יאָ, אַ שיסעלע האָט כוח צו געבן כוח. אָנעם שיסעלע וואָלט ער מער נישט אויסגעהאַלטן די געפאַנגענשאַפט".

און אָט איז אָן אַנדער "שיסעלע". דער ציוניסטישער דאָקטאָר און ראָש־הקהל, וואָס ווערט באַשטימט אַלס פאָרזיצער פון יודענראַט, ווערט באַשולדיקט דורך זײַן איינציקער טאָכטער אין קאָלאַבאָראַציע מיט די דײַטשן. דער לאַנג־יעריקער ייִדישער טוער, וואָס איז געקומען צוריק אין זײַן שטאָט פון דער רוסיש־אָקופּירטער זײַט פון פּוילן, זעט זיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פון די שטאָטישע ייִדן. ער האָפט ווי עס איז איבערצוקומען די שרעקלעכע צײַטן, און פאַר דעם צוועק מוז מען מיטאַרבעטן מיט די רוצחים. דאָס איז די באַקאַנטע פילאָזאָפיע פון די יודענראַטן. דערווײַל איז נאָך ניט געבאָרן געוואָרן דער ריכטער צו משפטן, צי זייער האַנדלונג איז געווען "גוט פאַר ייִדן", אָדער פאַר פאַרקערט.

אין דער זעלבער צײַט גיט זיך אָן אַנדער מיטגליד פון יודענראַט אָן עצה מיטן געסטאַפּאָ־שעף דורך צושטעלן אים כלערלײַ גרויסע און קליינע מתנות.

דער ייִדישער שליח, וואָס פֿלעגט פֿאָרן קיין וואַרשע איינצוקויפֿן די אַלע מתּנות, צוזאַמען מיט אַ דײַטשן באַגלייטער, פֿלעגט שוין אין איין וועג אײַנקויפֿן סחורה פֿאַר די ייִדישע סוחרים אין שטאָט. דער "מסחר האָט געבליט". די אַרטיקע ייִדן פֿלעגן אַפֿילו שיקן שפּייז־פּעקלעך צו זייערע קרובֿים אין גענעראַל גוווערנאַמענט און אין וואַרשע. אָט איז אַ "שיסעלע" פֿון גאָר אַן אַנדערן סאָרט...

די באַשרײַבונגען נעמען אַרום פֿיל פֿאַקטן פֿון מסירת־נפֿש, וואָס זײַנען באַגלייט מיט די באַקאַנטע וויכּוחים צווישן די יוגנטלעכע און די עלטערע ייִדן. די ערשטע האָבן געפֿאָדערט אויסצופֿירן כּלערלײַ אַטענטאַטן אויף אייבצלנע דײַטשן אָדער אויף גאַנצע גרופּעס פֿון זיי. די עלטערע האָבן זיך קעגנגעשטעלט, ווייל אין אַזאַ פֿאַל וועט עס זײַן, לויט דער פֿאָרמולירונג פֿון איין העלד, נישט "תּמות נפֿשי עם פּלשתּים, נאָר ימות עמי עם פּלשתּים" (נישט איך אַליין וועל שטאַרבן מיט די פּלשתּים, ווי עס האָט אויסגערופֿן שמשון הגיבור פֿאַר זײַן טויט, נאָר מײַן פֿאָלק וועט שטאַרבן מיט די פּלשתּים — די דײַטשן).

עלבערג פֿאַרגעסט נישט די פּאָליאַקן, וועמעס שׂנאה צו די ייִדן איז געווען אפֿשר ניט קלענער פֿון דער דײַטשישער. ער ברענגט עטלעכע פֿאַלן פֿון גוטע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאָלפֿן די ייִדן. אָבער דווקא די אויסנאַמפֿאַלן באַשטעטיקן דעם כּלל פֿון דער פּוילישער טיפֿער שׂנאה צו די ייִדן. די דײַטשע אָקופּאַציע האָט געגעבן די פּאָליאַקן אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרווירקלעכן אַלטע לאַנג־יעריקע טרוימען פֿון פּטור ווערן פֿון די ייִדן. און ווען די פּוילישע אונטערערדישע צײַטונג האָט שוין געשריבן אַ "גוט וואָרט" וועגן די ייִדן, איז עס געווען פֿול מיט גיפֿט און מיט גאַל. די צײַטונג האָט איבערגעחזרט די דײַטשע בלבולים און ניט פֿאַרגעסן צו דערמאָנען דאָס, "וואָס די ייִדן האָבן אָפּגעטאָן קעגן די פּאָליאַקן בײַ די באָלשעוויקעס", און צוגעזאָגט, אַז "נאָכן באַפֿרײַען זיך פֿון אויסערלעכן אָקופּאַנט וועט דאָס נײַע פּוילן אויך וויסן ווי זיך צו באַפֿרײַען פֿון דעם אינערלעכן אָקופּאַנט, די ייִדן".

אין דער פֿאַסטקע פֿון אָט דער ווירקלעכקייט אונטער די נאַציס, צאַפּלען זיך די ייִדן אין די שטעטלעך און אין וואַרשע און מיט זיי צוזאַמען עלבערגס העלדן. יעדער איינער פֿון זיי באַמיט זיך צו זײַן טרײַ צו זיך אַליין אין די שווערע אומשטענדן און שעפּן פֿון די אייגענע ייִדישע און מענטשלעכע קוואַלן די כּוחות, וואָס מען דאַרף האָבן דערצו. די דײַטשע גזירות גיסן זיך ווי אַ שטורמישער האָגל, וואָס הערט ניט אויף. די רשעות ווערט געדיכטער און שטאַרקער, און דער ייִדישער "לעבנסרוים" ווערט קלענער פֿון טאָג צו טאָג.

אַ ליכטיקער פּונקט זײַנען די הכשרה־קיבוצים פֿון דער חלוצישער יוגנט. זיי זײַנען זיך מקריבֿ פֿאַר אַנדערע ייִדן. און זייערע שליחים, וואָס זײַנען יונגע מיידלעך, ווען עס איז לײַכטער צו וואַנדערן אין די געפֿערלעכע וועגן פֿון פּוילן, האַלטן אויף, וויפֿל זיי קענען נאָר, די פֿאַרבינדונגען צווישן די קהילות.

איין קאַפּיטל באַשרײַבט "אַ שבת צו געדענקען", אין וואַרשע, אין אָנהייב 1941. עס ווערט באַשריבן אַ שבתדיקער טיש, מיט זילבערנע לײַכטער, מיט אַ זילבערנעם ווײַן־בעכער, מיט אַ חלה־טישטעכל, מיט פריש־געבאַקענע חלה און מיט פיש. דאָס זעט אויס צו זײַן ווי אַ שטיק עולם־הבא, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל. עס איז אַ ספק, צי מיר האָבן נאָך אַזאַ באַשרײַבונג פון אַן אמתן יידישן עונג־שבת אין דער חורבן־ליטעראַטור. עלבערג האָט דערמיט אויפגעטאָן גאָר אַ גרויסע זאַך, ווײַל אַזאַ קדושה אין ימען פון טומאה איז געווען אַ "שיסעלע" פון גאָר אַ הויכער מדרגה.

אין וואַרשע האָט מען שוין געוואוסט וועגן געטאָ אין לאָדזש. מען האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז וואַרשע איז נישט לאָדזש. ווײַל "וואַרשע איז אין צענטער פון פוילן, און אַלץ וואָס עס טוט זיך אין וואַרשע ווייסט מען באַלד אין לאָנדאָן..." מען האָט געהאַלטן, אַז ווי נאָר מען וועט זיך דערוויסן אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק, ווי מען פאַרהונגערט און מען הרגעט אויס דרײַ מיליאָן יידן, "וועט די גאַנצע וועלט אויפגעטרייסלט ווערן". אפשר האָט די אמונה אינעם יושר פון דער "וועלט" און די אַלע אַנדערע קלאַנגען און שמועות פאַרלײַכטערט מיט עפּעס־וואָס דעם גורל פון די פאַרמשפּטע צום טויט.

עלבערגס שפּראַך איז לעבעדיק און זײַן סטיל איז וואַרמלעך־יידיש אין נוסח פוילן, וואָס נעמט אויך אַרײַן פּובליציסטישע עלעמענטן. אפשר איז אָט די מידה ניט געווען קיין גרויסע מעלה אין עלבערגס פריערדיקע דערציילונגען און ראָמאַנען. אין דעם בוך "צווישן מאָרגן און אָוונט" איז עס נויטיק, כדי אַרויסצוברענגען וואָס שאַרפער און קלאָרער די טראַגעדיעס פון זײַנע העלדן, אין די אַלגעמיינע ראַמען פון דעם אונטערגאַנג פון די פוילישע יידן.

אברהם שולמאַן

אין אָנבליק פון דער אָנקומענדיקער נאַכט-פינצטערניש

דער נאָמען ״צווישן מאָרגן און אָוונט״ איז אין אָנהייב נישט אין גאַנצן קלאָר. דער שטח צווישן מאָרגן און אָוונט איז אויסגעפילט מיט דער ליכטיקייט פון טאָג. אָבער דאָס האָט נישט געקאָנט זײַן דעם שרײַבערס כוונה. דער אינהאַלט פונעם בוך איז נישט די העלקייט פון טאָג, וואָס שטעלט זיך אָוועק נאָכן אויפגאַנג פון דער זון און דערגייט ביז צום ראַנד פון אונטערגאַנג, ווען עס הייבט זיך אָן די נאַכט.

וואָס מער מען לייענט דאָס בוך, אַלץ מער ווערט קלאָר, אַז דער טאָג, וואָס געפינט זיך צווישן מאָרגן און אָוונט איז בלויז אַן אילוזיע, אַ לויערנדיקע, אַ ציטערדיקע און אַ טונקעלע צוגרייטונג צו דער אָנקומענדיקער פינצטערניש פון דער נאַכט, אַז דאָס בוך איז אַן אומרואיקער פּראָלאָג צו דעם, וואָס ס׳וועט קומען שפּעטער, ווײַל שוין אין די ערשטע שורות פונעם בוך דערפילט מען די אומרו פון דער לויערנדיקער נאַכט, וואָס באַשטראַלט מיט אירע שוואַרצע ליכטער די רגעס פון געשילדערטן טאָג.

יהודה עלבערג דערציילט דאָ, אויף אַ נייעם און ביז־איצט דורך קיינעם נישט באַנוצטן אופן, די ערשטע חדשים און וואָכן פון דער אויסגעבראָכענער נאַצישער מלחמה; דעם אָנהייב פונעם ״טעוטאָנישן״ אַרײַנמאַרש קיין פּוילן; די דראַמע מיט וועלכער די אַרײַנגעפלאָנצטע האַקנקרייץ־פּענער האָבן אַ טרייסל געטון מיט די ייִדישע שטעט און שטעטלעך, דער עיקר פון אַזעלכע גרעסערע צוויי שטעט ווי וואַרשע און לאָדזש און די צוויי קלענערע ייִדישע שטעטלעך, גורוויטש און כעלמיש.

יהודה עלבערג איז געווען אַן עדות און אַ מיטבאַטייליקטער אין די אַלע אָפּגעשפּיגלטע פּאַסירונגען אין די סוף חדשים פון יאָר 1939 און במשך פון גאַנצן יאָר 1940; ער האָט אָבער געשריבן דאָס בוך מיט קנאַפּע 50 יאָר שפּעטער, ווען ער איז שוין צו־גוט באַקאַנט מיט דעם, וואָס ס׳איז געקומען נאָכן זון־אונטערגאַנג; אָבער די עיקר קינסטלערישע מעלה פונעם בוך באַשטייט אין דעם, וואָס ער

דערשינען אין ״פאָרווערטס״ — 8.7.1988.

פּירט נישט אַרײַן דאָס דאָזיקע שפּעטער אַנטפּלעקטע באַוואוסטזיין אינעם באַוואוסטזיין פון דער געשילדערטער מחנה; און נאָך מער: וואָס ער דערגרייכט דאָס כמעט־אומדערגרייכלעכע: ער ברענגט זיך אַליין צוריק צו יענע לאַנג שוין פאַרלאָשענע אָבער אויך אײַביק־איינגראַווירטע טעג און ער באַווײַזט צו פאַר־האַלטן זיך צוזאַמען מיט זײַנע אויפגעלעבטע העלדן אויפן ראַנד פון דער שוועל, הינטער וועלכער עס געפינט זיך דער פריער געאַנטער פינצטערער אָפּגרונט.

דאָס בוך "צווישן מאָרגן און אָוונט" האָט 20 קאַפּיטלען. צו יעדן קאַפּיטל איז צוגעטיילט אַן אַנדערער שטח פון אַמאָליקן פּוילן, און יעדעס קאַפּיטל ראַיעט מיט אַ צאָל פאַרשידענע און פאַרביקע געשטאַלטן. יהודה עלבערג, וועלכער שטאַמט אַליין פון אַ חסידישער דינאַסטיע, שילדערט קודם כל דעם אַרום, וועלכער איז אים צום נאָענטסטן צום געמיט — געשטאַלטן פון דער רבנישער וועלט; אָבער דאָס בוך איז אויך אַ לעבעדיקע מאָזאַיק פון אַנדערע און נישט ווייניקער לעבעדיק־געמאָלטע, אַ סך מאָל עקזאָטישע און אַפילו קעגנזעצלעכע געשטאַלטן ווי רבנים און פּראָסטאַקעס, כלל־טוערס און האַרעפּאַשניקעס, אַסימילאַטאָרן און יונגע אידעאַליסטישע חלוצים.

דאָס בוך האָט אַזוי פיל געשטאַלטן, אַז עלבערג האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו געבן אין אָנהייב פון בוך אַ ספּעציעלע אלף־בית־אויסגעשטעלטע ליסטע וואָס פאַרנעמט דריטהאַלבן זײַטן און וואו עס זײַנען אויסגערעכנט נישט בלויז די נעמען פון די "פּערסאָנאַזשן", נאָר עס זײַנען אויך אין אַ סך פאַלן צוגעגעבן פּרטים פון זייערע פאַמיליעס, פון זייערע פּראָפעסיעס און פונקציעס.

עס טרעפט טיילמאָל — און דאָס קאָן טרעפן בלויז אין קינסטלעריש־עכטע ביכער — אַז נאָכן אָפּלייענען אַ פּאָר זײַטן, ווערט דער לייענער פונעם בוך אויס לייענער און ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מיטבאַטייליקטן אינעם שרײַבערס וועלט. דאָס האָט אין איצטיקן פאַל פּאַסירט מיט דעם, וועלכער שרײַבט דאָ די דאָזיקע שורות, ווייל די דערפאַרונג וועלכע יהודה עלבערג פלאַנצט אַרײַן אין די צעטרייסלטע און מער נישט קאָנטראָלירטע לעבנס פון זײַנע העלדן, איז אויך געווען מײַן אייגענע דערפאַרונג. ווייל אויך מיר איז געגעבן געוואָרן (אויב "געגעבן געוואָרן" קלינגט דאָ נישט צו פּאַטעטיש) צו באַטייליקן זיך אין די געשעענישן מיט וועלכע עלבערג הייבט אָן די אַקציע פונעם בוך: די טעג פון נאַצישן אָנפאַל אויף פּוילן, די באַלאַגערונג פון וואַרשע, די באָמבאַרדירונגען, דער האָגל פון צינדבאָמבעס, די שרפות, די קברים געגראָבענע אויף די הייף, דאָס אַרײַנמאַרשירן פון די ערשטע נאַצישע חיילות איבער די צעשטערטע וואַרשעווער גאַסן. דאָס פּלוצלינגדיקע באַוואוסטזײַן פון דער ניי־געשאַפענער דינער ליניע צווישן לעבן און טויט, און דאָס אַרויסשמוגלען זיך פון טויזנטער יידישע יוגנטלעכע פון וואַרשע, וואָס איז שוין מער נישט געווען די הויפּט־שטאָט פון פּוילן, צו די סאָוועטישע "באַפרײַער" אויפן מזרח.

איינע פון די הויפּט־מעלות פון עלבערגס אַלע פריערדיקע ביכער, איז די פאַרביקייט, די פאַרשידנאַרטיקייט און דער ברייטער פאַרנעם פון זײַנע סקולפּטירטע העלדן, וואָס קומען פון פאַרשידענע שיכטן — פון די סאַמע "הויכע" ביז צו די "נידריקע", וואָס זײַנען אָבער אַנדערש בלויז אויף דער אויבערפלאַך, אָבער אינעווייניק באַזיצן זיי די זעלבע מענטשלעכקייט. אויך אין איצטיקן בוך דערציילט ער, ווי אַזוי דער פּלוצלונג־אָנגעקומענער שטורעם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קעפּ פון אַלע — פון למדנים און פון עמי הארצים, פון פרומע און פון גאַטלאָזע, פון ציוניסטן און פון אַסימילאַטאָרן; דאָס אומגליק האָט אַראָפּגענידערט אויף אַלע, אָבער דער פאַקט פונעם אומגליק האָט בײַ קיינעם נישט צוגענומען דעם זעלבן מענטשלעכן דראַנג אָנצוגיין מיטן לעבן. דער אַרומיקער סצענאַר האָט זיך געענדערט; פון אַלע ווינקלען האָבן גענומען לויערן די נעגל פון פאַרטיליקער — אָבער אַפילו אין די געענדערטע באַדינגונגען זײַנען די פאַרשידענע ייִדן אָנגעגאַנגען מיטן זעלבן, פריערדיקן הונגער פון לעבן; האָבן זיך נישט צוגעגעבן קיין מעלות און האָבן זיך נישט באַפרייט פון חסרונות, ווײַל — און דער ענטפער פון זייער אויפפירן זיך געפינט זיך אין אַ נאָמען פון יהודה עלבערגס אַ פריערדיק בוך, אַז "דער מענטש איז נאָר אַ מענטש".

די אַקציע פונעם בוך שטעלט זיך אָפּ — אָדער ווערט איבערגעריסן — בײַם סוף פון יאָר 1940. די שורות פון די קאַפּיטלען, געשריבן מיט אַ האַסטיקן און אַ סך מאָל דערדריקנדיקן טעמפּאָ, הייבן אָן צוצופירן די געפאַנגענע ייִדן וואָס אַמאָל נענטער צו דער דראָענדיקער, שוואַרץ־אַראָפּגעלאָזטער פאַרהאַנג, וועלכע איז גרייט זיך אויפצוהייבן און צו אַנטפּלעקן די צווייטע זײַט. אָבער דערווײַל זײַנען מיר בלויז עדות פון פּײַניקן די ייִדן דורך "כאַפּן זיי אויף אַרבעט"; פון וואָס אַמאָל שטאַרקערן פאַרדרייען דעם שלאָס אַרום די ייִדישע געגנטן; פון אָן אויפגייענדיקער און צעפלאַטערטער שנאה פון די פּוילישע שכנים; און פונעם איינשטעלן די ערשטע "יודנראַטן", וואָס דאַרפן כלומרשט אײַנהאַלטן די אָרדענונג פונעם לעבן פון די ייִדן, וועלכע וועלן אָבער (די יודענראַטן) אין דער אמתן ווערן אויסגענוצט ווי אַ האַנט, וואָס וועט, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, העלפן אָפּצווישן די צאַנקנדיקע ליכט פון ייִדישן לעבן, ווײַל שוין איצט האָבן מיר פון דער צווייטער זײַט פאַרהאַנג דעם טויבן אָפּקלאַנג פון מאַסיווע און טעמפּע טריט.

אינעם בוך זײַנען פאַראַן אַ פּאָר איינצלנע סצענעס פון ייִדן־מאָרדן און בלויז איין קאָלעקטיווער מאָרד איבער עטלעכע און פופציק ייִדישע איינוואוינער פון אַ הויז אויף די וואַרשעווער נאַלעווקעס. אָבער אַפילו דעמאָלט פאַלט קיינעם נישט אײַן, אַז דאָס זײַנען בלויז די ערשטע אָנזאָגן פון אַ מאַסן־מאָרד, וואָס וועט זיך אויסשפּרייטן און וועט פאַרטיליקן די לעבנס פון מיליאָנען.

די קינסטלערישע מעלה פון יהודה עלבערגס בוך, וואָס מאַכט עס אַנדערש פון טוצן אַנדערע, איז דאָס, וואָס סײַ די פרידלעכע און פּאַסטאָראַלע ייִדישע

פֿאַמיליעס־סצענעס, אַפּילו סצענעס פֿון גליענדיקער ליבע; און סײַ די אַנדערע, די סצענעס פֿון גרויל, זײַנען געשריבן אַן איבערגעטריבענעם ראָמאַנטיזם און אַן גוזמאַדיקן פּאַטאָס, ווייל נישט געקוקט אויף דעם אַרום — אויף דעם שטראַלנדיקן און דעם שוואַרצן — איז דער מענטש דאָס, וואָס ער איז; דער מענטש איז נאָר אַ מענטש.

פֿאַר די, וואָס ווייסן נישט, ענדיקט זיך דאָס בוך אויף אַ געוויינלעכן אופֿן. עס ענדיקט זיך מיט אַ לעצטן פּאַראַגראַף, וואָס שליסט זיך מיט אַ לעצטן פּסוק און צוקאָפּנס פֿונעם פּסוק שטייט אָוועקגעשטעלט אַ פּונקט.

אָבער פֿאַר די, וואָס ווייסן יאָ, איז סײַ דער לעצטער פּאַראַגראַף און סײַ דער לעצטער פּונקט נישט מער ווי אַן אויסדאַכטעניש. מיר ווייסן, אַז דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן ביז איצט געזען, איז נישט מער ווי אַן אַנזאָג פֿון דעם, וואָס וועט קומען; אַז אין דער אָנהייב שורה פֿון ערשטן פּאַראַגראַף פֿון אַ נאָכקומענדיק בוך, וועט זיך אויפֿהייבן דער ביז־איצט אָראָפּגעלאָזטער פֿאָרהאַנג און מיר וועלן דערזען דעם קוואַל פֿון דעם פֿריער־געהערטן אָפּקלאַנג פֿון די טויבע און טעמפּע טריט; אַז די טריט קומען פֿון מאַרשירנדיקע שטיוול פֿון די, וואָס וועלן די אַלע לעבעדיקע עלבערג־געשילדערטע געשטאַלטן — די האַרעפּאַשניקעס און די חסידים, די סוחרים און די חלוצישע בעלי־חלומות — אַוועקפֿירן צו די גריבער פֿון די איינזאַץ־קאָמאַנדאָס אָדער אַרײַנטרײַבן אין די קאַמערן פֿון טויט.

מוסף עברי

נעמי גוטקינד

חתן פרס רה"מ לשנת תשמ"ה

מזל מיוחד נפל בחלקו של הסופר היידי תושב קנדה, יהודה אלברג: הוא חי מעבר לאוקיינוס אבל זוכה לקבלת פרסום במזרח התיכון, קרי — במדינת ישראל.

בשנת 1976 הענקנו לו את פרס איציק מאנגר על ספרו "בלב־ים" (שתורגם לעברית ע"י יעקב אורלנד) והשנה, שנת 1985, הוא שוב חתן פרס ספרותי, והפעם פרס ראש הממשלה.

יצחק קורן, יו"ר המועצה העולמית למען יידיש אומר שבהענקת הפרס לאלברג מבטאת המדינה את רצונה לשמור על גשר עם יהדות הגולה. פרופ' דן מירון רואה באלברג, שרבים מספריו תורגמו או שהם מתורגמים בימים אלה לעברית, אחד ממדגימי ההשפעה ההדדית הניכרת בין הספרות העברית ובין היידית. גם פרופ' דב סדן נמנה על מוקירי הסופר המצטיין בשחזור דייקני ואותנטי של חיי רבנים בפולין של ראשית המאה.

האותנטיות היא אכן הסממן הבולט בכתיבתו, עליו שוחחתי עמו השבוע, ערב נסיעתו חזרה לקנדה: "ודאי שתיאורי ההווי שלי הם מדוייקים ואיך לא היו כאלה? הרי כל ילדותי ובחרותי עברו עלי בבית אב וסבא שהיו נצר למשפחת רבנים עתיקת יומין, משפחה השומרת על אילן יוחסין כתוב ובדוק החוזר אחורנית עד רש"י ובין אבות אבותיה גם הרב יונתן אייבשיץ והרב יעקב עמדן..."

נכד לרבנים מפורסמים

אלברג נולד בבית הרב של העיירה בלשקי. סבא אחד היה רב בעיירה זגירז' וסב אחר — הרב צבי יחזקאל מיכלזון, גאון ידוע, פרסם למעלה מששים ספרי הלכה, בוורשה.

הרב מיכלזון היה גם בין מוריו המובהקים, בוורשה למד בישיבה ובה גם הוסמך להוראה.

איך כל זה "מסתדר" עם כתיבה ספרותית?

פורסם ב"הצופה" — ת"א.

אלברג מבליע חיוך: "אנחנו משפחה מקורית, וזכות המקוריות שמורה כבר לאבי, שעם כל ההיסטוריה המשפחתית הרבנית הארוכה שלו — סרב לשמש בהוראה וחלם כל הימים להתפרנס בדרך אחרת. הרבה עבודת שיכנוע נאלץ סבא לעשות עד שאבי נכנע ושימש ברבנות. אבא היה כבר סוחר כאשר ויתר על משאת נפשו וחזר אל ה"מקצוע" המשפחתי. אבל בכך לא הושם הקץ למרדנותו... אבל היה גם "חובב ציון" וכאשר מצאו פעם את חתימתו על כרוז של המזרחי — עשו לו צרות צרורות. וגם אני, בעקבות אבא, הכרזתי שלא אשמש ברבנות. אמנם סמיכה קיבלתי אבל כשהייתי בוורשה, בצד לימודי בישיבה, למדתי גם בביה"ס הגבוה להנדסת טקסטיל".

הרב־המהנדס יהודה אלברג לא האריך את ישיבתו בוורשה של שנות ה־20 וה־30.

בירת הטקסטיל של פולין ומקום ריכוז ענק של סוחרי בדים ותעשיינים יהודיים היתה לודז׳. לעיר זו שם איפוא אלברג את פעמיו עם דיפלומה של מהנדס בכיסו ושם גם מצא משרה מכובדת המפרנסת את בעליה. בשעות הפנאי היה פעיל במסגרת התנועה הציונית (שוב כמו אביו) וכשעוד נותרו לו רגעים אחדים — "חטא" בכתיבה.

הכתיבה, מתוודה אלברג, מלווה אותו מאז הוא זוכר את עצמו, מאז נולד. אביו ושני סביו הצטיינו בסגנונם העברי. את ההקדמות לספרי החידושים שלהם, הוא אומר בהתפעלות, תענות לקרוא גם היום. הרב אלברג, אביו, נוהג היה לכתוב הקדמות אלה בחרוזים וכולם שיבוצי פסוקים מן התנ"ך.

"תולעת ספרים" מינקות

נו, עם גנים כאלה — מה פלא שיהודה אלברג הקטן, בן הרבנים, היה "תולעת ספרים" מינקות. הרבה ספרים קרא, הרבה סיפורים שיפץ כיד דמיונו הטובה עליו, במיוחד כשלא היה להם "הפי־אנד".

את הסיפורים שקרא — סיפר לאחיו הקטן ממנו ולכל סיפור הוסיף סוף טוב "ומשופץ". מקריאה קצרה הדרך לכתיבה.

מגירות השולחן בבית אבא התמלאו מחברות כתובות ביידיש. גם כשבגר ונעשה בחור ישיבה ואח"כ מהנדס — לא השתחרר מן התחביב העיקרי של חייו. שנים ארוכות עבד על רומן מתקופת הורדוס, ואת הסיפור הראשון שלו הדפיס עיתון לודז׳אי ביידיש בשנת 1932. גיבור הסיפור: עגלון יהודי עדין לב. כל כתבי היד הללו — אבדו בשואה.

שנת 1939 קטעה את שלוש הקריירות של אלברג: כסופר, כמומחה לטקסטילים וכעסקן ציוני.

הוא ברח מלודז׳ לוורשה והצטרף למחתרת של תנועת "התחיה", כשהוא עובד

בשיתוף פעולה עם מחתרת ״החלוץ״. זמן לא רב לפני פרוץ המרד בגיטו, שלחו אותו חבריו בשליחות אל הפרטיזנים. תפקידו — לבנות דרכי בריחה לחברי המחתרת שייוותרו בחיים אחרי המרד, כדי שיוכלו להצטרף אל הפרטיזנים. כשניסה לחזור לוורשה — נלכד. הוא הצליח להימלט, ניסה שוב להסתנן אל תוך הגיטו, אבל בסופו של דבר היה עד למרד הנואש וההירואי של חבריו־מבחוץ. אלברג חזר אל המחבוא שהכין למחתרת, ושם הצטרפו אליו לאט לאט פליטים יהודים. היה זה על החוף המזרחי של נהר הוויסלה.

ביולי 1944 הגיע הצבא האדום אל חוף הנהר. אלברג, שחופש התנועה הוחזר אליו, הלך ברגל עד לובלין ויחד עם חברים נעשה פעיל בייסוד עתון יהודי ובהכנת סדרת ראיונות ועדויות של כל הפליטים שהגיעו לעיר.

את הראיונות כתב תחילה בכתב יד, אח״כ במכונת כתיבה ולבסוף סידר ארכיון גדול, ארכיון ששימש גרעין למה שנעשה — לימים המכון להיסטוריה יהודית.

בסוף שנת 1946 נבחר אלברג ע״י חבריו כציר לקונגרס הציוני, הראשון אחרי המלחמה, שנערך בבאזל.

אדם חייב לכתוב בשפת אמו

בדצמבר 1946 עזב איפוא את מזרחה של אירופה לצמיתות. הוא הגיע לפאריס בה ערך במשך שנה וחצי ירחון ספרותי ועם קום המדינה החליט שמקומו בארץ ישראל. את מזוודותיו ו״פקלאותיו״ שלח לארץ ואילו הוא עצמו נסע כציר לוועידה העולמית לתרבות יהודית שנערכה אותה שנה בניו־יורק. כוונתו היתה לנסוע ולחזור, אבל הנסיעה הקצרה התארכה. תחילה בניו־יורק ואחר כך במונטריאול, מצא אלברג מנוח לכף רגלו. כל אותם שנים המשיך לכתוב בחריצות רבה סיפורים ורומנים על השואה, על העיירה הפולנית של טרם שואה, על חיי רבנים ולמדנים וכדו׳. וכל ספריו — ביידיש.

״אדם חייב לכתוב בשפת אמו״ — הוא אומר — ״ולמרות שלמדתי עברית של ׳חדר׳ ושל ׳בית מדרש׳, השפה שבה אני מסוגל לכתוב היא אך ורק יידיש״.

אבל למזלו — לא חצצה השפה בינו לבין קהל הקוראים בישראל.

האם כל כתיבתך מעוגנת בפולין, שאלתי, והרי אתה כבר חי עשרות שנים בצפונה של אמריקה ? ״לאחרונה באמת ׳הגעתי׳ גם אל מונטריאול וכתבתי נובלה על חיי היהודים בעיר זו. כתבתי גם בספר על צעיר יהודי מפולין המגיע לניו־יורק, מנסה להתאקלם בה, הופך למרגל למען בריה״מ, בורח לישראל, ישראל מסגירה אותו בחזרה לאמריקנים והוא מתאבד בדרך. הספר מבוסס על מעשה שהיה ושמו : **בן אדם הוא רק בן־אדם** (״אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש״).

על פוריותו של אלברג תעיד העובדה שבצד תרגומי יצירותיו לעברית, עתידה

בקרוב להוציא הוצאת הספרים היידית "ישראל בוך" גם שני חלקים של האפופיאה הגדולה שכתב בשם "שוכני בתי חומר" ו"מבוקר עד ערב". אלברג נטל את הפסוק האיובי: "שוכני בתי חומר אשר בעפר יסודם, מבוקר עד ערב יוכתו מבלי משים", והפכו לסמל ולתמצית הגורל היהודי בתקופת השואה.

באפופיאה שלו הוא מלוה משפחה יהודית אחת מתקופת השלווה והשגשוג שלה דרך ימי מלחמת העולם השניה ועד ימי מלחמת השחרור בארץ.

מונוגרפיות וסיפורי חסידים

במקביל — הוא ממשיך לחבר מונוגרפיות של רבנים ולעבד סיפורי חסידים.

בין המונוגרפיות שלו, המתייחסות אל אבותיו, ישנן המונוגרפיה על הרב העשיל, רבה של קרקוב במאה ה־16 ועל החכם־צבי.

בביתו בקנדה שומר אלברג את כל ספריהם של הרבנים הללו וכן כתבי יד של ר' יעקב עמדן ושל ר' יונתן אייבשיץ וחותמת של רבי צבי הירש מברלין, נכדו של החכם צבי בצד חותמת של החכם צבי בעצמו.

איסוף כתבי יד איננו תחביב של סופר קשה־יום, בדרך כלל. ואכן — אלברג איננו מתפרנס מן הכתיבה. עם בואו לקנדה נכנס לעסקי דלא־ניידי, וכאשר צבר אמצעים פרש מעבודתו והחל לעסוק מבוקר ועד ערב במה שחשוב לו ביותר: לימוד, מחקר, כתיבה. מרבים לראות אותו בספרייה הלאומית בירושלים, בספריית מוסד הרב קוק ובספריות אוניברסיטאיות שונות. הוא מתמקד במיוחד בחקר השואה.

"מוכרחים לכתוב על השואה עוד ועוד — לא להניח לנושא אף לרגע", אומר לי אלברג ונימה של שליחות בקולו.

אברהם ביק (שאולי)

במעלות האמנות והאמונה

יער היצירה של הספרות היהודית בפולין לפני השואה כולל אילנות רבים ועמוסים בעלי שעור קומה. טרם שבאו ימי השמד הפתיעה ספרות יידיש בחיותה, תרומת אילני רברבא של פולין: שלום אש, י. מ. ווייסנברג ויורשיהם הצעירים, כתונת פסים של דור זקונים לפני רדת הלילה הנאצי. בתוך יער עבות זה בקע ועלה קולו של מספר צעיר, יהודה אלברג, שיצאו לו מוניטין עוד לפני שפולין היהודית כלתה בגוב ובכבשן, וכאחד מפליטי השואה, אחרי שנמלט לפאריז והתיישב בקנדה, נעשה סופר פורה בין סופרי יידיש ונאמניה.

מאז שנות החמישים כמעט לא עבר פרק זמן רב שאלברג לא הוציא רומאן או קובץ סיפורים חדש.

מספר רב כשרונות, בר אבהן ובר אוריין, יודע הוא את חוצות וורשה ועיירות פולין ידיעה רחבה ועמוקה, ומעלה אותן לפנינו בספוריו מערכות־מערכות נדבך על גבי נדבך. הוא מתאר לא רק את האינטליגנט או החסיד הקנאי— הטיפוסים שהיו מצויים בספרות יידיש — גיבוריו־יצוריו מעורים בקרקע סביבתם והוא מתאר את העיירה על אורח חייה, קישורי־משפחותיה וטפוסיה למיניהם; מהם טיפוסים מופלאים של נוער חלוצי עמל על געגועיו ועל אהבתו הצנועה והביישנית, ומהם בני אדם הנפתלים עם יצרם, עמי הארצות ובעלי גוף. כך, למשל, בסיפורו הראשון "בר לפ", על בעל עגלה, בור דאורייתא, הנושא אשה עדינת נפש, מיוחדת־קלסתר, המקיימת כמאור־נפש את ביתו. רוך לירי מפרנס את תיאורו הריאלי והדמות ניתנת בידיעת־נפש, חנה, אשת בר, מתהלכת בעלבונה — עלבון העקרות, ממללת תחינות ואינה מתלוננת, ובעלה העגלון המגושם בר, מקבל את גורלו באהבה ויודע כי אפשר להתקיים גם בלי ילד. את אהבתו מעניק בר לסייחה וכשהיא טובעת בנהר מתייפח העגלון בבית הכנסת ב"יתגדל ויתקדש"...

האווירה של סיפורי יהודה אלברג רוויה מסורת כחמצן ומגעם של גיבוריו עם מסורת האבות יקר וקרוב ומוחשי, עד לידי קביעת חותמם בנפש כבאש מלוהטת. ככוח מורשה מתמיד מסתמן בעיקר ברומאנים שלו על השואה, הסב, הגאון הישיש,

---

פורסם ב"הדואר", נ"י, 1.2.1988.

אב בית־הדין בפלונסק ובווארשה, סמל יהדות פולין "הקדומה לתורה ולתעודה" ואביו, הרב של העיירה אציל הנפש, אשר בעודנו בחיים נהפך לסמל בעיני הבן — סמל השגב והביצרון, סמל תפארת אדם ונצח ישראל. אף שעה שאין הבן מעלה כלל דמות זו של האב, דומה שצלו המאיר נופל על שורותיו. הוא מתאר את הלהט החלוצי לעלייה למולדת, את הכוח ומסירות הנפש של הלוחמים למהפכה חברתית, לכונן מלכות הצדק במלוא תבל, מיטב הסגולות אשר נחלו מעמם והניחום לרגלי עמים זרים. בתאור הבנים הנאבקים עם האבות לא פעם מתנגשים איתנים, אבל אין הם נקרעים לגמרי מעולם האבות.

במאמר מוסגר עולים דברי אביו של המספר, רבי אברהם נתן אלברג, גאון בהלכה ובמידות, בספרו שאלות ותשובות "בית נאמן", והוא הרב בזגירז' ובלאשקי, מה ששמע מחותנו, זה הסבא של הסופר, רבי צבי יחזקאל מיכלזון, הרב מפלונסק, מחבר פורה בכל מקצועות התורה וראש הרבנים בווארשה: "מטבע של ירושלים דוד ושלמה מכאן וירושלים מכאן — סמל הדור הישן והדור הצעיר בהרמוניה שלמה ביניהם, בין הדורות" (מבוא, "פני הבית").

דמות אביו ודמות סבו עומדים לו לנכד, לנער היהודי, יורק, שברח בשנות החורבן והשואה מגיטו ווארשה לכפר אחר על יד סקרנביץ העיירה, מצא מפלט בבית איכרית ועמד בנסיון, אף שדמיו רתחו: "לעיניו ניגלתה איכרית שמנה ורחבת מידות, שיכולה היתה גם להיות אמו — לא! חלילה לו לערוך בדרך כלשהי הקבלה... אולי באמת היה זה רק חלום, מין סיוט פרוע של יצרי־לילה. הוא בן לאביו אציל־הנפש ולסבו הקדוש" ("בלב ים", שער שני). רוח האב ורוח הסב מרחפות על פני התהום.

מתוך קריאה בסיפורי השואה של יהודה אלברג אתה עומד מיד על שני קווי אופי עקריים שלו. ראשית, צייר ריאליסטי של מציאות יהודית טראַגית, ושנית האמנות לראות כל דבר לא רק מצדו הרגשי והסמלי אלא גם מן הצד המוסרי.

מכוח המניעים המוסריים והתעלותו האישית על ייסורי הגיהנום, הוא מעלה מסיפוריו את חיית האדם מצד אחד, והעלאת האדם המתפתל ביסוריו למדרגה גבוהה לא־ארצית. בזכות רוחב תפיסה זו הוא מוסר בבואה לוהטת ומרטטת של פליטי ההרג הנאצי בסיפורו "מלפניך משפטי" (מישפט מיד), בספרו "שבלים נפזרים" (צעוואָרפענע זאַנגען).

יהודי שחזר מיערות סיביר נפגש עם אשתו שניצלה בבית איכר פולני וחוללה על ידו, ואף הולידה בן ממקרה מביש ומדכא זה. הנקודה המוסרית של הסיפור היא המחאה כלפי נעורים של בת־ישראל טהורה שהוכפשה בטומאה על ידי אדם אכזרי, והתרסה כלפי מעלה: "דוד פתח פיו אבל לא יכול היה להוציא הברה. ראשו שקע למול חזהו, ושמע רק את קולה של אשתו עטל: החיים התאכזרו לי. עתה כשאתה יודע הכל, עליך לשפוט אותי. כשהאשה נגשה אליו חשה את נשימתו. הוא החזיק ספר בידו. קולו, רווי דמע, רעד, ובהצביעו על פסוק אחד בספר, אמר: העלי להיות

השופט שלך ? מוטב שתשאלי בלשונו של איוב : ׳הנגלו לך שערי מות ושערי צלמות תראה... הגד אם ידעת כלה׳ (איוב לח, 17־18).

עמוק יותר מצער הגוף מזה הרעב, הוא צער העלבון שלא נשמעה תחינתן האילמת של אם ובתה שנשחתה פעמים אין־ספור לפני בית דין שוכן מרומים, בתקופה של הסתר פנים. זוהי הכלימה הגדולה אשר הכלים האלוהים כביכול את בניו. המספר מרמז לנו שיהודי הזוכר את השואה תמיד, ואינו מסיח דעתו ממנה, אין לו שום פתרון לבעיית הרע, שהרי אין בשום תשובה מן התשובות התיאולוגיות והפילוסופיות, כדי להניח את הדעת ואת הלב אפילו במקצת מן המקצת. זוהי המשמעות של ההטחה האיובית כלפי מעלה ותשובות של אלוהים שהיא בגדר הדיאלקטיקה של האמונה מאז ומעולם.

והרי סיפורו של אלברג מתוך שרשרת הרומנים (טרילוגיה ״שוכני בתי חומר״) על ״ר׳ יצחק מנדל״, סיפור שנכתב בסגנון דינאמי ופלאסטי כאחד. בסיפור זה מתוארים חוויותיהם האחרונות של שני יהודים הנמצאים בבית סוהר של הנאצי האכזרי בעיירה. את שניהם דנו הגרמנים למיתה ושניהם, ר׳ מנדל החסיד והעגלון וואָווע כאבול, חיים את ימיהם האחרונים לא רק בצל המוות, אלא באורו של נצח ישראל. אומר האחד, ר׳ מנדיל המרדן שהתאכזב מהפילוסופיה והספרות האירופית, של קאנט, הגל וניטשה, שהפסוק שלו הוא ״השם הוא האלהים !״ והשני במה בוחר ? בפסוק מלא, ״לי נקם ושילם״. ר׳ מנדל יוצא מן העולם מואר באור אמת חדשה ושלווה עילאית נסוכה על פניו טרם ההעלאה על הגרדום והעגלון העממי והמגושם כביכול צוות בקול עז ״מפלה איומה תבוא עליכם בקרוב, רוצחים !״.

ברכה לעצמם קובעות מעשיותיו של יהודה אלברג על צדיקי החסידות. אין כאן תיאורים של חצרות אדמורי״ם וגימוסי צדיקים כאצל מספרי החסידות לפנים, כגון יהודה שטיינברג או אפילו אופטושו, גם לא החסידות של מיכה יוסף ברדיצ׳בסקי שהטה את החסידות לצד הסמלי. החסידות מורגשת כאן בדרמטיות הסיפורית והמספר מגלה לפנינו את החוכר היהודי החי בזכותו ובצילו של ה״פריץ״ כאיש היחס הרוחני וכבשר ודם גם יחד.

סיפורו החסידי של אלברג הוא מעין אגדת־עם מבחינת המבנה והסגנון, ולתכלית זו הוא משתמש לפעמים באמצעים שאין תורת האמנות המקובלת גורסת — על ידי מימרה חסידית, או הערה רעיונית בפסוק או מאמר חז״ל. מה שמפליא ביותר היא ההתרחקות מהסממנים האסתטיים ודרכי הטכניקה של הסיפור המודרני, כי הוא חותר לתמצית המוסרי של המיתוס החסידי. הוא רואה את הדורות הללו של יהודים שהיו מדוכאים בסוף המאה ה־18 תחת שוטו של הפריץ הפולני ואת גדוליהם באור מיתי ממש, ולא יאומן הדבר, אלמלא ידענוהו שעוד בתקופה ההיא היתה תקופה של יצירת מיתוס יהודי. בסיפוריו החסידיים אנו רואים ראייה חדשה את בתי העץ והחומר שבעיירות וכפרי פולין בכל נפלאות הווייתם ואת נסיהם ומופתיהם של הצדיקים, ויקרה לנו מצבה ספרותית זו שהקים הסופר יהודה אלברג.

יוסף פרידלנדר

השואה בדפוסו של רומאן

יהודה אלברג נטל על עצמו משימה בלתי־אפשרית כמעט, לחבר רומאן מתוך השואה, מכוח נסיונותיו של עצמו, ומכוח בטחונו ביכלתו האָפית, לתאר אנשים, אירועים וחוויות מתוך עמק הבכא של החורבן וההריגה. הנסיון גדול, והגשר שהוא צועד עליו דק וצר. כל פסיעה שאינה שקולה ואינה זהירה עלולה להפילו, אם לעבר הדברים שאינם ניתנים להבעה בכלל, ואם לעבר ההבעה, שבדרך הטבע אינה מסוגלת למצות אפילו אחד בששים של השואה.

מה עושה סופר, ניצול השואה, שגבר עליו יצרו לספר על חלקו באותם הימים והשנים הנוראות? הוא מנסה ומצפה לרחמי שמים. השמים ריחמו על יהודה אלברג והרעיפו עליו חסד נדיר ומיוחד, בבחינת "ומבשרי אחזה אלוה" (איוב יט, כו). לאיוב נתגלה הבורא בענותו וביסוריו, ואילו ליהודה אלברג — באושוויץ. דווקא באושוויץ נתגלה לו אלוהי ישראל.

"אמת — טוען רב צעיר מארץ ישראל הבא לעזרת מעפילים, לפני צעירה יהודיה שהגרמנים הכתימו את בשרה בקיעקוע של 'פעלד הור' (זונת מלחמה), — לא הייתי באושוויץ, ואיני יכול לסלוח זאת לעצמי. בשרי כואב עלי משום שלא תפח ברעב ולא כוסה פסים מצליפות הפרגול. עצמותי כואבות משום שלא רוצצו ורוסקו במהלומות־אגרוף. עיני קמות בחוריהן משום שלא אולצו להביט בעשן־הארובות של כבשני־האש. סלחי לי, כאשה, שנשאת את יסורייך שם גם בעבורי" (ע' 313). ויותר מזה: "ואם יכולים לתאר את השכינה בדמות אדם, כי אז יש, גם על זרועה, כביכול, מספר מקועקע של אושוויץ" (ע' 314). ועוד: "כשקיעקעו בבשרך את המלים 'פעלד הור', היו אותן מלים עצמן מקועקעות בד בבד גם על שדיה של השכינה, בכבודה ובעצמה, אם בכלל אפשר לשוות את השכינה כמי שיש לה, כביכול, 'שדיים'" (ע' 315).

וכאשר האשה אומרת לו: "אתה מנאץ את שמו של אלוהים", הוא משיב לה: "לא, אני קובע בכך את אמונתי ביוצר־העולם, ובכל מה שאמרו עליו חכמינו" (שם). הדברים נראים מזעזעים ומחרידים במבט ראשון, ודינם, אולי, כדברי נאצה וגידוף,

---

פורסם ב"מאזניים", כרך ג', שבט תש"ם.

שלפי הדין חייב השומע ב"קריעה". אך במבט שני ולאחר הרהור ראשון, נישאת כאן איזו בשורה פודה וגואלת ממעמקיה של הפלאנטה אושוויץ. וקולה מבשר ואומר, כי "שכינתא בגלותא" לא עזבה את בני ישראל בכבשנים, במקלחות הגאזים ובמחנות המוות. כל מה שהגרמנים עוללו להם — עוללו גם לה.

והרב פונה לצעירה ומבקש לשאתה: "לכשימעטו מכאובייך בליבך, תיוותר שם עוד קרן־זווית למשכנם של אלוהים ושמחת־אנוש, ולכשישכון אלוהים בלבבך, או־אז יימצא גם מקום בשבילי, משום שאלוהים הוא אהבה, אלוהים הוא משמעם של החיים" (ע' 322). מאימתי משמש אלוהי ישראל אלוהים של אהבה? תמיד למדנו כי רעיון זה תקוע בעולמה של הנצרות. והנה בא סופר, ההולך מן השואה ומטיף לאלוהי האהבה, אלוהי ישראל, והיכן — באושוויץ. רבים וגדולים עסקו בסוגיה זו של אמונה בדור אושוויץ וטרחו הרבה כדי ליישב את מציאותה של פלאנטת אושוויץ בעולמו של הקדוש ברוך הוא. ואולי נדמה להם, שהם יישבו את הקושיה בקושי ובדוחק. פתרונו של יהודה אלברג הוא — אולי — כלל אנושי וכולל סממנים הומאניסטיים. אבל קשה מאד למצוא לו עגינה בדת ישראל. וידועה היטב תשובתם של שלומי אמוני ישראל, שהיו ושלא היו בפלאנטת אושוויץ: מי אנו ומה אנו שנהרהר אחר מידותיו של הקב"ה. כידוע, מזכיר הסגר זה את הדברים, שהושמעו לאיוב מן הסערה.

זוהי הבשורה של יהודה אלברג, שהוא מביא אותה מן השואה.

במרכזה של העלילה אם יהודיה ושלושת ילדיה העוברים שבעה מדורי גיהינום בגיטו וארשה, בטרבלינקה, במחבואים אצל האיכרים בכפרים, אצל פולנים בווארשה, ביערות, בנדודים, ובהעפלה לארץ ישראל. שתי הילדות מצאו את מותן. הילדה הגדולה ואביה הומתו בטרבלינקה, והקטנה מתה באפיסת כוחות בכפר. האם זוכה להגיע לארץ היעודה, ואילו הבן, שעבר את כל המוראות וניצל מן הגרמנים נופל חלל על ספינת המעפילים בהגיפו את הדגל הלאומי בשעת המאבק עם הבריטים. הוא נהפך ל"כעין שק עצמות־מרוסקות במכנסי האקי קצרים וגזר־בד תכול לבן מוכתם כולו באדום" (ע' 336). ובה בשעה יולדת האם, שגישאה בשנית, את בנה השני, הנקרא בשמו של ההרוג. וכך "מגיח לאור העולם — — — זרע הבראשית החדשה" (ע' 339).

מאבקה של האם ושל בנה זוכים לתיאור נאמן וריאליסטי, אישי ופיוטי, המרשים בכנותו ובאמת המציאותית שבו. כך כותב סופר שלא מפי השמועה, ולא מפי עדים, אלא מראייה קרובה ומעורבות אישית במסכת השכול, הסבל והיגון. עיקרו של התיאור האֶפּי, לא רק במיצויים של יסורי הקיום בכל יום ובכל שעה, אלא בהעלאתה ובקידושה של הגבורה, גבורה שאין ערוך לה, והעולה אפילו על זו של מורדי הגיטו ושל הפרטיזאנים ביערות. אם יהודיה, בודדה ושכולה, נאבקת על כל רגע של חיים עם מלכות הרשעה הכול־יכולה. אין ספק שהמחבר עושה אותה לשליח של כנסת ישראל כולה העומדת על נפשה, כשהיא מתבוססת בדמה, יתומה, אלמנה,

שכולה, ומופקרת להתעללויות אין קץ. בדידותה, ואולי תחושתה של היותה היהודיה האחרונה, — תחושה שליוותה ניצולים רבים שנאבקו מרות על קיומם, נהפכת אצלה למקור של הגנה עצמית מיואשת וחסרת כל סיכויים שהם.

יהודה אלברג מלווה אותה בכל דרך היסורים בחרדה ובאהבה. שבר־ראי, שהיא מוצאת ביער, לאחר בריחתה מטרבלינקה, מעורר אצלה חשבון נפש ומביא אותה לידי וידוי. "גולדה זו, עם צמות־הזהב העבותות־ארוכות, עם עיניה הכחולות ועורה הצח מחלב — גולדה זו נשארה בטרבלינקה. גולדה זו נשרה מעליה יחד עם שמלותיה. האחרת, המטורפת שבשבר הראי, מוכת השחין והכינים — האחרת עודנה בחיים — — — עולם רצחני הוא זה. ואף היא עצמה נעשית רוצחת בקרבו. טרבלינקה הרגה את גולדה העשל, ואילו היא תרצח את זו שבראי — — — היש לה עוד דמעות לבכי? ננה (בתה) ושיע (בעלה) הפכו — כדבר האיכרים — לעורות של אהילים. יוסל וחנה׳לה (בנה ובתה) נורו מיד לאחר שגירשם אותו ווילצ׳ינסקי (גוי שהסתירם בביתו בווארשה) מפניו — — — ועדיין יש לה דמעות לתנות מכאובה וצרותיה... אכן ראויה היא לאלף מיתות משונות" (ע׳ 151־152).

וכל ההלקאה העצמית באה עליה, משום שבטרבלינקה היא רצה ימינה, ואילו בעלה שיע הלך לצד שמאל, יחד עם בתם ננה. לאחר שהיא מוצאת את בנה יוסל, בדרכה לארץ ישראל, היא מתוודה על "חטאותיה". החטא הראשון, שלא הלכה לצד שמאל יחד עם בעלה ובתה; והחטא השני — הרצון להתגבר ולהמשיך במאבק. "׳להתגבר׳. מלה זו אחזה בי כעין ׳דיבוק׳ — — — דיבוק זה הוא שהעבירני על־פני קרש נטוי על־פי תהום. כשנמלטתי מ׳תחנת השילוח׳, אפילו בעיצומו של גיהינום, במחנה־טרבליקה, הרימני ׳דיבוק׳ זה מתוך ערימת נשים מתות ומעורטלות — — — אותה אמא הזכורה לך — נשארה בטרבלינקה. גולדה העשל נשארה מעלי ביחד עם בגדי. נשאר רק ה׳דיבוק׳, ׳להתגבר׳ — הלמו בי המלים עם כל פעימת־לב — — — אבא שלך היה אב עד לרגע האחרון, ואילו אני הייתי רק רוח רע, ׳דיבוק׳" (ע׳ 267־268).

הרבה שליחים למקום. ה"דיבוק" הוא שגאל ממוות ופדה משחת. את עלילותיו של אותו "דיבוק" מעלה יהודה אלברג בכל תפארת כשרונו הסיפורי, שנכנס בשלום לתוך צלמוות ויצא ממנו בשלום.

תרגומו של יעקב אורלנד משובח. הלשון מעולה ומשמשת את לשון יידיש כדין.

אָפּהאַנדלונגען וועגן עלבערגס שאַפן, וואָס זענען נישט אַרײַן אין דער זאַמלונג

(לויטן אלף־בית פון די מחברים)

מ. אייזנבוד: "דער מלמד און דער שפּיאָן" ("אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש"), מעלבורנער בלעטער, נאָוועמבער־דעצעמבער, 1985—תשמ"ו.

אברהם ביק: "די קונסט פון אמונה און דויער", אונדזער וועג, פּאַריז, נומער 12 (1502).

י. גערמאַן: "אונדזער געהיים געווער" ("אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט"), אַלגעמיינער זשורנאַל, 26.9.75.

ט. ביילין: "2טע פּרעמיערע פון ייִנג־ייִדישן טעאַטער", די פּרעסע, בוענאָס איירעס, 11.7.53.

י. האָרן: "ווען עלבערג האָט פאַרגעלייענט 'פאַרלוירן די מאַמע'" (פון בוך "אונטער די קופּערנע הימלען"), ייִדישע צײַטונג, בוענאָס איירעס, 7.6.61.

שלמה ווײַסמאַן: "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט", קענעדער אָדלער, 18.6.76.

אליעזר וויזעל: "די שארית הפליטה", אַלגעמיינער זשורנאַל, ניו־יאָרק, 7.2.75.

וואָלף טאַמבור: "דער שרײַבער יהודה עלבערג", אונדזער וואָרט, פּאַריז, 1.2.77.

יצחק יאַנאַסאָוויטש: "אונטער קופּערנע הימלען", "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט", בוך "פּנימער און נעמען", פאַרלאַג קיום, תל־אביב—בוענאָס־איירעס, תשל"ז, 1977.

— — "יהודה עלבערגס מעשיות", בוך "פּנימער און נעמען", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א, באַנד דרײַ.

— — "צו זײַן קומען קיין אַרגענטינע", די פּרעסע, בוענאָס איירעס, 20.7.60.

— — "וועגן דער אינסצעניזאַציע פון אַגענט '837'", דער שפּיגל, יולי 1953.

— — "יהודה עלבערג 'צווישן מאָרגן און אָוונט'", לעצטע נײַעס, ת"א, 18.9.87.

— — "נאָך אַספּעקטן פון 'צווישן מאָרגן און אָוונט'", לעצטע נײַעס, 29.1.88.

נ. ב. מינקאָוו: "אַן אייגנאַרטיקער פּראָזע־קינסטלער" (אונטער קופּערנע הימלען), די צוקונפט, אָקטאָבער 1951.

ד"ר ש. לעווענבערג: "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט", דאָס ייִדישע פאָלק, לאָנדאָן, 8.2.77.

מענדל מאַן: נאָטיצן פון מײַן טאָגבוך, אונזער וואָרט, פּאַריז, 28.11.64.

ישראל עמיאָט: "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט", קולטור און לעבן, מאַי־יוני, 1975.

— — "צעוואָרפענע זאַנגען", קולטור און לעבן, פעברואַר 1977.

ש. ניגער: "וועגן 'אַ מעת לעת אין מײַן הויף'", דער טאָג, ניו־יאָרק, 20.4.47, איבערדרוק אין פּאַריזער אונזער וואָרט, 18.7.47.

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו: "אונטער קופּערנע הימלען", כתב יד.

ב. פּיק: "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט", די פּרעסע, בוענאָס איירעס, אָקטאָבער 1975, איבערדרוק, דער וועג, מעקסיקאָ, אָקטאָבער 1975.

מ. צאַנין: "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט", לעצטע נײַעס.

שמעון קאַניק: "צעוואָרפענע זאַנגען", פאָרווערטס, ניו־יאָרק, 27.3.77.

יעקב פּאַלאַטיצקי: "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט", ליטעראַרישע בלעטער, בוענאָס איירעס, אָקטאָבער־דעצעמבער.

דוד ראָזנטאַל: "יהודה עלבערג צו זײַנע 75", אידישער קעמפער, 22.5.87.
י. ראַפּאַפּאָרט: "אַן אַבלדיקער שהחיינו" (וועגן "אַ מעת לעת אין הויף"), אויסטראַלישע ייִדישע נײַעס, מעלבאָרן, 27.6.47.
שמואל ראָזשאַנסקי: "נײַע צאַפּלדיקע טעמעס אין אונדזער ליטעראַטור", ייִדישע צײַטונג, בוענאָס איירעס, 19.5.50, 21.5.50.
— — וועגן דער נאָוועלע "אַז מען האָט נישט קיין מזל", קולטור און לעבן, ייִווא, 1962.
— — "873" אין יונג ייִדיש־טעאַטער, ייִדישע צײַטונג, בוענאָס איירעס, 13.7.53.
אברהם שולמאַן: "אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מאַסט", פֿאָרווערטס, 9.3.75.
ד"ר א. שטילמאַן: "צעוואָרפֿענע זאַנגען", קענעדער אָדלער, 17.9.76.
חיים שפּילבערג: "אין שפּיץ פֿון אַ מאַסט", פֿרײַע אַרבעטער־שטימע, דעצעמבער 1976.

ביאָגראַפֿישע פּרטים פֿון יהודה עלבערג

געבוירן אין זגיערזש בײַ לאָדזש, פּוילן, דעם 15טן מאַי, 1912. זײַן פֿאָטער, אַברהם־נתן עלבערג, איז געווען אַ רב אין סאַניק און אין בלאַשקי; זײַן מוטערס פֿאָטער, צבי־יחזקאל מיכעלזאָן, איז געווען רב אין וואַרשע. פֿון 1934 שטודירט אויף טעקסטיל־אינזשעניער אין לאָדזש, וואו אויך געאַרבעט ווי אַ וועבער־מײַסטער ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיך באַטייליקט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ. מיטגרינדער פֿון ערשטן ייִדישן קאָמיטעט אין לובלין (1944). איינער פֿון די איניציאַטאָרן פֿון דער ייִדישער פּרעסע־אַגענטור (ייפּ״א) אין לאָדזש, פֿון ״היסטאָרישן קאָמיטעט״ (שפּעטער ״היסטאָרישער אינסטיטוט״) און פֿון דער לאָדזשער צײַטונג דאָס נײַע לעבן, וואו געווען רעדאַקציע־סעקרעטאַר. געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס פֿאַר דעם דבר אין ת״א און פֿאַרן מאָרגן־זשורנאַל אין נ״י. סוף 1946 אַוועק קיין פֿראַנקרײַך, געווען רעדאַקציע־סעקרעטאַר פֿון דעם חודש־זשורנאַל קיום אין פּאַריז. אין 1948 געקומען קיין נ״י ווי אַ דעלעגאַט צום ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס. דעביוטירט מיט אַ דערציילונג (״בער לעפּ״) אין לאָדזשער פֿאָלקס־בלאַט, 1932. ״אויטאָר אין רעזידענץ״, בר־אילן אוניווערסיטעט, 1988. לעקטאָר אין מאָסקווער ייִדיש־סעמינאַר, פֿרילינג 1990.

געשריבן אויך א״פּ י. בערגעל, י. ל. בערג. וואוינט אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע.

פּ ר ע מ י ע ס

פֿעפֿער־פּרעמיע בײַם ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין בראַזיל, סאַן פּאַולאָ, 1951.
י. י. סיגאַל־פּרעמיע, מאָנטרעאָל, 1975.
ווײַסליך־צימערמאַן־פּרעמיע, סידני, אויסטראַליע, 1975.
גאָנאָפּאָלסקי־פּרעמיע, פּאַריז, 1977.
מאַנגער־פּרעמיע, תל־אביב, 1977.
פֿערנאַנדאָ כענאַ־פּרעמיע, מעקסיקאָ, 1984.
פּרס ראש הממשלה, תל־אביב, 1985.
י. מ. ווײַסענבערג־פּרעמיע בײַם קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1985.

רשימה פון די ביז איצט דערשינענע ביכער פון יהודה עלבערג

אונטער קופּערנע הימלען — דערציילונגען, צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, 1951.
אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט — ראָמאַן, די ברידער שולזינגער, ניו־יאָרק, 1974.
צעוואָרפענע זאַנגען — דערציילונגען, שולאַ־פּובליקאַציעס, מאָנטרעאַל, 1976.
מעשיות — חסידישע מעשיות, וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישע קולטור, תל־אביב, 1980.
אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש — ראָמאַן, וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, תל־אביב, 1983.
קלמן קאַליקעס אימפּעריע — ראָמאַן, ישראל־בוך, תל־אביב, 1983.
אין ליימענע הײַזער — ראָמאַן, באַנד איינס און באַנד צוויי, ישראל־בוך, 1985.
צווישן מאָרגן און אָוונט — ראָמאַן, ישראל־בוך, 1987.

ד ר אַ מ ע ס

אַגענט 837 — אויפגעפירט אין ייִדיש און שפּאַניש אין בוענאָס איירעס.
משפּט מיך, פון בוך "אונטער קופּערנע הימלען" — אויפגעפירט אין שפּאַניש אין בוענאָס איירעס.
צוויי משפּטים — אין כתב־יד.

א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג ע ן א ו י ף ה ע ב ר ע א י ש

בלב ים — איבערזעצונג פון "אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט", יעקב אורלנד, עקד, תל־אביב, 1979.
ט"ו כוחות — איבערזעצונג פון "מעשיות", שמשון מלצר, ההסתדרות הציונית העולמית, המחלקה לחינוך ולתרבות תורניים בגולה, ירושלים תשמ"ט.

די מחברים וואָס באַטייליקן זיך אין דער זאַמלונג

ש מ ו א ל א י ז ב א ן

געבוירן 1905 אין גאָסטינין, פּוילן. אין 1921 געקומען קיין ארץ־ישראל און זינט 1937 אין אַמעריקע. מיטאַרבעטער אין "מאָרגען־זשורנאַל", שפּעטער אין "טאָג", "אַלגעמיינער זשורנאַל". מחבר פון היסטאָרישע ראָמאַנען און וועגן לעבן אין ארץ־ישראל, ווי די קעניגין איזבל, יריחו, פאַמיליע קאַרפּ. געשריבן אויך פיל דערציילונגען און פעליעטאָנען.

י ע ק ב ב אָ ט אָ ש אָ נ ס ק י

געבוירן 1895 אין נײַ־קיליע, בעסאַראַביע, געשטאָרבן 1964. געלערנט אין ישיבות אין קעשענעוו און אָדעס. אָנגעהויבן שרײַבן רוסיש. אין ייִדיש דעביוטירט אין 1912. קורץ פאַרן ערשטן וועלטקריג געקומען קיין רומעניע. פון 1926 אין אַרגענטינע. מיט־רעדאַקטאָר פון דער טאָג־צײַטונג "די פּרעסע" ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן. געדרוקט אַרטיקלען, פעליעטאָנען, רייזע־איינדרוקן, טעאַטער־ און ליטעראַטור־קריטיק, ווי אויך ראָמאַנען. מחבר פון איבער אַ טוץ ביכער.

י ש ר א ל ח י י ם ב י ל ע צ ק י

געבוירן 1914 אין קאָברין, ווײַסרוסלאַנד. געענדיקט תרבות־גימנאַזיע. אין 1934 עולה־געווען קיין ארץ־ישראל. שטודירט אויפן העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. דאָקטאָראַט פון העברעאישן אוניווערסיטעט וועגן לייוויקס משיח־דראַמעס. מחבר פון אַ פּאָר צענדליק ביכער — פּאָעזיע, ליטעראַטור־קריטיק, צווישן זיי אויך עסייען, זאַמלונגען אין העברעאיש. לעקטאָר אין תל־אביבער אוניווערסיטעט, און איצט אין דער ייִדיש־קאַטעדרע בײַם בר־אילן אוניווערסיטעט.

א ב ר ה ם ב י ק

געבוירן אין קאָברין, ווײַסרוסלאַנד, 1913, געשטאָרבן אין דעטראָיט 1990. אין די יאָרן 1931—1935 געלערנט אין ישיבת מרכז הרב קוק אין ירושלים. פון 1936 — אין אַמעריקע. געווען נאָענט צו די לינקע קרייזן, אַרויסגעגעבן ביכער עסייען, אין ייִדיש און העברעאיש, צווישן זיי — ר' יעקב עמדין, משה העס, חסידישע מאָטיוון אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

זינט 1968 צוריק אין ירושלים, וואו ער איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער פֿאָרשונג אין פֿאַרלאַג־אינסטיטוט מוסד הרב קוק.

נעמי גוטקינד

געבוירן אין ישראל. ב.א. באַקומען פֿון בר־אילן אוניווערסיטעט אין העברעאישער און ענגלישער ליטעראַטור. סטאַבילע מיטאַרבעטערין פֿון דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער טאָג־צײַטונג אין ישראל, "הצופה". ספּעציאַליזירט אין ליטעראַטור־קריטיק, רעדאַגירט ביכער, פֿאַרעפֿנטלעכט פֿאָרשונגס־אַרבעטן. אין 1984 באַקומען פֿון מדינה־פּרעזידענט דעם זיו־פּרײַז פֿאַר זשורנאַליסטיק.

חיים גראַדע

געבוירן אין ווילנע אין 1910, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1980. געלערנט אין די מוסרניקעס־ישיבות און בײַם חזון־איש. אין עלטער פֿון 22 יאָר אַוועק פֿון ישיבה און אָנגעהויבן שרײַבן לידער. פֿון די חשובסטע פֿאָרשטייערס פֿון ליטעראַרישן קרייז "יונג־ווילנע". בעתן צווייטן וועלטקריג אַ פּליט אין רוסלאַנד. צוריקגעקומען קיין פּוילן, אויסגעוואַנדערט קיין פּאַריז, און פֿון 1948 געלעבט אין ניו־יאָרק. אין צוגאָב צו זײַנע פּאָעטישע שאַפֿונגען, מחבר פֿון אַ ריי פּראָזע־ווערק, אַרײַנגערעכנט דער מאַמעס שבתים, די עגונה, און צמח אַטלאַס.

דוד וואָלפּע

געבוירן 1908 אין קיידאַן, ליטע. דיכטער, עסייאיסט. אין 1930 עולה־געווען קיין ארץ־ישראל. צוריקגעקומען אין 1937 קיין ליטע, דורכגעמאַכט סלאַבאָדקער געטאָ און דאַכאַו־לאַגער. פֿון 1945 מיט דער שארית־הפּליטה אין מינכען. פֿון 1951 אין דרום־אַפֿריקע, וואו אַקטיוו אין יידישער קולטור־אַרבעט און באַטייליקט זיך אין דער יידישער וועלט־פּרעסע. מחבר פֿון ביכער — פּאָעזיע און ליטעראַטור־קריטיק, אַרײַנגערעכנט אברהם סוצקעווער — איבער זײַן לידערוועלט.

גרשון ווינער

געבוירן אין 1922 אין ווידז, ווילנער געגנט. פֿון אַכט יאָר אָן אין טאָראָנטאָ. געלערנט אין ישיבת רבנו יצחק אלחנן. דאָקטאָראַט פֿון מישיגען־שטאַט אוניווערסיטעט און סמיכה פֿון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. דעקאַן פֿון הרצליה — יידישער לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק. פֿון 1970 אין ישראל. פּראָפֿעסאָר פֿאַר יידישער ליטעראַטור אין בר־אילן. מחבר פֿון ענגליש בוך וועגן ציוניסטישן געדאַנק און עסייען אין יידישע, ענגלישע און העברעאישע אויסגאַבן.

יעקב זיפּער

געבוירן 1900 אין שעברעשין, לעבן זאַמאָשטש, געשטאָרבן 1983 אין מאָנטרעאָל. אַדאָפּ־

טירטער נאָמען פון יעקב שטערן. זינט 1925 אַ יִדיש־העברעאישער לערער אין קאַנאַדע, דירעקטאָר פון די יִדישע פּרץ־שולן אין וויניפּעג און שפּעטער אין מאָנטרעאַל. פירנדיקע פּערזענלעכקייט אין יִדישן דערציאונגס־וועזן. מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע ליטעראַרישע צײַטשריפטן, מחבר פון אַ ריי ביכער, צווישן זיי די נאָוועלע אויף יענער זײַט בוג.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

געבוירן אין יעזעוו, לאָדזשער געגנט, 1909. געשטאָרבן אין חולון סוף 1989. געלעבט אין לאָדזש און אין 1939 אַוועק קיין ביאַליסטאָק, און פון דאָרט קיין אַלמאַ־אַטאַ. נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען קיין פּוילן, שפּעטער אין פּאַריז, און פון 1952 אין אַרגענטינע. עולה־געווען אין 1972 און זינט דאַן רעדאַגירט די אויסגאַבן פון וועלט־ראַט פאַר יִדישער קולטור "בײַ זיך", "יִדיש־וועלט". אַרויסגעגעבן פּראָזע, פּאָעזיע, דרײַ בענד ליטעראַטור־קריטיק פּנימער און נעמען.

מרדכי ליטווין

געבוירן 1906 אין שאַוול, ליטע. שטודירט אין בערלינער אוניווערסיטעט. געלעבט אין דײַטשלאַנד. אין 37־1934 געזעסן אין נאַצישע תפיסות. זינט 1939 אין פּאַריז. אָנטיילגענומען אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, באַטייליקט זיך אין דער יִדישער פּרעסע מיט איבער־זעצונגען און אָפּהאַנדלונגען וועגן דער פראַנצויזישער, רוסישער און דײַטשער ליטעראַטור ווי אויך וועגן יִדישע שרײַבער. מיטרעדאַקטאָר פון דאָס בוך פון לובלין. אין בוך־פאָרם פראַנצויזישע פּאָעזיע — איבערזעצונגען מיט קאָמענטאַרן.

יעקב מייטליס

געבוירן 1900 אין מעדזשעיאָוו, לעבן סאָסנאָוויעץ. געשטאָרבן אין לאָנדאָן, אין 1984. אין 1919 אַוועק קיין בערלין, שטודירט אין דער "האָכשולע פיר די וויסענשאַפט דעס יודענטהומס" און אין די אוניווערסיטעטן פון באַזעל, ציריך און יענאַ, וואו באַקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם פאַר דיסערטאַציע וועגן אַלט־יִדישן "מעשה־בוך" און עס אַרויסגעגעבן אין דרוק. אָנגעהויבן אין דײַטש און אַריבער צו יִדיש. פאַרעפנטלעכט אין בוך־פאָרם אַרטיקלען און פאָרש־אַרבעטן אין יִדיש, העברעאיש און ענגליש וועגן דער אַלט־יִדישער ליטעראַטור, און עסייען וועגן תנ"ך.

דב נוי

געבוירן 1920 אין קאָלאָמיי (מזרח־גאַליציע). פאַרענדיקט די פּוילישע גימנאַזיע און עולה־געווען (1938), כדי צו שטודירן אויפן העברעאישן אוניווערסיטעט. פּראָפעסאָר פון פאָלקלאָר און ליטעראַטור אין ירושלים. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה — אין דער בריטישער אַרמיי, שפּעטער אָנגעפירט מיט חינוך־טעטיקייטן אין די ציפּערן־לאַגערן. פאָלקלאָר־דאָקטאָראַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, גאַסט־פּראָפעסאָר אין אַ גרויסער

צאָל אוניווערסיטעטן. זינט 1985 פּראָפעסאָר פון ייִדיש־פֿאָלקלאָר אין בר־אילן אוניווער־סיטעט. העברעאישע ביכער און פּובליקאַציעס, דער עיקר וועגן אגדות חז״ל און דער פֿאָלקס־שאַפונג פון ייִדישע עטנישע גרופּעס. אויך אָפּהאַנדלונגען אין ייִדיש וועגן פֿאָלקלאָר פון די אַשכנזישע ייִדן.

שמואל ניגער

געבוירן שמואל טשאַרני, אין דוקאָר, מינסקער געגנט, ווײַסרוסלאַנד 1883. געקומען קיין אַמעריקע אין 1920. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1955. ליטעראַטור־קריטיקער און פֿאָרשער, ראש המדברים אין דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק און פירנדיקע פּערזענלעכקייט אין די ייִדישע קולטור־קרײַזן. רעדאַגירט ליטעראַרישע צײַטשריפטן און לעקסיקאָנען און מחבר פון צאָלרײַכע ווערק, אַרײַנגערעכנט אַרומנעמענדיקע מאָנאָגראַפיעס וועגן מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם און לייוויק, ווי אויך פֿאָרשונגען אין ליטעראַטור־געשיכטע.

דב סדן

געבוירן אין 1902 אין בראָד, גאַליציע. געשטאָרבן אין ירושלים 1989. עולה געווען אין 1925. צענטראַלע געשטאַלט אין דער העברעאישער און ייִדישער ליטעראַטור־פֿאָרשונג. מחבר פון עטלעכע צענדליק העברעאישע ווי אויך אַ באַדײַטנדיקע צאָל ייִדישע ביכער — זכרונות און ליטעראַטור־קריטישע אָפּהאַנדלונגען. ערשטער פּראָפעסאָר פאַר ייִדישער ליטעראַטור פון דער ייִדיש־קאַטעדרע אין 1954 בײַם העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, אויך אין די אוניווערסיטעטן פון תל־אביב און בר־אילן. איבערגעזעצט און רעדאַגירט פֿאַרשידענע ליטעראַרישע זאַמלונגען, חוץ צאָלרײַכע אַרײַנפירן און הקדמות צו צענדליקער ביכער פון ייִדיש־שאַפן. זײַן ביבליאָגראַפיע פֿאַרמאָגט אַרום צען טויזנט איינסן.

יוסף פרידלענדער

געבוירן 1912 אין פּרוזשאַנע, גראָדנער גובערניע. זשורנאַליסט און ליטעראַטור־קריטיקער. פון 1941 אין ארץ־ישראל. שרײַבט אַרטיקלען, פעליעטאָנען, טעאַטער־און בוך־רעצענזיעס אין ייִדישע און העברעאישע זשורנאַלן. אָנערקענט אַלס פּראָדוקטיווער און עמפּינדלעכער בוך־רעצענזענט.

בערל פרימער

געבוירן אין טימאַשגראַד, וואָלין, 1912. געלעבט אין פראַנקרײַך. פון 1939 אין אַמעריקע און פון 1952 אין ישראל. די לעצטע יאָרן צוריק אין אַמעריקע. דאָקטאָר פון רעכט פון יורידישן פֿאַקולטעט אין ליעזשער אוניווערסיטעט, און פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין געביט פון קולטור־טעטיקייט. פּובליציסט, פֿאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אויף אַלגעמיין־ייִדישע און ציוניסטישע טעמעס, לעבט לעצטנס אין ניו־יאָרק. מחבר פון צוויי בענד עסייען.

שמעון קאַנץ

געבוירן אין שענלינדע, טשעכאָסלאָוואַקיע, 1914, געשטאָרבן אין תּל־אָבֿיבֿ 1990. דערצויגן אין קראָקע, געלעבט אין לאָדזש. בעתן קריג אין רוסלאַנד, דערנאָך צוריקגעקומען קיין נידערשלעזיע, פּוילן. זינט 1957 אין ישׂראל. רעדאַגירט די וואָכנצײַטונג "ייִדישע צײַטונג" און מיטאַרבעטער פֿון "לעצטע נײַעס". מחבר פֿון זאַמלונגען ליטעראַטור־קריטיק **חסד פֿונעם וואָרט** און **רינג בײַ רינג** (אין דרוק). רעדאַגירט 15 יזכּור־ביכער.

חנן קיִעל

געבוירן 1901 אין טשענסטאָכאָוו. געענדיקט לערער־סעמינאַר. בעתן וועלטקריג — אין רוסלאַנד. פֿון 1947 אין ניו־יאָרק. לערער אין ייִדישע פֿאָלקסשולן. דעביוטירט אין "די צוקונפֿט", לידער און דערציילונגען אויך אין קינדער־זשורנאַלן. מחבר פֿון דרײַ לידער־זאַמלונגען.

אברהם שולמאַן

געבוירן אין וואַרשע 1915. פֿאַרענדיקט דאָרט זשורנאַליסטן־שולע. אין 1940 געקומען קיין מעלבורן, אויסטראַליע. אין 1950 איבערער קיין פֿראַנקרײַך און זינט 1961 אין ניו־יאָרק. מיטאַרבעטער פֿון "פֿאָרווערטס". געשריבן קריטישע אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען אין דער פּרעסע און אַרויסגעגעבן ביכער אין ייִדיש און אויך אין ענגליש.

אליהו שולמאַן

ליטעראַטור־פֿאָרשער. געבוירן אין סלוצק, ווײַסרוסלאַנד, 1907, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1986. אַספּיראַנט אין ווילנע ייִוואָ אין 1936/37. דאָקטאָראַט פֿון דראָפּסי־אוניווערסיטעט אין פֿילאַדעלפֿיע און אין 1965 פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדיש־ליטעראַטור אין קווינס קאָלעדזש און אין הרצליה — ייִדישן לערער־סעמינאַר. רעצענזיעס און שטודיעס אויף ליטעראַטור־היסטאָרישע טעמעס. רעדאַקטאָר פֿון "וועקער" און מיטרעדאַקטאָר פֿון **לעקסיקאָן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור**. מחבר פֿון **דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, די סאָוועטיש ייִדישע ליטעראַטור** און אַנדערע פֿאָרשונגס־ווערק.

אפרים שעדלעצקי

געבוירן אין 1922 אין מינסק־מאַזאָוויעצק בײַ וואַרשע. די מלחמה איבערגעלעבט אין געטאָ און באַהעלטעניש. נאָך דער מלחמה געווען טעטיק בײַם אַרויסגעבן די ערשטע צײַטונג אין ייִדיש "דאָס נײַע לעבן". אין 8־1947 געלעבט אין פּאַריז און מיטגעאַרבעט אין "אונדזער וואָרט". פֿון סוף 1948 אין ירושלים, בעיקר געאַרבעט אין די ייִדיש־אויִדיציעס פֿונעם ישׂראלדיקן ראַדיאָ. אין דער זעלבער צײַט געשריבן פֿאַר אויסלענדישע צײַטונגען און רעדאַגירט פֿאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן און יזכּור־ביכער. באַטייליקט זיך אין דער ייִדישער פּרעסע אין ישׂראל און אין די תּפֿוצות.

מרדכי שעכטער

פילאָלאָג. געבוירן אין טשערנאָוויץ 1927. געלערנט אין רומענישער גימנאַזיע און אוניווערסיטעט. פון 1944 אין בוקאַרעשט. דאָקטאָראַט אין ווינער אוניווערסיטעט אין 1951. געהילפס־פּראָפעסאָר פון ייִדיש אינעם ייִדישן לערער־סעמינאַר און פאָלקס־אוניווערסיטעט און לעקטאָר אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט. גרינדער פון "יוגנט־רוף", רעדאַקטאָר פון "אויפן שוועל" און "ייִדישער שפּראַך". אַרויסגעגעבן אליקום צונזערס ווערק, ייִדישע טעקסט־ביכער, ייִדיש אָרטאָגראַפישער וועגווייַזער, לייַטיש־ייִדיש. זייער טעטיק אין דורכפירן דעם איינהייטלעכן ייִדישן אויסלייג.

חיים שפּילבערג

געבוירן אין קאַלקי, וואָלין, 1913. געענדיקט קאָוולער תרבות־גימנאַזיע, געלערנט אין וואַרשע. מלחמה־צייַט אין ווילנע און קאָוונע. שפּעטער אין אינדיע. זינט 1948 אין מאָנטרעאָל, מיטרעדאַקטאָר פון קאַנאַדער ייִדישן זאַמלבוך און מחבר פון בוך אינדיע — דאָס לאַנד און זייַן פילאָזאָפיע, וואָס איז אויך איבערגעזעצט אויף העברעאיש.